STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03265

DURKH DEM GRINEM TOYER

Benzion Epstein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. עפשטיין

*

דורך דעם גרינעם טויער

ב. עפּשטיין

דורך דעם גרינעם טויער

פארלאג
י.ל. פרץ
ישראל

1962

ב. אפשטיין / דרך השער הירוק

ב. עפשטיין / דורך דעם גרינעם טויער
פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

B. EPSHTEIN
DURJ DEM GRINEM TOIER

I. L. Peretz Publishing House
31 Allenby st., Tel Aviv

הילע געצייכנט
פון מנחם רוזן — קבוצת דברת

©

נדפס בישראל 1962
Printed in Israel 1962

דפוס „אורלי״, תל־אביב, רח׳ יסוד המעלה 27, טלפון 32062

דיר, מיין מוטער,

אַלטע שפרה,

וואָס האָסט אַ לעבן לאַנג

פאַרבראַכט אין יידישן דאָרף –

ב י י נ י ש

הקדמה

„דורך דעם גרינעם טויער", ב. עפשטיינס צווייטע בוך פון דער טרילאָגיע, געווידמעט דעם יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע — וויקלט פונאַנדער אַ ברייט פעלד פון דער עפּאָכע צווישן ביידע וועלט־מלחמות, וואָס האָט איבערגעלאָזן אַ טיפן חותם אויפן כאַראַקטער און געדאַנקען־גאַנג פון יידישן ישוב אין דרום־אַמעריקע. דער פאַקט, וואָס דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן אין אַ קיבוצישן ישוב אין עמק־יזרעאל, ווו עס געפינט זיך דער מחבר זינט זיין עולה זיין פון דער ווייטער אַרגענטינע, גיט זיינע שילדערונגען אַ יידישע היסטאָרישע פּערספּעקטיוו, יענע דיסטאַנץ, וואָס אָן איר איז אוממעגלעך אַ מענטשלעך טיפע אָבסערוואַציע.

עס דאַרף באַגריסט ווערן דער אַ פּרווו נאָכצופאָלגן די דערשיינונגען פונעם גרויסן יידישן פענאָמען, וואָס הייסט „נוסח אַרגענטינע". ווי אַזוי איז ער געשאַפן געוואָרן און וואָס האָט אים געגעבן די וויטאַליטעט און זיין ספּעציפישן אויסדרוק? ישראל־מענטשן, וואָס זענען געקומען אין קאָנטאַקט מיטן יידנטום פון דרום־אַמעריקע אין די גוראַנגל־יאָרן פון פאַרן אויפקום פון דער יידישער מדינה און אין די אָנהייב־יאָרן פון איר עקזיסטענץ, האָבן געקוקט אויף אָט דעם יידנטום, קודם־כל, ווי אויף אַ לעבעדיקן צווייג פון יידישקייט אין פּוילן, ליטע און אוקראַינע. אַ מין צווייגל, וואָס איז געבליבן פונעם אונטערגעהאַקטן בוים פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום. „וואָרעמע יידן" — דאָס איז געווען די ערשטע באַצייכע־נונג און אַ סך האָבן זיך באַנוגנט מיט אָט דער דעפיניציע, נישט פאַר־טיפנדיק זיך אינעם ענין; אַ ישוב, וואָס זיינע וואָרצלען זענען נישט אויסגעריסן געוואָרן אַפילו נאָך צוויי דורות לעבן אויפן נייעם און פרייען קאָנטינענט, אַ ישוב, וואָס האָט געוווּסט אויפצוהיטן דעם פונק פונעם קליינשטעטלדיקן לעבן, סיי אין די ווייטע „פּאַמפּאַס", סיי צווישן די ריזיקע געביידעס און ברייטע גאַסן פון דער הויפּטשטאָט בוענאָס־איירעס. יידן

וואָס זענען נישט פאַרכאַפּט געוואָרן פונעם אַסימילאַציע־פּראָצעס, האָבן נישט מוותר געווען אויף זייער ספּעציפישן פּרצוף און זיך באַמיט צו בויען זייער לעבן לויטן נוסח און שטייגער פון זייערע אָבות און אַזוי אַרום אָפּגעהיט זייער אייגנאַרטיקן צלם־אלוקים.

דאָס איז אין אַלגעמיין אַ ריכטיקע אָפּשאַצונג. זי איז אָבער געניגט צו פאַרזען די פּראָצעסן, וואָס האָבן געשאַפן אַזאַ צושטאַנד, דעם שווערן געראַנגל פונעם ישוב ביז עס האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט זיין געשטאַלט, די טיפע ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען ביי יידן אין דער נייער וועלט און דעם קאַמף צווישן אידעען און דורות, וואָס איז אַדורך אויך ביי זיי, פונקט ווי אין אַנדערע יידישע ישובים פון דער וועלט. „נוסח מזרח־אייראָפּע״? מעגלעך. אָבער די פאָרמען האָבן זיך אָפּט געביטן ביז דער ישוב האָט באַקומען דעם „נוסח דרום־אַמעריקע״, אַ טייערער און אַ נייער שיכט פון אונדזער יידישער ווירקלעכקייט.

אויף דער אויספאָרמירונג און געשטאַלטיקונג פונעם יידישן ישוב אין לאַטיין־אַמעריקע האָט געלייגט זיין חותם דאָס קאָלאָניזאַציע־ווערק פונעם באַראָן הירש אין אַרגענטינע. היינט צו טאָג איז נישטאָ קיין שום ספק, אַז פונעם נאַציאָנאַל־סאָציאַלן שטאַנדפּונקט האָט זיך דער פּרוּוו פונעם גרויסן יידישן פילאַנטראָפּ געענדיקט מיט אַ דורכפאַל — און אַ סך בלעטער פונעם בוך וואָס ליגט פאַר אונדז, ווייזן אָן די מאָטיוון פון אָט דעם דורכפאַל — אָבער עס איז פּראָבלעמאַטיש אויב דאָס יידנטום אין דער גאַנצער שפּאַנישער אַמעריקע, און נישט נאָר אין אַרגענטינע אַליין, וואָלט באַקומען די אונדז היינט באַקאַנטע פאָרם, ווען נישט די דאָזיקע קאָלאָניעס פונעם באַראָן, ווען נישט די לעבעדיקע יידישע אינדזלען איבער די ברייטע וויסטע פּראָווינצן פון סאַנטאַ־פע, ענטרע־ריאָס און אין דרום פון דער פּראָווינץ בוענאָס־איירעס. מען דאַרף נעמען אין באַטראַכט די גייסטיקע שטויסקראַפט וואָס האָט באַוועגט און געבראַכט די באַזעצונג פון יידן אויף אָט די לענדערייען.

דאָס איז נישט געווען קיין געוויינלעכע עמיגראַציע, געטריבן דורכן ווילן צו אַנטלויפן פון נויט און פאַרפאָלגונגען אין די אָפּשטאַם־לענדער. ווייל אויב ס'וואָלט אַזוי געווען, וואָלט די מערהייט געגאַנגען דעם וועג פון מיליאָנען, וואָס האָבן געצויגן צו די פאַראייניקטע שטאַטן און אַנדערע אימיגראַציע־לענדער. קיין אַרגענטינע זענען געגאַנגען יידן, כדי צו באַזעצן

זיך אויף ערד, כדי צו שאַפן אַ זעלבשטענדיק אייגן ווערק — אַ געזונט לעבן פון אַרבעט אויף די ברייטע אומענדלעכע פעלדער. דער ראָמאַנטישער טרוים פון „אין דער סאַכע ליגט די מזל־ברכה״, האָט געגעבן אַן אידעאַ־ליסטישע באַפאַרבונג די ערשטע יידישע קאָלאָניסטן אין אַרגענטינע און דאָס דאָזיקע בוך, וואָס באַזירט זיך אָן שום ספק אויף דער פאַקטישערווירקלעכקייט, באַווייזט, אַז אָט דער דערהויבענער גייסט האָט באַהערשט נישט בלויז די ערשטע קאָלאָניסטן אין די ניינציקער יאָרן, נאָר אויך זייערע נאָכפאָלגער — די פּליטים פון די רעוואָלוציע־שרעקן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

דערפון נעמט זיך דער דראַנג ביי דער יוגנט אין די קאָלאָניעס אויס־צובעסערן די וועלט. דעריבער זעען מיר דאָרט אַזאַ פילבאַרקייט צו יעדן נייעם געדאַנק אין דער אויפגעבערויזטער וועלט און די כסדרדיקע פּרוּוון צו געפינען דעם חלוצישן דעראָבערונגס־וועג אויך אין די סטעפּעס פון אַרגענטינע — ווי עס ווערט געשילדערט אין בוך דער גאַנג איינצונעמען און באַזעצן די אוראַלטע וועלדער פון טשאַקאָ־געביט — און צוצוגעבן אַ באַזונדערן כאַראַקטער דעם לעבן אין די נייע דערפער: די שטרעבונג צו שותפותדיקייט, די קאָאָפּעראַטיווע געמיינשאַפט און קעגנזייטיקע הילף, דערשיינונגען, וואָס די אַדמיניסטראַציע און די באַאַמטע פונעם באַראָן האָבן געזוכט צו דערשטיקן צוליב זייער קורצזיכטיקייט און ביוראָקראַטישן קאָנסערוואַטיזם.

דער צווייטער פאַקטאָר, וואָס האָט געפירט צו דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער געזעלשאַפט אין די קאָלאָניעס אויף דעם ספּעציפישן וועג — און וואָס האָט נאָך דעם אויך משפיע געווען אויפן גאַנצן יידישן ישוב אין אַרגענטינע — איז געווען די איינזאַמקייט, די איינגעשלאָסנקייט אין אייגע־נעם קרייז. באַלד פון אָנהייב אָן איז נגזר געוואָרן אויף די קאָלאָניעס — צוליב די באַזונדערע באַדינגונגען — צו לעבן און צו אַנטוויקלען זיך אין אַן אייגנאַרטיקער ראַם, ביי אַ שוואַכן קאָנטאַקט מיט די שכנים. דאָס איז געשען סיי צוליב דער שיטערקייט פון די ישובים אינעם אַרגענטינער „קאַמפּ״, סיי צוליבן אונטערשייד פון לשון און פון קולטור־ניוואָ. דער ייד איז געשטויסן געוואָרן צו בלייבן מיט זיך אַליין, ער האָט געשאַפן זיין גייסטיק לעבן און זיין אייגענע געזעלשאַפט, און אַזוי אַרום האָט זיך לסוף אויסגעפורעמט דער פּרעכטיקער בנין פון יידישן אָרגאַניזאַציאָנעלן און

קולטורעלן לעבן אין אַרגענטינע, וואָס האָט געדינט פאַר אַ ביישפּיל אַנדערע יינגערע קהילות אויפן קאָנטינענט, וועמענס אַנטוויקלונג עס איז געווען אַן אַנדערע.

ווי אַזוי וואָלט זיך דאָס אַנטוויקלט ווען די באַאַמטע פונעם באַראָן וואָלטן אַנדערש געהאַנדלט ביים פאַרווירקלעכן זיין גרויסצוגיקן פּלאַן? צי וואָלטן דאַן די קאָלאָניסטן אויסגעהאַלטן דעם דרוק פון די נאַטור־קאַטאַסטראָפעס און די דורכפאַלן ביים אַנווענדן די קאָלאָניזיר־שיטות, ווען ס׳וואָלט נישט פאַרשניטן געוואָרן זייער האָפענונג צו שאַפן אַ גרויסע קאָמפּאַקטע געזעלשאַפט און נישט בלייבן צעשפּרייט און פאַראיינזאַמט, ווי עס איז געווען דער ווילן פון די באַאַמטע פונעם טרוימערישן באַראָן־מיליאָנער, וואָס איז נפטר געוואָרן נאָך איידער ער האָט זוכה געווען צו זען זיין פּלאַן פאַרווירקלעכט? דאָס איז שווער צו אורטיילן ביים היינטיקן טאָג, און די געשיכטע ווערט נישט געשריבן פון דאָס ניי. אָבער אָט די „טשאַקראַס" און „עסטאַנסיאַס", די מאָזעסוויל, באַסאַווילבאַסאָ, קאָלאָניאַ קלאַראַ און אַנדערע זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וויכטיקן שטאָפּל אין דער יידישער געשיכטע, אַפילו ווען זי ווערט געשריבן אין ליכט פון דער היינטצייטיקער ווירקלעכקייט.

און וווּנדערלעך איז דער פאַקט וואָס טראָץ זיין שאַפן אַ לאַנדווירט־שאַפטלעכע געמיינשאַפט אין אַ פרעמד לאַנד, האָט דער דאָזיקער ישוב געטראָגן אַ נאַציאָנאַל־ציוניסטישן כאַראַקטער פון אָנהייב אָן און די בענקשאַפט צום לאַנד פון די אָבות איז נישט געשטאַנען אין סתירה מיט זייערע באַציאונגען זיך איינצוואָרצלען אין ווייטן פרעמדן לאַנד. מעמוואָרן פון יענע טעג דערציילן אונדז, אַז אויף דער ערשטער שיף וואָס האָט געפירט די אימיגראַנטן צו די אַרגענטינער ברעגן, האָט מען בעת עליה לתורה געזאַמלט געלט לטובת ישוב ארץ־ישראל.

דער מחבר פון דעם בוך גיט אונדז אַ לעבעדיקע און פאַרביקע שילדע־רונג פונעם „קאַסטעשע"־יום־טוב, דעם בשותפותדיקן שניט צו גונסטן פון גאולת־הארץ, וואָס איז באַנייט געוואָרן אין דער עסקאָלאַ פון די יידישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע. באַזונדערס זענען אינטערעסאַנט די שילדע־רונגען וועגן די שטרעבונגען פון דער יוגנט אין די קאָלאָניעס עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל און דאָרט צו שאַפן קיבוצים. די דאָזיקע טרוימען זענען אויך נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן צוליב דער אומבאַהאָלפנקייט

און דעם פעלן פון וויזיע ביי דער ציוניסטישער אָנפירונג, — און אפשר גאָר צוליבן מאַנגל פון מעגלעכקייטן אין יענער פריער תקופה? — שטרע־בונגען און באַגערן האָבן אין משך פון יאָרן געווירט אין די הערצער פון די יונגע קאָלאָניסטן, און מעגלעך, אַז זיי האָבן געווירקט פאַרן צובונד פון אַרגענטינער יידנטום צו ארץ־ישראל, מעגלעך, אַז זיי זענען געווען דער פונדאַמענט פון דער באַוועגונג, וואָס האָט שפעטער אַהערגעבראַכט טויזנטער פון זיי אין די ישובים פונעם נגב און פונעם גליל.

איך בין זיך מודה, אַז פאַר מיר, וואָס איך האָב געקענט אַרגענטינע אין אַן אַנדערער, שפעטערדיקער תקופה, האָבן אַ סך שטעלן אין דעם בוך, וואָס איז אַ מין כראָניק פון פאַרגאַנגענע דורות, געגעבן אַן אויפקלערונג פאַר פיל זאַכן און דערשיינונגען פונעם יידישן לעבן אין יענעם לאַנד. איך האָב, צום ביישפיל, געקענט די אַזוי גערופענע „פראָגרעסיווע" באַווע־גונג, די קסיפאַטאָ־קאָמוניסטן, אין איר ירידה און צעפאַלונגס־צושטאַנד. איך האָב געזען די מאַסן, וואָס זענען זיי אַמאָל נאָכגעגאַנגען, ווי זיי האָבן זיך אויסגעניכטערט פון זייערע חלומות און אָפגעטרייסלט זיך פון דער יעווסעקישער אַנטי־ציוניסטישער העצע — זייער הויפט־געווער אויף דער יידישער גאַס. איך האָב געזען ווי עס איז פון זייערע הענט אַרויסגעשטויסן געוואָרן די עיקרדיקע צוציאונג, וואָס האָט געפאַנגען די הערצער פון די פשוטע יידן: די אילוזיע, אַז נאָר אין סאָוועטן־רוסלאַנד בליט די קולטור אין מאַמע־לשון, וואָס איז ביי די יידישע מאַסן געווען טיף איינגעבאַקן אין האַרצן.

דער אויפקום פון דער יידישער מדינה האָט צוגעצויגן צו זיך די־דאָזיקע מאַסן, און די בלבולים אויף די יידישע דאָקטוירים, ווי די אויס־ראָטונג פון יידישע שרייבער אין דער סטאַלין־תקופה, האָבן אַרויסגעריסן פון זייערע הערצער די לעצטע אילוזיעס. איך האָב אָבער נישט געוווּסט וועגן די אויפגאַבעס און די מעשים פון די יעווסעקעס אין די יידישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע, וועגן זייערע פרוּוון צו ברעכן די איינהייט פונעם ישוב און זייער פאַרפירערישער פראָפאַגאַנדע, וואָס האָט געבראַכט צו דער באַוועגונג פון יונגעלייט אויסצוואַנדערן קיין בירא־בידזשאַן. ס'איז גוט, וואָס אָט די היסטאָרישע פאַרצייכענונגען זענען אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון דער פאַרגעסנקייט.

און ווי אַקטועל זעט אויס די שילדערונג וועגן די אַנטיסעמיטישע

אויסברוכן אין דער אַרגענטינער הויפּטשטאָט, פון דער ווילדער העצע קעגן די „רוסאָס״, די כלומרשטע אַגענטן פון דער רוסישער רעוואָלוציע!
עס דוכט זיך אויס, אַז די געשעענישן רופן זיך איבער מיט די אויסברוכן אין בוענאָס איירעס, וועגן וועלכע די פּרעסע דערציילט אונדז איצט, פופציק יאָר נאָך יענע געשעענישן. און ווי דעמאָלט, אַזוי אויך היינט, שטייט מען פאַרגאַפט פאַר די שנאה־דערשיינונגען, וואָס זענען נישט מער ווי אַ פרעמדער אָנוווּקס, אַ רעזולטאַט פון טיפע עקאָנאָמיש־סאָציאַלע קריזיסן אין אַ יונגער מדינה, וואָס האָט נאָך ביז היינט נישט באַוויזן אויסצופורעמען איר סאָציאַל־עקאָנאָמישע געשטאַלט. און בלויז ווען מיר לייענען וועגן דער איצטיקער רעאַקציע פון די בוענאָס־איירעסער יידן, זעען מיר קלאָר, ווי אַזוי דאָס פּנים פון אַרגענטינער יידנטום האָט זיך געענדערט מיטן אויפקום פון מדינת ישראל און דורך איר אינספּיראַציע.

עס וואָלט גוט געווען ווען דאָס בוך, פונקט ווי דאָס פאַריקע אויף דער זעלבער טעמע, וואָלט געלייענט געוואָרן אין ישראל, און אויף העברעיש, דורך דעם דור, וואָס איז ווייט פון דער גלות־פּראַקטיק און דערפאַר ווייסט ער נישט, אַז אונדזער געשיכטע אין דעם לאַנד איז דורכ־געפלאָכטן דורך פאַרבאָרגענע פעדעם מיט די ראַנגלענישן און פלאַנטער־נישן פון ווייטע יידישע ישובים, פון דער וואָלגע ביז צו די ברעגן פון ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ.

יעקב צור

כסליו תשכ״ג

ערשטער קאַפּיטל

אויפן שוועל

דער וועג צו דער קאָלאָניע פון די „ליטוואַקעס" איז פאַר ניאָמען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גאָר היימישן שליאַך. איבער אים האָט ער זיך צוויי מאָל אין יאָר דורכגעוויגט מיט זיין פורל, אַהין און צוריק, מיט יענער צופרידענער לייכטקייט ווי בעת די באַזוכן זיינע, דאָרט אין דער אַלטער היים, אין די סעדער פון דאָרף מיכאַלאָווקע. דאָ איז עס פאַר אים געווען אַ מין אומבייט פון דער לופט און אַ אָנשעפּן זיך מיט נייע כוחות, כדי ממשיך צו זיין — דווקא אין אָט דער איינזאַמקייט.

און דערווייל איז אויפן בערגל פון „די זיבן פיילן" קיין יידישער ישוב נאָך נישט אויסגעוואַקסן. געוואַקסן און פאַרגרעסערט זענען בלויז געוואָרן די פאַרזיי־שטחים פון ניאָמעס נחלה. עס האָבן זיך אָנגעהויבן זאַמלען נייע און גענוצטע פעלד־מאַשינען אין הויף, די „פּאַטרעראָס" (פּאַשע־לאָנקעס) האָבן געווימלט מיט קי און פערד און אַרום דער אויס־געברייטערטער כאַטע האָט אַ שימער געטאָן דער זאַפטיקער גרין פון די ערשטע טאָפּאָליע־ביימלעך. ערשט אין סוף ווינטער האָט מען, ווי אויף קאַטאָוועס, אַריינגעשטעקט אין דער ערד אַ פּאָר נאַקעטע צווייגעלעך, אָן וואָרצלען אַפילו, און איצט, אין פרילינג, האָט זיך אַנטפּלעקט דאָס וווּנדער: די דרייקאַנטיקע בלעטער האָבן אָפּגעשאָטן מיט זייער לעבעדיקן גלאַנץ די לענג פונעם שטעקל און געצויגן דאָס אויג מיט זייער פרישקייט. ביים דראָטענעם פאַרקאַן צו דער „פּאַמפּאַ"־זייט האָבן אָנגעהויבן אויס־שפּראָצן די ערשטע טאַמאַריסקן־צווייגן. אויך דאָ האָט הערשל איינגע־פלאַנצט אין אַ קאַנאָווע געדיכטע ריטלעך, אָן אַ זכר פון וואָרצלען, און

אַנטקעגן דעם לייכטן בליאַסק פון דער דעצעמבער־זון האָט שוין גע־שפּראָצט דער קרעלן־אויסשיט.

ביים אַריינגאַנג אין דער כאַטע האָבן צוויי רויזנקוסטן זיך געדראַפּעט ביז צום שיפּן בלעכענעם דאַך און אויפגעפלאַמט מיט אַ רויטן סאַמעט־קאָליר, וואָס האָט זיך אַרויסגעשיילט פון די קנאָספּן. דער הויף האָט געווימלט מיט קוואָקענדיקע עופות, וואָס האָבן אַ גאַנצן טאָג זיך גע־קאַראַשקעט אין די קופּעס מיסט און געזוכט שאָטן־ווינקעלעך.

פּונקט ווי די נאַטור ווייסט איינצושטעלן שלום און האַרמאָניע צווישן אירע אַזוי אַנדערשדיקע באַשעפענישן, אַזוי האָט זיך אויך איינגעשטעלט און איינגעוואָרצלט אַן אויבנאויפיקע פרידלעכקייט צווישן די שכנים, וואָס האָבן זיך צעשפּרייט צווישן די גרויסע שטרעקעס און מרחקים און געצויגן די חיונה דורך אַנדערשדיקע קוואַלן. אַמאָל זענען אויפגעשפּרונגען סיכסוכים צווישן זיי צוליב אַ פאַרבלאָנדזשעטער קו אָדער אַ חזיר, וואָס האָט צעטראָטן דעם זוים פון אַ פּאַרזייט פעלד, אָבער צו קיין ערנסטע קריגע־רייען איז עס שוין מער נישט געקומען. אין די סוף־ווינטערטעג האָט מען זיך אָפּגעשטאַט וויזיטן. דעמאָלט האָט מען געטרונקען מאַטע און געפונען אַ געלעגנהייט צו רעדן וועגן אַ דריטן שכן.

ביים דייטשן שכן, האַנס נאַגעל, האָט די חזירים־סטאַדע זיך פאַר־גרעסערט און די „מודער" האָט באַוויזן אַריינצוכאַפּן און אויסצוקינדלען נאָך עטלעכע זומער־באַשפּרענקלטע באַשעפענישן מיט גרוי־פּאַרשפּיצטע אויגן און צעצויגענע שיטערע האָר. דאָרט, אין דעם סאָליטרע־פּליין, ביי דער „קאַניאַדאַ" (נידעריק־געזאַלצענער באָדן) האָט דער אַרמענער מיט זיין משפּחה ווייטער באַאַרבעט די מאָגערע נחלה מיט די פּאַרצייטישע כלים, אָפּגעכאַפּט אין פעלד זיינע מאָלצייטן און כמעט מיטן ביסן אין מויל געשלעפּט די פערד. ער האָט געשניטן דעם היי און די אַלפאַלפאַ מיט דער קרומער קאָסע, נישט געוואָלט הערן וועגן אַ „קאָסיאַרקע" (שניידמאַשין געשפּאַנט מיט צוויי פערד) און די גאַנצע משפּחה איז אומ־געקראָכן ווי אַ מחנה מוראַשקעס איבערן פעלד.

דער אַלטער גאָוטש, דער שלאַנק־געבויטער, מיטן שוואַרץ־גרויל־עכן בערדל און טיפע הייסע אויגן, דאָן כואַן קאַסטראָ, האָט אַרום זיין קליינער ראַנטשאָ זיך צעלייגט מיט אַ גרויסער טשערעדע קי, וואָס די פּי־ספּעקו־לאַנטן האָבן אים אָנפּאַרטרויט ביז די געפאַלענע פרייזן וועלן זיך ווידער

אַ הייב טאָן. צווישן זיינע הויפּט־צושטעלער פון גנבישן פּי איז געווען דער אוקראַינישער שענקער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אויסטשוכען פון די באַקומענע קלעפּ צוליב די געפאַלענע פּרייזן נאָך דער מלחמה און געזאָרגט, אַז דער גאַוטש־משפּחה זאָל נישט פעלן דער קילאָ זשערווא פאַר דער מאַטע און אַ „באַטאַ“ (לאָגל) טונקעלער ביטערער וויין. די גאַנצע משפּחה פונעם אַלטן דאָן כואַן האָט זיך אַרומגעיאָגט נאָך די בהמות איבערן סטעפּ צווישן די בערגלעך און שטעגלעך, כדי זיי זאָלן נישט פאַרקריכן און שאָדן ברענגען די פעלדער פונעם „גרינגאָ“.

מיראַ, דאָס מאַט־הויטיקע אייניקל פונעם גאַוטש, איז לעצטנס פאַר־שווּנדן פון דער געגנט. עמעצער האָט דערציילט, אַז אַ געוואַגטער „טראַ־פּעראָ“ (פּי־טרייבער), און אפשר אַ רויבער פונעם דערשטאָכענעם זונס באַנדע, האָט זי אין איינעם אַ טאָג געכאַפּט בעת זי האָט זיך געפּליעסקעט אין דער זאַלציקער לאַגונאַ, זי אַרויפגעזעצט אויף זיין ברענענדיקן פערד און אין גאַלאָפּ אַוועקגעפירט אין וויטע דרום־געגנטן. איינמאָל איז דער אַלטער גאַוטש אַראָפּגעקומען אין הויף פון דער יידישער משפּחה אָנגעגורט מיט אַ נייעם לעדערנעם „טשיריפּאַ“ אַרום נאַקן, אַרומגעהילט אין אַ נייעם וואָלענעם „פּאָנטשאָ“, און שיינענדיק פאַר פרייד דערציילט, אַז די נייע חפצים האָט ער באַקומען צוגעשיקט אַ מתנה פון מיראַס „בוען מאסא“ („ווילער יונג“)... און ווען ער האָט געהערט וועגן די גרויסע מעלות פון זיין אייניקלס באַשערטן, וואָס האָט אַזוי ווילעריש געוווסט צו פאַנגען דאָס האַרץ פון דער שיינער מיראַ, האָט הערשל ווי אַרויסגעהערט פון זיינע רייד דעם געריוש פון די צעוויגטע מאַיס־געוויקסן, אין וועלכע מיראַ איז ווי איינגעשלונגען געוואָרן אין יענעם טאָג נאָך איר אַנטוישונג, ווען זי איז אַריינגעפאַלן אין זיינע אָרעמס. דעמאָלט איז די לאָנקע אָפּגעשאָטן געוואָרן פונעם מאַיס־צוויט, וואָס האָט זיך געטראָגן אין ווינט.

קיין יידישער ישוב איז נאָך דערוויל דאָ נישט אויסגעוואַקסן, אָבער אינעם צפון־עק פון ניאָמעס פעלד האָט זיך באַזעצט אַ נייער גוישער שכן. עס איז כלל נישט קלאָר געווען ווי אַזוי ער איז אַהער געקומען און ווער עס האָט אים געגעבן די דערלויבעניש צו באַזעצן זיך אויף פרעמדן באָדן. מעגלעך, אַז ער האָט אויסגענוצט די צווישנצייט, ווען קיין אפּוטרופּוס איז נישט געווען אויף די פעלדער פון דער „געזעלשאַפט“ — נאָך לעווענ־טאַלס אָפּפאָרן כדי צו באַטייליקן זיך אין קריג.

דאָס איז געווען אַ יונג רוסיש פּאָרל, וואַסילי פּאַוולאָוו און זיין פרוי טאַטיאַנאַ. ער איז געווען אַ הויך־געבויטער יונג מיט אַ שאַטין־צעשאָ־טענער קודלע און לאַנגע נאָכגעלאָזטע וואָנצעס ווי פון אַ קאַצאַפּ. אַ בלייכ־לעכער, האָט ער געפּאַנגען זיין מיטשמועסער מיט זיין ווייכן בליק, וואָס האָט ממש געגאָסן זיך פון די גרויע אויגן אַרויס. טאַטיאַנאַ איז געווען אַ נידעריקלעכע, עטוואָס פול, און די ראָזעווע פּוכקע בעקלעך האָבן איר געגעבן דעם אויסזען פון אַן ערשט אונטערגעוואַקסן פּויעריש שיקסל. זיי האָבן זיך איינגעגראָבן אין דער נידעריקער כאַטע ווי צוויי אויסווייכנדיקע חיות. פון דרויסן האָט מען כמעט ווי נישט אָנגעזען דעם געבוי פון דער ראַנטשאָ. דער אויסגעבויגענער דאַך איז געווען באַדעקט מיט ערד און שטרוי ווי אַ שוץ קעגן די שטורעמס אין ווינטער און די גרויסע היצן אין זומער. בלויז דער רויך וואָס האָט געזעצט פון געמויערטן קוימען, האָט אויסגעזאָגט וועגן דעם, אַז דאָ וווינען מענטשן. אינעווייניק אין די כאַטע געווען אויסגעווייסט און עס האָט געשמעקט פון ריינקייט. אַן מעבל און אַן פאָרהאַנגען, אָבער דאָס שטיבל האָט אָנגעווייעט אויף יעדן באַזוכער די וואַרעמקייט פון אַ טויבנשלאַק.

אַ לאַנגע צייט איז פאַר אַלעמען אין דער געגנט געווען אַ סוד פון וואָס זיי לעבן. אויסער אַ רייטפערד און פערד־און־וועגעלע האָבן זיי קיין שום באַלעבאַטישקייט נישט געהאַט. געקומען אַהער, האָבן זיי איבער נאַכט אויסגעגראָבן אַ ברונעם פון אַ פינף מעטער די טיף. קיין קו און קאַלב, קיין אַקעראייזן און זיימאַשין. אָבער שפּעטער איז באַוווסט געוואָרן, אַז דער זיידענער כמעט אומבאַהאָלפענער וואַסילי, שטייט בראש פון אַ פאַר־צווייגטער גנבים־באַנדע, וואָס האָט געפלינדערט אין די ווייטע אָפּגע־זונדערטע געגנטן. דאָ, אין דער סביבה, האָבן זיי אַ פליג אויף דער וואַנט נישט געטשעפּעט. דעם פּאָליציי־קאָמיסאַר פון דער געגנט איז גוט באַקאַנט געווען פּאַוולאָווס באַשעפטיקונג, אָבער אַזוי ווי די שטילקייט אין דער געגנט איז אָפּגעהיט געוואָרן האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט „איבערצוגעבן דעם גנב די שליסלען".

מירעלע, ניאָמעס פאָרלעצטע טאָכטער, האָט זיך שנעל אַרויסגערוקט פון די קינדער־שיכלעך און איר דינער וויגנדיקער קערפּער האָט זיך אָנגעהויבן אָנגיסן מיט ווייבלעכקייט. פון די קליידער האָבן געשפּאַרט אירע אויסגעקיילעכטע היפטן און מענער האָבן זיך זאַט נישט געקאָנט

אָנקוקן פון איר ווייכער צעבליטקייט. אויך די קליינע רוזשקע איז אונטער־געוואַקסן און מ׳האָט געדאַרפט זאָרגן פאַר איר דערציאונג. די האָפענונג אויף אַ ישוב האָט נאָך ווי עס איז געוואַרעמט דאָס האַרץ, אָבער דערווייל האָט מען נישט געקאָנט איבערלאָזן די צוויי קלענערע מיידלעך, אַז זיי זאָלן וואַקסן ווי גראָז אין פעלד אויסגעשטעלט צו געפאַרן, און אָן צו לערנען עפּעס פון דער לאַנדשפּראַך און פון יידישקייט.

האָט ניאָמע איינגעשפּאַנט צוויי שקאַפּעס און אַנדערע צוויי צוגעבונדן ווי אַ רעזערוו, מיטגענומען באַשקען און ביי דער זייט — די צוויי טעכ־טערלעך. געהייסן האָט עס, אַז מ׳פאָרט אָפּשטאַטן אַ וויזיט ביים חתונה־געהאַטן מאיר, דעם זון וואָס לעבט אין דער קאָלאָניע פון די „ליטוואַקעס". דאָרט האָט ניאָמע, אין אַ שמועס מיטן מחותן, אַנגעשלאָגן וועגן זיין ריכ־טיקן מיין. אין האַלב־שטאַמלענדיקע ווערטער האָט ער אָנגעפרעגט די מיינונג פונעם פאַרמעגלעכן מילנער וועגן דער מעגלעכקייט, אַז די צוויי טעכטערלעך זאָלן פאַרבלייבן דאָ לערנען אין דער יידישער און שפּאַנישער שולע.

דער מחותן האָט נגידיש פאַרקרימט זיינע דיקע ליפּן, ווען ניאָמע האָט אים תיקף פאַרגעלייגט אַן אַדערויף פאַרן אויסהאַלט זייערן אינעם ערשטן זמן. — „פון אייך קאַרבוינצעס נעמען, מחותן? — האָט ער אַפילו בייזלעך אַ טרייסל געטאָן מיט די אויסגעשטרעקטע דלאָניעס — פון אייך, דעם גרינעם? אסור! דערמאָנט מיר אַפילו נישט אַ וואָרט! און צווישן אונדז גערעדט — האָט ער פּלוצעם כמעט ווי פאַרטרוילעך זיך אָנגערופן צו אים — צו וואָס דאַרפט איר זיצן אַליין, ווי אַ ישובניק צווישן גויים? איר זענט שוין נישט קיין יינגעלע! ביי אונדז, אין דער צוועלפטער גרופּע, איז פאַראַן אַ פרייע שטוב מיט גאַנצע פופציק העקטאַר. פּוטער זאָג איך אייך, נישט קיין ערד. דריי „זעראָס" (דער בעסטער סאָרט מעל) פּערווע קלאַס, זאָג איך אייך! פאָלגט מיך... השגות פון אַ יידן וואָס ס׳ציט אים דווקא צו גויים! נישט קיין מנין און נישט קיין יום־טוב".

אויך דער פעטער האָט איינמאָל אָנגעוווּנקען וועגן דער שמאַלציקער „קינטע" פון דער „צוועלפער" גרופּע, ווו עס איז ביז איצט געזעסן עזרא „דער אָגער" — אַזוי האָט מען אין דער קאָלאָניע גערופן דעם אַלטן בחורעץ, וואָס האָט זיך געפּאַדעט אַרום די יונגע מיידלעך און די פּאָר עלטערע מיידן האָבן אין אַ ווינקעלע פון האַרצן אויסגעבריט אַ האָפענונג, אַז ער,

דער לוסטיקער קאַוואַליער, וועט אַמאָל ווערן באַזאַכט, איינשטעלן דעם קאָפּ צוריק אויף די אַקסלען, זיך אומקערן צו יענע, נאָך וועלכער ער האָט אַמאָל „אוכאַזשעוועט" און דעמאָלט איז נישט אויסגעשלאָסן... אָבער צום סוף איז ער קראַנק געוואָרן אויף דער בלינדער קישקע, אָפּגעפּאָרן אין דער גרויסער שטאָט זיך אָפּערירן און פון דאָרט מער נישט צוריקגעקומען. געשמועסט האָט מען, אַז די קרענק האָט זיך צו אים צוגעטשעפּעט צוליב די טרוקענע בחורישע עסנס אין דער פרעמד...

אָבער פּאָר ניאָמעס אויגן איז איצט שוין נישט געשטאַנען מער די הוילע כאַטע מיטן נאַקעטן הויף אין אַ ים פון גראָזן און שטעכיקע גרויע קוסטעס. איצט האָט אַ גרויסער טייל פונעם באָדן זיך אַנגעקליידט מיט די פאַרשידנסטע קאָלירן און געקעסטלט זיך אין אַנציענדיקע פּאַרבן. דאָס גערשטנפעלד האָט זיך געוויגט און געוווּנקען מיט זיין העלן גרין. שאַרפער און שטייפער האָט זיך געמיניעט דער טעפּעך פון ווייץ־פּאַרזיי. אין אויג האָט געבליאַסקעט, ווען עס האָבן אַרויסגעשפּראָצט די גרינע נאָדלען פון ווייך־אויסגעגלעטן טעפּעך נאָך דעם האַרבסט־רעגן. שפּעטער האָבן די זאַנגען באַקומען דעם געל־גאָלדענעם קאָליר פון געשמאַקן אָנגע־ברוינטן ברויט ערשט פון אויוון אַרויס. און דערנאָך האָט דאָס אָפּגערייניקטע פעלד זיך אַנגעקליידט מיט דער איינטאָגיק־אָפּגעקראָכענער פּאַרב פון באַרשטיק־אָפּגעשניטענעם שטרוי און די טרוקענע קוסטעס האָבן אָנגעזאָגט די האַרבסטיקע ווינטן. דעמאָלט האָט די לופט זיך אָנגעשאָטן מיטן פּערלדיקן צוויט פון מאַיס־פּעלדער און מ'האָט געקאָנט אויפכאַפּן דאָס שושקען זיך פון די זיך שאָקלענדיקע בלעטער, ווי אין אַ סודותדיקן וואַלד, וואָס האָט זיך אַריבערגעקליבן אין אָפענעם פעלד אַריין. ביי דער זייט האָט זיך אַ לאַנגער פּאַס פעלד אָפּגעפאַרבט אויף שוואַרץ־גרוי פון די גרויסע גרודעס וואָס דער קליינער אַקער האָט עקשנותדיק איבערגעקערט און די בראָנעס האָבן אויסגעגלעט ווי אַ פּוכיקן געלעגער. און אָט דער פרייִלעכער אָפּשניט פון די ערשטע ביימעלעך — זיי וועלן באַלד פאַרדעקן מיט אַ לייכטן שאָטן די כאַטע. די כאַטע... דאָ זיפצט ער אָפּ. אויך צו איר האָט ער זיך שוין צוגעוווינט ווי צו אַן אַלטן, אָבער איינגעפּאַסטן בגד אויפן לייב. דאָס צוגעשטעלטע אַלקערל איז ווי אַ לאַטע, אויף צו דערהאַלטן די נשמה. אָבער עס וועט קומען די צייט און מ'וועט בויען אַ נייע וווינונג. וואָס וועט ווערן פון דער ראַנטשא מיט אירע אויסגעדינטע אַלטע ווענט? שוין

איצט פילט ער אַ מין בענקשאַפט נאָך די ערשטע און פאַרלאָפענע יאָרן פון שווערן אָנהייב, אַפילו דאָס טוט באַנג...

זיין אויג האָט זיך ביסלעכווייז אויך צוגעוווינט צו די שכנים. אַ ביסל האָט עס אים אינעווייניק געטיאַכקעט ווען ער האָט געטראַכט וועגן די מעגלעכע ענדערונגען, מאָרגן, אין טאָג פון בויען דאָס יידישע דאָרף, דאָס פאַרשווינדן פון די ווינקעלעך, וואָס זענען שוין געוואָרן אַ טייל פון דעם גאַנצן אַרומיקן פייזאַזש. די כאַטעס פון די נישט־יידישע שכנים, וואָס ליגן צעוואָרפענע אויף צענדליקער קילאָמעטער, וועלן אָפּגעווישט ווערן פון האָריזאָנט און אַנדערע בילדער וועלן אויפשפּרינגען איבער די קרומלעכע פעלדער. אויך דאָס האָט אים באַאומרואיקט, ווי ער זאָל שוין שטיין אויפן שוועל פון די ענדערונגען.

אויפן וועג, בעת ער פאָרט צו דער קאָלאָניע פון די ליטוואַקעס, מאַכט ער תמיד אַן אָפּשטעל־סטאַנציע אין דער נידעריקער אויסגעווייסטער וווינונג פונעם סובאָטניק. ביים ראַנד פון איינציקן וועלדל אין דער אומ־ענדלעכער געגנט זיצט ער און האָדעוועט זיין סטאַדע און דערקוויקט דאָס האַרץ פון די פאַרשמאַכטע דורכפאָרער. איז דאָס נישט קיין שפּיל פונעם גורל וואָס ביידע זיצן זיי מיט זייערע הויזגעזינדן פאַראייניזאַמט אין אַ פרעמדער וועלט? זיכער לאַכן זיי פון אים, די ליטוואַקעס, פונקט ווי אינעם שטעטל האָבן די גוטע און פרומע יידן געשפּאַט פון אים, וואָס עס ציט אים צו גויישע סעדער. אָבער ער ווייסט זיי וויזן, די צלם־קעפּ, אַז ער איז איינגעשפּאַרטער פון זיי אַלעמען. אָט האָט זיך די מלחמה געענדיקט און וועער ווייס וויפל עס וועלן אים נאָך בענטשן פאַר זיין אויסדויער. גוט וואָס ער האָט אויסגעהאַלטן ביז איצט, און ער וועט עס טאָן ביזן סוף. אָט, אָט...

האָט ער זיך איידל אַרויסגעמאַכט פון די אַלע אָנבאָטן און זיך גע־שטעלט צופרידן דערמיט, וואָס דער עול פון דערציען די צוויי מיידלעך איז אים דערווייל אַראָפּ פון קאָפּ. צוויי מאָל אין יאָר איז ער געפאָרן איבערן זאַמדיקן וועג צו זען די קינדער און דער שליאַך איז אים גאָר נאָענט געוואָרן. די רייזע האָט אים אָפּגעפרישט. ער האָט געזען יידישע פנימער און אַריינגעכאַפּט אַ פּאָר מנחהס און מעריבס אויף לאַנגע חדשים.

אָבער זיין גרויסע דאגה איז געווען הערשל. נאָך דעם ווי ער, הערשל, האָט באַשלאָסן צו בלייבן דערווייל מיט דער משפחה, האָט ניאָמע באַלד

געזען די רעזולטאַטן פֿון זײַן אַרײַנטאָן זיך אין דער ווירטשאַפֿט. די רויערד האָט געקרעכצט, אָבער נאָכגעגעבן אַלץ מער פֿון אירע שטחים. די פֿערד האָבן אָפּט זיך געמאָרדעוועט, אָבער הערשלס שטאַרקע האַנט האָט זיי אײַנגעאיבט אין שפּאַן. האָבן שכנים געפּרוּווט אָנטאָן אַ שאָדן, האָבן זיי באַלד דערפֿילט זײַן פֿעסטע תּשובֿה. אויך אַרום דער ראַנטשאָ האָט זיך אָנגעהויבן צו ענדערן דער פּייזאַזש. צוזאַמען מיט שלומען דעם ייִנגערן ברודער, האָט הערשל אַרײַנגעלייגט כּוח און ענערגיע, אַז די אָרדענונג און די ריינקייט זאָלן אָנגענעמער מאַכן דאָס מאָנאָטאָנע לעבן פֿון דער אײַנזאַמער משפּחה.

און דאָך האָט ניאָמען געמאַטערט די אָפּגעשלאָסנקייט פֿונעם זון, די אײַנזאַמקייט אין ברעג פֿון זײַנע יונגע יאָרן. נישט איין מאָל האָט ניאָמע געפּרוּווט אים אָנדייטן, אַז ער זאָל אין דער פֿרייער צײַט פֿון נאָכן פּאַרזייען זיך אַראָפּכאַפּן אין אַ ווײַטער ייִדישער קאָלאָניע אָדער אין דער הויפּט־שטאָט, כּדי זיך צו צעשטרייען און אָנזאַפּן זיך מיט אַ ביסל אַנדערשדיקער לופֿט.

די שווערע אַרבעט און די אומברחמנותדיקע וועטערן האָבן אַוועק־געלייגט שאַרפֿע סימנים אויף הערשלס פּנים. זײַן הויט האָט זיך פֿון דער זון און פֿון די פּראַסטיקע פּרימאַרגן־ווינטן פֿאַרצויגן מיט דינע אָדערלעך, ווי אין פֿריִען עלטער, און אָנגעשלאָגן ביז צו די שלייפֿן. די נאָז איז פּלוימיק־רויט געוווען און כּמעט דורכן גאַנצן יאָר זיך געשיילט. די ליפּ איז געווען אָנגעשפּאָלטן, האָט שטענדיק געבלוטיקט, און די וואַזעלין־שמירעכץ און אַנדערע פֿעטסן האָבן נישט געהאָלפֿן. די הענט זענען אום ווינטער צעאַקערט און צעביילט געוואָרן פֿון די פֿרעסט, וואָס האָבן מיט זייער קריסטאַל־ווײַסקייט זיך צעלייגט איבער די ברייטע פֿעלדער און אײַנגעפּראָרן יעדעס ביסל וואַסער פֿון די לוזשעס.

ס׳איז אַוועק אַ לאַנגע צײַט ביז הערשל האָט מסכּים געווען. ער האָט זיך אַוועקגעלאָזן מיטן וועגל אויף אַ באַזוך אין דער ווײַטער קאָלאָניע פֿון די „כּערסאָנער", צוריקוועגס איז ער אויך אָפּגעטראָטן בײַם ברודער מאיר אין דער קאָלאָניע פֿון די „ליטוואַקעס".

ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים, האָט ער אין אַ אָוונט, ווי

ער זאָל האָבן דורכגעמאַכט אַ משפּחה־שליחות, זיך אַוועקגעזעצט און פאַר די שטוביקע געגומען דערציילן פון דעם, וואָס ער האָט געהערט און געזען.

ער האָט דערציילט וועגן דעם נייעם דור, וואָס פילט אָן די קאָלאָניע מיט געזאַנג און מונטערקייט. מען רעדט אַ סך רוסיש, אָבער אויך יידיש. מ׳קומט זיך צונויף אין דער יידישער שולע אין די שבתים, מען פלירטעוועט און מען לייענט צוזאַמען יידישע ביכלעך. אָבער אין זיינע שמועסן מיט די יונגע מיידלעך פון דער קאָלאָניע האָט ער אַרויסגעפילט זייער כמעט אָפּלאַכערישן טאָן בעת זיי האָבן גערעדט וועגן דער צוקונפט. זיי האָבן געטרוימט צו פאַרבינדן זיך מיט בחורים, וואָס האָבן נישט קיין שייכות מיטן פעלד. מיט האַרצקלאַפּעניש האָבן זיי גערעדט וועגן די סטודענטן, וואָס קומען אַהיים אויף וואַקאַציעס און דערציילן וועגן די וווּנדער פון דער שטאָט. יעדעס מיידל האָט געחלומט פון אַ רייזע אין שטאָט אַריין, פון אָנטאָן זיך ברילן, ווי עס איז געווען אין דער מאָדע אין אָט דער צייט, אָדער זיי האָבן אָנגעהויבן זיך צו קלאָגן אויף אַפּענדיציט־שמערצן... גערעדט האָט מען אַ יידיש באַווירצט מיט שפּאַנישע ווערטלעך, וואָס האָבן זיך נישט געקלעפּט צום ענין. ביי די „כערסאָנער" האָט מען געקלאַפּט אויף רוסיש און עס האָט זיך צווישן זיי געמערקט די אָפּגעפרעמדקייט צו ממשותדקער פיזישער אַרבעט, נישט געווען קיין סימנים אויף זייערע פּנימער און הענט פון צובונד צו דער ערד. די מערסטע שווערע אַרבעטן האָבן געטאָן גויים. בלויז די מער פּשוטערע צווישן די יידישע ערד־אַרבעטער, וואָס האָבן ערנסט געוואָלט מאַכן פון זייערע קינדער ריכטיקע פּויערים, האָבן זיך אָנגעשטרענגט און מיט זייערע בני־בית געשלעפּט אַליין דעם עול פון שווערער אַרבעט דורך אַלע טעג פון יאָר.

דאָך האָט הערשל נישט געקאָנט באַהאַלטן זיין שטאַרקן איינדרוק ביים באַטראַכטן די נידעריקע ווייסגעקאַלכטע שטיבעלעך, וואָס ליגן ביי די וועגן און טונקען זיך אין דער גרינקייט פון די יונגע סעדער. שיין איז געווען צו זען דאָס פליען פון די קינדער אויף די רייטפערד ביים גאַלאָפּירן און פאַרמעסטן זיך אויפן וועג אין שולע אַריין. די ווייבער שטייען פאַרנאַכט ביי די טויערן און שרייען זיך איבער צווישן זיך אויף אַ זאַפטיקן אוקראַי־נישן יידיש, געמישט מיט „זאַגראַניטשנע" ווערטער. די זקנים פון דאָרף, מיט לאַנגע און אויסגעקעמטע בערד, אָנגעלענטע אויף סענקעוואַטע שטעקנס, שפּאַנען לאַנגזאַם איבערן שטעגעלע, וואָס פירט צו דער שיל

אַריינצוכאַפּן אַ מערב אָדער אַ שטיקל „עין־יעקב„. אמתע אייניקלעך פון גרויסן באַראָן! אַזעלכע יידן האָט ער דאָך געחלומט צו זען.

ניאָמען איז גוט צו הערן די רייד פונעם זון וואָס גיסן אים אַליין אָן מיט זיכערקייט און אויסדויער איבערצוטראָגן די איינזאַמקייט. נאָך מער האָט אים הנאה געטאָן, וואָס אַזעלכע יידישלעכע רייד קומען פון זיין הערשלען, וועלכער האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק זיך געהאַט דערוויטערט פון יידישקייט. איצט האָט ער געזען די בולטע סימנים פון איבערברוך און נישט געוווּסט צי פרייען זיך, אָדער איינהאַלטן דעם אָטעם און וואַרטן... עס איז אים דאָך כלל נישט געווען קלאָר וואָס דער מאָרגנדיקער טאָג קאָן ברענגען...

וואָלט ער, הערשל, זיך אָפּגעזוכט אַ מיידל, אַפילו פון יענע וואָס לעכצן נאָך שטאָטישע פּראַנטן. נישקשה, הערשל וואָלט זי שוין איינגעשפּאַנט אין די האָלאָבליעס ווי אַ צעבריקעט ווילד פערדל. אָבער פון זיין שמועס זעט זיך נישט קיין מינדסטער אָנווונק דערפון.

אָבער הערשל האָט אין זיין דערציילן נישט איבערגעגעבן וועגן אַ שווערער איבערלעבונג, וואָס האָט אים דעמאָלט צעוואַקלט. דאָס איז געווען אין דער קאָלאָניע פון די „ליטוואַקעס״. אין אַ פאַרנאַכט האָט ער זיך אומגעקערט פון „פּעטערס״ הויז, ווו ער האָט אויסגעהערט די געשיכטע פון זייער מרידה קעגן די אָנגעשטעלטע פון דער „געזעלשאַפט״. ער איז אַוועק צו דער וווינונג פונעם מילנער און אַדורך דעם קאָרידאָר אין דער ריכטונג, ווו עס געפינט זיך זיין ברודערס צימער. דעם ברודער מאיר האָט ער געפונען זיצנדיק אויפן שוועל. אויף זיין שויס האָט ער געהאַלטן דאָס קינד, וואָס איז ערשט נישט לאַנג געבוירן געוואָרן. דאָס פּיצל איז געווען איינגעוויקלט און פאַרשנורט אין אַ שנייוויסער ווינדל. פונעם אַלבאַסטער־ווייסן פּנימל האָבן אַרויסגעבליצט די שוואַרצע אויגן.

בלויז דאָס עטוואָס־פאַרשפּיצטע גאָמבעלע האָט אויסגעגעבן די ענ־לעכקייט צו מאירן, און דאָס האָט אין הערשלען דערוועקט אַ פּריקרע געפיל. פאַרוואָס? ער האָט עס אַליין נישט באַנומען. ס׳קאָן זיין ווייל ער האָט תמיד מאירס גאָמבע באַטראַכט ווי די מיאוסטע טייל פונעם ברודערס לענגלעכן פּנים. דאָס קודלאַטע קעפּל פונעם זויגקינד איז געווען עטוואָס אָנגעלענט אויף מאירס ברוסט. מיט זיינע לאַנגע קנאָכיקע פינגער האָט מאיר לייכט אָנגערירט די צוזאַמענגעוויקלטע פיסלעך און ס׳האָט זיך

הערשלען געדאַכט, אַז אָט באַלד וועט ער מיט זיי, ווי מיט אַן אָנגעשטעלטן סמיטשיק, אַ צי־טאָן איבער דעם קערפּערל און אויסשפּילן אַ מעלאָדיע. פון גרויס פאַרגאַפונג האָט הערשל אַפילו נישט באַגריסט אים ווי געהעריק.

ער האָט אַ שאַרפן פיר געטאָן זיין בליק און אָפּגעמאָסטן די קינדערשע צאַרטע געזיכטסשטריכן. ער האָט זיך געוווּנדערט: קיינמאָל האָט ער נישט באַטראַכט מיט אַזויפיל אויפזען קינדערישע פּנימער. זיין אויג איז געפאַלן אויף די לייכט־צוגעשפּיצטע אויסשניטן ביי די אויגן, וואָס האָבן, ווי ביי אַ דערוואַקסענעם, זיך צוזאַמענגעשלאָסן צווישן די אויגנלעפּלעך און דעם שאַרפן קאַרב ביים קליינעם פולן מיילכל. דער מוטערס, דער מוטערס בולטע שטריכן — האָט ער אין זיך אַליין אַריינגערעדט — טאָמער, טאָמער... דאָס איז דאָך דער דערקען־צייכן ביי די וואָס זענען געשלאָגן מיט אַטראַ־פּירטע חושים... דאָס איז אַ מין אויסגעשריי אָן ווערטער, אָבער מיט פאַר־צווייפלטער אָנשטרענגונג...

ווי עס זעט אויס האָט מאיר דערכאַפּט הערשלס פאַרשנדיקן בליק. ער האָט אַליין אויך אַ פיר געטאָן מיט זיינע טיפע אויגן איבערן קינד און אַרויסגעלאָזט אַן אַראָפּגעדריקטן זיפץ.

די יונגע מוטער, די שטומע ריזל, איז אַריין אין צימער און האָט הערשלען באַטראַכט מיט אַ פולן שמייכל. זי האָט זיך דערנענטערט צו אים, אַ צי געגעבן פאַרן אַרבל און אים אָנגעוויזן אויף אַ הויך־געבעטן לעדערנעם שטול — ער זאָל זיך דאָרט צוזעצן. דערנאָך האָט זי גענומען פון מאירן דאָס קינד, מיט אַ לייכטקייט פון אַ געניטער מוטער עס אַ הייב געטאָן אין דער לופט, איבערן קאָפּ, ווי צו ווען באַווייזן און אפשר אַפילו זיך צו באַרימען: „נישט קיין קונץ פאַר מיר". אירע לאַנגע צעשאָטענע לאָקן האָבן אַ ציטער געטאָן הינטערוויילעכץ, איבער אירע פולע אַקסלען, און אַ ציענדיקער ריח פון פאַרפום און פון שלאָפקישן האָט פון זיי אַ שלאָג געטאָן. זי האָט געשמייכלט און געברומט צום קינד און הערשל האָט אויפ־געכאַפּט ווי איר שמייכל ווערט טיילמאָל איבערגעגאָסן אין אַ מאָוימדיקער גרימאַסע, וואָס האָט פאַרעלטערט איר שיין אויסגעאיידלט פּנים.

אָן צו זשעניִרן זיך האָט זי זיך צוגעזעצט אויף אַ נידריקער טאַבו־רעטקע, אויפגעקנעפּלט דעם פאַרשנירלטן קאָרסעט און אַרויסגעצויגן די ברוסט. דאָס קינד האָט זיך תאווהדיק איינגעגראָבן אין מוטערס לייב און צוגעשאָקלט אויף און אָפּ מיטן שוואַרצהאָריקן קעפּל.

נישט דאָס ערשטע מאָל האָט איצט הערשל געזען ווי אַ מוטער שפּיליעט זיך פונאַנדער און זייגט אָן איר קינד אין דער אָנוועזנהייט פון פרעמדע מענער, אָן צו לייגן אַכט אויף דעם. ער האָט עס געזען אין די רוסישע דערפער, דאָ אין די ראַנטשאָס, אָדער אונטערוועגנס אין די באַנען. אָבער איצט האָט ער, אומדערוואַרט פאַר זיך אַליין, זיך אַ טרייסל געטאָן אין אָנבליק פון איר בלאַנק־ווייסער ברוסט, פון וועלכער דאָס קינד האָט געצויגן מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגן.

ער האָט זיך דערפילט אומבאַקוועם, זיך אויסגעדרייט און ווי מיט אינטערעס באַטראַכט די בילדער, וואָס האָבן אַראָפּגעקוקט פון די ווייס־בלוילעכע געקאַלכטע ווענט.

דווקא צו דער שטומער רייזלס אָפּגעדעקט לייב האָט הערשל נישט געקאָנט זיך באַציען מיט יענער גלייכגילטיקייט ווי אַמאָל צו די דאָרפס־פרויען. אַ פיינלעכער געדאַנק האָט אים אַ קלעם געטאָן: איצט זויגט דאָס קינד און קנעט איין די ליפּעלעך אינעם בלוי־ברוינלעכן זוים פון דער פולער פּוכיקער ברוסט, די קליינע מאָרדקע זינקט איין ווי אין אַ ווייכן פּוך־קישן. און מאיר? האָט דאָך זיין שפּיציקע גאָמבע געגרוט דורך די נעכט אויף אָט דעם כישוף־אַלבאַסטער. דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש פון... יאָ, פון יענעם ייִנגלשן אומשולדיקן אָנשפּאַרן זיך אין אַ מיידלשער ברוסט בעת די אויספלוגן ביינאַכט אין די וועלדער, דעמאָלט, אויף די געהיימע פאַרזאַמלונגען. דאָרט, אויפן שמעקעדיקן גראָז, אונטער די צווייגן פון די יוסטע ביימער, האָט די קליינע קוטשעראַווע מאַניע, מיט אירע קאַרע אויגן און קוועקזילבערדיקע באַוועגונגען, שטענדיק זיך אָנגעלענט מיט איר אויסגעבעטער קוטשמע האָר אויף זיין אַקסל און לאַנגזאַם פלעגט זי אַראָפּ־רוקן די כוואַליעס האָר ביז צו זיינע קניען, וואָס האָבן זיס געציטערט ביים דערפילן דעם לייכטן באַריר פון אירע קליינע בריסטלעך. ער האָט זיך נישט געוווּנדערט, וואָס דווקא די שוואַרץ־חנוודיקע מאַניע געפינט שטענדיק אָן אָנלען אין זיין גוף. זי איז דאָך געוואַקסן צוזאַמען מיט אים אין איין געסל, צוזאַמען אַריינגעטראָטן אין דער „גרופּע״, זיי האָבן איבערגעלעבט די זעלבע שפּאַנונגען און דורכגעציטערט די זעלבע פאַרפאָלגונגס־שרעק. דאָס איז געווען אַ מין אַרומנעמען זיך, כדי צו באַגעגענען דעם געמיינזאַמען גורל. אַפילו צו דער באַן־סטאַציע איז זי געקומען זיך געזעגענען.

נאָך אַזוי פיל צייט איז אין זיין זכרון דווקא איצט אויפגעשווומען די

געשטאַלט פון דער ברונעטער מאַניע, מיט די געציילטע זומער־שפּרענ־קעלעך אַרום דעם קליינעם קאַרנאָסע נעזל. וואָס פאַרא מאָדנע פאַרבינדונג צווישן אָנבליק פון רייזלס אויפגעדעקטער ברוסט און די קליינע בוזים־פייגעלעך פון זיין יוגנט־הברטע! ער האָט זיך פאַרשעמט און אַרויס פונעם צימער. די פאַרשעמטקייט האָט אים נאָך געפּייניקט אויף יענער זייט טיר.

אין דרויסן, אין שאָטן פון די צעוואַקסענעביימער האָט ער דערפילט ליידיקייט. ער מוז און ער וועט ענדערן דעם סדר פון זיינע טעג — דאָס האָט ער געזען קלאָר פאַר זיך. איצט האָט ער געקאָנט באַנעמען מיט אָפענע חושים די שמועסן אין די באַזוכטע קאָלאָניעס, ווו די באַליבטסטע געשפּרעכן זענען געווען וועגן מיידלעך, פלירטן, וועגן פעלן פון יידישע טעכטער אין אָט דעם נייעם לאַנד. מען האָט אויסגעקוקט, אַז די מלחמה זאָל זיך ענדיקן, וועט מען זיך פאַרבינדן מיט מיידלעך פון יענער זייט ים. בחורים האָבן געפּלאָנט צו פאָרן זיך אויסקלייבן כלות, און אַנדערע האָבן גערעדט וועגן „אויסשרייבן" זיך אַזעלכע לויט עמעצנס רעקאָמענ־דאַציע... דער מצב אין די שטעט איז — ווי עס שטייט ערגעץ געשריבן, אָבער אין אַ פאַרקערטער ריכטונג — „זיבן מענער אויף איין פרוי". ער האָט איצטער שוין מער נישט קיין פאַראיבל געהאַט אויף די דערוואַקסענע יונגעלייט, וואָס רעדן וועגן פרויען מיט פאַרלאָפענע מיילער. ער האָט זיך געוווּנדערט, וואָס ער טראַכט וועגן מאַניע מיט אַזאַ נאַטירלעכקייט. איצט האָט זיך אים געדוכט, אַז מאַניע דאַרף אַריינגענומען ווערן אין קרייז פון זיינע מחשבות און צוקונפט־פּלענער.

אָבער וועגן דעם אַלעם האָט ער נאַטירלעך מיט דער משפּחה נישט גערעדט.

*

ניאָמע האָט זיך צוריקגעקערט אַן אויסגעמאַטערטער פון אַ נסיעה אויפן זאַמדיקן וועג. אויפן הינטערשטן טייל פונעם וואָגן האָט ער אָנגעלאָדן אַ בינטל טרוקענע צווייגן, וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט אויף ווינטער איינצוהייצן די פּליטע, דעמאָלט, ווען די שטעכיקע בוריאַנעס און דער קיזיק ווערן אויסגענעצט און רייכערן אַן אין דער כאַטע אַ נודנע שטיקעניש. אין דרויסן ביים טויער האָט אים שוין אָפּגעוואַרט באַשקע און צוגעלייגט

„דעכעלעך״ מיט איר דלאָניע איבער די אויגן, כדי אויפצוכאַפּן אויף זיכער צי דאָס איז ער, ניאָמע, אָדער אַן אַנדערער. ווען ער איז אַריינגע־פאָרן דורכן טויער האָט זי נישט געפרעגט, ווי שטענדיק, אויף די קינדער און אויפן אייניקל, נאָר אים אַנטקעגנגעטראָגן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם:

— ניאָמע, ער איז טאַקע צוריקגעקומען, דער אָ, וואָס האָט דעמאָלט געאַרבעט ביי דער דרעשמאַשין! ווי רופט מען אים...

ניאָמע האָט האַסטיק איינגעצויגן די לייצעס, אָפּגעשטעלט דעם וואָגן און נישט תיכף געענטפערט אויף באַשקעס בשורה. באַלד אָבער האָט ער זיך דערמאָנט:

— אָ! דער אָ, דוכט זיך, אַז זשאַמע רופט מען אים, זשאַמע קוריס, נישט?

און איידער וואָס ווען, האָט דער גאַסט אַליין זיך אַרויסגעשטעלט איבערן שוועל פון דער כאַטע. ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די שמאָלע טיר האָט פרייער אָפּגעאָטעמט, ווען זי האָט אַרויסגעשפּיגן זיין פולע און יוסטע פיגור פון אירע ראַמען אַרויס. ער האָט זיך דערנענטערט צום וואָגן און זיך אָנגערופן צום אַראָפּקריכנדיקן ניאָמען:

— ס׳קאָצל קומט! צוויי געסט אויף איין מאָל?! נו, גערירכט זיך אויף אַזאַ פאַרשלעפּטער קרענק? אַפילו די הרובע נישט אוספּעיעט איינצוּוואָרפן! אָבער עס מאַכט נישט אויס, פּעטער־לעבן, כ׳האָב אייך דאָך צוגעזאָגט, קאָן מען קיין חזיר נישט זיין... ווי דען? ענג זאָגט איר? אויף וואָס האָט גאָט באַשאַפן אַ קאַטוך, און אין בעסטן פאַל — אין גאַלפּאָנדל איז אויך אַן עסק... מ׳וועט זיך אַן עצה געבן. נאָך מאָרגן, „מירטשעם״ נאָך דער ערשטע מאַטע, שטעלן מיר זיך סטרויען אַ ריכטיקע „לאַמפּאַטש״־דירה, ווי גאָט האָט געבאָטן! זשאַמע איז נישט קיין הינקענדיקער שניידער — ליים און שטיינער האָט ער געטראָגן ביים באַראָן אין פּאַלעסטילניצע און אויך ביי אָט דעם היגן באַראָן וועט ער נישט קראַנק זיין. האַ, וואָס זאָגט איר נישט צו אונדזער גליק? אייגענע באַראָנען! אַ גליק אויפן פּאָלק „ייסרועל״...

ניאָמע האָט געהערט און נישט קלאָר באַנומען די קיצלדיקע רייד פונעם גאַסט, אָבער אַ וואַרעמע כוואַליע האָט דאָך אָנגעשלאָגן אונטער זיין „לעפּעלע״. אָט, נאָך אַ שפּאַן פאָרויס אויף אָפּשלאָגן די איינזאַמקייט. זאָל זיין אַ צופעליקער באַזוכער אויף אַ ווילע נאָר. קיין וועקסל אויף

אויסדויער וועט ער נישט פֿאָדערן. זיין פֿריילעכקייט און אונטערשטעלן אַ פּלייצע וועט אויך פֿאַרקירצן דעם וועג דורכן באַשערטן מדבר.

— ברוך־הבא! ברוך־הבא! וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פֿאַרענטפֿערן זיך? קומט! — ניאָמע האָט אים אונטערגעטראָגן אַ ברייטע אויסגעאַרבעטע דלאָניע און אָנגעהויבן אויסשפּאַנען די פֿערד. נאָך איידער ער האָט זיי צוגעפֿירט צו דער קאָריטע, האָט ער צוגעוואָרפֿן צו באַשקען:

— גרייט צו, יידענע, אַ גלעזל טיי, אָבער עס זאָל בריען! די אָדעסער זשוליקעס, זאָגט מען, האָבן האָלט שאַרפֿע וויסאָצקיס טיי. און פֿאַרגעס נישט די משקה פֿון אונטערן בעט, דעם בראָנפֿן מיט די נעגעלעך פּאָפּראַ־וועט... — און איידער ער האָט זיך אַ ריר געטאָן האָט ער פֿאַרענדיקט — יאָ, אַ גרוס דיר, באַשקע, פֿון די מיידן. זיי וואַקסן און קוועלן... און די קליינע, די קליינע... זי אַנטוויינט זיך שוין...

ער האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף באַשקעס אַ פֿראַגע. זי איז אָבער געשטאַנען עטוואָס אַ פֿאַרלוירענע און נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען די נישט באַקוועמע און מאַטערנדיקע פֿראַגע. ער האָט באַטראַכט דעם שוים, וואָס איז געפֿאַלן פֿון די פֿערדישע פֿאַרשוויצטע בייכער און זיך אַ ריס געטאָן צום ברונעם.

— דאָס אַלץ? דאָס גאָר? — האָט זיך אים אויסגעוויזן צו הערן איר אַנטוישטע שטימע. זי האָט געוואַרט אַ רגע און נאָך געוואָלט עפּעס הערן וועגן איניקל. אָבער אַזוי ווי ער האָט קלאָר נישט באַנומען איר שטאַמלען, איז ער געוועזן צופֿרידן זיך אַרויסצודרייען איצט פֿון איבעריקע שאלות. איבער זיין גרוילעך בערדל האָט זיך דורכגעטראָגן אַ לייכט וואָלקנדל.

ער האָט צוגעמאַכט דאָס טויער פֿון פֿאַשעפּעלד און געאיילט צו דער שוועל פֿון דער כאַטע. דאָרט האָט שוין געוואַרט אויף אים זשאַמע קוריס, וואָס האָט אים אַרונטערגעפֿירט פֿון די טרעפּלעך און צוגעברומט:

אוי אָדעס, אוי אָדעס,
אויף דער מאָלדאַוואַנקע...

צווייטער קאַפּיטל

מיט אַלע מענטשן גלייך

זשאַמע קוריס האָט זיך צוגעטוליעט, ווי אַן אייגענער, צו דער יידישער משפחה און אָפּגעגעבן זיין גאַנצע ענערגיע אויף זיי צו העלפן אין דער ווירטשאַפט. ער איז געווען אַ פעאיקער בוי־אַרבעטער און אַ לוסטיקער כאַראַקטער, אָבער צייטנווייז פלעגט ער אַריינפאַלן אין אַ לאַנגער און טיפער מעלאַנכאָליע, און דעמאָלט איז שווער געווען אַרויסצוציען פון אים אַ גלייכווערטל אָדער אַ לוסטיק לידל. קיינער פון דער משפחה האָט נישט געוואַגט אָנצורירן מיט אַ וואָרט דעם סוד פון אָט די פּלוצעמדיקע ענדערונגען אין דער שטימונג פונעם גאַסט. מ׳האָט געוווסט, אַז צוליב זיין אָפענעם צוגאַנג צו מענטשן וועט ער זיך ווען עס איז אַליין פונאַנ־דעררעדן און אַרויסברענגען וואָס אויף זיין נשמה דריקט.

אין איינעם אַ טאָג האָט ער זיך צוריקגעקערט פון דער קרייזשטאָט און אין אָוונט ביים נאַכטמאָל האָט ער מיט אַ ערנסט־פייערלעכן טאָן זיך אָנגערופן:

— איך האָב עס! איך האָב דעם איינדרוק, אַז אין גיכן וועלן מיר דאָ זען גרויסע ענדערונגען. עס האַנדלט זיך וועגן דעם אויפבוי פון אַ יידיש דאָרף...

ווי אַ בת־קול האָבן זיינע רייד אַראָפּגענידערט אין דער טוכלער כאַטע. אַלע בני־בית האָבן אויפגעהערט קייען און אַוועקגעלייגט די גאָפּלען אויפן גלאַנציקן צעראַטע־טישטעך. ניאָמע איז געוואָרן אומרואיק און אומגעדולדיק. ער האָט געוואָלט אַרויסלייענען פון זשאַמעס אויגן דעם זין פון זיינע אָנגעוואָרפענע פּאָר ווערטער. אָבער נאָך איידער ער האָט באַוויזן צו פרעגן, האָט זשאַמע אַליין ממשיך געווען:

— ס׳איז אפשר נישט שיין פון מיין זייט צו פאַרלויפן דעם וועג. מעגלעך, אַז בקרוב וועט ער, דער אדון אַליין, קומען אַהער און אייך אַלץ איבערגעבן. אָבער אַ גוטע בשורה מעג מען אונטערטראָגן אַפילו ווען מען כאַפּט זי אויס עמעצן פון מויל... טאָ הערט זיך צו: אין שטאָט האָב איך באַגעגנט אַ מאַן אין אַ געפּוצטער קאַרעטע. ער איז פאַרפאָרן אַנטקעגן דער בּיוראָ, ווו עס הענגט די שילד פון דער „געזעלשאַפט״. וואָס איז דאָ אַ סך צו ברייען? איך האָב באַלד פאַרויסגעפילט, אַז דאָס איז אַ ייד. אַ פיינער געבוי, אַ פּעך־שוואַרצע באָרד מיט אַ הויכן שטערן פון אַ ייד, קאַטאַרי, אַ דענקער, ממש אַ תלמיד־חכם... עפּעס האָט מיר אַ צופּ געטאָן ביים האַרצן ווען איך האָב אים דערזען אַראָפּשטייגן פון דער דראָזשקע: אַזאַ מין ענלעכקייט כאַפּט ער צו אונדזער גרויסן דאָקטאָר הערצל! איך האָב אים דאָך געזען, איר הערט? אַליין געזען! איך האָב זיך גראָד נישט טועה געווען, ער האָט אַרויסגעצויגן די שליסלען פון טאַש און געעפנט די פראָנט־טיר...

— נו, איז וואָס דרינגט איר פון דעם אַרויס? — האָט באַשקע טראַציק זיך אַריינגעכאַפּט אין זיינע רייד און זייטיק אַ בליק געטאָן צו ניאָמען.

— לאָז, באַשקע, לאָז אים ענדיקן! — איז ניאָמע געווען אומגעדולדיק.

— נו, ווי איר ווילט... מיר זאָגט אָבער דאָס האַרץ, אַז מיטן ווידער־עפענען די טיר פון דער ביוראָ קומט אַ נייע צייט. דער נאָמען פונעם דאָרף וועט אויפגעריכט ווערן. און וואָס איז עס פאַראַ פאַרזעניש: „די זיבן פיילן״... מען דאַרף משנה זיין דעם נאָמען, אפשר וועט זיך אויך דאָס מזל ענדערן...

— ביי אונדז יידן איז פאַראַן אַ גאָלדן ווערטל: „מען בעט נישט אויף קיין נייעם קייסער״. מיט וואָס זענען מיר שוין פאַרזיכערט, אַז ער וועט אויספירן זיין שליחות בעסער ווי אַמאָל לעווענטאַל? — האָט באַשע נישט נאָכגעגעבן.

ניאָמע האָט גוט פאַרשטאַנען וווהין זי צילט. שוין יאָרן ווי זיי זיצן אויפן באָדן און שפּיזן זיך מיט האָפענונגען. די מלחמה איז פאַרביי און ער, ניאָמע, האָט נישט איין מאָל אַריינגעשיקט אַ בריוול אין דער דירעקציע פון דער „געזעלשאַפט״ אין ב. איירעס מכוח דער צוקונפט פון דער צוגע־זאָגטער קאָלאָניע. די ענטפערס זענען געקומען פאַרשפּעטיקטע, נישט קלאָרע און שטאַמלדיקע: אָט, אָט — ס׳וועלן אָנהייבן קומען נייע אימיגראַנטן,

וואָס שווימען שוין אויף די ימים, די רעוואָלוציע האָט אַרויסגעשטויסן יידן פון זייערע היימען, פון זייערע קראָמען. ווי נאָר די ערשטע פּאַרטיעס וועלן אָנקומען, וועט מען זיי ווענדן צו אייך...

אָבער ביי באַשקען האָט שוין אויסגעפּעלט געדולד ווייטער אויסצו־האַלטן. אַזוי פיל יאָרן! צי קאָן דען דאָס אָנקומען פון אַ נייעם פאַרוואַלטער ענדערן די לאַגע? זיך ענדערן פון נאַכט צו טאָג? ניאַמע האָט די לעצטע צייט זיך געהיט צו באַרירן די אָ טעמע אין זייערע שמועסן. אַ ביסל האָפּערדיקער איז ער געוואָרן מיט אָנקומען פון זשאמע קוריס, אָבער איינגע־האַלטן איז ער דאָך געוואָרן.

— ער איז נישט קיין פראַגע פון בעטן אויף אַ נייעם הערשער — האָט הערשל געוואָלט געבן אַ טאָן — גוט, וואָס עס איז דאָך פאַראַן צו וועמען צו ווענדן זיך. יאָרן זענען מיר דאָ געזעסן אָן צו האָבן אַן אַדרעס. איצט קאָן מען אפשר הערן אַ קלאָר וואָרט: אַהער אָדער אַהין.

— און ווי מיינט איר, ר׳ זשאַמע — האָט ניאַמע מורא געהאַט אַליין אַרויסצובורעווען אַ קלאָרע דעה — זאָלן מיר אַרויספאָרן אין שטאָט מקבל־פּנים זיין דעם גאַסט, אָדער זאָלן מיר וואַרטן ביז ער וועט זיך אַהער אַראָפּכאַפּן?

— יעדער זאַך אין לעבן דאַרף זיך אויסשטיין — האָט זשאמע מעשה דערפאַרענער דערקלערט. — אַפילו ראַשטשינע און זויערמילך... אויך אַ טשעריק טריקנט איין און פאַלט אַליין אַראָפּ... מיר וועלן וואַרטן נאָך עטלעכע טעג און ער וועט זיך זיכער אַראָפּיאַוועון אַהער. אויב ער איז באמת באַשטימט פון דער דירעקציע, וועט ער וויסן ווי די מלאכה אָנצו־הייבן.

— זאָל ער אָנהייבן, זאָל ער אָנהייבן, אָבער אָן מיר! — באַשקע האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט — איך וועל שוין מער נישט וואַרטן! אָן מיר וועט ער דאָ בויען... אָן אונדז... זאָל ער אַפילו ברענגען אַ פּאַלק סאָלדאַטן, וועט ער מיך נישט איינהאַלטן מער אין דער וויסטעניש... מען קאָן דאָך משוגע ווערן!

זי האָט זיך היסטעריש צעוויינט. די פרוי, וואָס האָט שטיל אָבער נישט גערן באַגלייט איר מאַן אין דער אונטערנעמונג און פונקט ווי ער זיך געשפּייזט מיט די האָפענונגען צו זען דאָ אַ שפּרודלדיק יידישן דאָרף, מיט אַ שולע פאַר קינדער און אַ שיל פאַר שבת און יום־טוב — זי האָט נישט

איינוויליקט מיטן פולן האַרצן צו וואַלגערן זיך אין דער כאַטע, צווישן גויים און ווילדע גראַזן. געטאָן האָט זי עס אויס איינזען מיט איר מאַן, צוליב זיין ציטערדיק־הייליקער באַציאונג צום באָדן. אָט די, אין פלוג גענומען, נאָכגיביקע באַשקע האָט זיך ווילד צעבונטעוועט דווקא אינעם מאָמענט, ווען עפּעס האָט זיך אָנגעהויבן אויסצופּיקן און מ'האָט גענומען רעדן וועגן קאָנקרעטע זאַכן.

הערשל האָט געוואָלט דערגיין דעם סוד פון איר צוזאַמענברעכן זיך. אויך ער האָט באַוויזן מוותר צו זיין צוליבן פאָטער: ער האָט זיך אַרויס־געריסן פון דער רעוואָלוציאָנערער סביבה, ווו עס ברויזט איצטער מיט קאַמף און נאָכגעגעבן דעם פאָטערס פאַרלאַנג. אויך דאָ, אינעם נייעם לאַנד, האָט זיך אַ הייב געטאָן אַ כוואַליע פון רעוואָלוציאָנערער ברויזונג נאָך דער וועלט־מלחמה און נאָכן פאַלן פון צאַר אין רוסלאַנד. עס קומען אָן ידיעות וועגן שטרייקן און דעמאָנסטראַציעס. צי וואָלט ער אויך נישט געדאַרפט זיך אָנשליסן אין אָט דער באַוועגונג, וואָס איז אים יאָרן געווען אַזוי נאָענט און אייגן? צי האָט ער נישט אָפּגעגעבן אַ טייערן קרבן פאַר זיין פאָטערס עקשנותדיקן קלאַמערן זיך אין דער האַרטער ערד? דאָך פילט ער נישט קיין שום חרטה און עס ציט אים מער נישט צו די שוימיקע איבערקערענישן. ווייזט אויס, אַז די גרויסע גרוי־גרינע לאָנקע און דער שטילער הימל האָבן אָפּגעקילט זיין קאַמפּסלוסט. פאַר אַזאַ אויסגאַנג האָט אים טאַקע געוואָרנט די שיינע פריצישע וויקטאָריאַ. זי איז דאָך גערעכט געווען...

אָבער דער מוטערס געמיט האָט ער פאַרשטאַנען. אין אָט דעם מאָ־מענט ווען דער פאָטער האָט דערזען די מעגלעכע פאַרווירקלעכונג פון זיין חלום, דווקא איצט האָט די מוטער אויפגעציטערט. זי האָט שטיל געהאָפט, אַז ער וועט זיך סוף כל סוף מייאש זיין פון זיינע אַלע ראַנגלענישן, אַז ער וועט זיך איינברעכן און אַריבערפאָרן מיט דער משפחה אין דער קאָלאָניע פון די „ליטוואַקעס" און דאָרט זיך באַזעצן. זיי וועלן זיין מיט מענטשן גלייך, מיט יידן צוזאַמען און געניסן, אויב ס'איז יאָ באַשערט צו זיין ערד־אַרבעטער, פון וואָס עס לאָזט זיך נאָר. זי האָט גוט געוווּסט מיט וואָס פאַראַ עקשנות ניאַמע וואַרפט אָפּ די אָנבאָטן פונעם פעטער און פונעם מחותן, דעם מילנער, אַז ער זאָל זיך אַהין אַריבער־פעקלען. דאָך האָט זי געמיינט, אַז די צייט וועט אים איינבייסן. זי האָט

געבויט אויף דער אָפּשלעפּעניש פון אויפשטעלן אַ ישוב. און אפשר וועט צושפּילן אַ שוואַך יאָר, אַ היישעריק, אַ האָגל, אַ טריקעניש...

איצט האָט זי דערזען ווי איר איינציקע האָפענונג ווערט צו נישט. עס איז געקומען אַ פאַרלענגערונג פונעם דאָיקן גלות. ווידער וועט מען אונטערטראָגן אַ פּאָרציע צוזאָגן צו ניאָמעס אויפגעבלאָזענע האָפענונגען, און ווידער וועט מען זיך וואַלגערן אַליין אין אָט דעם העק און וואַרטן אויף עפּעס אַ משיח...

— איך וועל דאָ מער נישט בלייבן — האָט זי געכליפּעט — כ׳וועל אַריבערפאָרן צו די קינדער. מער וועל איך קיין צעריסן לעבן נישט פירן...

די „קינדער" האָט זי געמיינט דעם פאַרהייראָטן מאירן מיט זיין משפחה און די צוויי טעכטערלעך, מירעלע און רוזשקע, וואָס האָבן געלערנט אין דער קאָלאָניע פון די „ליטוואַקעס" און געזעסן דאָרט ווי אויף קעסט ביים פאַרמעגלעכן מחותן.

איך מאָל אין יאָר פלעגט באַשקע זיך אַרויפכאַפּן אויף דער פור און מיטפאָרן מיט ניאָמען אויף אַ באַזוך ביי די קינדער. זומערצייט פלעגן די מיידלעך אַראָפּקומען אַהער אויף די וואַקאַציעס און אַרויסהעלפן אין דער אַרבעט אין פעלד און אין הויף.

איצט, ווען ס׳איז געבוירן געוואָרן דאָס ערשטע אייניקל און עס האָט איר געטאָטשעט אַ באַהאַלטענער פּחד, אַז עס איז אויך, פונקט ווי די מאַמע, „אַ שטומע צונג", איז איר אויפן געמיט נאָך שווערער געוואָרן, און ווי עס ווייזט אויס, איז די בשורה וועגן נייעם פאַרוואַלטער געווען דער טראָפּן, וואָס האָט פול געמאַכט דעם ביטערן כוס.

ניאָמע איז געבליבן אין פאַרלעגנהייט, וואָס דווקא אין דער אָנווועזנהייט פונעם גאַסט האָט באַשקע זיך פאַרגינען אָפּצושפּילן אַזאַ סצענע. קיינמאָל האָט ער אַזעלכעס נישט געזען ביי איר. ער האָט זיך אַ ווענד געטאָן אין זשאַמעס זייט ווי צו זוכן ביי אים אַ שנעלע עצה.

— נו גוט, גוט שוין — איז זשאַמע אויפגעשטאַנען און זיין גרויסע האַנט אַרויפגעלייגט אויף איר צוקנדיקן אַקסל — ס׳איז גוט זיך אויס־צוויינען. מ׳קאָן דורך דעם אָפּוואַשן די צרות. אָבער באַשלוסן נעמט מען אָן נישט אין אויפרעגונג. מיר וועלן נאָך צייט האָבן צו זיצן און שמועסן געלאַסן.

ער האָט אַ ווונק געטאָן צו הערשלען און צום אונטערגעוואַקסענעם

שלומען און זאַלבעדריט זענען זיי אַרויס פון דער כאַטע, איבערלאָזנדיק די עלטערן אַליין אינעווייניק.

אין דרויסן האָט דער אָנהייב זומער זיך צעשפּילט מיט אַלע זיינע באַפרייטע ניגונים. די זון האָט שוין באַוויזן אויסצוקושן די פייכטע ערד און די אויסגעשטאַנענע פּאַשעפּעלדער האָבן זיך אַ הייב געטאָן מיט זייער גרויער פאַרביקייט און איינגעוויגט אין זייער אינגעווייד אָן אַ צאָל ווילדע חיהלעך און שפּרינגעוודיקע פייגל. אַרום הויף האָבן זיך אָנגעטראָגן טשאַטעס פייגל וואָס האָבן זיך געראַיעט אין די „קארראלן" (פאַרצוי־מונגען פאַר פערד און קי), אין די מיסטן, און איינער אַ מער פאַרשייטער האָט זיך אַפילו דערשלאָגן ביז דעם רויזנשטאָק און זיך צעזונגען אויף אַ צעבליט צווייגל. די צווייגן פון די איינציקע טאָפּאָליעס און טאַמאַריסקן האָבן זיך אָפּגעשאָטן מיט פרישן גרינס און זייערע אויסגעקרימטע צווייגן האָבן זיך געשטרעקט צו דער ווייטער וועלט. עטלעכע קי האָבן זיך געריבן און געפּאַדעט נישט ווייט פון הויף און זיך גערייצט מיטן גרויסן קודלאַטן הונט, וואָס האָט געגישטערט צווישן די הויכע גראָזן, דערנאָך האָבן זיי אַרויסגעלאָזט אַ הילכיקן מרוקען, פאַרריסן די עקן און זיך צעשפּרונגען איבערן פעלד. די פערד האָבן אויפגעהערט צו גריזשען דאָס גראָז און מיט אויפגעהויבענע קעפּ נאָכגעקוקט די צעבאַ־לעוועטע קי.

זאַלבעדריט זענען זיי געגאַנגען איבער אויסגעטראָטענע סטעזשקעס און זיך דערנענטערט צום ברונעם. פונעם שעפּן דאָס וואַסער און איבער־גיסן די קאָריטעס איז דאָרט געוואָרן אַ געדיכטע בלאָטע. זשאַמע האָט זיך אָפּגעשטעלט, באַטראַכט דעם זומפּ, ווו עס האָבן געראַיעט מחנות פליגן, און זיך אָנגערופן צו די ברידער:

— יאָ, דאָס וועט זיין אַן אויסגעצייכנטער אָנהייב. איר זעט? צוויי האָזן מיט איין שאָס וועלן מיר דערגרייכן: אויסטריקענען דעם זומפּ און פּתום ורעמסס אויסקנעטן...

ווען זיי האָבן אים אָנגעקוקט מיט נישט פאַרשטייענדיקע בליקן האָט ער צוגעגעבן:

— ווי עס זעט אויס, איז לייכטער אויפצוקלערן, ווי צו פאַרשטיין. וואָס איז דאָ אָבער פאַראַן נישט צו פאַרשטיין, קינדערלעך? פון דאַנען וועלן

מיר אַרויסציִען די ריכטיקע ציגל צו בויען אייער נייע שטוב. שוין צייט, קינדערלעך! הגיע הזמן של קריאת־שמע! וויפל צייט וואַלגערט איר זיך שוין אַזוי אין דער נאַרע? נו, מאַכט נאָר דעם חשבון...

דער חשבון איז אַ קלאָרער: שוין מער ווי פיר יאָר זענען פאַרביי. מ׳האָט צוגעשטעלט בלויז אַ קליין אַלקערל. איצט שלאָפן דאָרט, הערשל, שלום און דער גאַסט. די ענגשאַפט און די טוכלעקייט איז אין לשער. פון דרויסן זעט די כאַטע אויס נאָך מער נעבעכדיק — ווי אַן איינגענורעט שיפל אינעם גרויען ים פון די פּאַשעפּעלדער.

אָבער זשאַמעס הייטערקייט האָט נישט באַוויזן אָפּצווישן דעם שווערן רושם פון דער מוטערס געוויין. אויך הערשל האָט כמעט ווי נישט געגלייבט מער, אַז אין דער נאָענטער צייט זאָל פּאַרקומען אַן ענדערונג צום גוטן, אַז אַ יידיש דאָרף זאָל דאָ אויפגעשטעלט ווערן. אַ פאַרגיטיקונג פאַרן איינזאַמען לעבן, וואָס מ׳האָט דאָ געפירט דורך יאָרן.

— איך האָב מורא, אַז נישט דורך דער בלאָטע וועלן מיר אויסגעלייזט ווערן — האָט הערשל געפּרוּווט אָנשלאָגן אַ שווערע נאָטע — פון אָט דעם בערגל אַראָפּ, וועלן מיר, זעט אויס, נישט אַראָפּקוקן, ווי משה רבינו, צום צוגעזאָגטן לאַנד. אַ יידיש דאָרף וועט אפשר דאָ אויפגעשטעלט ווערן, אָבער נישט דורך אונדז.

— נאַרישקייטן, נאַרישקייטן, זאָג איך אייך! — האָט זשאַמע כמעט ווי אויסגעשריגן — איך האָב שוין איבערגעלעבט זאַכן, וואָס האָבן מיך על פּי שכל געדאַרפט צען מאָל צעברעכן, אָבער דאָס לעבן איז שטאַרקער פון אַלע צרות און איך שטיי פעסט אויף מיינע אויסגעדרייטע „גלאָמבעס״. די מוטער אייערע וועט זיך נאָך איבערלייגן, זי וועט דעם פּלאַץ נישט פאַרלאָזן. מען דאַרף זיך נאָר נישט אונטערגעבן. זי וועט זיך נאָך מישב זיין, גלייבט מיר אויפן וואָרט. מיר אַלע וועלן נאָך אונטערטראָגן זאַלץ מיט וואַסער די נייע אָנקומענדיקע קאָלאָניסטן. מאָרגן נאָך וועלן מיר פאַרקאָטשען די אַרבל און די הויזן־קאָלאָשעס... איר וועט זען.

איצט זענען זיי זאַלבעדריט געגאַנגען ביים ראַנד פון תבואה־פעלד. די ערשט אויסגעשאָטענע בליענדיקע זאַנגען האָבן זיך געבויגן לייכט און שפּילעוודיק אין מילדן ווינטל פון די פאַרמיטאָג־שעהן. ווילדע פייגל האָבן זיך צעפּייפּט פון דעם פעלד אַרויס און אויפן האָריזאָנט האָבן זיך געמי־ ניעט די בלוילעכע בערגלעך, וואָס האָבן פאַרשפּאַרט דעם אַרויסגאַנג צו

דער ברייטער וועלט. דער גרינלעכער פלעק פון דער ווייטער „עסטאנסיא״ און די מיניאַטור־שטיבעלעך פון די פּאַכטערס האָבן מאָמענטנווייז געמאַכט פאַרגעסן אין עדר איינזאַמקייט, אָבער די ברייטע פּאַשע־לאַנקעס און די צעשניידנדיקע סטעזשקעס האָבן אָנגעוויזט אַן אומבאַהאָלפנקייט קעגן דער אַרומיקער ווילדקייט; וווּ־נישט־ווו זענען די פּאָלדן פונעם וויצנפעלד געווען אויסגעגריזשעט פון ווילדע חיות און פון פאַרבלאָנ־דזשעטע קי אָדער חזירים.

זשאַמע האָט מיט זיי פאַרקירעוועט אויף צוריקוועגס און זיך אָנגערופן:

— קומט, קינדערלעך. שוין צייט אַ שווענק צו טאָן דעם גאָרגל מיט אַ ביטערער מאַטע. היינט וועל איך עס צוגרייטן אַליין ביי אַ פייער אין דרויסן. מיר וועלן זיצן און טרינקען אונטער אָט יענעם טאַפּאַליע־ביימל. אמת, ער האָט נישט אַזאַ שאָטן ווי דער ברייטער „„אָמבו״ ביי דער ראַנטשאָ פון דאָן קאַסטראָ. אָבער מיר דאַרפן מאַכן דעם אָנהייב דווקא היינט און זיך פאָרשטעלן, וואָס עס וועט זיין אונטער דעם בוים אין אַ יאָר אַרום. דאָס וועט אונדז שוין געבן די ריכטיקע קילקייט, איר פאַרשטייט? טרינקען מאַטע אונטער דעם ערשטן בוים פון „די זיבן פיילן״... מיר וועלן עס טאָן ווי אמתע דאָרפס־מענטשן...

ווען זיי זענען אַראָפּ אין דער כאַטע, האָט שוין דאָרט אין דער פּליטקע פריילעך געטרעשטשעט אַ פייערל. באַשקע איז געזעסן ביים טיש, אָנגע־שפּאַרט אויף אים די עלנבויגנס און אַריינגעקוקט אין אַ צפון־אַמעריקאַנער יידישער צייטונג. ניאָמע איז געשטאַנען מיטן רוקן צו דער טיר און ער האָט געדולדיק געגישטערט אין די בלעכענע פּושקעס אויף די פּאָליצעס.

— אָט, אָט, דאָס איז עס דאָך וואָס מיר אַלע דאַרפן איצט — האָט זשאַמע אַ זאָג געטאָן אין חלל פון דער כאַטע — עס חלשט זיך אַ שווענק צו טאָן דעם גרגרת... אָבער נישט אין אָט דער ענגשאַפט. מיר וועלן עס טאָן אין דרויסן, מיט אַלע מענטשן גלייך...

ניאָמע האָט זיך אויסגעדרייט און באַטראַכט די אַריינקומענדיקע: דריי... דריי מלאכים — האָט אים דער געדאַנק אַ טראָג געטאָן ערגעץ אין עק פון אַן אַנדער מדבר... גוט האָבן זיי געטאָן, וואָס גראַד איצט האָבן זיי זיך באַוויזן אויפן שוועל.

— מיט אַלע מענטשן גלייך, אָדער מיט אַלע גוים גלייך? — ניאָמע

האָט גוטמוטיק אַ שמייכל געטאָן צו זשאַמען — נישט אַלע קאָנען זיין מיט אַלע גוייִם גלייך.

— יאָ, מיט אַלע מענטשן גלייך, אויך מיט אַלע גוייִם גלייך. מ׳קאָן אויך פון זיי עפּעס זיך לערנען.

באַשקע האָט ווייטער געלייענט אין דער פונאַנדערגעשפּרייטער צייטונג. דערנאָך האָט זי אַ שנעלן וויש געטאָן מיט דער האַנט איבער די אותיות. עס איז שווער געווען אויפצוכאַפּן צי איז דאָס געווען אַ לעצטע טרער, וואָס האָט זיך אַראָפּגעקייקלט, אָדער אַ זלידנע פליג, וואָס האָט געזשומעט און זיך געשטעלט אַקוראַט אויף דער געלייענטער שורה.

דריטער קאַפּיטל

וואַלטער ברוק און זיין נייער פּרווו

וואַלטער ברוק האָט זאָרגפעליק פאַרקעמט זיין שוואַרצע באָרד, וואָס האָט אין לייכטע קרויזן זיך אַראָפּגעלאָזן און פאַרדעקט דעם האַרטן קראַגן פון זיין בלאַנק־ווייסן העמד. ער האָט אַרויפגעצויגן דעם דינעם העלן ראָק איבערן פאַרשפּיליעטן קאַמזויל, אויף וועלכן עס האָט זיך געבאָמבלט פון קעשענע צו קעשענע די גרויסע זילבערנע קייט פון טאַשן־זייגער. פון צייט צו צייט האָט ער דעם זייגער, פון געוויינהייט וועגן, אַרויסגעצויגן און נאָכגעפאָרשט דעם גאַנג פון די ווייזערס. נאָך דעם ווי ער האָט מיט אַ פילצענער שמאַטקע אָפּגעפּוצט דעם שטויב פון די ברוינע שטיוועלעך האָט ער אויפן לייבן־קאָפּ אַרויפגעזעצט דעם ברייטן זומערדיקן קאָריק־הוט און אַריינגערופן דעם טונקלהויטיקן באַדינער:

— אויב די דראָזשקע איז גרייט, כעראָנימאָ, וועל איך באַלד אַרויספאָרן.

דער באַדינער האָט אַ פינקל געטאָן מיט זיינע נאַכט־אויגן און מיט חידוש באַטראַכט ווי די שיך פונעם באַלעבאָס זייגעם גלאַנצן שוין. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ ווייך בערשטל פאַר שוך־פּוצן. שנעל האָט ער פאַררוקט די האַנט הינטערווײלעכץ און אַרויסגעשטאַמלט:

— אַלץ איז גרייט, מי סעניאָר, אָבער צי דען וועט איר אַליין פאָרן?

— יאָ, אַליין. וואָס איז דען? מיינסט, כעראָנימאָ, אַז איך וועל אַהין נישט דערגרייכן? פאַרלאָז זיך אויף מיר, מיין קינד, איך האָב גערן אַליין צו פאָרן און אָנטרייבן. דאָס פאַרווײלט מיך זייער... אויסער דעם וועל איך זיך נאָכפרעגן אויפן וועג...

דאָס איז נישט געווען קיין סתם קאַפּריזנע אַרויסשטעלן זיך. וואַלטער

ברוק פלעגט אָפּנהאַרציק דערציילן זיין באַדינער, וואָס אים איז גערן און ליב.

מיט אַ נישט געמאַכטער לייכטקייט איז ער אַרויפגעשפּרונגען אויף דער לאַקירטער דראָזשקע און זיך אַרויסגעלאָזן איבערן שטעטל. דורכגייער האָבן אויסגעדרייט דעם קאָפּ און באַטראַכט די פּאַטריאַרכאַלע געשטאַלט פונעם הער, וואָס זעט אויס צו זיין פון אַדעליקן אָפּשטאַם און דאָך טרייבט ער אַליין די פערד. זייערע פּאַדקאָווועס האָבן צוגעקלאַפּט אויפן איינציקן אויסברוקירטן שאָסיי פון שטעטל. די איבעריקע גאַסן זענען געווען אָנגעשאָטן מיט געלן זאַמד, געמישט מיט ווייכן „טאָסקאַ״-שטיין. פון צייט צו צייט האָט וואַלטער ברוק באַגריסט די דורכגייער מיט אַ טיפן נייג פון זיין קאָפּ אָדער מיט אַ פאָכען פונעם האַרטן הוט, וואָס ער האָט איילנדיק אַראָפּגעצויגן און עלעגאַנט אָנגעטאָן פון דאָס ניי.

ווען ער האָט שוין געלאָזן הינטער זיך די קרייזשטאָט און פאַר אים האָט זיך צעעפנט די ברייטקייט פון די אַרומיקע פעלדער, האָט ער טיפער אָפּגעאָטעמט און פאַרמינערנדיק די שנעלקייט פונעם פאָרן, האָט ער געקאָנט מיט אַ קלאָרן געדאַנק זיך אַוועקלאָזן איבער די סטעזשקעס פון פאַרגאַנגענע טעג און יאָרן.

אָט דער נייער פּאָסטן אַלס פאַרוואַלטער אין דער נאָך נישט באַוווינטער געגנט, האָט געדאַרפט זיין אַווענדפּונקט אין זיין קאַריערע אַלס אָנגעשטעלטער פון דער „געזעלשאַפט״. פון אַלע קאַנדידאַטן וועמען מ׳האָט פאָרגעשלאָגן די דעליקאַטע אויפגאַבע צו שאַפן אַ ניי יידיש דאָרף, איז וואַלטער ברוק געווען דער איינציקער, וואָס האָט דערויף איינגעשטימט אָן שום וואַקלונגען. ער האָט עס געטאָן טראָץ דער אומבאַשטימטקייט וועגן דער ראָל, וואָס ער דאַרף שפּילן און וועגן דעם מענטשן-מאַטעריאַל, וואָס וועט שטיין צו זיין דיספּאָזיציע.

שוין מער ווי אַ צענדליק יאָר, ווי ער האָט זיך פאַרגענומען אָפּצוגעבן אַלע זיינע פעיקייטן אויף צו באַזעצן יידן, אויסגעוואָרצלטע פון די אַלטע היימען, אויפן באָדן וואָס דער ברייטהאַרציקער און רייכער באַראָן האָט איינגעשאַפט.

אַליין האָט ער שטודירט אויף ראַבינער אין דייטשלאַנד, ווו ער איז געשיקט געוואָרן דורך זיינע קראָקעווער אָרטאָדאָקסישע עלטערן. זיי האָבן

עס געטאָן ווי אַ קאָמפּראָמיס־שריט מיט די נייע השכלה־ווינטן, וואָס האָבן אָנגעוויעט אויף דער יידישער יוגנט אין מזרח־אייראָפּע. ער האָט אָבער זיין טעאָלאָגישן שטודיום נישט פאַרענדיקט צוליב זיינע שרייבער־ריש־פאַרשערישע נייגונגען. אָבער דער עיקר איז זיין אָפּזאָגן זיך פון דער ראַבינער־קאַריערע געקומען צוליב די ידיעות, וואָס זענען צו אים דער־גאַנגען וועגן אויסטערלישן פּרווו צו באַזעצן יידן אויף ערד אין דער ווייטער אַרגענטינע. ער האָט זיך אָנגעלייענט מיט סתירהדיקע אינפאָר־מאַציעס, וואָס זענען דערגאַנגען קיין אייראָפּע. דאָרט האָט מען געקאָנט לייענען אין די צייטונגען וועגן דיליידן פון די קאָלאָניסטן, וועגן אָנפאַלן פון די איינגעבוירענע, וועגן בונטעווען זיך פון די נישט־דערפּאַ־רענע נייע יידישע פּויערים, וועגן די שווערע קלימאַטישע באַדינגונגען, און דער עיקר האָט זיך געטומלט אַרום דער אויפפירונג פון די הויכע און קלענערע באַאַמטע פון דער קאָלאָניזיר־„געזעלשאַפט״, וואָס האָבן געמאַכט צו קליינגעלט די גרויסע וויזיע פונעם באַראָן, אַרויסגעצויגן פּערזענלעכע נוצן פון די אַדמיניסטריר־פּאָזיציעס זייערע און אַרויס־געשלאָגן די נשמהדיקייט פונעם ווערק.

דעמאָלט האָט ער זיך נישט פונאַנדערגעקליבן אין אָט דער דיסקו־סיע, אָבער ער האָט געפילט, אַז דאָרט, אין קנויל פון צוזאַמענשטויסן און שוועריקייטן, שטייט מען אויפן שוועל פון אַ ווענדונג פאַר די, וואָס זענען פאַרטראָגן געוואָרן צו נייע אומבאַקאַנטע ברעגן. עס איז נאָר אַ פראַגע ווער עס וועט דאָ גאַנץ אַרויס פון אָט דעם וויכוח. אין דעם איז געווענדט די הצלחה פון אַ וויכטיק קאַפּיטל אין יידישן לעבן. ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם עצם־געדאַנק יידישע קאָלאָניזאַציע און ער האָט באַשלאָסן צו שטעלן זיך אין דינסט פון אָט דער אונטערנעמונג. ער האָט אָבער געוווּסט, אַז כדי זיין וואָרט זאָל האָבן וואָג און אָנזען, דאַרף ער זיך אַליין מכשיר זיין צו אָט דער אויפגאַבע. ער האָט פאַרלאָזן די ראַבינער־שול און זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט יענעם ווייטן און עקזאָטישן קאָנטינענט: ער האָט אָנגעהויבן לייענען וועגן די אָרטיקע פעלקער און זייערע געוווינהייטן, ער האָט געזוכט און געניש־טערט אין אַלע קוואַלן די שפּורן פון די ערשטע יידן, פאַרבאַהאַלטענע און אָפענע, וואָס האָבן זיך דערשלאָגן צו די ברעגן פון יענער וועלט. שפּעטער האָט דאָס אים געדינט ווי אַ קוואַל פאַר שעפערישער פאַראינטערעסירונג

מיט די יידן אין שפּאַנישן אַמעריקע. אויסער דעם האָט ער געלערנט וועגן די קלימאַטישע באַדינגונגען פון יענע לענדער, וועגן דעם באָדן פון די פאַרשידנסטע געגנטן און פאַר זיין אָפּפאָרן מיט דער שיף האָט ער נאָך דורכגעמאַכט אַ שנעלן אַגריקולטור־קורס בעת זיינע באַזוכן אין אַ רייע פאַרמס אין דייטשלאַנד און אין פראַנקרייך.

און נאָך עפּעס האָט ער אָפּגעמאַכט ביי זיך: ער וועט, ער מוז דערלערנען פון דער נאָענט די רעקרוטירטע מאַסן, באַשטימטע פאַר אָט דער קאָלאָניזאַציע; ער וועט תופס זיין זייערע מחשבותן, בודק זיין די מאָס פון אידעישן צוגאַנג זייערן און פילן די שטויס־מאָטיוון, פאַרוואָס דווקא גייען זיי קיין אַרגענטינע, אין דער צייט ווען דער גרויסער עמיגראַציע־שטראָם ציט זיך קיין צפון־אַמעריקע; פאַרוואָס דווקא צו ערדאַרבעט, אין דער צייט ווען דער רוב עמיגראַנטן שטרעבן אַרויפ־צואַרבעטן זיך אין דער נייער וועלט דורך מסחר. דערפאַר האָט ער באַשלאָסן מיטצופאָרן מיט אַ טראַנספּאָרט יידן, וואָס איז באַשטימט פאַר דער אונטערנעמונג. ער איז אַוועק קיין פּאַריז, זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דער דירעקציע פון דער „געזעלשאַפט" און פאַר איר אַרויסגעלייגט זיינע פּלענער. ער וועט זיי באַגלייטן, נישט ווי אַ אינסטרוקטאָר, נאָר ווי אַ רייזנדער, וואָס לאָזט זיך אַרויס אויסקוקן די נייע וועלט. אויף דער שיף, אויף די פאַרשידענע סטאַנציעס, וועט ער האָבן די געלעגנהייט צו באַטראַכטן אָט די מענטשן, מיט וועלכע ער וועט שפּעטער קומען אין פּערזענלעכער ענגער באַרירונג. פון אַזאַ רייזע וועט ער קאָנען לערנען די וועגן פון זיין שפּעטערדיקער טעטיקייט. אַלס פּשוטער פרעמדער מיטרייזנדער וועט ער מער קאָנען געווינען זייער צוטרוי, ווי אַלס באַטייליקטער אין דער גרופּע.

צוויי חדשים האָט ער זיך געשלעפּט מיט זיי אויף אַן אַלטער איטאַ־ליענישער שיף און ביז היינט איז אָט די רייזע געבליבן איינגעבאַקן אין זכרון און געגעבן אים דעם שליסל צו פאַרשטיין די געדאַנקען־וועלט פון די צוקונפטיקע ערדאַרבעטער.

מער ווי פופצן יאָר זענען שוין פאַרביי זינט דעמאָלט, און איצט שטייט ער ווידער ווי פאַרן אָנהייב פון זיין קאַריערע. נאָך דורכגעמאַכטע ראַנגלענישן צווישן די צוויי פונאַנדערגעריסענע לאַגערן, איז ער אַליין

פאַרבליבן דער זעלבער פאַנטאַזיאָר, וואָס האָט זינט יאָרן געוואָלט דערנענטערן די צוויי צדדים, אָבער כמעט ווי אָן הצלחה.

איצט פאָרט ער אָנהייבן אַ ניי קאַפּיטל. דאָ וועט ער פּרוּוון אָנווענדן זיינע דערפאַרונגען, איינגעשאַפּענע דורך יאָרן.

אויפן אָרט וווּהין ער פאָרט איצט, זיצט שוין יאָרן אַ יידישע משפחה און וואַרט אויפן גואל. זייער זיצן אויפן פּלאַץ האָט זיי איינגעשאַפט רעכטן, מיט וועלכע ער וועט זיך דאַרפן רעכענען. צי וועט דאָס זיין אַ באַזע פאַר אָן אָנהייב, אָדער גאָר אָן אבן־נגף אויף זיין וועג?

פון ביידע זייטן זיבנדראַטיקן צוים האָבן זיך געשפּרייט רחבותדיקע פעלדער, וואָס האָבן זיך עטוואָס געבויגן דורך קליינע בערגלעך באַדעקטע מיט הויכע פאַשעפעלדער. די הויכע „פונא״־קוסטעס האָבן עדות געזאָגט אויף פעטער בתולה־ערד און פאַרבאָרגענער פּרוכטבאַרקייט.

טיילמאָל האָט ער אָפּגעשטעלט די דראָזשקע און מיט זיינע ווייכע פינגער אויסגעפּרוווט די קוואַליטעט פונעם באָדן. ער האָט אַרויס־געצויגן פון אַ לעדערנער שייד צוזאַמענגעדרייטע מאַפּעס און געצייכנטע פּלענער און זיך פאַרטיפט אין די קאָמפּליצירטע ליניעס אויפן דיקן גלאַנציקן פּאַפּיר.

עס איז שוין געוואָרן אַ געוווינהייט ביי וואַלטער ברוק בודק צו זיין מיט אַ באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט דעם באָדן, אויף וועלכן ער טרעט און דאַרף האָבן אַ שייכות מיט יידישער דאָרפישער קאָלאָניזאַציע. אָט די געוווינהייט איז געקומען פון געשעענישן, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט נישט ווייניק סקאַנדאַלן און רייבונגען.

אָט איז דער בולטסטער פאַל פון אומגעפער אַ צען יאָר צוריק, בעת אַ קאָלעקטיוון באַזוך אויפן באָדן אין פאַרוואָרפענעם העק פון די דרום־געגנטן. אַ גרויסער גוטבאַזיצער האָט פאַרגעלייגט דער „געזעל־שאַפט״ צו פאַרקויפן איר עטלעכע צענדליק טויזנט העקטאַר באָדן אויפצו־בויען דאָרט אַ יידישע קאָלאָניע. אַ גרעסערע גרופּע פאָרשטייער פון דער „געזעלשאַפט״, און צווישן זיי ער, האָט זיך אַרויסגעלאָזט צו די ברייטע שטחים, כדי זיך איבערצוצייגן צי דער באָדן איז פּאַסיק. שוין אויפן ערשטן בליק האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די ערד איז כלל נישט קיין גוטע און דער קלימאַט — אַ שווערער פאַר די נישט־געשולטע און ניי־אָנגעקומענע אימיגראַנטן. נאָך עטלעכע שעה פון אַרומבלאָנקען און

באַטראַכטן די פּלאַרע פון דער געגנט, האָט וואַלטער ברוק זיך אַרויס־געזאָגט קעגן דער טראַנזאַקציע. פּאַקטיש איז דאָס נישט געווען די איינ־ציקע אומגעלונגענע טראַנזאַקציע, וואָס די יורשים פונעם באַראָן האָבן דורכגעפירט, אָבער דאָס איז געווען דער ערשטער פּאַל ווען אַ מיטבאַ־טייליקטער אין דער עקספּעדיציע האָט זיך שאַרף קעגנגעשטעלט צו קויפן דעם באָדן.

אָבער די אַנדערע עקספּעדיציע־מיטגלידער האָבן אַנדערש געטראַכט. אין ערשטן מאָמענט איז אים שווער געווען אויפצוכאַפּן דעם מאָטיוו פון זייער באַגייסטערונג כמעט אָן אָנצוטאַפּן און אויסקוקן דעם באָדן, אָבער שפּעטער האָט ער זיך דערגרונטעוועט און דערגאַנגען דעם סוד פון אָט דעם רעטעניש. דאָ איז געווען פאַרשטעקט אָן אָפּערע מיט די געלטער פונעם באַראָנס אוצר, וואָס האָבן געלאָקט דעם אַפּעטיט פון אַוואַנטוריסטן און שווינדלער. שווערע סומעס פונעם באַראָן זענען באַגראָבן געוואָרן אין די זאַמד־בערגלעך צוליב דער גייציקייט פון באַאַמטע.

שוין אויפן פּלאַץ איז אויסגעבראָכן אַ שאַרפע דיסקוסיע צווישן וואַלטער ברוקן און די איבעריקע מיטגלידער פון דער גרופּע, אין וועמענס שפּיץ עס איז געשטאַנען אַ הויכער באַאַמטער מיט אַן אינזשעניר־טיטל. זיי האָבן פון אים חוזק געמאַכט און צו נישט געמאַכט זיינע באַמערקונגען.

נאָך אַ קורצן און שאַרפן ווערטער־אויסטויש, האָט ער זיי געמאָלדן, אַז ער וועט צושטעלן זיינס אַ פּערזענלעכן און נעגאַטיוון באַריכט וועגן דער געפּלאַנטער טראַנזאַקציע. ער האָט אָבער נישט געוואָלט שטעלן אויף אַ געכאַפּטן באַזוך פון עטלעכע שעה און באַשלאָסן צו בלייבן אַ פּאָר טעג אויפן אָרט, כדי גרינטלעכער צו שטודירן די באַדינגונגען פון דער געגנט.

זיי האָבן געלאַכט פונעם „מומחה" און אָפּגעפאָרן. ער אַליין איז פאַר־בליבן אין דער וויסטע און רייטנדיק אויף אַ מאָגער פערדל, וואָס ער האָט געדונגען ביי אַ נאָענטן „פּוּעסטעראָ", האָט ער זיך אַוועקגעלאָזן איבער די זאַמד־בערגלעך מיט זייערע מאָגערע גרינע פלעקן און אָפּגע־שטאָט באַזוכן אין די פאַרוואָרפענע און צעשפּרייטע ראַנטשאָס פון די פּי־פאַסטעכער, אויסגעפרעגט זיי וועגן קלימאַט, וועגן די רעגנס אין דער געגנט און וועגן די ווינטן. ער האָט טועם געווען פון די ברונעם־וואַסערן און דערפילט זייער געזאַלצנקייט. כמעט אַלע איינוווינער פלעגן פון דעם

וואַסער באַקומען ברוין־טונקעלע צײַן. ער האָט אויסגעפּאָרשט די זאַמד־בערגלעך וואָס האָבן ווי דוינעס געוואַנדערט פון פּלאַץ צו פּלאַץ. די פּאונע האָט אויף אים געמאַכט אַ דערדריקנדיקן אײַנדרוק. די קי זענען געווען מאָגערע, די פערד — ביינערדיקע. די פעלדער האָבן געוויאַנעט פון די לאַנגע טריקענישן.

ער האָט זיך געאײַלט צו דער הויפּטשטאָט און אין פּאַרשטויבטן וואַגאָן נאָך, בעת דער צוואַנציק־שעהדיקער באַן־רײַזע איבער די אומענד־לעכע פּלאַכלענדער, האָט ער צוגעגרייט זײַן באַריכט צום דירעקציע־ראַט פון דער „געזעלשאַפט". ער האָט קאַטעגאָריש זיך קעגנגעשטעלט דעם קויף־פּראָיעקט, וועלכן ער האָט באַצייכנט ווי אַ „פּאַרשווענדערישע אַפּערע".

אָבער זײַן מיינונג איז נישט אָנגענומען געוואָרן. עמעצער האָט זייטיק אָנגעוווּנקען, אַז דער „פּסעוודאָ־אַגראָנאָם" פּאַרשטייט אפשר עפּעס וועגן „קראָקעווער ווורשט און לעמבערגער קעז", אָבער נישט וועגן ערד־ענינים. — דאָס איז געווען אַ מין קאַפּוליער אָנצוהערעניש אויף זײַן גאַליציאַנער אָפּשטאַם. דער באָדן איז אײַנגעקויפט געוואָרן פאַר גאָר הויכע פּרייזן.

און דער סוף? ביז היינט מאַטערן זיך דאָרט עטלעכע הונדערט יידישע קאָלאָניסטן און זיי קאָנען זיך נישט אַרויסדראַפּען אויף אַ זיכערער אויבערפלאַך. וויפל באָדן מ׳האָט זיי נישט צוגעטיילט, איז עס אַלץ נישט גענוג און די פּאָר לעבלעך־געראָטענע יאָרן ווערן שנעל אײַנגעשלונגען פון די טרוקענע און הונגעריקע. די ווינטערס מיט זייערע שטורעמס צעטראָגן די פּאַרזייטע שטחים און דער דלות פּייפט אין די הײַזער פון די יידישע פּויערים.

איצט, נאָך צען יאָר, האָבן זיך אויפגעהויבן גרופּקעס קאָלאָניסטן כדי צו זוכן נײַע געגנטן. ווער עס גרייט זיך צו פאָרן אויף רעגירונגס־באָדן אין די צפון־געגנטן און ווער עס איז גרייט ווידער צו פּרוווּן מזל אין ניי־אויפגעקומענע קאָלאָניעס פון דער „געזעלשאַפט".

ער האָט דורכגעזיפּט צווישן זײַנע פינגער די טונקל־גרויע ערד, זײַן אויג האָט זיך געטונקען אין ים פון די שפּעדיקע פּאַשעפּעלדער. אײַלנדיק האָט ער זיך אַרויפגעכאַפּט צוריק אויפן פּאַטאָנדל און אָנגעטריבן דאָס פערדל מיט מער פלינקייט, ווי ער זאָל מורא האָבן צו פּאַרשפּעטיקן צו

אַ גרויס געשעעניש. אַ העלע שיין האָט אַ בליאַסק געטאָן אין זיין מוח: פּאַרוואָס נישט נעמען אַ טייל פון אָט די אַנטוישטע אָבער דאָך אויסגעפּרוווטע און איינגעאַרבעטע יידישע פּויערים פאַר דער נייער קאָלאָניע, וואָס ער איז באַשטימט געוואָרן איר אויפצובויען? און וואָס וועט זיין, אַז דער שוין זיצנדיקער ייד דאָרט מיט זיין משפּחה וועלן זיך אַנטקעגנשטעלן אַזאַ מין פּלאַן? ס'איז קלאָר, אַז ער וועט זיך מוזן רעכענען מיט דער מיינונג פון אָט דעם מאָדנעם עקשן און אויסהערן זיינע טענות. ווי ער האָט געהערט, איז דאָס אַ באַזונדערער טיפּ, וואָס איז צוגעזאָגטן געוואָרן צום באָדן און לאָזט זיך נישט רירן פון אָרט אין דער אומבאַוווינטער פרעמדער וועלט. געהערט האָט ער אויך, אַז דער ייד שרייט און פאָדערט, אַז אַ יידישער ישוב זאָל דאָרט אויפגעבויט ווערן און דאָס וועט זיין דער שכר פאַר אַלע זיינע שווערע יאָרן. נאָך איידער ברוק איז באַשטימט געוואָרן ווי אַן אַדמיניסטראַטאָר אין דער נייער געגנט, האָט ער זיך געגרייט צו באַזוכן די מאָדנע משפּחה. אָבער כל זמן ער האָט נישט געהאַט דעם אויפטראָג צו ברענגען עפּעס פון אַ בשורה און פון אַ דורכגעטראַכטן פּלאַן, האָט ער נישט געוואָלט קומען אַהין מיט סתם אויפמונטערונג, אָן וועלכן עס איז יסוד. איצט, ווען ער טראָגט אין טאַש די אָנהייב־פּלענער נישט נאָר פאַר איין קאָלאָניע, נאָר פאַר אַ נעץ פון פּויערים־גרופּקעס מיט אַ יידיש שטעטל, וואָס וועט אויפגעשטעלט ווערן ביי דער באַנליניע — איצט וועט ער דערוואַרעמען דאָס האַרץ פון דער משפּחה און איר פאַרלייגן דעם פּלאַן איבערצופירן אַהער די אַנטוישטע פּויערים פון די זאַמד־דוינעס און זיי געבן די געלעגנהייט ווידער צו בויען אַ נייע היים. ער האָט געוווסט, אַז די זאַך איז נישט אַזוי פּשוט אויסצופירן אין דערווירקלעכקייט, ווי דאָס שטעלט זיך פאַר אין אויפגעפלאַמטן צעשפּילטן מוח. נישט אַלע, וואָס וועלן אַהערקומען, וועלן מיט דעם זעלבן פייער פון די ערשטן יאָרן זיך אַריינוואַרפן אין דער אַרבעט. נישט וויניק טענות איבער פאַרגאַנגענע טעג און פאַרשאָלטענע יאָרן וועלן זיך אויסגיסן אויף זיין קאָפּ. מיט ווירטשאַפט איז פּונקט ווי מיט ליבע: אין דער ערשטער ליבע גלייבט מען בלינד און נאַיוו; ביי דער צווייטער איז מען אויסגערעכנט און פאָרזיכטיק.

אויף אָט דעם געביט, ביים שטודירן די פּסיכאָלאָגיע פון די יידישע פּויערים־קאַנדידאַטן, האָט זיך שוין ביי אים אָנגעזאַמלט אַ היפּשע דער־

פאַרונג. די דערפאַרונג איז געקומען ביי אים נאָך פון יענע טעג, ווען ער איז ביז איבערן קאָפּ אַריינגעדרונגען אין די רייבונגען צווישן די קאַנדידאַטן אויף יידישע פויערים און די יורשים פון באַראָן, די וואָס האָבן פאַרוואַלטעט מיט זיינע פעלדער.

נישט שטענדיק זענען דער אמת און די גערעכטיקייט געווען אויף דער זייט פון די קאָלאָניסטן. אָבער די פאַרוואַלטער זענען על פּי רוב געווען געקנאָטן פון אַסימילאַטאָרישן טייג און זיי האָבן נישט געהאַט קיין וואַרעמע יידישע באַציאונג צום ווערק, וואָס האָט פאַרלאַנגט אַ סך האַרציקייט. צו די קאָלאָניסטן האָבן זיי זיך באַצויגן שטייף און געמאָנט פון זיי דיסטאַנץ. דאָס איז געווען אַ מין פּלעיאַדע פון אויסגעדינטע מיליטערלייט אָדער אינזשענירן, וואָס האָבן צו ערדארבעט געהאַט אַ קנאַפּע שייכות.

אויך די קאָלאָניסטן־מאַסע איז נישט געווען איינהייטלעך אין איר צוזאַמענשטעל. נישט שטענדיק און נישט אַלע זענען באַהערשט געווען פונעם אידעאַל פון „אין דער סאָכע ליגט די מזל־ברכה". — עס האָבן זיך איינגעדרענגט אויך גייציקע און קליינלעכע טיפּן, וואָס האָבן געזוכט און אויסגענוצט קאָנפליקטן; עס זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן געזיייט פאַרדאַכטן און אויפברויז, און אַ באָדן פאַר אומרו איז שטענדיק געווען. אַפילו גוט־מיינענדיקע ערדאַרבעטער זענען נישט איין מאָל אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער נעץ פון אינטריגעס און רייסערייען.

פון די ערשטע טעג ווען ער איז נאָר געקומען אין באַרירונג מיט די קאָלאָניסטן אין פּאַטענץ, בעת יענער רייזע פון איראָפּע ביז צו די ברעגן פון אַרגענטינע, האָט ער געהאַט די געלעגנהייט צו באַטראַכטן פון דער נאָענט די מענטשן, וואָס האָבן געדאַרפט אויסטראָגן דעם גרויסן חלום פון באַראָן.

זיין ערשטע באַגעגעניש מיט זיי איז געווען אין אָדעסער פּאָרט. דאָרט האָבן די הונדערטער אימיגראַנטן געדאַרפט אַרויפשטייגן אויף דער שיף, דורכקרייצן דעם שוואַרצן ים און זיך דערשלאָגן צו אַן איטאַליענישן פּאָרט, ווו זיי האָבן געזאָלט נעמען אַ גרעסערע טראַנסאַטלאַנטישע שיף.

פאַרן אַרויפגיין אויף דער אַלטער צעפּאַרענער שיף האָט אַ פאַרשטייער פון פּעטערבורגער קאָמיטעט פאַר עמיגראַציע געהאַלטן פאַר זיי

אַ פּלאַמיקע רעדע, זיי באַצייכנט ווי פּיאָנערן, וואָס ווענדן אויסלייגן אַ וועג אין דער מדבר. ער האָט פון זיי געמאָנט אַחריות, אָפּצוהיטן די גוטע זיטן לגבי דער דרויסנדיקער וועלט. „איר וועט טראָגן דעם נאָמען פון פאָלק ישראל צווישן די פעלקער און איר דאַרפט אים היטן ווי דאָס שוואַרצאַפּל פונעם אויג. פון אייער אויספירונג און אויסדויער אַלס ערד־אַרבעטער איז אָפּהענגיק דער גוטער נאָמען פון יידישן פאָלק אויף אַלע דורות"... ער איז גערעכט געווען, אָט דער שפּיציק־בערדלדיקער עסקן. דער נאָמען פון די ערשטע יידן אויפן נייעם קאָנטינענט איז נישט איין מאָל געוואַלגערט געווען אין בלאָטע צוליב די מיאוסע ברואים פון אַחינו בני ישראל, וואָס האָבן זיך אַוועקגעלאָזן אויפן וועג פון שענדלעכע פּרנסות, פון ווייסן שקלאַפן־האַנדל, פון פאַרשפּרייטן דעם זנות צווישן די מאַסן אימיגראַנטן, וואָס אין זייער רוב זענען זיי געווען נישט פאַרהייראַטע יונגעלייט.

אין אָדעסער פּאָרט האָט דעמאָלט געווימלט מיט הונדערטער מענטשן, וואָס זענען געקומען צוזאַמען מיט די צוקונפטיקע יידישע פּויערים אויפן וויטן קאָנטינענט. עס זענען געקומען משכּילים און העברעישע שרייבער פון אָדעס, וואָס האָבן פּאַראיבל געהאַט אויפן „צעדרייטן באַראָן" צוליב זיין אַריינבראָקן אַזאַ מטמון ערגעץ אין עק וועלט און נישט אין לאַנד פון די אָבות. אַנדערע האָבן זיי דווקא צוגעווונטשן הצלחה און אַ געזונט יידיש לעבן אויף דער נייער ערד. עס זענען אויך געקומען יידישע אינטע־ליגענטן און אַנטוישטע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן אָנגעהויבן זוכן אַ פיזישן און גייסטיקן אָנהאַלט אויף יענער זייט ים. אַ טייל פון זיי האָט זיך געקליבן קיין ארץ־ישראל אַלס ערדאַרבעטער אין די קאָלאָניעס פון אַן אַנדערן באַראָן; אַן אַנדער טייל האָט שוין געוואָרפן אַן אויג צו דער גרויסער צפון־רעפּובליק פון אַמעריקע, ווו עס האָט זיך שוין קאָנצענ־טרירט אַ היפּשע „שאָפּ"־אַרבעטערשאַפט, צווישן וועלכער סאָציאַליסטישע עסקנים האָבן שוין געקאָנט צעפירן זייערע הענט. און נישט ווינציקע האָבן געלייגט זייער האָפענונג אויף דער קאָנצענטראַציע פון יידישע פּויערים אין דער ווייטער אַרגענטינע, ווו אַלץ איז נאָך פריי און אָפן, ווו עס ווייזן זיך די ערשטע סימנים פון אַ קאָמפּאַקטער טעריטאָריע פאַר מאַסן יידן. אין פּאָרט האָט געררוישט און געטומלט מיט יידן פון אַלע קלאַסן, וואָס האָבן געפירט הייסע וויכוחים. עס האָבן זיך געשאַפן גרופּעס, וואָס

האָבן גענומען אין מאַנאָפּאָל „זייער" באַדאָן און געריכט זיך מיט די מעלות פון די קאָלאָניזיר־מדינות.

פופצן טעג האָט געדויערט די רייזע אויפן שוואַרצן ים. דאָס שלעפּן זיך מיט דער אַלטער משא־שיף איבער פּאָרטן האָט געדינט פאַר די עמיגראַנטן ווי אַן ערשטע פּייערפּראָבע. קיין עלעקטרישע באַלייכטונג איז נישט געווען און מ'האָט זיך באַנוצט מיט אייללאָמפּן. אַנשטאָט איינצלנע אינדיווידועלע רייזעבילעטן איז געווען איין און איינציקער קאָלעקטיווער בילעט פאַר די אַלע עמיגראַנטן, וואָס זענען באַשטימט געווען פאַר קאָלאָניזאַציע. יעדעס מאָל ווען מ'האָט דורכגעפירט אַ מין ציילונג האָבן זיך די יוצרות צעמישט און מ'איז קיינמאָל צו קיין טאָלק נישט דערגאַנגען. דאָס האָט פאַרלייכטערט די מלאכה פאַר יענע, וואָס האָבן זיך אַריינגעשמוגלט ווי „בלינדע" פּאַסאַזשירן און אַפילו נישט געטראַכט צו דערשלעפּן זיך צו די ברעגן פון „לאַ פּלאַטאַ"־טייך, נאָר דערשלאָגן זיך צו אַ דייטשן פּאָרט און פון דאָרט — קיין צפון־אַמעריקע. עטלעכע האָבן דערווייל געענדערט זייער פּלאַן און פאַרגעזעצט דעם מאַרשרוט מיט אַלע פּאַסאַזשירן.

דאָ האָט ער געהאַט די געלעגנהייט, ווי אַ זייטיקער, איינצושטעלן דעם קאָנטאַקט מיט אָט דער מאַסע; דאָ האָט ער אויסגעהערט די אייביקע טענות פון דור־המדבר, וואָס ווערט אַרויסגעריסן פון שקלאַפערייַ און וואַקלט זיך פאַר יעדער נייער דערשיינונג און שוועריקייט אין וועג; דאָ האָט ער זיך אָנגעזאַפּט מיט דער מיושבדיקער לעבנס־חכמה פון הדרת־פּנימדיקע יידן מיט טיפע טרויעריקע אויגן; דאָ האָט ער אָנגעכאַפּט די חלומות־פעדעם פון יונגע יינגלעך און מיידלעך, וואָס זענען נוטה געווען צו אַ שנעלער צופּאַסונג אין אַלע אומשטענדן; דאָ זענען פאַרפירט געוואָרן ראָמאַנען און מ'האָט געזונגען ליבע־לידער, צוגעווירצטע מיט רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס אָדער בענקעניש נאָך ציון. אָט פאַרן יידן אין עק וועלט כדי צו שטילן דעם הונגער נאָך ערד און דאָך בלייבט לעבן אין זייערע נשמות דער צובונד צום לאַנד פון די אָבות. ביי עליית־התורה אין די שבתים האָט מען פאַרקויפט דעם מפטיר און דאָס געלט באַשטימט פאַרן קרן קימת לישראל, אויף איינצושאַפן באַדן אין הייליקן לאַנד; און ווען די קאָלאָניסטן פון מאָרגן האָבן דיסקוטירט צווישן זיך וועגן אַ נאָמען

פאַר זייער געפּלאַנטער קאָלאָניע, האָבן זיי געזוכט צווישן די נעמען פון תנ״ך און פון די עקזיסטירנדיקע ישובים אין היילקן לאַנד.

אָבער רייסענישן זענען געווען גענוג אָפט צווישן די מיטפּאָרער. ברוק האָט געזוכט די סיבה פון אָט די מחלוקתן און רוגזן. עס קאָן זיין, אַז דער צופעליקער צוזאַמענשטעל פון די עמיגראַנטן, וואָס זענען געקומען פון די פאַרשידנסטע געגענטן פון צאַרישן רוסלאַנד, האָט געשטערט צו זייער צונויפלעבן זיך. צווישן זיי זענען געווען געוועזענע סאָראָקער און יעקאַטערינאָסלאַווער יידישע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן געקנאַקט זייער ווייכצונגיקן רוסיש; ליטווישע שאַרפע למדנים און סוחרים; אַ פּאָר צענדליק פּאָדאָליער משפחות, וואָס האָבן געהאַט אַ שטיקל שייכות מיט האַנדל צווישן פּויערים און זיך געהאַלטן דעריבער פאַר מומחים אויף ערדאַרבעט. די רייסענישן זענען געקומען צוליב דעם באַזונדערן צוגאַנג צו דער קומענדיקער באַזעצונג. באַדנלאָז און אָן אַ קלאָרן באַגריף וועגן מאָרגנדיקן טאָג, אויסגעשטעלט צו די קאַפּריזן פון די שיף־באַאַמטע, האָבן זיי נערוועז רעאַגירט אויף יעדער קליינער עוולה, וואָס איז לגבי זיי באַגאַנגען געוואָרן. זיי האָבן זיך באַקלאָגט אויפן עסן און אויף אַנדערע אומבאַקוועמלעכקייטן. דער פרישטיק און נאַכטמאָל איז געווען דער מאָטיוו פאַר בונטעווען זיך און פאַר אַ מבול פון קללות.

וואַלטער ברוק האָט צייטנווייז געפּרוווט אַריינמישן זיך און איינ־שטילן די געמיטער. אַ טייל האָט צוגעלייגט אַן אויער צו זיינע רייד, אַנדערע האָבן אים אָפּגעשלאָגן. דעמאָלט איז אים איינגעפאַלן צו געווינען זייער צוטרוי דורך מער פּראַקטישע מעשים. ער האָט זיי פאָרגעלייגט איינצופירן קורסן פון דער שפּאַנישער שפּראַך, אַ ביסל געאָגראַפיע פון דער נייער וועלט און די ערשטע ידיעות וועגן אַגריקולטור. דאָס האָט טאַקע נישט ווייניק אַראָפּגעשלאָגן זייער צערייצטקייט. דורך לאַנגע שעהן פלעגן גאַנצע גרופּעס, יונגע און אַלטע, זיך פאַרזאַמלען און מיט התמדה, הגם אין אָנהייב מיט אַ ביסל חוזק־באַמערקונגען, האָבן זיי זיך צוגעהערט און פאַרציייכנט די אָנווייזונגען פון דעם משונהדיקן פּאַסאַזשיר. בעיקר איז ער באַליבט געוואָרן צווישן די יונגע און מער אויפגעקלערטע, וואָס האָבן זיך באַמיט נאָכצומאַכן זיין דייטשמערישן יידיש. מ׳האָט אים באַצייכנט מיטן צונאָמען „דער דייטש אָנעם שפּאַלט״. צווישן די רוסישע יידן האָט מען די אויפגעקלערטע, וואָס זענען געקומען פון דייטשלאַנד, גערופן

„אַ דייטש מיט אַ שפּאַלט“, צוליבן מאָדערנעם ראָק זייערן מיט אַן איינשניט פון אַ פראַק.

ביסלעכווייז האָבן אַ סך פון די פאַרערס זיך איינגעשאַפט אַ מין זעלבסטשטאָלץ צוליב זייער קומענדיקער בכבודיקער פרנסה. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק ביי אַ קאָנטאַקט מיט באַאַמטע און גרענעצלייט, ביי יעדער געלעגנהייט, ווען מ׳האָט זיך באַצויגן צו זיי מיט ביטול אָדער ווי צו פּאַטערלאַנדלאָזע. זיי פלעגן דאַן אָנהייבן פאָכען מיט די הענט און שרייען אויפן קול „באַראָן הירש! באַראָן הירש!“ אָדער „קאָלאָניאַ, אַרגענטינאַ, קאָלאָניאַ!“. זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס צויבערוואָרט וועט פאַר זיי עפענען טיר און טויער און די פאַרהאַרטעוועטע הערצער פון פרעמדע און אומפאַרשטענדיקע...

אָבער די רייזע איז אויך געווען רייך מיט עפּיזאָדן, וואָס זענען אייגן געווען דער תקופה. ער געדענקט נאָך ביז היינט יענע פיינלעכע סצענע, וואָס האָט אַזוי פאַרטונקלט די געמיטער דווקא אינעם לעצטן עטאַפּ פון זייער וואַנדערוועג.

צווישן די „בלינדע“ פּאַסאַזשירן האָט זיך געפונען אַן עלעגאַנטער יונגערמאַן מיט שוואַרצע קוטשעראַווע האָר. שטענדיק, ווען מ׳האָט בודק געווען די צאָל פאַרערס אויפן קאָלעקטיוון בילעט, פלעגט ער, ווי אויף קאַטאַװועס, נעלם ווערן פון אַלעמענס אויגן. ער איז געווען אַ פריילעכער און פאַרוויילנדיקער בחור און פלעגט זינגען שיינע לידער. דערפאַר האָט מען זיך באַמיט, אַז ער זאָל נישט אַנטדעקט ווערן דורך די באַאַמטע. מיט זיין פריילעכער נאַטור און גלאַטן צינגל האָט ער זיך איינגעקויפט אין סימפּאַטיע ביי די יונגע מיידלעך און איינע פון זיי, אַ נידעריק פול־לייביק ליטוויש מיידל, וואָס איז געפאָרן בלויז מיט איר מוטער, איז ווי צוגעזאָגט געוואָרן צום בחור. די מוטער האָט ממש אָנגעקוואָלן פונעם שידוך, וואָס איז באַשערט פאַר איר טאָכטער. דער יונגערמאַן האָט דערציילט, אַז ער פאַרט אויף אַ גרייטער שטעלע אין אַ תבואה־קאַנטאָר פון אַ פּראָווינץ־שטאָט, וועגן די גליקן וואָס וואַרטן אויף אים אין דער נאָענטער צוקונפט. אַ פּאָר וואָכן נאָכן באַקענען זיך מיטן מיידל, האָבן זיי אויף דער שיף געשריבן תנאים און דער עולם האָט געמאַכט אַ פריילעכן „לחיים“.

די שמחה איז אָבער צעשטערט געוואָרן ווען די שיף איז צוגעשוווּמען

צום ערשטן בראַזיליאַנער פּאָרט. נאָך איידער מ׳האָט באַוויזן צו געבן די ערשטע דערלויבענישן די פּאַסאַזשירן אָפּצושטייגן אויף אַ שפּאַציר, איז אַרויפגעקומען אַ פּאָליציי־פּאַטרול און נאָך אַ קורצן שמועס מיט די שיפס־אָפיצירן האָט מען דעם פריילעכן עלעגאַנטן בחור פאַרהאַלטן און געשמידט אין קייטן. ער האָט זיך געראַנגלט, געשאָלטן און צו אַלעמענס באַוווּנדע־רונג געשריגן אויף שפּאַניש, פּונקט ווי ער זאָל זיין אַ געבוירענער שפּאַניער. עס האָט נישט געהאָלפן דאָס געבעט פון די פּאַסאַזשירן, דאָס ביטערע וויינען פון דער פאַרליבטער כלה, דאָס חלשן פון דער מוטער — מ׳האָט דעם יונגנמאַן אַראָפּגעשלעפּט פון בריקל און די שיף איז באַלד אָפּגעפאָרן פון ברעג. צווישן די יידישע אימיגראַנטן האָט געקאָכט און געזידט. מ׳האָט אַפילו געמאַכט אַ געלט־זאַמלונג כדי אים אויסצולייזן פון גויישע הענט.

ווען ס׳איז קלאָר געוואָרן דער מאָטיוו פון אָט דעם אַרעסט, איז די ידיעה געפאַלן נאָך שווערער ווי אַ שטורעם אין מיטן אָפענעם ים. ווען די שיף איז שוין געווען אין פולן גאַנג, האָט איינער פון שיפסבאַאַמטע דערקלערט, אַז דער יונגערמאַן, וואָס האָט איינגעקויפט זיך אין ליבע ביי אַלעמען, איז נישט מער און נישט ווייניקער ווי אַ געפערלעכער אַגענט פון אַ נעץ שאַנדהייזער אין אַרגענטינע און דורך גוט געשפּילטע ליבעס אויף די פאַרשידנסטע עמיגראַציע־וועגן איז אים געלונגען איינצופלעכטן אין זיינע פאַרשפרייטע נעצן אָן אַ צאָל יונגע יידישע מיידלעך, מיט וועלכע ער פלעגט פיקטיוו זיך פאַרבינדן און זיי אַריבערפירן אין די שאַנדהייזער. די פּאָליציי האָט שוין אַ צייט געזוכט זיינע שפּורן און סוף־כל־סוף איז ער אַריינגעפאַלן. די ווייסע שקלאַפן־הענדלער פלעגן דורך געלט און פאַרבינדונגען זיך אַרויסדרייען פון געריכט, אָבער די אַריינגענאַרטע מיידלעך האָבן זיך שוין פון די „הייזלעך" נישט אַרויסגעקריגן. די אויפ־זעערינס זענען מערסטנס געווען מיטליאָריקע „אויסגעדינטע" יידישע דאַמען מיט אַ פאַרדעכטיקטער פאַרגאַנגענהייט.

אָט דער עפּיזאָד האָט אין ברוקן דערוועקט דעם דראַנג צו לערנען פון דער נאָענט דעם צוזאַמענשטעל פון די ערשטע יידישע געמיינדעס און דעם איינפלוס פון די שעדלעכע עלעמענטן אויף דער באַציאונג צווישן יידן און זייערע שכנים. דאָס איז געווען אַ פיינלעך קאַפּיטל, צוליב וועלכן ער האָט שפּעטער זיך אָנגעזאָפּט מיט נישט ווייניק גאַל און ערגערניש.

אָבער בעת זיינע באַגעגענישן מיט די יידישע קאָלאָניסטן, האָט ער דאָך, ביי זייער גאַנצער אַנטוישונג, געפונען צווישן זיי אַ פונק פון אידעאַליזם און קרבנות־גרייטקייט. דאָס האָט אָבער לחלוטין געפעלט ביי די מערסטע פּאַרוואַלטער פון דער „געזעלשאַפט״. אין זייערע אויגן האָט ער אויסגעזען ווי אַ „טשודאַק״, אַ טרוימער, וואָס נעמט צו ערנסט די היס־טעריע פון די „אָסט־יידן״, וועלכע מיינען, אַז זיי ראַטעווען די וועלט מיטן באַזעצן זיך אויף ערד.

דערפאַר האָט ער זיך נישט געקאָנט איינשאַפן קיין פעסטע און זיכערע פּאָזיציע צווישן די הויכע און קלענערע באַאַמטע. ער האָט געוואַנדערט פון פּלאַץ צו פּלאַץ, פון איין קאָלאָניע צו דער צווייטער און נישט באַוויזן זיך אויסצוּוואָרעמען זיך אַ פּאָסטן, צו שטייגן, ווי אַלע משרתים פון די דירעקטאָרן. בעת אַנדערע פּאַרוואַלטער האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער אינערלעכער אָרגאַניזאַציע צווישן די קאָלאָניסטן און האָבן אין יעדן פּרוּוו אַזעלכן געזען אַ מין רעוואָלט, האָט וואַלטער ברוק זיך באַצויגן מיט אָפענער סימפּאַטיע צו דעם שאַפן פון די ערשטע אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוון. און שטאָלץ איז ער געווען אויף דעם פאַקט, וואָס גראַד די יידישע קאָאָפּע־ראַטיוון האָבן געעפנט אַ נייעם וועג אין דער ברייטער וועלט. און נאָך זיי האָט זיך אויך אָרגאַניזירט די קאָאָפּעראַציע צווישן איטאַליענער און דייטשן. עס האָט אים נישט געאַרט, וואָס מ׳האָט אויסגענוצט דעם קאָאָפּע־ראַטיוו ווי אַ קאַמפּס־פּאָזיציע קעגן דער תקיפות פון די „געזעלשאַפט״־באַאַמטע, נאָר ער האָט געזען דאָס ווי אַ מין רייף ווערן אַראָפּצוגיין אויף אייגענער קעסט. דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע מלחמה צווישן דער דירעקציע און די אַלטע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן געוואָלט אַרויסקריגן די קויפשיינען פון זייער באָדן. ער האָט געהאַלטן זייער גערעכטיקייט און געזען עס ווי אַ שריט צו זעלבשטענדיקייט און איינוואָרצלען זיך.

שוין מער ווי אַ צענדליק יאָר ווי ער וואַנדערט פון פּלאַץ צו פּלאַץ און ער פילט ווי עמעצער וואָלט אַפּערגעשלעפּט דעם באָדן פון אונטער זיינע פיס. נאָך יענעם אינצידענט מיט זיין נעגאַטיוון באַריכט וועגן איינשאַפן די זאַמד־דוינעס האָט ער ווי פאַרמאַכט פאַר זיך דעם וועג צו אַ בכבודיקער פּאָזיציע צווישן די הערן פון דער קאָלאָניזיר־געזעלשאַפט. צו זיינע עצות האָט מען זיך נישט צוגעהערט און מ׳האָט אים געשטעמפּלט אַלס פאַנטאַזיאָר און בטלן. ער האָט זיך בכלל מיאש געווען, פאַרלאָזן די

אַרבעט פון ייִדישער קאָלאָניזאַציע און זיך אָפּגעגעבן מיט זשורנאַליסטיק און מיט פאַרשן די ייִדישע שפּורן אין דער קאָלאָניאַלער אַמעריקע. ביס־לעכווייז איז אַט די אַרבעט ביי אים געוואָרן דער צענטער פון זיין אינטע־רעס. אין זיין באַשיידענער וווינונג האָבן זיך אָנגעזאַמלט צענדליקער אָנגעהויבענע אַרבעטן וועגן דעם אָנהייב פון ייִדישן ישוב אויפן קאָנטי־נענט, וועגן זייערע פּרנסות, וואַנדערונגען און גייסטיקן אויסלעבן זיך. ער האָט אַריינגעאָטעמט אין זיך דעם שימל פון די מאַראַנען־קעלערס און מיטגעמאַכט דעם גרויסן גערשגל פון ייִדישע און האַלב־ייִדישע קהילות אין די שפּאַנישע צייטן.

און איצט איז ער גערופן געוואָרן פון דער דירעקציע צו פאַראינ־טערעסירן זיך מיטן אויפריכטן דעם ניי־געפּלאַנטן דאָרף. דאָ זענען געשטאַנען צו זיין רשות צענדליקער טויזנטער העקטאַר, וואָס האָבן געוואַרט אויפן איינבייסן זיך פונעם אַקערמעסער. איצט, מיטן נייעם שטראָם פון אימיגראַנטן, האָט זיך פאַר אים באַוויזן דער אָנקום פון זיין שעה.

ער האָט טיף אָפּגעזיפצט און אויסגעגלעט מיט אַ ביסל אַ נערוועזער באַוועגונג די שוואַרץ־געקרויזטע באָרד. צוליב דער שטאַרקער היץ האָט ער אַראָפּגעצויגן דעם קאַריק־הוט און געלאָזן די שוואַרצע האָר זיינע זיך אַ שפּיל טאָן מיט די ווינטעלעך פון די ברייטע אָפענע פעלדער. ער האָט איינגעצויגן די שאַרפע ריחות פון די פּאַשע־לאָנקעס, און ווי כדי צו דערווייטערן זיך פון שווערע מחשבות פון אַמאָל, האָט ער פאַרצויגן אַ ניגון פון די סטודענטישע יאָרן.

לאַנג האָט ער אָבער נישט געקאָנט זיך אַרויסמאַכן פון די זאָרגן, וואָס זענען אויפגעקומען צוליב זיין נייעם שריט. ער איז דאָך פאַרבונדן מיט משפּחה, און פון איר איז אַ סך אָפּהענגיק זיין דערפאָלג אין דער נייער אונטערנעמונג. פון דער משפּחה האָט ער קיין איבעריק נחת נישט געשעפּט. די פרוי האָט געשטאַמט פון אַ משכּילישער רוסישער משפּחה. אירע עלטערן זענען אַליין געווען אין דער ערשטער גרופּע ייִדישע איינ־וואַנדערער און ערדאַרבעטער אין אָט דעם לאַנד. אָבער זייער האָניק־צייט מיט דער „געזעלשאַפט" איז שנעל פאַרביי און זיי האָבן פאַרלאָזט די קאָלאָניע נאָך איידער מ'האָט אויפגעשטעלט דאָרט די ערשטע געמויערטע הייזלעך און מ'איז נאָך געזעסן, ווי דער דור המדבר, אין פּאַלאַטקעס.

נאָך די ערשטע איבערפֿאַלן פֿון די „פּונדיקעס" (אַזוי האָבן די יידן גערופֿן די איינגעבוירענע), ווען עס זענען געפֿאַלן די ערשטע קרבנות, מענער, קינדער און געשענדעטע פֿרויען, האָבן אירע עלטערן פֿאַרלאָזט די קאָלאָניע און זיך באַזעצט אין דער הויפּטשטאָט פֿון אַ רייכער פּראָווינץ. דער פֿאָטער האָט אָנגעהויבן האַנדלען און זיך אַרויפֿגעאַרבעט דורכן איינקויפֿן „פּרוטאָס דעל פּאַיס" (לאַנדפּראָדוקטן: פֿעל, האָר און וואָל). ער איז געוואָרן איינער פֿון די רייכסטע און איינגעפֿונדעוועטסטע יידישע סוחרים. צענדליקער אַגענטן אין די פֿאַרוואָרפֿנסטע ווינקעלעך פֿון דער רעפּובליק פֿלעגן אַרומפֿאָרן איבער דערפֿער און ראַנטשעס, וועלדער און עסטאַנסיעס און איינהאַנדלען די פּראָדוקטן. ער האָט אויך אָנגעהויבן שפּילן אַ ראָל אין דער געזעלשאַפֿט.

ביי זיי אין הויז האָט מען גערעדט נאָר רוסיש. די איינציקע טאָכטער, ליזינקאַ, איז געווען אַ קאַפּריזנע און צעבאַלעוועטע. ווי נאָר זי איז אונטערגעוואַקסן האָט זי כמעט נישט געהאַט קיין מגע ומשא מיט יידישע יונגע מענטשן. זי איז שנעל אַריינגעדרונגען אין די נישט־יידישע קלובן און געפֿלירטעוועט מיט גויישע סטודענטן. וואַלטער ברוק האָט זיך מיט איר באַקענט אויף אַ באַל פֿון דער לאָקאַלער „פּעניאַ" (קולטור־לאָזשע) לכבוד דעם אָנקומענדיקן פֿרילינג. זינט דעמאָלט איז ער געוואָרן אַן אָפֿטער אַריינגייער אין זייער ברייט באַלעבאַטיש הויז און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטילע אָבער פֿאַרביסענע קאָנקורענץ צווישן אים און אירע נישט־יידישע פֿאַרערער. אירע עלטערן האָבן מיט צופֿרידנקייט געזען די דערנענטערונג זיינע צו ליזינקאַ. טראָץ דעם נחת צוליב אירע דערפֿאָלגן צווישן דער „גאָלדענער" יוגנט אין נישט־יידישע קרייזן, האָט דאָך אין זייערע הערצער געטליעט אַ שטילער פּחד, טאָמער וועט זי זיך צופֿיל פֿאַרגאַלאָפּירן אין אירע באַציאונגען מיט די שקצים און זיי האָבן געציטערט פֿאַר נישט געוווּנטשענע קאָנסעקווענצן, ווי ס'איז שוין נישט איין מאָל געשען אין אָט דער נייער וועלט. אין יענע באַדינגונגען איז די געמישטע חתונה געווען דער עקסטרעמער אויספֿיר פֿאַר די, וואָס האָבן געוואָלט שנעלער אַריינגיין אין דער „וועלטלעכער" געזעלשאַפֿט און איבעררייסן מיט די „נישט דערצויגענע און נישט אויפֿגעקלערטע" יידישע קרייזן. קיין איבערפֿלוס פֿון יידישע אינטעליגענטע בחורים איז נישט געווען, און אַבי וועמען איינשאַפֿן זיך פֿאַר אַן איידעם האָבן די ראָסיאַנסקיס,

וועלכע האָבן באַלד געביטן זייער נאָמען אויף „ראָסיאַנאָ" נישט געוואָלט.

נאָך זייער חתונה האָט איר פאָטער אים געוואָלט אַריינגעמען אין דער מערכה פון זיינע געשעפטן און אויסנוצן זיינע קענטענישן צו געבן אַ שטויס דעם מסחר פאָרויס, אָנצוקניפּן נייע פאַרבינדונגען דורך דעם איידעמס פּאָפּולאַריטעט צווישן די אויפגעקומענע רייכע פאַמיליעס אין שטאָט.

אָבער וואַלטער ברוק איז געווען אַ קיילעכיקער שלימזל אין מסחר־ענינים. נישט די הענט און נישט דער מוח האָבן זיך צו דעם געלייגט. דעמאָלט האָט אים דער הער ראָסיאַנסקי פאַרגעלייגט צו לערנען מעדיצין, ווי עס איז געווען די שטרעבונג פון אַלע דעמאָלטיקע בירגערלעכע עלטערן. מיט אַ דאָקטאָר־ אָדער אינזשענירן־דיפּלאָם איז לייכט געווען אַריינצוקריגן זיך אין דער העכערער סביבה פון דער גוישער געזעלשאַפט.

דער ערשטער קאָנפליקט צווישן וואַלטער ברוק און דער פרויס משפּחה איז אויסגעבראָכן ווען ער האָט געמאָלדן וועגן זיין באַשלוס אַרויסצוקלייבן זיך אויף אַ צייט אין אַ יידישער קאָלאָניע און איבערנעמען דאָרט די פירונג פון דער שפּאַנישער שולע. די מוטער האָט געמאַכט סקאַנדאַלן, דער פאָטער איז געווען אויפגערעגט און די געפּלעפּטע ליזינקאַ האָט אַ בלאַסע געביסן אירע צוגעפּאַרבטע פולע ליפּן.

— אַ מלמד ווילט זיך אים דווקא זיין! — איז דער שווער אַריבער אין זיין כעס צו זיין רוסישן יידיש — אויף דעם דאַרף מען מאַכן גימנאַזיע און זיך גריבלען אין „זאַגראַניטשנע" ביכער?

— און ווי קאָן מען זיך פאָרשטעלן, סעניאָר ברוק — די מוטער האָט דורכן „סעניאָר" אונטערגעשטראָכן איר פרעמדע נאָטע — אַז אונדזער ליזינקאַ וועט זיצן ערגעץ אין אַ העק, אין אַ פאַרוואָרפן דאָרף, צווישן גראָבע פּויערים און נישט האָבן מיט וועמען אויסצורעדן אַ לייטיש וואָרט?

— וואַלטער... איך פאַרשטיי דיך נישט... ווי איז דיר פּלוצלינג איינ־געפאַלן אַזאַ ווילדער געדאַנק? — האָט ליזינקאַ ווי געפּיעשטשעט זיך אין פאָרוואורף און געבעט.

ער איז דעמאָלט געשטאַנען פאַר זיי און גרייט געווען אויפצונעמען אַלע טענות. ער האָט אָבער געוווסט, אַז ער טאָר נישט נאָכגעבן. טראָץ דעם שווערן קאַמף וואָס עס שטייט אים פאָר, וועט ער נישט נאָכגעבן.

ער האָט זיך באַמיט ווּיאיק זיי אויפצוקלערן די מאַטיוון, וואָס האָבן אים באַוויגן דווקא איצט צו גיין אין די יידישע קאָלאָניעס. „דאָס איז אַ באַשלוס, וואָס קיין כוח אין דער וועלט וועט מיך נישט אָפּווענדן פון אים".

— פאַרשטייען זי — האָט ער אָנגעווענדט דעם דייטשמערישן סטיל, וואָס האָט שטענדיק געפּאַנגען די הערצער פון שווער און שוויגער פונעם „אָסט" — דאָס איז אַ שיקזאַל־פראַגע פאַר מיר און פאַר זיי; די גאַנצע קאָלאָניזאַציע־אונטערנעמונג איז אָפּהענגיק פון דעם, ווער עס וועט זיין דער דערציער פון די זין און טעכטער.

— און דו ווילסט ראַטעווען די ירושה פונעם באַראָן? — איז דער פאָטער אַריבער צום פאַמיליאַרן „דוצן" זיך, נאָך אַ סימן, אַז ער איז מזלזל זיינע רייד — הונדערטער וועלן קאַליע מאַכן, און דו ווילסט פאַרריכטן? דאָס איז, זיי מיר מוחל, טשודאַקישע פאַנטאַזיע... אָן הענט און אָן פיס...

— איר פאַרשטייט מיך נישט, מיין הער. אין אַ ריי קאָלאָניעס שטייט מען איצט פאַר דער דילעמע: ווער דאַרף לערנען און אינספּעקציאָנירן אין די שולעס דאָרטן, יידן אָדער נישט־יידן? אויב מיר וועלן דער־לאָזן, אַז גויים זאָלן פאַרנעמען די לערער־פּאָסטנס אין די שפּאַנישע שולעס, וועט עס ברענגען דערצו, אַז די „געזעלשאַפט" וועט בכלל איבערגעבן די שולעס צו דער רעגירונג און די קאָלאָניסטן וועלן נישט האָבן קיין קאָנטראָל איבער זיי. צי איז אַזאַ לאַגע געווונטשן פאַר דער צוקונפט פון די יידישע דערפער? זיכער נישט, מיין הער!...

— און דווקא איר, איר מוזט זיך נעמען צו אַזאַ אַרבעט, וואָס יעדער גימנאַזיסטל קאָן דורכפירן? — האָט די מוטער אים אָפּגעשלאָגן — צו לערנען אין יענע שולעס דאַרף מען נישט האָבן קיין דיפּלאָם...

— איר האָט אַ טעות, מאַדאַם — האָט ער פרעמד איר צוגעוואָרפן. בדרך כלל האָט ער זי גערופן „מאַמאַ" און ווען ער האָט געוואָלט אַרויסווייזן קאַלטקייט איז ער שטענדיק אַריבער צו „מאַדאַם" — דאָ שטייט אין קאָן די גאַנצקייט און די גרויסקייט פון אונדזער אונטערנע־מונג. עס איז נייטיק זיי צו געבן אַ ריכטונג און אַ באַפאַרבונג. אַנדערש וועט דאָס גאַנצע ווערק צו גרונט גיין צוליבן פעלן פון ריכטיקער דער־ציאונג. און ווער איז פאַראינטערעסירט אין צוזאַמענבראָך פון די יידישע

דערפער? איך גלייב אַז קיינער נישט, אויסער אפשר די גרופּקע יידישע אַלפאָנסן, וואָס זענען אין אויפקומען פון אַ ריינעם אָרגאַניזירטן יידישן ישוב די סכנה פאַר זייער העגעמאָניע. דערפאַר האָבן זיי יאָרן לאַנג געהעצט צווישן די אימיגראַנטן, אַז זיי זאָלן זיך נישט לאָזן פאַרשלעפּן אַלס „לאַנד־שקלאַפן" פון דער „געזעלשאַפט".

— „גראַם־שטראַם — מאַך מיר אַ לעטניק" — איז דער פּאַטער אַריינ־געפאַלן אין אַ לצנישער שטימונג — וואָס האָט דיין מגילה צו טאָן מיט אונדזער ענין?

— נאָך ווי! דער יידישער לערער אין דער שפּאַנישער שולע, צוזאַ־מען מיט זיין קאָלעגע אין דער יידישער, דאַרפן זיין די אָפּהיטער פון דעם בונד צווישן דער יוגנט און דער ערד. זיי דאַרפן געניסן פון צוטרוי. אַחוץ דעם זענען זיי די טרעגער פון די קולטור־אַרבעטן: זיי גיבן לעקציעס פון דער שפּאַנישער שפּראַך פאַר עלטערע, זיי אָרגאַניזירן טעאַטער־שפּילן, ביבליאָטעקן... וויפל זענען היינט פאַראַן אַזעלכע, וואָס זענען מסוגל דורכצופירן אַזעלכע אויפגאַבן? געציילטע ממש...

נאָך אַ לאַנגער דיסקוסיע האָט ער צו נישט געמאַכט זייער קעגנער־שאַפט. אָבער זייער פולע הסכמה האָט ער נישט באַקומען. דער נייער וועג זיינער האָט זיי אויסגעזען לעכערלעך און פרעמד, נישט לויט זייער טעם און געשמאַק.

עס זענען פאַרביי לאַנגע חדשים און ער איז איינער אַליין געזעסן אין דער גערוימער אָבער איינזאַמער דירה פון דער שפּאַנישער שולע פון דער קאָלאָניע. זי, זיין ליזינקאַ, האָט זיך פאַרעקשנט און איז צו אים נישט געקומען. דאָרט האָט מען אים רעספּעקטירט און געשעצט, כאָטש מ'האָט אַ ביסל אָפּגעחוזקט פון זיינע דייטשמערישע פירונגען און דיסציפּלין־פּאָדערונגען. אָבער ווען ס'איז דערגאַנגען צו זיין פרוי, אַז יונגע מיידלעך און אַפילו ווייבלעך זוכן זיין געזעלשאַפט און זענען זיך „מרחם" אויפן „שטרויענעם אַלמן", האָט זי נאָכגעגעבן און זי איז אַוועק אין דאָרף כדי צו זיין נעבן אים...

ער האָט אָפּגעזיפצט. אַ שטילע נאָגעניש האָט געצופּט ביים האַרצן. ער האָט געקוקט, אָבער נישט געזען פאַר זיך די אויפגעגאַנגענע פּייזאַזשן. פאַר אים זענען געשטאַנען בילדער פון פאַרגאַנגענע יאָרן, יאָרן פון

ראַנגלענישן אין משפּחה־קרייז און מיט דער אַרומיקער וועלט. קיינער האָט נישט תופס געווען זיין טעמפּעראַמענט און זיין ווילן.

אומצאָליקע זענען געווען די אומוואַנדלונגען, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט ביז צו די לעצטע וואָכן, ווען ער איז באַשטימט געוואָרן צו שטיין אין שפּיץ פון ניי־באַשטימטן פּלאַן: פון לערער־פּאָסטן צו סעקרעטאַר פון אַדמיניסטראַציע אין אַ גרויסער קאָלאָניע; פון דאָרט אין שטאָט אַריין, ווו ער האָט געאַרבעט אַלס פונקציאָנאַר אין דעם ערשט־אויפגעשטעלטן פּאַראיין פאַר קעגנזייטיקער הילף; ער האָט געוואָרפן די נמאָסגעוואָרענע רוטין־אַרבעט און אַ פּאָר יאָר זיך געפּלאָגט ביי פאַרשידענע זייטיקע קורצטערמיניקע אַרבעטן. און איצט... וועט עס אים געלינגען זיך אַרויפצודראַפּען? אַזוי פיל אָפּשפּעטער רינגלען אים אַרום, אייגענע און פרעמדע חוזקן פון זיין יעדן פּרווו אַרויסצושטויסן די פאַרגליווערטקייט פון יעדער אונטערנעמונג. ווער ווייסט...

די שוואַרץ־גלאַנציקע פּערד האָבן זיך פּלוצעם אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך געזען שטיין פאַר אַ וועגן־אומקרייז און נישט געוווסט אין וועלכער ריכטונג צו פאַרנעמען זיך. די זון איז איצט געשטאַנען אין מיטן הימל און געשאָטן מיט שפּיזל־פונקען. ער האָט אַראָפּגעצויגן דעם העלן ראָק און אָפּגעשטיגן. ער האָט געוואַרט, אַז אַ דורכפאָרער זאָל זיך באַווייזן און אים אָנווייזן דעם ריכטיקן וועג.

— די ראַנטשאָ פון די זיבן פּיילן? — יאָ, דאָרט זיצט אַ משפּחה פון „רוסאָס", פאַרנעמט זיך רעכטס און נאָך דעם לינקס... נאָך דעם וועט איר קומען צו אַן ערשט־איינגעפאָרענעם וועג, נישט קיין „קאַמינאַ רעאַל" (צענטראַלער וועג). פון דאָרט האָט איר נאָך אַ פּאָר לעגוואַס אי פּיקאָ (מיט נאָך אַ סמיטשיק). דאָרט וועט איר שוין זען דאָס איינציקע ווייצנפעלד אין דער געגנט... מ'קאָן נישט בלאָנדזשען — די שנעל אָפּגעכאַפּטע אָנווייזונגען זענען געקומען פון אַ יונגן גאַוטש, וואָס האָט נאָכגעקוקט מיט פאַרוווּנדערונג, ווי די קאַרעטע, געפירט פון אַזאַ באַבערדלטן הער, צעוויגט זיך איבערן זאַמדיקן וועג.

— „דאָס איינציקע ווייצנפעלד" — דאָס איז געווען אַ מין אויסשטעלסערטיפיקאַט, פון וועלכן וואַלטער ברוק איז געווען שטאָלץ. דאָס איז געווען אַ מין הלל, וועלכן מען הערט נישט יעדן וואָכעדיקן טאָג...

פערטער קאַפּיטל

אַרום נאַקעטע ווענט

זשאַמע קוריס איז געשטאַנען אויף די צוזאַמענגעקלאַפּטע רושטאַ־וואַניעס און האָט מעשה מומחה באַטראַכט די אויסגעלייגטע איינגעמויערטע ער־דענע „לאַמפּאַטשן״. אַ רגע נאָר האָט ער אויפגעהערט אויסצוגלעטן מיט דער פאַרבלאָטיקטער קעלניע דעם קלעפּיקן ליים און דאָס רוסישע ליד איז אים ווי אָפּגעהאַקט געוואָרן אין דער מיט. ווען הערשל האָט מיט דער טאַטשקע צוגעפירט נאָך אַ פּאַרטיע ציגל האָט זשאַמע געריבן מיט דער פאַרברודיקטער דלאָניע דעם אויער און זיך אָנגערופן:

— אוי, אוי, עס קלינגט מיר אין רעכטן אויער! אַ גאַסט, אַ גאַסט וועט קומען און אָנזאָגן אַ גוטע בשורה. ווו זענען די קעץ, ווו? לאָמיר אַ קוק טאָן צי זיי וואַשן זיך... נו, איצט וועלן מיר מאַכן אַ שטיקעלע פּויזע. די זון סמאַליעט ווי אין פּסוק שטייט... איצט וועלן מיר זיך פאַרגינען צו טרינקען אַ „ביטערע״... אָבער טאַקע דאָ אויפן פּלאַץ, צווישן די אָנגעהויבענע ווענט...

נישט ווייט פון דאַנען האָט ניאַמע צוגעגרייט אין אַ פּליטקען גרוב דאָס געמישטע ליים אויף איינצומויערן די ציגל. דעם גאַנצן פרימאָרגן האָט ער געטראָגן עמערס און זיי דערלאַנגט זשאַמען אויפן געשטעל, ווו ער האָט קאָמאַנדעוועט מיט דער קעלניע, געריבן די בייכיקע אויסבייגן פון די ווענט און געצויגן אַ פּאַדים מיט אַ קאָמפּאַס. שוין דער דריטער טאָג ווי זיי האָבן זיך אין גאַנצן אַריינגעטאָן אין דער בויאַרבעט און נישט געציילט קיין שעהן. זיי האָבן זיך געיאָגט מיט דעם פאַרבייגייענדיקן טאָג, ווי אויסצופּרעסן פון אים דעם מאַקסימום נוץ. מיט יעדער ריי ערדענע ציגל האָט זיך אויך דאָס האַרץ געהויבן. נאָך יעדער ריי האָט ניאַמע

באַטראַכט די געבײַדע אין איר וואַקסן. אין זײַנע פאַררײסענע אויגן האָבן די זונשטראַלן פון זומערדיקן טאָג זיך אַרײַנגעגאָסן מיט בלענדנדיקער ווײַכקייט. ער האָט צוגעלײַגט דעכעלעך מיט זײַן פאַרהאָרעוועטער דלאָניע, און ווען ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, איז דאָס קורץ־געשוירענע גרוילעכע בערדל געווען באַשאָטן מיט צעמאָלענעם שטרוי.

הערשל האָט אים זײַטיק באַטראַכט מיט געכאַפּטע בליקן. ער האָט זיך געקאָנט אויסמאָלן וואָס עס טוט זיך איצט אין פּאָטערס געמיט. ענדלעך, נאָך עטלעכע יאָר זיך וואַלגערן אין דער טוכלער כאַטע, וועלן זיי בקרוב אַריבער אין אַ מענטשלעכער דירה. דאָרט וועלן זײַן פרייַלעך־ליכטיקע פענצטער, אין וועלכע די זון וועט זיך שפּיגלען און אין ווינטער וועט מען דורך זיי קענען אַרויסקוקן און זען ווי די רעגן־טראָפּנס קײַקלען זיך אויף די שויבן.

דערווײַל האָט זיך דער נײַער משפחה־קריזיס ווי אײַנגעשטילט. די מוטער האָט אויפגעהערט סטראַשען מיט פאַרלאָזן דעם פּלאַץ און אַוועק צו „די קינדער". ווי עס זעט אויס, האָט זי שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז די געגאַרטע שעה פאַר ניאָמען דערנענטערט זיך און דווקא איצט וועט ער נישט נאָכגעבן. ערשט נעכטן, אין אַ קורצן שמועס האָט ער אַ זאָג־געטאָן:

— דו ווערסט דאָך מיך זיכער פאַרשטיין, הערשל. אויב די שעה האָט געשלאָגן און אַ ייִדישער ישוב וועט ענדלעך אויפגעשטעלט ווערן, צי קען עס געמאָלט זײַן אָן אונדז? איך מיין, אונדזער אַלעמענס חלק איז דאָך דעריך... יאָ, דײַן חלק איז נישט אַוועקצומאַכן. איך ווייס צוליב וואָס דו ביסט דאָ געזעסן... צוליב מיר, צוליב אונדז אַלעמען...

— אויך דער מאַמעס חלק איז נישט אַוועקצומאַכן — האָט הערשל פאַרריכט זײַנע רייד.

— יאָ, אמת, נישט מיטן גאַנצן האַרצן, אָבער איר חלק איז נישט אַוועקצומאַכן...

ביידע זענען זיי איצט אַרומגעגאַנגען און באַטראַכט די קופּעס צוזאַ־מענגעלייגטע ערדענע ציגל, וואָס האָבן זיך געטריקנט קעגן דער זון. שטיקער שוואַרץ לייב האָט מען אַרויסגעריסן פון דער ערד און זיי וועלן שטיין ווי אַ פעסטונג מיט שוואַרצע ווענט קעגן דער וויסטע.

— דו ווייסט, הערשל, מיט וויפל דערוואַרטונג איך האָב אויסגעקוקט

אויף די גוטע בשורות. אָבער איך ווייס נישט ווי עס צו דערקלערן: דווקא אין די טעג, ווען מיר הייבן אָן צו זיין פאַרטאַרעראַמט מיט אַלערליי קלאָפּאָטן, פאַלט אויף מיר אָן אַ מין אומזיכערקייט, ווי מיר זאָלן ערשט אָנהייבן אונדזער וועג פון דאָס ניי, פּונקט ווי דעמאָלט...

— אומזיכערקייט? — האָט הערשל זיך געוווּנדערט. — מיר הייבן דאָך אָן צו בויען...

— בויען? אַפילו ווען איך שטיי שוין מיט די ציגל אין די הענט קאָן איך זיך נישט באַפרייען פון אַ נישט פאַרשטענדלעכער און פּריקרער שרעק. פאַר וועמען? איך האָב דאָך געזען צעוואַלגערטע הייזער, וואָס מענטשן האָבן אַמאָל געבויט. ווער קאָן עס וויסן וואָס מיט אונדז וועט זיין? אויך ביי אונדז איז נישט אַלץ כשורה. אָט בויען מיר... איז עס פאַר אַיין דור בלויז, אָדער דאָס וועט זיין אַן איינגעוואָרצלט הויז פון יידישע ערדאַרבעטער מיט פאָטער, קינדער און קינדס קינדער, נישט פאַר קיין צייטווייליקער זומערפייגעלעך... דו פאַרשטייסט, הערשל, וואָס איך מיין?

ער האָט פאַרשטאַנען, און נאָך ווי... אין לעצטן יאָר האָט ער זיך געראַנגלט מיט זיך אַליין און געשלאָגן מיט דער דעה. אויבנאויפיק, אָן אַ צוזאַמענרעדן זיך, האָט ער דאָך ווי איינגעשטימט מיטצומאַכן מיט דער משפחה אַלע דאגות און שוועריקייטן, ווייניקסטנס ביז די געגאַרטע שעה וועט שלאָגן. ער האָט נישט איין מאָל וועגן דעם זיך דורכגעשריבן מיט זיין פריינד, דעם יונגן שרייבער מאָוריסיאָ ליפּאָווין. יענער האָט פון דער ווייטנס אים געמונטערט און באַוווּנדערט די הילף, וואָס ער גיט זיין פאַ־מיליע אויפן חשבון פון יאָרן און טעג, וועלכע ער וואָלט געקאָנט אָנפילן מיט טעטיקייט אין שטאָט צווישן די סאָציאַליסטישע קרייזן. נישט איין מאָל האָט ער צוגעזאָגט זיך אַראָפּצוכאַפּן, און אַפילו אין דער באַגלייטונג פון דער אַדעליקער וויקטאָריאַ רוענעס מאַרין. ער וועט אויך פּרוּוון שרייבן אַן אַרטיקל אין צייטונג, ער וועט מאָנען, פאָדערן ווו מ׳דאַרף. ווי עס זעט אויס, האָט די שטאַרקע און לאַנגע האַנט פון דער „געזעלשאַפט" אים צוגעדריקט דאָס מויל. דער הויפן בריוו איז געוואַקסן. עס האָט פון זיי געוויעט די זוכנדיקע פריינדשאַפט, אָבער נישט מער.

אין דער לעצטער צייט האָט ער אָנגעהויבן אַלץ מער נאָכצוטראַכטן וועגן דער קליינער און שוואַרץ־געלאָקטער מאַניע. נאָך אַלעמען איז זי געווען די איינציקע פרוי, וואָס איז געשטאַנען אין זיין מחיצה דורך נישט

ווייניק יאָרן פון דער פריער יוגנט. אין דער אַלטער היים האָט אַ שטאַרקע און קינדערשע פריינדשאַפט זיי פאַרבונדן. אמת, ביי זייערע באַגעגענישן האָבן זייערע הערצער נישט געקלאַפּט שטאַרקער ווי געוויינלעך. אויך איצט ווערט ער נישט איבערגעגאָסן מיט הייסע שטראָמען, ווי דאָס געשעט ביים דערמאָנען זיך אין אַן אויסגעבענקט ווזן. אָבער איצט האָט זיך אין אים אויפגעוועקט אַ פרעמדער אומרו, אַזאַ, וואָס ער האָט ביז איצט קיינמאָל נישט געקענט. ער האָט אַפילו אָנגעהויבן צו טראַכטן אין ריכטונגען, נישט צוגעפּאַסטע פאַר זיין אויפפאַסונג און באַנעם. צי וועט ער דען דאָ, אין דער נייער וועלט, ווו עס פילט זיך אַזאַ מאַנגל אין מיידלעך, געפינען אַזאַ באַשערטע ווי מאַניע, אַזאַ ווי זי איז, מיט אירע מעלות און פעלערן? איצט ביים פאָרשטעלן זיך מאַניען ביי זיין זייט, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער רייסט אַרויס די ספקות פון פאָטערס האַרץ בנוגע זיין בלייבן אָדער נישט בלייבן דאָ.

— איך פאַרשטיי דיך, טאַטע, דיינע צוויפלען — האָט ער נאָך אַ לענגערן נאָכטראַכטן זיך אָנגערופן — ווי עס זאָל נישט זיין, האָב איך באַשלאָסן מקבל פּנים זיין די נייע, וואָס וועלן קומען זיך באַזעצן, און זאָלן זיי נאָר קומען...

יענע נאַכט האָט ניאָמע נישט צוגעמאַכט קיין אויג. פריער האָט ער אויפן געלעגער זיך איבערגעשושקעט מיט באַשקען. ער האָט דערציילט און איבערדערציילט וועגן הערשלס באַשלוס, וועגן דעם, וואָס ער האָט אָנגעדייט, און וואָס ניאָמע טייטשט אַרויס פון זיינע רייד... נו, מ׳דאַרף וואָס שנעלער באַשליסן, דווקא איצט, ווען מ׳גייט בויען, די גרויס און פונאַנ־דערטיילונג פון דער שטוב. מאָרגן וועט מען דאָך לייגן דעם פונדאַמענט; צוויי ספּאַלניעס וועלן מיר תיכף אויסבויען. טאָמער בלייבט ער מיט אונדז. און אַ באַזונדערער אַריינגאַנג מוז אויך זיין, נישט אמת?

ווען באַשקע איז שוין איינגעשלאָפן האָט ער נאָך לאַנג געטראַכט וועגן אַלץ, וואָס די נאָענטע צייט וועט פאָדערן פון אים. צי וועט ער דאַרפן זיך פעדערן און באַזוכן דעם נייעם פאַרוואַלטער אָדער אָפּוואַרטן? און טאָמער כאַפּט זיך יענער אַראָפּ אומגעריכט אַהער אין מיטן העלן טאָג — ווי דאַרף ער האַנדלען? זאָגן אַ שטאַרק וואָרט פאַר די פאַרגאַנגענע פיינלעכע טעג און יאָרן, אָדער אים מקבל פּנים זיין אָן צו דערמאָנען דעם נעכטן? דאָס איז דער ריכטיקער וועג... וואָרט, אונטערן בעט שטייט

נאָך אַ פּלעשל פונעם פּסחדיקן ראָזשינקע־וויין... און פלוימען־וואַרעניע איז נאָך פאַראַן אין די סלאָיען...

ער האָט אַפילו נישט באַמערקט, אַז באַשקע איז שוין פאַרזונקען אין שלאָף, אַן איינגעמאַטערטע פון אַרומפּאַדען דורכן טאָג איבערן הויף און ביי די שטוב־אַרבעטן, און ער האָט פאָרגעזעצט אויפן קול, מיט אַן אַראָפּ־געניִדערטער שטימע. ער האָט געוואָלט זיך טיילן מיט עמעצן און ווען ער האָט געפילט, אַז ער רעדט שוין צו זיך אַליין, איז ער נאָך לאַנג געלעגן מיט אָפענע אויגן און דאָס הילצערנע בעט מיט די אויסגעקרימטע ספּרונ־זשינעס האָט געקרעכצט אונטער אים.

צומאָרגנס האָט מען אָפּגערייניקט דעם פּלאַץ פון ווילדע גראָזן און אויסגעמאָסטן די לענג און ברייט ווו מ׳האָט געדאַרפט לייגן די פונדאַ־מענטן פאַרן נייעם הויז. זשאַמע קוריס איז ווי געוויינלעך אַרויס אויף זיין פרימאָרגן־שפּאַציר, נאָך איידער די זון האָט זיך אַ הייב געטאָן פון יענער זייט באַרג־קייט. אין אָפענעם פּאַשעפּעלד פלעגט ער אַרויס מיט אַ לאַנגן שטעקן און אַ פּאַנגנעצל צוגעבונדן צום ברעג. דאָרט האָבן געראָיעט מאַסן קוראָפּאַטקעס און אין די פרימאָרגן־שעהן אָנגעפילט די לופט מיט אַ מין פאַרבענקטן אונטערפּייפן. איידער די זון גייט אויף איז לייכט זיי צו פאַנגען. ביז זיי באַווייזן אַ הייב צו טאָן די פליגל פאַרפּלאָנ־טערן זיי זיך אין דער שיטער־געשטריקטער נעץ. דער עיקר פאַנג פון קוראָפּאַטקעס איז אייגנטלעך אום ווינטער, אין די זומער־חדשים איז עס פאַרבאָטן, ווייל זיי בריען דעמאָלט אויס די אייער אין די נעסטן. אָבער היות די סביבה איז געווען פול מיט זיי, און ווער עס זאָל אָפּהיטן דעם געזעץ איז נישט געווען, האָט זשאַמע נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם, און אין זיין טאַרבע האָט ער יעדן טאָג געבראַכט אַ צענדליק איבערגע־שראָקענע לעבעדיקע קוראָפּאַטקעס. אַזוי ווי ניאָמע האָט זיך בשום אופן נישט געקענט צוגעוויינען צו טרפות־עסן, האָט ער בעת זיינע באַזוכן אין דער קאָלאָניע פון די „ליטוואַקעס" זיך צוגעלערנט הלכות שחיטה און זיך נוהג געווען אַליין צו שעכטן די עופות. ווען זשאַמע קוריס האָט איינ־געפירט זיין טעגלעכע יאַגד און געברענגט דעם רייכן זאַקרויב, האָט מען אָנגעהויבן צו עסן קוראָפּאַטקע־פליייש צוויי מאָל אין טאָג. מיטאָגצייט האָט באַשקע געקאָכט זיי אין זופּן־פליייש, אָדער ווי מ׳רופט עס דאָ אין לאַנד

„פוטשערא״. די ווייסע עופהלעך האָבן דאַן געהאַט דעם טעם פון אמתן טויבן־פלייש. אין אָוונט האָט זשאַמע איינגעאָרדנט אַ מין בראַטאייזן אונטערן פרייען הימל און שעהן לאַנג זיך מתעסק געווען ביים בראָטן די אָפּגעפליקטע קוראָפּאַטקעס. ביים פייער האָט ער צוזאַמען מיט הערשלען און שלומען געטרונקען די ביטערע מאַטע און נאָך איידער דאָס פלייש האָט זיך איינגעבראָטן ביים קליינעם פייער, האָט דער ריח געקיצלט דעם גומען און צעעפנט די נאָזלעכער.

ווי נאָר זשאַמע איז פאַרשווונדן אין פעלד צווישן די הויכע פּאַשעגראָזן, האָט ניאָמע צוגערופן הערשלען, נעבן די קופּעס „לאמפּאטש״, וואָס האָבן זיך געטריקנט, און ווי אָפּמעסטנדיק מיט אַ שאַרף אויג, האָט ער זייטיק באַמערקט:

— דוכט זיך, הערשל, אַז מיר וועלן דאַרפן צומאַכן נאָך אַ פּאָר הונדערט שטיקלעך. עס וועט נישט סטייען...

און ווען הערשל האָט באַלד נישט געענטפערט, האָט ניאָמע צוגעגעבן:

— יאָ, אויב מיר מיינען אויסברייטערן די וווינונג... אַז מ׳בויעט שוין... און טאָמער וועט זיך מאַכן אַ שידוך... זאָל זיין געראַמער...

הערשל האָט געשוויגן. ער האָט געפילט ווי אַ רויטקייט גיסט אים אָפּ. אפשר דערפאַר, ווייל ער אַליין האָט איצט באַשלאָסן מגלה צו זיין דעם פאָטער זיינע פּלענער. ער האָט אים דערציילט וועגן דער ברונעטער מאַניען. זיכער געדענקט ער זי פון זעלבן געסל, ווו דער איינציקער סאָסנעבוים ביים עק פון גאַס האָט זיך צעוואַקסן. ער וועט זיך מיט איר דורכשרייבן. אפשר האָבן זיי בדעה אויסצוואַנדערן, טאָ זאָלן זיי קומען אַהער, אין נייעם דאָרף... איז וועט מען דעמאָלט זען. ס׳קאָן זיין, אַז זיי וועלן זיך צופּאַסן...

— צופּאַסן? אַזוי סתם זיך? — האָט ניאָמע שמייכלענדיק זיך געוווּנדערט, אָבער ער איז צופרידן געווען פון זונס אָפענע רייד.

נאָכן פרישטיק האָט מען פאַרגעזעצט דאָס בויען. נאָך אַ פּאָר שעה פון שווערער אַרבעט אונטער דער אָנהייב־זומער־היץ, האָבן זיי געמאַכט אַ פּויזע און געטרונקען די ביטערע מאַטע אינעם שאָטן פון די אויפגעשטעלטע ווענט. די מידע גלידער האָבן נאָכגעלאָזן. דער שאַרפער ריח פון פרישן ליים געמישט מיט קיזיק האָט איינגעשלעפערט די חושים און מ׳האָט קוים זיך צוגעהערט צו זשאַמעס סיפור־המעשה וועגן זיינע

יאָרן אין פּאַלעסטינע. אויך דאָרט איז מען געלעגן אין צעלעכערטע פּאַלאַטקעס און מ׳האָט נישט אויפגעהערט צו קרענקען אויף קדחת. וואַסער האָט מען אויף אייזלען געבראַכט פון שמוציקע אַראַבישע ברונימער און דורך די נעכט האָט מען געהאַלטן די ביקס און וואַך געווען צו היטן די בידנע נשמה. אַרבעט איז געווען בצמצום און מ׳האָט געדאַרפט דעריאָגן און אויספּילן די באַשטימטע קוואָטע, באַגלייך מיט די אַראַבישע געדונגענע אַרבעטער פּאַר אַ שיבוש. די באַלעבאַטישע זינדלעך האָבן אונטערגעטריבן. דאָס לעבן איז געווען ביטער און שווער, אָבער אין די נעכט איז מען געזעסן צוזאַמען אונטערן פרייען הימל און געזונגען, האַלב הונגעריקע, אָבער מ׳האָט געזונגען. פון דער אַלטער היים האָט מען געשריבן און געמאָנט, געבעטן זיך רחמים: ס׳איז נאָך צייט צו שטאַרבן אין לאַנד פון די אָבות. לעבן לאָזט זיך אין אַמעריקע, אַהין ציען זיך טויזנטער, דאָרט שעפּט מען גאָלד אין די גאַסן...

ניאָמע האָט געהערט די רייד פונעם גאַסט, וואָס ווערט שוין ביסלעכ־וויז אויס גאַסט, און געמאַכט אַ פאַרגלייך צווישן די ליידן פון די יידן אין הייליקן לאַנד און זיינע אָפּקומענישן אין אָט דער וויסטע. שווער איז, זעט אויס, יעדער דורכגאַנג אין דער מדבר, ווען מ׳טראָגט אַפילו די לוחות צוגעדריקט נאָענט צום האַרצן. דאָס צוגעזאָגטע לאַנד איז שטענדיק נאָענט אין דמיון, אָבער ווייט פּאַר די אויסגעמאַטערטע פיס. דער גורל פון אָנהייבער איז אומעטום און שטענדיק דער זעלבער.

ווען זיי זענען אויפגעשטאַנען צוריק צו דער אַרבעט האָט ניאָמע אַ ווונק געטאָן צו הערשלען און זיי זענען אָפּגעטראָטן אין אַ זייט. צווישן די אָנגעהויבענע נאַקעטע שוואַרצע ווענט האָט ניאָמע אָפּגעמאָסטן די ברייט פון די קומענדיקע צימערן און אים אַ פרעג געטאָן:

— האָסט שוין געשריבן צו זיי... צו איר? כ׳מיין צו מאַניען...

נאָך איידער הערשל האָט באַוויזן צו ענטפערן, האָט דער גרויסער קודלאַטער הונט זיך צעבילט און זיך אַ וואָרף געטאָן צום באַגראָזטן וועג, וואָס האָט געפירט ביזקל דעם טויער. אַלע זענען איילנדיק אַרויס פון אונטער די ווענט און געאיילט זיך צו זען די סיבה פון דער הינטישער בהלה. פון דער ווייטנס האָט זיך באַוויזן אַ לאָקירטע קאַרעטע געשפּאַנט מיט צוויי שוואַרצע פערד, וואָס האָט זיך געהוידעט אויפן נישט־איינגע־פאָרענעם וועג.

ניאָמען איז איינגעפאַלן דאָס האַרץ. ער האָט זיך דערמאָנט די סצענע פון צוריק מיט עטלעכע יאָר, באַלד נאָך זייער אָנקומען אַהער און ביים אויפרייסן מיטן אַקעראייזן דעם ערשטן פּאַס פון דער בתולה־ערד. דעמאָלט האָט זיך באַוויזן דער פאַרוואַלטער ערנסט לעוועטאַל. ניאָמע האָט דערוואַרט פון אים אַ צוזאָגנדיק וואָרט וועגן אַ פולן יידישן ישוב. דער פאַרוואַלטער איז אָבער געווען שטייף און אַפילו נאָך די געמאַכטע קאָמ־פּלימענטן האָט ער אים געראָטן זיך איינצולעבן מיט די גוייִשע שכנים... און איצט, בעת ער שטעלט אַוועק אַ געמויערטע שטוב, ווי אַ שוצוואַנט קעגן דער פוריע פון דער פּאַמפּאַ, באַווייזט זיך ווידער די זעלבע קאַרטע.

די אויפרעגונג האָט אַרומגעכאַפּט אַלע שטוביקע. הערשל איז דער ערשטער אַרויס פון צווישן די ווענט און זיך דערנענטערט צום טויער אָפּטרייבנדיק דעם צעבילטן הונט.

וואַלטער ברוק איז אויסגעשטיגן, מיט געמאָסטענע טריט זיך דער־נענטערט צו די פאַרזאַמלטע און געדריקט יעדן די האַנט. נאָך איידער ער האָט באַוויזן אַריינצוגיין אין אַ שמועס, האָט ער איילנדיק, מיט אַ געכאַפּטן בליק, באַטראַכט דעם הויף, די אָנגעהויבענע ווענט און די נעבעכדיקע כאַטע. ווען ער האָט באַמערקט פון דער ווייטנס דעם שאַרף־גרינעם פּאַס פון פאַרזייטן פעלד, וואָס האָט ווי אַ פריילעכער אָנזאָג זיך אַריינגעריסן אין דער גרויקייט פון די פּאַשעפּעלדער, האָט ער זיך אָנגערופן:

— איידער וואָס ווען, מיינע ליבע הערשאַפטן, וויל איך באַטראַכטן דאָס תבואה־פעלד. איך בין גאָר נייגעריק צו זען ווי עס וואַקסט ביי אייך, דאָס איז דאָך דער עיקר... — זיין קול איז געווען אַ ביסל הייזעריקלעך, ווי דער גומען און דער האַלדז וואַלטן זיך איינגעטריקנט פון דער לאַנגער רייזע. ער האָט אַראָפּגעצויגן דעם קאַריק־הוט, ווי צו באַפרייען די אויגן פון שאָטן, און זיך געלאָזט גלייך שפּאַנען אַנטקעגן דעם גרינעם פּאַס. ער האָט, גייענדיק, זיך אָנגעבויגן, פון־מאָל־צו־מאָל אויסגעריסן ווילדע גראָזן, באַטראַכט אויפמערקזאַם די קי און פערד, וואָס האָבן זיך נישט ווייט געפּאַשעט און אַליין אַריינגעשטעקט די גראָזן צווישן די ציין און געסמאַקעט זייער זאַפטיקייט. ער איז געגאַנגען פאָרויס צוזאַמען מיט ניאָמע און הערשל, זשאַמע און די איבעריקע — הינטער זיי. ווען זיי זענען געבליבן אַ ביסל ווייטער, האָט זשאַמע געמורמלט:

— פונקט ווי ער אַליין, עליו־השלום... אַזאַ ענלעכקייט צום גרויסן

ד״ר הערצל! איר פאַרשטייט? איך האָב אים איין מאָל אַליין געזען... פונקט ווי צוויי טראָפּנס וואַסער. די שוואַרצע באָרד, די אויגן, דער הויכער שטערן...

אַ לענגערע צייט האָט וואַלטער ברוק זיך אַרומגעדרייט אין פעלד, געמאָסטן מיט גרויסע שריט דעם פּאַרזייטן באָדן, באַטראַכט דעם אַרום און נישט געפונען קיין ווערטער צו פאַרפירן אַ שמועס אין מיטן גאַנג. ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט צום הויף, האָט ער באַטראַכט דעם ברונעם, אַרויפגעצויגן, אָן צו זאָגן אַ וואָרט, אַן עמער וואַסער, און גלייך געטרונקען, אָן צו באַנוצן זיך מיט דער בלעכענער „טשאַשקע״, וואָס איז געהאָנגען ביים ראַנד פון ברונעם. ער האָט אַראָפּגעצויגן דעם קאַריק־הוט, אָפּגע־ווישט מיטן טיכל דעם שווייס פון ראַנד און אַנזאַטלענדיק די ברילן האָט ער אָנגענומען אַ זשמעניע ערד צווישן די פינגער און אַ פרעג געטאָן:

— און מאַיס האָט איר שוין געפּרוווט פאַרזייען? דאָס צאָלט זיך אויס און עס באַרייכערט דעם באָדן, האָט איר געפּרוווט?

— געפּרוווט, זיכער! — האָט ניאָמע געענטפערט — אָבער דאָס דרעשן איז פאַרבונדן מיט שוועריקייטן, מ׳האָט נישט געוואָלט צוליב אַ ביסל קאַשטאַנעס מטלטל זיין אַ מאַשין מיט אַלע נאָכשלעפּעניש. אויך ביי אַנדערע תבואה־געראַטעניש קומט אָן מיט קריעת ים־סוף דאָס דרעשן... עס לוינט זיך נישט צוליב איין קאָלאָניסט צו קומען אַהער... אַלע אַרום גיבן זיך אָפּ מיט סקאָט און חזרים...

— דאָס איז פאַרשטענדלעך — האָט דער גאַסט איינגעשטימט — אויב מיר רעדן וועגן קולטיווירן, מיינט מען אין גרויסן מאָסשטאַב... ווען אַלץ וועט דאָ באַזעצט ווערן. אויך ליין איז כדאי צו פּרוּוון, אין אַ מיטל־סעזאָן, ווען די אַרבעט ברענט נישט.

— און ציבעלעס, און בעבלעך, און בולבעס — האָט ניאָמע אונטער־געכאַפּט. ער האָט עס געזאָגט מיטן גאַנצן ערנסט. אָבער ברוקן האָט זיך געדאַכט, אַז עס הערט זיך אַרויס אַ מין חוזק פון אַלטנס רייד. ער האָט אָבער נישט רעאַגירט.

ווען זיי האָבן זיך דורכגעדרייט איבערן הויף האָט ער צוגעגעבן:

— נישט גוט האָט איר געטאָן מיטן זיצן עטלעכע יאָר אַזוי, אין דער חורבה. ווען מען בויט באַלד, פילט מען זיך זיכערער, איינגעוואָרצלטער...

— אַ בוים דאַרף, אויסער די ערד ווו זיך איינצוואָרצלען, אויך

לופט צום אָטעמען. און אַזאַ לופט האָט אונדז געפעלט — האָט הערשל זיך אָנגערופן. — יעדעס יאָר האָט געבראַכט זיינע האָפענונגען און זיינע אַנטוישונגען.

ביי דער כאַטע האָט זיך וואַלטער ברוק אָפּגעשטעלט, באַטראַכט די פּאָר אונטערגעוואַקסענע ביימלעך און דעם רויזנשטאָק, וואָס האָט שוין אַרויסגעשאָטן אַ פּאָר קנאָספּן, און אַריין אין התפעלות:

— האַ, האַ! איך זע, אַז וואָרצלען האָט איר יאָ געשלאָגן! דאָס איז גוט, דאָס איז פיין!

פּאַרמאַטערטע איז מען אַרונטער אין דער כאַטע. ברוק האָט אַראָפּגעצויגן דעם העלן ראָק און זיך צוגעזעצט אויף אַ נידעריקער טאַבורעטקע:

— אַזוי, אַזוי, איצט וואָלט איך וועלן עפּעס הערן פון אייך, ר׳...

— ניאָמע ליפּמאַן — האָט זשאַמע איילנדיק זיך אַריינגעמישט.

— האַ, דערציילט עפּעס — דערביי האָט ער באַטראַכט מיט זיינע פולע שוואַרצע אויגן דעם ברייטפּלייציקן זשאַמען — איר זענט פון דער משפחה, נישט?

— כל ישראל חברים! — האָט זשאַמע כמעט ווי אונטערגעזונגען — אַזוי האָבן דווקא די אַסימילאַנטן פון דער „אַליאַנס" און פון דער „געזעלשאַפט" אָנגעשריבן אויף זייער פאָן. און איך זאָג זיי: זיי מיר נישט קיין חבר און שפּיי מיר נישט אין קאַשע... איך בין נאָר אַ צופעליקער דורכפאָרער. זיי איז סומנע און מיר איז פוסט אויף דער נשמה, ווילט זיך אַ ביסל אָנוואַרעמען אַ בראַטסקע סערדצע...

— גוט, גוט, קעגנזייטיקע הילף איז אַ טייערע מידה. דערציילט, דערציילט.

ניאָמע האָט אַ צעמישטער געשוויגן און באַטראַכט די אַרומיקע, ווי צו וועלן שעפּן אויפמונטערונג. שוין לאַנג ווי ער האָט זיך אָפּגעוווינט פון צו רעדן וועגן זיך און וועגן די יאָרן, וועלכע האָבן אים אויסגעלערנט צו באַטראַכטן דעם אַרום מיט אַן ערנסטן קוק, ווי שטיל און ערנסט עס זענען דיווילדע גראָזן פון די אַרומיקע פעלדער. מורא האָט ער געהאַט פאַרן טאָג ווען ער וועט דאַרפן אויפפּראַלן דאָס האַרץ און אויפבינדן די צונג. ער האָט געציטערט פאַר דער מעגלעכקייט, אַז מען זאָל זיינע רייד אויפנעמען ווי אַנטוישונג און נישט ווי אַן עפּיזאָד וואָס מ׳דערציילט אין פריידן... דערפאַר האָט ער אויך איצט נישט געפינען קיין פּאַסיק וואָרט.

ער האָט פאַר זיך נאָר געזען דאָס הדרת־פּנימדיקע געשטאַלט פונעם פּאַרוואַלטער, אָבער ער האָט עקשנותדיק געשוויגן.

דאָס שווייגן האָט אַלעמען געערגערט. די נישט־זיכערקייט האָט, ווי אַ שווערע מחיצה, געשטערט דאָס דערנענטערן און צוזאַמענרעדן זיך.

דאָס מאָל האָט דווקא באַשקע אויפגעריסן די געפּרעסטע שטימונג. זי האָט זיך אויפגעהויבן, אויסגעשפּרייט אויפן טיש אַ שבתדיק טישטעך און אַרויפגעשטעלט אַ פלאַש היימישן בראָנפן. זי האָט אָנגעגאָסן די כּוסות.

— אָט דאָס איז אַ גליקלעכער איינפאַל — האָט וואַלטער ברוק אויפגעהויבן דער ערשטער דעם כּוס. ער איז צוגעטראָטן צו ניאָמען און צוגעקלאַפּט: — לאָמיר טרינקען לחיים פאַרן געזונט און דערפאָלג פון דער ערשטער יידישער קאָלאָניע, וואָס וועט דאָ אויפגעשטעלט ווערן. צו וואָס איז, אייגנטלעך, נייטיק אויפצומישן די פאַרגאַנגענע צרות? דער עיקר איז דאָך וואָס עס וועט דאָ מאָרגן זיין. נו, ר׳ ניאָמע! לאָמיר טרינקען פאַר די פריש אויפגעשטעלטע ווענט.

מ׳האָט געטרונקען לחיים און זיך צוגעווונטשן. נאָך דעם האָט מען צוגעביסן מיט קרישלדיקע אייערקיכלעך, וואָס באַשקע האָט צוגעטראָגן אויפן טיש. די פינקלדיקע גלעזער טיי האָבן אויפגעמונטערט און זשאַמע קוריס האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך געווענדעט צו אַלעמען:

— גערעכט איז דער גאָספּאָדין אַדמיניסטראַטאָר; אויב ער זאָגט, אַז דער מאָרגן וועט בעסער און שענער זיין, ווייסט ער זיכער אויף וואָס ער בויט זיינע רייד! מיט אייער קומען אַהער, גאָספּאָדין, האָט איר אַריינגעבלאָזן אַ נייע נשמה אין די אָ מענטשן. איך בין גליקלעך צו זיין אַן עדות דערפון. איך דאַנק אייך אין אַלעמענס נאָמען...

— איך וועל אייך זאָגן בקיצור — האָט ברוק ווייטער געצויגן זיינע רייד — איצט שטייען פאַר אונדז דריי פּראָבלעמען אין איינער: אָרגאַניזאַציע, געזעלשאַפט און עקאָנאָמיע. נו, אַ גאַנץ בוך קאָן מען וועגן די פּלענער אָנשרייבן, אָבער איך בין גרייט צו הערן אייער אַלעמענס מיינונג.

— גערעכט, גערעכט! — האָט זשאַמע אונטערגעכאַפּט — אין אַ דעמאָקראַטישער וועלט האָט די דעה אפילו דער, וואָס פאַרמאָגט נישט די מאה...

אַלע האָבן פאַרלעגן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און הערשל האָט דער ערשטער אַריבערגעשפּאַנט דעם צוים.

— עס איז קלאָר, אַז היינט וועלן מיר נישט באַשטימען דעם גורל אָדער אפילו דעם פּלאַן פון קומענדיקן דאָרף. אויך האָבן מיר נישט די עקספּעריענץ דערצו. פון אייך וואָלטן מיר וועלן הערן, סעניאָר...

— וואַלטער ברוק איז מיין נאָמען...

— יאָ סעניאָר וואַלטער ברוק, פון אייך, אַלס שליח פון דער געזעל־שאַפט און אַלס מענטש, וואָס האָט זיכער שוין דורכגעמאַכט נישט איין פּרווו אַזעלכן, פון אייך ווילן מיר הערן אַ קלאָר וואָרט. עס מאַכט נישט אויס ווי עס וועט קלינגען, אָבער אַבי קלאָר...

— יאָ, יאָ, דאָס האָב איך אויך געוואָלט הערן פון אייך, שוין לאַנג געוואָלט הערן — האָט ניאָמע מיט איינגעהאַלטענער פאַרשעמטקייט געקוקט צום זון.

דער פאַרוואַלטער האָט נישט געקאָנט באַפרייען זיך פון דעם טאָן, אין וועלכן די ווערטער זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן. ער האָט זיך געזען אָפּקומען פאַר חטאים, וואָס זענען נישט באַגאַנגען געוואָרן דורך אים. ער וועט דאַרפן בויען פון דאָס ניי און מיט זיינע אייגענע הענט. אָבער ער וועט מוזן זיין געהיט פון צופיל גאַלאָפּירן זיך אין צוזאָגן. אָט די משפּחה איז דאָך ווי איבערגעפּירט געוואָרן פון צופיל פאַלשע און שלעכט־אויס־געטייטשטע צוזאָגן! אַחוץ דעם: ער איז דאָך נישט מער ווי אַן אויס־פירער און נישט אַלץ ליגט אין זיינע הענט. ער קאָן „דאָרטן" רעקאָמענדירן אָבער ער ווייסט דאָך שוין צו גוט, וויפל ווערט עס קאָן האָבן זיין איינ־טערווענץ! אַרום אים הערשט איצט אַן אָנגעשטרענגטע און אפילו אַ שווערע שטימונג. פונעם שטורמיש־אויסזעענדיקן ניאָמע ביז צום אָפּגעברענטן געלאַסענעם זון, פון דער אָפּגעבלייכטער פרי־פאַרעלטערטער פרוי און דעם גוטמוטיקן אַ ביסל שטעכיקן גאַסט — אַלע וואַרטן איצט אויף זיין וואָרט, וואָס דאַרף זיין ווי אַן אָפּווישונג פון פאַרגאַנגענע שווערע טעג.

— מיט אַ סך פּראָבלעמען וועלן מיר מוזן זיך פאַרמעסטן באַלד אין די ערשטע טעג. זיי וועלן באַשטימען דעם כאַראַקטער און אפשר די הצלחה פון דער גאַנצער אונטערנעמונג. נישט דאָס אָנפילן דעם פּלאַץ מיט נאָך משפּחות גיט שוין אַ גאַראַנטיע, אַז דאָ וועט טאַקע זיין און פאַרבלייבן

אַ יידיש דאַרף לנצח. מיר האָבן שוין געזען דעם היפּוך פון דעם. דערפאַר איז נייטיק אַ גענויע דורכגעטראַכטע פּלאַנירונג.

— יאָ, מען דאַרף זיין אָפּגעהיט, מיין הער! איך האָב זיך שוין אַזויפיל אָנגעהערט און אַזויפיל איז געשריבן געוואָרן וועגן דער ירושה און וועגן די יורשים פונעם באַראָן. מען דאַרף זייער געהיט זיין, מיין הער — האָט ניאָמע צוגעשטימט.

— פון דער אַנדערער זייט, מיינע הערן, קאָן איך אייך קיין פולע גאַראַנטיע נישט געבן, אַז אַלץ וואָס זעט אויס לאָגיש און קלאָר אין אייער און אין מיין אויג, וועט אויפגענומען און פאַרווירקלעכט ווערן.

— פאַרוואָס? וואָס איז די מניעה? — האָט ניאָמע האַסטיק זיך אויפגעהויבן.

— איר פאַרשטייט, מיר זענען נישט מער ווי אויספירער פון עמעצנס ווילן. איך קאָן, וואָס אַן אמת, רעקאָמענדירן, פאַרלייגן, פּרווון איבערצייגן, אָבער דאָס לעצטע וואָרט וועט געזאָגט ווערן פון „דאָרט", פון אויבערשטן שטאָק... איר פאַרשטייט? נישט שטענדיק האָבן זיי זיך גערעכנט מיט מיין רעקאָמענדאַציע, אפילו ווען עס האָט זיי טייער געקאָסט.

ווידער אַ מאָל האָט זיך אַ שטילקייט צעלייגט איבערן חלל פון דער נידעריקער כאַטע. ניאָמע האָט געוואָלט עפּעס זאָגן און דער גומען איז אים געווען ווי צוגעקלעפּט צו דער צונג. האָט ער פאַרדראָסיק איינגעביסן די אויבערשטע ליפּ, וואָס איז אָפּגעשאָטן מיט גרוילעכע קורצע האָר. וואָס איז דאָס פאַראַ דיבוק אַריין אין אים, אַז פון גרויס צעטראָגנקייט קאָן ער אַפילו נישט אַרויסברענגען די פּאָר סתם־ווערטער, וואָס די העפלעכקייט פאָדערט! ער האָט זיך געגעסן די אייגענע לעבער. עס איז געקומען די גרויסע שעה ווען ער וואָלט געדאַרפט אַרויסזאָגן אַ שטאַרק וואָרט, און דאָ זיצט ער ווי אַ פאַרשעמט אָפּגעשמיסן יינגל און קאָן קיין וואָרט נישט אַרויסברענגען פון מויל.

— כ'וויס? אויב איר זאָגט אַזוי, מן־הסתם האָט איר שוין דורכגע־מאַכט אַלע פּרווון... וואָס האָב איך אייך צו זאָגן און עצהנען?

ברוק האָט אין זיינע שטילע רייד דערפילט אַ ביטערן פאַרוואורף. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַ ברייטן שמועס, ווי ער האָט פריער געפּלאַנט, וועט ער שוין היינט נישט פאַרפירן. האָט ער אַרויפגעצויגן דעם העלן ראָק, אַרויפגעזעצט דעם ברייטפאַלדיקן קאַריק־הוט און איז אויפגעשטאַנען:

— נו, מילא, אויף אַ מער גרינטלעכן שמועס וועלן מיר נאָך געפינען צייט. גוט וואָס מיר האָבן זיך באַקענט און מיר ווייסן מיט וועמען יעדער האָט צו טאָן, נישט אַזוי, מײנע פרײנד ? איך לאַד אײך אײן אויף אַ באַזוך אין מיין ביוראָ. אויב מעגלעך — וואָס פריער, און די פּלענער וועלן מיר געמיינזאַם באַטראַכטן. איצט וויל איך אַ קוק טאָן אויף דער בויאונג אייער. דאָס איז וויכטיק, זייער וויכטיק...

אין דרויסן האָט ער אויפמערקזאַם באַטראַכט די אָנגעהויבענע בויאונג. ס'איז שווער געווען צו באַשטימען צי ער האָט עס געטאָן אויס קענטעניש אָדער נייגעריקייט. ער האָט געמאָסטן מיטן בליק די ווענט און מיט די פינגער געגראַבלט דאָס צוגעטריקנטע ליים. ער האָט צופרידן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— און ווער איז דער בוימייסטער, ווער איז דאָס דער אַרכיטעקט ?

— דאָס איז דער, זשאַמע קוריס. — האָט ניאָמע זיך אָנגערופן איינגעהאַלטן. ער האָט נישט געוווסט צי חוזקט ער, דער פּאַרוואַלטער, אָדער ער גרייט זיך אַ לויב צו טאָן די אַרבעט.

— און ווו האָט איר די מלאכה געלערנט ? יאָ, פון וואַנען אייגנטלעך קומט איר אַהער, סעניאָר קוריס ?

די פראַגע איז געקומען פּלוצעם ווי ער זאָל ערשט איצט האָבן דערזען דעם מענטש ווי אַ צוטשעפּעניש צו דער משפחה אין איינזאַמען פעלד.

— האַ ! איך האָב עס נאָך געלערנט אין פּאַלעסטינע. דאָרט האָב איך נישט ווייניק זאַמד און ציגל געטראָגן. דאָס איז געווען ביים אַנדערן באַראָן, אין הייליקן לאַנד. מיר האָבן דאָך, גאָט זיי דאַנק, אַ גערעטעניש פון יידישע באַראָנען, צווישן באַראָן ראָטשילד און באַראָן הירש באַמבלט זיך נאָך אַ טוץ קלענערע באַראָנען ווי גינזבורג און ענלעכע. ווי קום איך אַהער ? דאָ איז, זעט איר, שוין אַ לאַנגע מעשה. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָב איך זיך אַהער דערשלאָגן מיט דער דרעשמאַשין, געזען ווי יידן זיצן אַליין און בידעווען אין דער ווילדעניש, האָב איך זיי צוגעזאָגט, אַז איך וועל זיי צוהעלפן. נו, בין איך דאָ.

— זייער פיין, זייער פיין ! — דער פּאַרוואַלטער האָט אים אפילו לייכט אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע — איר האָט אַ גרויסע מצווה געטאָן און אייער שכר וועט איר זיכער אויסשלאָגן ווען מ'וועט בויען די קאָלאָניע, קיין אַרבעט וועט אייך נישט פעלן.

— אסור אויב עס ציט מיך צו די אַלע פֿאַרדינסטלעך — האָט זיך זשאַמע אָפּגעטרייסלט ווי פֿון אַ נישט אָנגענעמען אָנבאָט — נישט אויף צו פֿאַרדינען געלט בין איך אַהער געקומען, אַרבעט פֿעלט נישט אין ערגעץ, און געלט איז בלאָטע.

— און איר האָט אַן אַנונג וועגן ערדאַרבעט דאָ אין לאַנד? האָט איר שוין ווען עס איז געאַרבעט אין אַ יידישער קאָלאָניע דאָ אין אַרגענטינע? יאָ, און וואָס איז מכּוח משפּחה? און קינדער?...

דאָס שטענדיקע גוטמוטיקע געזיכט פֿון זשאַמע קוריס האָט זיך איצט מאָדנע פֿאַרקרימט, ווי ער זאָל ליידן פֿון אַ פּלוצעמדיקער קלעמעניש. ער האָט אַרויסגעצויגן דאָס פֿאַרוויקלטע לעדערנע טאַבאַק־זעקעלע און מיט ציטערדיקע פֿינגער פֿאַרדרייט אַ ציגאַרעט.

— אויך פֿאַר די יורשים פֿון צווייטן באַראָן האָב איך גענוג צוגעטראָגן. אַ גאַנץ טייערן גאָב. אָבער איצט איז נישט כדאַי צו רעדן. שווייגן איז דאָך גאָלד, און ווער וויל נישט אָפּגעגילדט ווערן, נישט אזוי?...

וואַלטער ברוק האָט געוואָרפֿן אַ זייטיקן בליק אויפֿן צעטראָגענעם פֿרעמדן מאַן. ער האָט געליבט זיין אָנגעהויבענע אַרבעט און צוגעגעבן אַ פּאָר באַמערקונגען וועגן די טירן און פֿענצטער, וואָס דאַרפֿן אויסהאַלטן דעם דרוק פֿון די ווינטן און רעגנס. נאָך דעם האָט ער זיך עלעגאַנט געזעגנט און איינגעשטיגן אין דער קאַרעטע. ווען די פֿערד זענען שוין געווען אין גאַנג, האָט ניאָמע, נאָכקוקנדיק, געטראַכט, אַז אַלץ זאָגט אָן אויף נייע און בעסערע טעג, אָבער אים איז שווער געווען נאָכצוגעבן זיך דער אויפֿגייענדיקער פֿרייד. דעמאָלט איז דאָך אויך געווען אַזוי: לעוועג־טאַל איז געקומען אין ערשטן טאָג פֿון אויפֿרייסן מיטן אַקער די ערשטע צורקע באָדן. אויך יענער האָט געקלאַפּט איבער דער פּלייצע, צוגעזאָגט מיט אַ האַלב מויל און געהייסן וואַרטן. אָבער ער האָט מיטן גראָדן שכל געוווּסט, אַז ער באַגייט אַן אומרעכט. אפילו דאָס פּנים פֿון דעם נייעם פֿאַרוואַלטער האָט געוועקט צוטרוי. זיינע אויגן האָבן מיט צעטראָגענער ווייכקייט געזוכט די מענטשלעכע שוואַכקייט.

ער האָט נאָך אַ פּאָר מינוט אַרומשפּאַצירט צווישן די אויפֿגעשטעלטע ווענט. און נאָך דעם איז ער צוגעגאַנגען צו זשאַמען:

— גייען מיר ווידער אויף דער רושטאָוואַניע? זענט איר נאָך נישט מיד?...

ווידער אַ מאָל האָט זיך געהערט דאָס טעמפּע צוקלאַפּן פון דער קעלניע און דעם קרומען האַמער ביים אויסלייגן די גרויסע ערדענע ציגל. די קעסעלעך פליסנדיקן ליים האָט זשאַמע קונציק אויסגעגאָסן אויף דער אָנגעהויבענער וואַנט און דערביי האָט זיך זיין באַסאָווע שטים געלאָזט הערן ווייט אַריבער די פעלדער און בערגלעך:

אַ סוכהלע אַ קליינע,
פון ברעטעלעך געמיינע,
מיט צרות האָב איך זי געמאַכט;
איך האָב באַדעקט דעם דאַך
מיט אַ ביסעלע סכך
און זיץ מיר אין סוכהלע ביינאַכט...

פינפטער קאַפּיטל

מיט וואַקלדיקע טריט

אין עטלעכע טעג אַרום האָט ניאָמע זיך אַנטשלאָסן אָפּצושטאַטן אַ באַזוך אין שטאָט און הערן די פּלענער פון נייעם פאַרוואַלטער. געפאָרן איז ער צוזאַמען מיט הערשלען און זשאַמע קוריס.

דאָס הויז פון דער אַדמיניסטראַציע איז געשטאַנען אריינגערוקט אין הויף און איינגעטונקען איןביימער און גרינס. די נאַכלעסיקייט פון די לעצטע יאָרן האָט געלייגט איר חותם אויפן אַלגעמיינעם אויסזען פון הויף. די ווילדע זומער־גראָזן האָבן געקלעטערט איבער די ווענט און פאַרדעקט די צעלעכערטע סטעזשקעס.

נישט קיין גאָר גוטע זכרונות האָבן אויפגעטויכט אין ניאָמעס געמיט ווען ער האָט זיך געזען שטיין ביי דער טיר. אַ האַרצקלאַפּעניש האָט אים תמיד אָנגעכאַפּט ביים אַריבערטרעטן די אָ שוועל נאָך אין לעווענטאַלס צייטן. דעמאָלט האָט ער געפּלאַטערט מיט אַ שטענדיקער האָפענונג אויף אַן ענדערונג. אפשר, אפשר וואַרט אויף אים אַ נייע און גוטע בשורה? אָבער שטענדיק איז ער ארויס אַן אָפּגעשלאָגענער מיט אַ געפיל פון איינעם וואָס מ׳האָט אין מיטן נאַכט איבערגעלאָזן אַליין אין אַ נעץ פון קרייצוועגן. ניאָמע האָט געוווּסט וועגן דעם אונטערטעניקייט־געפיל פון די קאָלאָניסטן בעתן אַריינגיין אין דער אַדמיניסטראַציע־ביוראָ, דאָס אַראָפּציען דעם הוט און דאָס הכנעהדיקע איינבייגן דעם רוקן איז געקומען פון יאָרן פּחד און אומזיכערקייט לגבי דער שטאַרקער האַנט פון די באַאַמטע. און כאָטש ביי אים איז דאָס הכנעה־געפיל נישט געווען איינגעוואָקסן אין האַרצן, האָט דאָך לעווענטאַל דער אַסימילאַנט פאַרגעשטעלט פאַר אים די אינ־סטאַנץ, וואָס באַשטימט זיין גורל.

לעווענטאַל איז אָפּגעפאָרן מיט זיין פרוי קיין אייראָפּע. ער — אַלס פּרייסישער אָפיציר אין דער דייטשער אַרמיי, און זי, אַלס עלזאַס־געבוירענע, ווי אַ קראַנקנשוועסטער אויפן דייטש־פראַנצויזישן פראָנט. זינט דעמאָלט הערט מען נישט פון זיי. די אַדמיניסטראַציע־ביוראָ איז געווען געשלאָסן און דעם אַרענדע־באַטרעף שיקט ער, יאָר־איין יאָר־אויס, קיין בוענאָס איירעס. קיינער פון דער דירעקציע האָט זיך אַהער אין דער געגנט נישט באַוויזן.

ווען וואַלטער ברוק אליין האָט געעפנט די טיר, אויפגענומען אַלעמען מיט אַ ברייטן שלום־עליכם און זיי איינגעלאַדן אין גאַסטזאַל צו טרינקען קאַפּע מיט צובייסן, האָט זיין צעמישטקייט אַ ביסל נאָכגעלאָזן און ער האָט זיך דערפילט היימישער, הגם דאָס האַרץ האָט נאָך געקלעמט אין דער דערוואַרטונג.

וואַלטער ברוק האָט לאַנג נישט פאַרצויגן דעם ענין. פון אַ סקריפּנדיקן שופלאָד האָט ער ארויסגעצויגן אַ דיקע טעקע, אויפגעבונדן צונויפגעדרייטע פּאַפּירן און אַרויסגעלייענט פון דאָרט די איינצלהייטן וועגן אַריבערפירן אַ טייל פון די אַנטוישטע קאָלאָניסטן פון מאָנטיעל, וואָס האָבן יאָרן לאַנג געליטן פון אומגערעטעניש, אויף די שטחים, ווו ניאָמע מיט זיין משפחה זענען געזעסן.

ניאָמע האָט א קנייטש געטאָן דעם שטערן און צוגעגעבן:

— איך בין נישט דאַקעגן, מיין הער, דאָס איז אַן אויסוועג פאַר אונדז און פאַר זיי. אָבער דאָס איז נישט גענוג. גיט אַ טראַכט, אַז דאָס קאָן זיין אַ מין יציאת־מצרים מיט אַלע נאָכוויייענישן, דאָס איז דאָך אַ געשלאָסענע גרופּע, וואָס האָט זיך דורכגעבראָטן אין איין קאָלכאויוון און עס האָבן זיך צו זיי צוגעקלעפּט געוווינהייטן און קאָלעקטיווע פאָדערונגען. זיי וועלן זיך אַוודאי קעגנשטעלן יעדער באַנייאונג און שטענדיק וועלן זיי דערמאָנען זייערע זכויות און זייער פאַרגאַנגענהייט. מיר דאַרפן דעריבער זיך פאַר־זיכערן מיט אַ קעגנגעוויכט פון אַנדערע עלעמענטן.

— יאָ, דער פאָטער איז פולשטענדיק גערעכט — האָט הערשל אונטער־געהאַלטן — ביי דער איצטיקער פאַרשטאַרקטער אימיגראַציע וועט נישט שווער זיין צו רעקרוטירן אַ פאָר צענדליק נייע יידישע משפחות.

— איר זענט גערעכט, מיר וועלן עס נעמען אין אכט. וועגן דעם וועל איך באַלד אַוועקשרייבן אַ בריוו צו דער דירעקציע און צום יידישן אימי־

גראַנטן־פּאַראַיין. ווי נאָר עס וועלן זיך באַווייזן די ערשטע שוואַלבן, וועל איך פאַרן מאַכן די סעלעקציע...

— און מען דאַרף זיך פאַרזיכערן מיט אַ דריטן צד — האָט זשאַמע אומזיכער זיך אַריינגעמישט — עס זענען פאַראַן אָרטיקע תושבים, בעל־מלאכהס, וואָס זענען גרייט איינצושפּאַנען זיך אין דער סאַכע. אויך זיי קאָנען עפּעס בייטראָגן... און איצט, מיין איך, אַז קיין מאַנטיעל דאַרף מען אויך צופאָרן און הערן פון זיי אַליין וואָס זיי זאָגן וועגן פּלאַן. אייגנטלעך מאַכן מיר דאָך דעם חשבון אָן דעם בעל־הבית.

— נו, דאָס וועלן מיר נאָך די וואָך טאָן — האָט ברוק צוגעשטימט. איצט וועגן אַ צווייטן ענין. וואַרט נאָר צו אַ רגע.

ער האָט זיך אויפגעהויבן, געעפנט אַ זייטיקע טיר און איז אַריין אין פּריוואַטן ביורא זיינעם. די טיר האָט ער געלאָזן אָפן און ניאָמעס בליק האָט אים נאָכגעפאָלגט. ער האָט צוגעשמידט די אויגן פאַרויס אַ צערודערטער. אויף דער וואַנט איבערן שרייבטיש איז נאָך געהאַנגען דאָס בינטל זאַנגען פון ניאָמעס ערשטן שניט. איצט זענען זיי נאָכגעהאַנגען קרום, מיט אַראָפּ־געלאָזענע איינגעדאַרטע שפּיצן־העלדזער, ווי סקעלעטן פון געהאַנגענע מענטשן... אַ שווערער אומעט האָט אויף אים אָנגעווייעט.

דער שרייבטיש האָט אויך הערשלען דערמאָנט זיין ערשטן דראַמאַטישן באַזוך ביים הער לעווענטאַל. דעמאָלט האָט ער זיך מיט אים צעווערטלט און געפּאָדערט צו עפענען די קאָרטן. אָבער דער עיקר דערמאָנט זיך אים דער נייגער און זיין דערוואַרטונג, אַז אין איינער פון די טירן וועט זיך באַווייזן די אַזוי געריכטע געשטאַלט פון זיין פרוי, אָט דאָס קאַפּריזנע ווייבל פון נישט־יידישער אָפּשטאַמונג, אין וועלכער דער דאָרפס־שרייבער מאַוריסיאָ ליפּאָווין האָט זיך פאַרליבט. איצט איז זי ווייט טויזנטער קילאָמעטער. צי איז זי גאַנץ אַרויס פון לאַנגן און שרעקלעכן קריג? אָט די שטוב איז אַמאָל פול געווען מיט איר וועזן און מיט אירע באַוועגונגען, מיט איר שטימע, וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט געהערט. ער האָט קיין געלעגנהייט נישט געהאַט זי צו קענען פון דער נאָענט.

וואַלטער ברוק האָט זיך צוריקגעקערט מיט צונויפגעקייקלטע מאַפּעס, אויסגעשפּרייט זיי אויפן טיש און געזאָגט:

— איצט קומט דער עיקר. דאָ זענען פאַר אונדז פּלענער פון שוין עקזיסטירנדיקע קאָלאָניעס. פון זיי וועלן מיר לערנען ווי אַזוי איינצואָרדענען

דעם נייעם ישוב. זעט איר די געדיכט־אָנגעצייכנטע קעסטעלעך ? דאָס זענען די הייזער, געבויטע אין סטיל פון די אַלטע רוסישע דערפער. פאַר אונדז איז דאָס נישט אַקטועל צוליב די שוועריקייטן צו באַארבעטן דעם באָדן ווייט פון הויז. מיר שנײַדן שוין נישט צו מער קיין „קינטאָס" (קליינע חלקים נעבן שטוב), נאָר מיר זוכן מער ווירקזאַמע וועגן ווי אַזוי צו לייזן דעם בוי־פּראָבלעם. דער אַלטער סטיל האָט געבראַכט דערצו, אַז אויף די ווייטע פעלדער האָט מען געמוזט אויפבויען אַ הייזקע און נישט איין מאָל אַריינזעצן אַהין אַ גוי צו באַארבעטן די ערד. דאָס האָט געשטערט דעם פאַקטישן צובונד צווישן דעם ייד און זיין נחלה. איצט וועלן מיר אַריינקוקן אין אַ צווייטער מאַפּע.

— אסור אויב איך פאַרשטיי עפּעס אין די קליינע צאַצקעלעך — האָט זשאַמע געהוזקט ביים אַריינקוקן אין דער מאַפּע — יעדעס פּינטעלע איז זיכער אַ גאַנצע אימעניע, נישט אַזוי ?

— דאָס איז אייגנטלעך וואָס מיר דאַרפן — האָט ברוק אָנגעוויזן מיט דעם פינגער — גרופּעס צו פיר... אין יעדן ווינקעלע פון דער נחלה וועט אויפגעשטעלט ווערן אַ הויז, אַזוי אַז יעדע גרופּע וועט זיין אַ מין איינהייט. דאָס וועט דינען סיי דער קעגנזייטיקער הילף און סיי דער היימלעכקייט. וויפל אַזעלכע גרופּעס ? דאָס וועלן מיר זען.

— און די אַ צוויי שמאָלע פּאַסן, וואָס ציען זיך לענג־אויס דער מאַפּע, וואָס איז זייער באַדייטונג ? — האָט הערשל אויפמערקזאַם באַטראַכט די אויסגעשפּרייטע מאַפּע.

— דאָ ציען זיך די אייזנבאַן־שינעס — האָט ברוק געענטפערט — זיי געפינען זיך ביים עק פון די פעלדער, וואָס געהערן צו דער „געזעלשאַפט". מיר טראַכטן אָבער אָפּצוקויפן נאָך עטלעכע טויזנט העקטאַר, אַזוי אַז די רעלסן וועלן בלייבן אין דער מיט. לויטן פּלאַן וועלן מיר דעמאָלט אויפ־שטעלן נעבן זיי דאָס שטעטל.

— אַ שטעטל ? צו וואָס ? — האָט ניאַמע האַסטיק זיך אַ הייב געטאָן — צי קאָן מען זיך אויך דאָ נישט באַגיין אָן אַ שטעטל ?...

— עס קאָן זיין, אַז מען קאָן אָן דעם אויסקומען — האָט ברוק צוגע־געבן — אָבער אזוי איז דער פּלאַן און אַזוי האָבן מיר ביז איצט געבויט די יידישע קאָלאָניעס אין אַלע פּראָווינצן, ווו נאָר די „געזעלשאַפט" האָט איינגעהאַנדלט באָדן. עס איז פאַראַן אַ שכל־הישר דערין. מען דאַרף אַ נאָענטן

צענטער, ווו מ׳זאָל קאָנען איינשאַפן זיך פּראָדוקטן און „פּיעסעס" (מאַשינען־טיילן), אַ יידישע סביבה, ווו מען ברענגט אַראָפּ אַ טעאַטער־טרופּע, און נאָך אַלעמען — פּאַרוואָס זאָלן נישט לעבן און האָבן פּרנסה עטלעכע הונ־דערט משפּחות אין אַ שטעטלדיקן צענטער, אַרומגערינגלט מיט יידישע קאָלאָניעס? צי האָט עס אַ זין אַז די דאָרפסלייט זאָלן פאָרן שעהן־לאַנג אין דער קרייזשטאָט זיך איינשאַפן די נייטיקע זאַכן?

— צו דעם איז פאַראַן אַן עצה — האָט הערשל נישט נאָכגעגעבן — דאָרט ווו מען פּלאַנט אויפצובויען די שולע, די שיל און דאָס קולטור־הויז, קען מען אויפשטעלן אַ קאָאָפּעראַטיוו. דאָס וועט לייזן די קויף־ און פאַר־קויף־פּראָבלעמען און דאָס וועט אויך דערציען די קאָלאָניסטן צו קעגנ־זייטיקער הילף, צו אַ ביסל אָרגאַניזאַציע... דאַקעגן אַ שטעטל מיט זיין קרעמעריש־פּאַראַזיטישן עלעמענט, וועט שטענדיק זיין אַ שטערונג פאַר אַ געזונטער אַנטוויקלונג פון דער קאָלאָניע; די יוגנט וועט שטענדיק ציען אַהין.

וואָלטער ברוק האָט מיט אינטערעס אַ ווײַלע באַטראַכט דעם יונגנמאַן, אַ פּיר געטאָן מיטן פינגער איבער די ליניעס פון דער מאַפּע און צוגעגעבן:

— מעגלעך, אַז איר האָט רעכט... זיכער האָט איר רעכט! אָבער נישט אין אונדזערע הענט ליגט די מעגלעכקייט צו מאַכן אַזעלכע ענדערונגען. מיר קאָנען עס פאַרלייגן אין דער דירעקציע. אפשר וועלן מיר באַקומען איר צושטימונג. דאָס איז דאָך אַ גאַנצע איבערקערעניש אין בוי־סיסטעם...

— איבערקערעניש אָדער נישט... אויב די קאָלאָניסטן וועלן נאָר איינשטימען צו דעם, טאָ פאַרוואָס מוז מען זיך אַנטקעגנשטעלן? — האָט זשאַמע קוריס זיך אריינגעמישט — מיר האָבן דאָך אַמאָל געלערנט: מכל מלמדי השכלתי... און אָט דער יונגערמאַן האָט, אַ גרויסע רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענהייט. דאָרט האָט ער געקעמפט פאַר גלייכהייט. ער קען די מלאכה...

— דאָ גייט אונדז נישט אָן קיינעמס פאַרגאַנגענהייט, מיינע הערן, ווער עס איז געווען אַ קרעמער, ווער אַ בוכהאַלטער און ווער אַ בעל־מלאכה. אויך אַ רעוואָלוציאָנער איז נישט קיין שטערונג און נישט קיין יחוס. מיר ווילן אַלעמען פאַרוואַנדלען אין פרידלעכע ערדאַרבעטער. זיי דאַרפן גוט מאַכן דעם יידישן נאָמען און געזונט מאַכן די יידישע סטרוקטור. אויב איר וועט דאָ צופיל פאָכען מיט דער רויטער פאָן, וועט עס דווקא נישט זיין צום

גונסטן פון אייך אַלעמען. איר פאַרשטייט? איר שטאַמט פון רוסלאַנד, „רוסאָס“ רופט מען דאָ אַלע יידן. דאָרט איז איצט אויסגעבראָכן אַ רעוואָלו־ציע און אויב מ׳וועט אייך דאָ באַשולדיקן אין עקסטרעמע געדאַנקען, וועט עס שעדיקן אונדזער אַלעמענס פּאָזיציע. אין לאַנד איז איצט אומרואיק, אין די שטעט ברעכן אויס גרויסע שטרייקן, אַרבעטער מאַניפעסטירן איבער די גאַסן און די פּאָליציי צעטרייבט זיי. מיר, יידן, דאַרפן וואָס ווייניקער אריינ־רוקן אונדזערע שוואַכע קעפּ אין אָט דעם גערודער... איר פאַרשטייט? דאָס איז נאָר אַ פריינדלעכע עצה... איר זענט דאָ פריי צו האַנדלען ווי איר ווילט...

הערשל האָט פאַרביסן די ליפּן. ביי ברוקס גאַנצן מאָדערנעם צוגאַנג צו דער פראַגע פון יידישן דאָרף, קאָן ער זיך דאָך נישט באַפרייען פון קליינבירגערלעכע פאָראורטיילן. יידן דאַרפן זיך נישט מישן... יידן דאַרפן זיין שטילער ווי גראָז, אַז מ׳זאָל אויף זיי נישט טייטלען מיט די פינגער: אָט זענען די בלוטצאפּערס, אָט זענען די גאָטלעסטערער, אָט זענען די שטערער פון דער קריסטלעכער אָרדענונג... אַזוי איז עס דאָרט, און אַזוי איז עס דאָ, אין דער נייער וועלט. ער האָט טאַקע געלייענט וועגן די געשעענישן, וואָס צעטרייסלען איצט דאָס לאַנד. און אפשר איז עס די השפעה פון דער רוסישער רעוואָלוציע, נו, איז דאָס אַ חטא? צי דאַרפן מיר אויס־מיידן יעדע וויכטיקע געשעעניש בלויז צוליב דעם חשד, וואָס קאָן אויף אונדז פאַלן?...

— דאָס האָט נישט קיין שייכות מיט אונדזער דאָרף — האָט ער אַנטשלאָסן זיך אָפּגערופן — אויב מיר ווילן בויען אונדזער דאָרף אויף פּראָגרעסיווע יסודות, מוז עס נישט האָבן קיין שייכות מיט שטרייקן און דעמאָנסטראַציעס....

— אָבער עס ליגט נישט אין אונדזער רשות צו ענדערן די סטאַטוטן פון דער „געזעלשאַפט“. און אַפילו ווען עס לייגט זיך אויפן געדאַנק עפּעס אַן ענדערונג, איז דווקא איצט נישט די פּאַסיקע צייט. חוץ דעם זענט איר דאָך נישט די איינציקע אויפן יאַריד.

— איך מיין, אַז דער סעניאָר ברוק האָט רעכט — האָט זיך זשאַמע אַריינגעמישט — זיך אונטערצוקריגן פּאַסט נאָך די האָניק־חדשים און נישט אין ברען פון דער ליבע. איך מיין, אַז קודם־כל דאַרף מען זיך אַראָפּכאַפּן צו די קאַנדידאַטן אין דער קאָלאָניע מאָנטיעל.

דאָס איז געווען אַ מין אַרויסקריגן זיך פון אַ נישט באַקוועמער סיטו־

אַציע. אויך ניאָמע איז געווען צופרידן פון אַזאַ אַריינמישן זיך. ער האָט אָבער געוווסט, אַז די האָניק־חדשים וועלן שנעל פאַרביי און אַז נישט ווייניק שטרויכלונגען וואַרטן אין וועג.

וואַלטער ברוק האָט פון ניאָמעס געזיכט אַראָפּגעלייענט זיין פאַרלעגנ־הייט. האָט ער געקוקט אין דער צעשפּרייטער מאַפּע און געזוכט אַ וועג ווי אַזוי צו פאַרווישן די דיסקוסיע.

— אָט שטייט פאַר אונדז נאָך אַן ענין. איר זעט אָט די שטערנדלעך אויפן פּאַפּיר ? דאָס זענען די נישט־יידישע שכנים אייערע, וואָס דער הער לעוועןטאַל האָט דאָרט צייטווייליק אַוועקגעזעצט. איצט זענען זיי פאַר אונדז ווי אַ ביין אין האַלדז. זיי אַראָפּנעמען ? אַ שווער שטיקל אַרבעט. דאָס געזעץ שיצט זיי און די געריכטלעכע פּראָצעדור איז אין דעם לאַנד אַ לאַנגע און פאַרשלעפּטע. זיי לאָזן ? דאָס וועט אַריינברענגען אַ צעמישונג אין אונ־דזערע פּלענער. וואָס מיינט איר, סעניאָרעס, דאַרף מען טאָן ?

זיינע רייד האָבן ארויסגערופן אַ געדריקטע שטילקייט. ניאָמע האָט באַטראַכט די קליינע שטערנדלעך און פאַר די אויגן האָט אים אָנגעהויבן ממש צו פינקלען. פונעם פּאַפּיר אַרויס האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוקריכן באַקאַנטע געשטאַלטן : האַנס נאַגעל, דער דייטשער שכן זיינער מיט דער „מודער" און אַ צענדליק פלאַקסענע קעפּלעך ; די צעיושעטע חזרים, וואָס יאָגן אַן א פריקרען געדיכטן ריח... פון אַן אַנדער שטערנדל האָט זיך אַרויסגעדראַפּעט אויף זיין איינגעאיבטן פערד די פּאַטריאַרכאַלע געשטאַלט פון דאָן כואַן קאַסטראַ, דער שכנישער גאַוטש און נאָך אים — זיין אונטער־געוואָקסענער זון. ער האָט דאָך זיי אויפגענומען אינעם טאָג פון דער ערשטער באַגעגעניש ביים אויפשטעלן די כאַטע אין וויסטן פעלד. איצט, פּונקט ווי דעמאַלט, זאָגט ער נישט אַרויס קיין וואָרט אפילו, נאָר די שוואַרצע טיפע אויגן ברענען און די כאַפּטע הינט צערייסט די אָנגעשטרענגטע שטילקייט. פון אַן אַנדער ווינקל שפּרינגט אַרויס פון די טאַנצנדיקע שטערנדלעך דאָס אַרמענישע הויזגעזינד. דער איינגעדאַרטער כמורנער אַרבאַדיכיאַן שניידט מיט דער קאָסע דאָס מאָגערע היי. דאָס קלינגל דערגרייכט ביז צו ניאָמעס פיס און וועט זיך אָט, אָט, איינבייסן אין זיין פלייש. אפילו דער ערשט אָנגעקומענער און גוטמוטיקער איוואַן פּאַוולאָוויטש האָט אויף אים אָנגע־שיקט אַ צעיושעטע באַנדע גנבים און זיי פּלינדערן אויס ביזן לעצטן ברעטל

פון זיין הויף... אַ נישט געוויינלעכע היץ האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ און זיך צעגאָסן איבערן לייב.

— איך מיין, אַז דערווייל דאַרף מען זיי לאָזן צורו — האָט הערשל דער ערשטער זיך אָנגערופן — מיר דאַרפן נישט אָנהייבן דווקא מיט אַזעלכע מיטלען, דאָס קאָן אונדז פאַרשוואַרצן דאָס פּנים. וואָס שטערט עס, אַז עטלעכע גויים וועלן זיין צווישן אונדז?

— נו, טאַקע, וועלן מיר האָבן פּאַרטיקע שבת־גויים — זשאַמע קוריס האָט געוווּנקען מיט זיינע קאַרע אויגן און געלאַכט — דאָ וועט זיין אַ קאַפּויערע וועלט: דאָרט איז אַן אײַנזאַמער ייד געזעסן ווי אַ ישובניק אין גויישן דאָרף, און דאָ...

— אַ וויץ אַהין אַ וויץ אַהער — האָט ניאָמע זיך אויך ווי אויפגעכאַפּט פון הינערפלעט — אַ שטיק אמת ליגט אין זשאַמעס רייד. ווי קאָן מען נעמען אַזוי זיך און אַרויסטרייבן? אפשר וועט זיי נמאס ווערן מיט דער צייט צו זיצן צווישן יידן, וועלן זיי זיך אַליין אָפּטראָגן.

אָט דער אָפּרוף פון זיינע באַזוכער האָט אַרויסגערופן פאַרווונדערונג ביי וואַלטער ברוק. דווקא אין אָט דער פראַגע האָט ער געוואַרט אויף אַ שאַרפער און עקשנותדיקער רעאַקציע. ווען ער האָט זיך דערוווּסט וועגן די נישט־יידישע אַרענדאַטערס, וואָס לעווענטאַל האָט אַזוי לייכט אַרויפ־געזעצט אויפן באָדן, האָט ער געציטערט פאַר קאָמפּליקאַציעס. יעדער אומ־שולדיקער קאָנפליקט קאָן אַרויסרופן די שונאי־ישראל פון זייערע נאָרעס אַרויס. דאָס אַריבערפירן די גויים אויף אַן אַנדער אָרט קאָן איבערלאָזן אַ נישט געוווּנטשענעם נאָך־טעם, וואָס וועט אָנרייצן די גויישע קעגנער פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע. דער אַלטער גאַוטש דאַן קאַסטראָ זיצט דאָ אויפן באָדן זינט דורות לאַנג און מיט אים וועט זיין אוממעגלעך אפילו צו רעדן וועגן איבערוואַנדערן אויף אַן אַנדער אָרט. ער וועט עס כלל נישט באַנעמען און יעדע אויפקלערונג וועט פאַלן ווי אויף האַרטן שטיין.

דערפאַר איז ברוק געווען צופרידן מיט דער דורכגעטראַכטער תשובה פון זיינע באַזוכער. ער האָט זיך געפילט דערלייכטערט.

— אויב אַזוי, סעניאָרעס — האָט ער רעזומירט — וועלן מיר לאָזן די זאַך זיך אַליין אויסצוקאָכן. מעגלעך, אַז זיי וועלן שפּעטער אַליין זיך אַרומקוקן, אַז ס'איז נישט קיין תכלית צו זיצן אַליין צווישן „רוסאָס". דאַן וועלן מיר זיי פאַרלייגן אַנדערן באָדן אָדער אַ געלט־קאָמפּענסאַציע.

— איך האָב אַ פֿאַרגעפֿיל, אַז די אמתע מלחמה וועט זיך אָפּשפּילן דווקא נישט מיט די גויים — זשאַמע האָט דאָס אַרויסגערעדט מיט אַן אומ־זיכער קול — נאָר מיט אונדזערע שותּפֿים פֿון מאַנטיעל...

ווען וואָלטער ברוק האָט מודיע געווען מיטן באַדינער זיינעם, אַז אין אַ באַשטימטן טאָג וועט ער דורכפֿאָרן מיט דער דראָזשקע אויפֿן וועג קיין מאָנטיעל און אַז עס זענען פֿאַראַן צוויי פֿרייע פּלעצער האָט ניאָמע באַלד צוגעפּסקנט:

— דאָס מאָל איז געקומען די ריי פֿאַר שלומען. פֿאַרוואָס זאָל ער נישט אַרויספֿאָרן און אָנקוקן אַ שטיקל וועלט? ער איז דאָך אויך אַ שותּף פֿון דער אימעניע...

אַזוי ווי דאָס איז געווען דער ערשטער אַרויספֿאָר אַהין אין יענער קאָלאָניע האָט קיינער נישט געזען קיין פּגם אינעם פֿאָטערס פֿאָרשלאָג.

געפֿאָרן זענען זיי איבערן זאַמדיקן שליאַך צווישן די עסטאַנסיעס און איינצלנע כאַטעס פֿון פּי־היטער. צייטנווייז האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַ ראַנטשאָ ביים וועג, כדי אָנצוטרינקען די פֿערד. דערביי האָבן זיי זיך נישט אָפּגעזאָגט פֿון אַ הייסער מאַטע, צוגעטראָגן פֿונעם גאַסט־פֿריינדלעכן גאַוטש. אומעטום האָט וואָלטער ברוק זיך אויסגעפֿרעגט וועגן זייער לעבן און אויסקום און בקיצור דאָס איבערגעזעצט פֿאַר זיינע באַגלייטער. שלום, וואָס האָט אין די פֿאַר יאָר אויפֿן פֿעלד זיך געגעבן אַ צי אויס אין זיין גאַנצער לענג אויף אַ קאָפּ העכער פֿון הערשלען, איז געווען אַ ביסל שטומפּיק אויף צו כאַפּן די שפּאַנישע שפּראַך. צוליבן פּחד נכשל צו ווערן מיט אַ וואָרט האָט ער זיך ווייניק איינגעאיבט אין דער לאַנדשפּראַך. געלייענט האָט ער נאָר יידישע צייטונגען, היגע און אַמעריקאַנישע, וואָס זענען צו זיי געשיקט געוואָרן פֿון דער שטאָט דורכן בוכהענדלער. באַזונדערס האָט אים געצויגן צו לייענען די נייעסן און באַשרייבונגען וועגן ארץ־ישראל, אָדער ווי מ׳האָט עס דאָ גערופֿן — פּאַלעסטינע. מיטן אָנקומען אַהער פֿון זשאַמע קוריס, האָט ער צו אים געקלעפּט און גערן אויסגעהערט די מעשיות און עפּיזאָדן פֿון זיין לעבן אין לאַנד פֿון די אבֿות. נאָך אַלס קינד, ווען ער האָט אין חדר געלערנט די פּרשיות פֿון חומש וועגן די יידישע מלכים און די גרויסקייט פֿון די נביאים, האָט זיך אין זיין מוח אויסגעוועבט אַ נישט קלאָרע פֿאָרשטעלונג וועגן יענעם ווינקל פֿון דער וועלט, וואָס האָט תּמיד אויסגעזען אין זיינע

אויגן ווי נישט ערדיש. ירושלים, בית לחם, גליל — דאָס אַלץ זענען געווען באַגריפן, וואָס האָבן נישט קיין אָנהאַלט אינעם עקזיסטירנדיקן לעבן, אַ מין שוועבנדיק קעניגרייך, נאָך דעם ווי די יידן זענען פון דאָרט פאַרטריבן געוואָרן. דערפאַר איז פאַר אים געווען מאָדנע און אַפילו אַנטוישנדיק צו זען פאַר זיך אַ מאַן, וואָס האָט אַליין דורכגעשפּאַנט דאָס לעגענדע־לאַנד און דערציילט פון דאָרט געוויינלעכע און טיילמאָל אַפילו אָפּשפּאָטנדיקע מעשיות.

געאַרבעט האָט שלום נישט שלעכט. אָבער נישט איין מאָל האָט מען באַמערקט אין אים אַן איינגעשלאָסנקייט, וואָס האָט אַ ביסל דערמאַנט אין מאַירס אויפפירונג. די רייפקייט האָט אויף אים זיך אָנגערוקט אין דער אָפּגעזונדערטקייט, אָן וועלכער עס איז באַרירונג מיט אַ חברותא פון זיין עלטער. דעם אינערלעכן אומרו האָט ער אַריינגעטאָן אין לייענען, אַרומקריכן איבער די פעלדער און באַטראַכטן די קלענסטע פּרטים אין די נאַטור־ענדערונגען. דאָרט, אין פעלד, פלעגט ער מיטנעמען אַ העפט מיט אַ בליישטיפט און שרייבן אָן אַ שיעור גלייכווערטלעך און גראַמען. אָבער קיינער האָט ביז איצט נישט געוווּסט וועגן דעם.

דערפאַר האָט ער מיט פרייד אויפגענומען דעם פאָטערס פאָרשלאָג אים צו באַגלייטן אויף דער רייזע. אים האָט געלאָקט דאָס נייע וואָס וועט זיך פאַר אים אַנטפּלעקן; די נייע פּייזאַזשן און די אַנדערע מענטשלעכע פירונגען האָבן אים געצויגן.

צו פאַרנאַכט זענען זיי אַריינגעפאָרן צווישן די ערשטע הייזער פון דער קאָלאָניע מאַנטיעל. עס האָט זיי אויפגענומען אַ הייס־צעבושעוועטער פּאַמפּאַ־ווינט, וואָס האָט מיט זיך געטראָגן גאַנצע וואָלקנס שניידנדיקן זאַמד. די שטיקנדיקע היץ פון די נאָכמיטאָג־שעהן, דער ווינט, וואָס האָט פריער געבלאָזן אין דער פאַרקערטער ריכטונג, צו דער פּאַמפּאַ זייט, האָבן אָנגעזאָגט אַן אומפאַרמיידלעכן איבערברוך. די רייזנדע האָבן באַלד באַמערקט די ערשטע סימנים פון אָנקומענדיקן „פּאַמפּערא". פריער איז געווען אַ מאָדנע דערדריקנדיקע שטילקייט, ווי די גאַנצע נאַטור וואָלט אַ פאַרחלשטע, נאָכגעלאָזן אירע אברים און איינגעהאַלטן דעם שווערן אָטעם. אַ שאַרפער ריח פון געטראָגענעם זאַמד האָט זיך געשפּירט אין דער לופט און עס האָבן זיך אָנגעהויבן אויסטיילן ברוין־טונקעלע זאַמד־וואָלקנס.

ווען פון דער ווייטנס האָבן זיך געזען די ערשטע הייזקעס פון דער קאָלאָניע, האָט עס שוין אָנגעהויבן אַרום זיי צו פייפן און הודיען און דער זאַמד האָט געשניטן אין די אויגן. די פערד האָבן פאַרצווייפלט זיך געמיט דורכצורייסן דעם „פאַמפּעראָ״ און נאָך געשפּאַנט פאָרויס. דער לאַקירטער איבערדעק פון דער קאַרעטע האָט זיך געטרייסלט און געקרעכצט אין די זאַוויעסעס. זיי האָבן אים צונויפגעלייגט און אַראָפּ־געדריקט אויפן פלאַך פון דער דראָזשקע און זיי זענען געווען איצטער אָפּגעדעקט פאַרן געפייף און גערויש פונעם ווינט און זאַמד. ווען זיי האָבן דערזען ווי די ערשטע דאַך־בלעך, אַן אַרויסגעריסענע פון אַ דאַך־שטיבל, איז געפלויגן איבער די נאָענטע פעלדער, האָבן זיי אויסגעדרייט די קאַרעטע, אָפּגעשטעלט די פערד און מיט אַראָפּגעדריקטע קערפּערס צום באָדן איבערגעוואַרט דעם צעיושעטן שטורעם.

אָבער שנעל האָט אַלץ זיך איינגעשטילט. דער האָריזאָנט האָט זיך אויסגעלייטערט און די זון האָט פאַרן זעצן זיך אַ שיין געטאָן מיט אַ ראָזיקער לאַכיקייט ווי מיט שפּילעוודיקן חוזק. אַ שטילקייט ווי פון נאָכן חורבן האָט זיך איינגעשטעלט. אינעם אַרום האָבן קופּעס זאַמד, ווי וואַנדער־דוינעס, זיך געהויבן און געבערגלט ביי די דראָטענע צוימען. דאָרטן זענען זיי פאַרהאַלטן געוואָרן צוזאַמען מיט דעם אויסגעריסענעם „קוריי״ (שטעכיקן הויכן גראָז).

דער וועג האָט איצט געפירט צווישן די קאָלאָניע־פעלדער. אַרום איז אַלץ געווען טרוקן־אָרעם און טרויעריק. פון די הויפן האָט אַרויס־געוויינט די אָפּגעלאָזענע אָרעמקייט, וואָס קומט מער פון נאַכלעסיקייט ווי פון נויט. די הייזער זענען געווען נישט סימעטריש געבויט און צע־וואָרפן איבער די פעלדער. ווינציקע ביימער מיט ראַכיטיש־מאָגערע צווייגן האָבן באַקראַנצט די אָפּגעקראָכענע נישט געווייסטע ווענט. אין דער גאַנצער לענג פון דער גאַס האָט זיך נאָר געזען איין ווינטמיל אַרויפּצוציען דאָס וואַסער. נאָכדעם ווי דער הוראַגאַן האָט אָנגעכאַפּט די פליגל אין מיטן זייער וויכערישן דרייען, זענען זיי איצט געהאָנגען אויס־געקרימטע, ווי פליגל פון אַן אָדלער, וואָס האָבן זיך אָנגעבראָכן אין אַ פעלדזן־שפּיץ. די קי און פערד, וואָס האָבן זיך געפּאַשעט אין די שוואַרץ־מאָגערע „פּאָטרעראָס״ (פּאַשע־לאָנקעס), האָבן געהאַט אַ נעבעכ־דיקן אויסזען און די אויסגעשפּיצטע רוקן־און ריפּן־ביינער האָבן דער־

ציילט, אַז די פּאַשע דאָ דעריאָגט קיינמאָל נישט דעם אַפּעטיט פון די אויסגעמאַטערטע גאָטס באַשעפעניש.

די תבואה־פעלדער זענען געווען מאָגערע, שיטער־איינגעזונקענע אין טרוקענעם זאַמד. די ווייץ־ און גערשטן־לאַנקעס האָבן אויסגעשאָסן די שוין רייף געוואָרענע זאַנגען, איינגעשרומפּטע האָבן זייערע מאָגערע קעפּלעך זיך געצויגן קעגן דער סמאַליענדיקער לופט.

— דאָ האָט מען באַגראָבן גרויסע אוצרות געלט און טייערע האָפע־נונגען — האָט וואַלטער ברוק טרויעריק באַטראַכט דעם אָרעמען פּייזאַזש — מען האָט זיך צו מיינע עצות נישט צוגעהערט און עקשנותדיק דורכ־געפירט די אומגליקלעכע טראַנזאַקציע.

זיינע באַגלייטער האָבן געשוויגן. ניאָמע האָט געטראַכט: — און היינט, היינט וועט מען זיך דען צוהערן צו זיינע פאָרשלאָגן? האָט מען שוין עפּעס, זינט דעמאָלט, געלערנט פון די דורכגעמאַכטע פעלער־האַפטע שריט? ווי אַנדערש האָט אויסגעזען דאָס אַלגעמיינע בילד דאָ אַנטקעגן די שפּעדיקע פּאַשע־פעלדער אין זייער איינזאַמער היים. דאָרט האָבן זיך די תבואה־פעלדער אָנגעגאָסן מיט גרויסבערדיקע שווערע זאַנגען. די רויערד האָט זיך געראַנגלט מיטן שניידמעסער און נישט געלאָזן איינצובייסן איר לייב, אָבער איין מאָל נאָכגעגעבן, האָט זי זיך באַפרוכפּערט און געשאָנקען איר גאָב ווי אַ גוט און איינגענומען ווייב. די ערד האָט געוואַרט אויף אַזעלכע באַצווינגער. וועלן זיי קומען, די אָפּגענאַרטע, די פאַרביטערטע פון אָט דער געגנט, און פּרוּוון זייער מזל פון דאָס ניי?

שוין ביים זון־פאַרגאַנג האָבן זיי זיך דערשלאָגן צום הויף פון סעק־רעטאַר פון קאָאָפּעראַטיוו, זישע אַקערמאַן, מיט וועלכן זיי האָבן באַדאַרפט אָנקניפּן דעם ערשטן קאָנטאַקט. דער קאָאָפּעראַטיוו איז נישט לאַנג געגרינדעט געוואָרן אויף זיין איניציאַטיוו, נאָך אַ לאַנגן קאַמף קעגן די מאַנעוורן פון דער „געזעלשאַפט״, וואָס האָט געציטערט פאַר זעלבסט־אָרגאַניזירונג פון די קאָלאָניסטן. ער האָט אויך געפירט אַ לאַנגן קאַמף מיט נישט ווייניק קאָלאָניסטן, וואָס האָבן נישט געוואָלט זיך אונטער־וואַרפן דער דיסציפּלין און נעמען אַן אייגענע אַחריות פאַרן דאָרף. אויף דעם נישט לאַנג פאָרגעקומענעם קאָנגרעס פון די יידישע אַגראַר־קאָאָפּע־ראַטיוון האָט ער עס טאַקע, זישע אַקערמאַן, געבראַכט דעם ווײ־געשריי

פון די אַנטוישטע און פאַרפּירטע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן דורך יאָרן פון שווערער אַרבעט זיך נישט געקאָנט דערשלאָגן צו אַ רואיקער נחלה און נאָרמאַלן לעבן. די טריקענישן האָבן איינגעדאַרט זייער גוף און פאַרצערט זייער מוט. דאָס פעלן פון געלט־מיטלען פאַר אַן אויסקום ביז צום מאָגערן שניט און אויף איינשאַפן זיך מאַשינען, האָבן דעם פויער צוגעבונדן צום פּריוואַטן סוחר. ער האָט געגעבן קרעדיטן אויף אַ הויכן פּראָצענט און דער קאָלאָניסט האָט געדאַרפט פאַרקויפן אים די תבואה נאָך איידער זי איז אויפגעגאַנגען אין פעלד. וואַלטער ברוק האָט גוט געקענט די לאַגע זייערע און ער איז נישט געקומען אַהער לערנען אָדער עצות געבן. ער איז געקומען מאַכן דעם גרויסן כירורגישן שניט צו אַ ראַדיקאַלער רפואה פאַר די, וואָס ווילן זיך היילן...

זישע אַקערמאַן איז געווען דער אינטעליגענט צווישן זיינע בעסאַראַ־בער לאַנדסלייט. ער האָט באַוויזן אַ ביסל צו לערנען אין קישענעווער גימנאַזיע און געלעבט אַ שטיקל צייט אין אָדעס. וועגן יענער תקופה האָט ער באַזונדערס ליב געהאַט צו רעדן און איבערדערציילן, איבערהויפּט וועגן זיינע טרעפענישן מיט ביאַליקן און ראַווניצקין. גערעדט האָט ער תמיד אַן אויפרעגונג, געלאַסן און באַמיט זיך איבערצוצייגן זיין אָפּאָ־נענט מיט געדולד און גוטמוטיקייט. צו זיינע רייד האָט מען געמוזט זיך צוהערן, ווייל עס איז שווער געווען זיך צו באַפרייען פון זיין לעבעדיקן בליק. זיינע רייד האָט ער באַווירצט מיט מאמרי חז״ל און אַפאָריזמען פון די השכלה־לייט און מאָדערנע העברעישע שרייבער. ער איז געווען אַ בעל־מטופל מיט קינדער, וואָס האָבן נאָך נישט באַוויזן אונטערצו־וואַקסן און העלפן מיט עפּעס. דערפאַר זענען די אַרבעטן ביי אים אין פעלד געבליבן פאַרנאַכלעסיקט. דערצו האָט ער נאָך זייער גערן געהאַט צו קהלן זיך אין געזעלשאַפטלעכע ענינים פון דער קאָלאָניע, וואָס האָט נישט ווייניק צייט אָוועקגערויבט פון דער ממשותדיקער פעלדאַרבעט. נישט ווייניק קעגנער און נישט־פאַרגינער זענען קעגן אים אויפגעע־שטאַנען אין דער קאָלאָניע, אָבער ער איז דאָך געווען די בולטסטע פיגור אין דאָרף. ער איז געווען דער אָרגאַניזאַטאָר פון די ליטעראַרישע אָוונטן אַלע שבת נאָכמיטאָג אין דער שולע. ביי אים אין שטוב פלעגט די צוגרייטונגס־קאָמיסיע זיך צונויפקומען אַלע מיטוואָך אין אָוונט אויס־קלייבן דעם לייען־מאַטעריאַל און אים פונאַנדערטיילן צווישן די אָנטייל־

נעמער. עס זענען געווען פֿאַרלייענער, דעקלאַמאַטאָרס, זינגער און אימי־טאַטאָרס.

אַחוץ דעם איז זישע אַקערמאַן אויך געווען דער קאָרעספּאָנדענט פֿון אַ טעגלעכער יידישער צייטונג אין דער הויפּטשטאָט. אָפּטמאָל פֿלעגן זיינע פֿעליעטאָנען איבערגעדרוקט ווערן אין אויסלענדישע צייטונגען און אויסגעטייטשט ווערן פֿון די קעגנער ווי פֿון די פֿאַוואָריזירער פֿון די יידישע קאָלאָניעס. אָט די פּאָזיציע האָט אים צוגעגעבן חשיבות און נישט איינער האָט מורא געהאַט פֿאַר זיין פּען, וואָס קאָן דערלאַנגען צווישן די ריפּן. מען האָט אויך געציטערט פֿאַר זיינע געשריבענע סצענקעס, אין וועלכע ער פֿלעגט נעמען אויפֿן צימבל די אָרטיקע עקזאָטישע טיפּן. צוליב אַזאַ פֿאַרשטעלטער חוזק־שילדערונג איז שטענדיק געוואַקסן דער רוגז, אָבער אויך דער איינגעהאַלטענער דרך־ארץ פֿאַר זיין טאַלאַנט.

יאָרן לאַנג איז ער געווען דער סעקרעטאַר פֿון דער אָרטיקער ציוניס־טישער אגודה און צו אים פֿלעגן פֿאַרפֿאָרן אַלע שליחים פֿון דער הויפּט־שטאָט, סיי פֿאַר נאַציאָנאַלע און חינוך־ענינים און סיי פֿאַר כלערליי צדקה־צוועקן. ער פֿלעגט זיי באַגלייטן צו די שכנים און העלפֿן איינקאַסירן די יערלעכע סומעס.

ער איז געווען הויך־געוואַקסן מיט אַן עטוואָס איינגעבויגענעם רוקן. זיין קורץ־געשוירן אַ ביסל קאַלטענעוואַטע בערדל האָט אים צוגעגעבן עפּעס פֿון יידישער מלמדישקייט. זיינע געזעלשאַפֿטלעכע „קלאַפּאָטן" האָבן אים געפֿירט צו שאַרפֿע איבעררעדענישן מיט זיין פֿריידלען, וואָס האָט אים באַטיטלט מיטן צונאָמען „קהלהשע קליאַמקע". אים האָט אָפֿט געקרענקט איר גרינגשעצונג, אָבער ער האָט כלל און אויף אַ האָר נישט נאָכגעגעבן.

איצט האָט ער די געסט אויפֿגענומען מיט אַ ברייטן ברוך־הבא און יעדן געדריקט די האַנט מיט זיין מגושמדיקער אָפֿענער לאַפּע, וואָס האָט לאַנג נישט אַרויסגעלאָזט די דלאָניע פֿונעם באַגריסטן. ער האָט אויסגעשפּאַנט די פֿערד, געזאָרגט פֿאַר קאָרמע און מכבד געווען די געסט מיט הייסער טיי און שאַרפֿער משקה. אָנגעטאַפּט דעם צוועק פֿון זייער באַזוך, האָט ער אַרויסגעשיקט דעם עלטסטן זון רייטנדיק אָנזאָגן עטלעכע שכנים, אַז זיי זאָלן תיכף אַראָפּכאַפּן זיך אויף אַ וויכטיקן שמועס.

נאָך פּאַר דער וועטשערע האָבן אָנגעהויבן צו באַווייזן זיך די קאָלאָ־ניסטן פֿון נאָענט און ווייט. מערסטנטייל האָבן זיי נאָך נישט באַוויזן צו בייטן די אַרבעטס־קליידער און די פֿאַרשמעלצטע הויזן האָבן אַרויסגעגעבן ריחות פֿון קו־מיסט, דזשעגעכץ און פֿאַרטריקנטער מילך, וואָס האָט פֿאַרשפּריצט ביים מעלקן... אין איילעניש האָבן זיי אָפּגעשווענקט דעם שטויב פֿון שפּיץ־נאָז, אָבער אויף באָרד און האָלדז איז נאָך געלעגן דער איינגעגעסענער שטויב פֿון טאָג, זיך געשלענגלט אין ריטשקעלעך פֿאַר־טריקנטן שווייס. עס זענען געווען צווישן זיי ראַזירטע מיט פֿאַרדרייטע אויסגעשטעלטע וואָנצעס און אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געטראָגן פֿאַר־שפּיצטע קורצע בערדלעך מיט אַראָפּגעהאָנגענע קאַצאַפּישע וואָנצעס; עס זענען געווען צווישן זיי מיטליאָריקע, גאָר יונגע און עטלעכע עלטערע, מיט לאַנגע גרויע בערד, וואָס זענען געזעסן ווי זייטיקע צושויער. ביי אַלעמען זענען די אויגן געווען רויט פֿון ווינט און שטויב וואָס האָט זיך מיט אַ פּאָר שעה צוריק געטראָגן איבערן דאָרף. אַ שטילער אומעט, ווי ביי מענטשן, וועלכע האָבן שוין פֿאַרלוירן די אמונה אינעם אויסטענהען זיך, איז געלעגן אויף זייערע אָפּגעמאַטערטע צעצויגענע פּנימער, צעאַקערטע פֿון אָפּטן „פּאַמפּעראָ" און פֿון די זון־שטראַלן, וואָס האָבן אין די שניט־חדשים אומברחמנותדיק געסמאַליעט.

זיי זענען זיך צונויפגעקומען מער פֿון נייגעריקייט ווי פֿון גלויבן אין אַ נאָענטער מעגלעכער ישועה. דאָס איז געווען די נייגעריקייט פֿון מענטשן, וואָס זענען פֿאַרמשפּט צו זיצן אין אַ פֿאַרוואָרפֿן ווינקל און וואַרטן, אַז אָט, אָט וועט זיך עפֿענען די טיר און עמעצער וועט זיך באַווייזן. נישט וויכטיק ווער דער אָנקומענדיקער זאָלן זיין, אַבי ער זאָל אָנווייען מיט דער פֿרישקייט פֿון דער ווייטער גרויסער וועלט, ווו מ׳קאָן זיך מער פֿאַרגינען, ווו מ׳דאַרף נישט לעבן אין אייביקן דוחק. אַפֿילו אַ פּראָסט־פּשוטער שמועס איז דיינו...

דאָס מאָל איז די נייגעריקייט נאָך גרעסער געווען צוליב דער באַזונדערקייט פֿון די געסט. אַז אַ פֿאַרוואַלטער פֿון דער „געזעלשאַפֿט" זאָל בכבודו ובעצמו אַרויסקריכן זיך פֿון זיין ביוראָ מיטן געקראָכמאַליעטן אמביענט, אַליין אָנטרייבן די דראָזשקע און אַראָפּיאַווען זיך אין דער קאָלאָניע — דאָס אַליין איז שוין אַ נייעס, צוליב וועלכער עס איז כדאי איבערצולאָזן די אַרבעט און די שטוב.

דער אָרטיקער פּאַרוואַלטער פלעגט געוויינלעך אַריינפאָרן אין קאָלאָ־ניע אין דער שניטצייט כדי אָנצוטאָפּן דעם דופק וועגן מעגלעכע צאָלונגען אָדער זוכן פאַרבאַהאַלטענע תבואה־זעק. די קאָלאָניסטן פלעגן מערסנטייל אָנקוקן דעם פאַרוואַלטער אין טעג פון צאָרן, ווען ער האָט זיך באַוויזן אין דער קאָלאָניע מיט פּאָליציי־באַגלייטונג און געדראָט מיט „דעסאלאכא״ (אַראָפּוואַרפן פון פעלד), אָדער זיי זענען געשטאַנען אין זיין ביוראָ מיט איינגעבויגענע אָנטבלויזטע קעפּ, מיט צעקנייטשטע היטלען אין די פאַר־מאָזאָליעטע הענט און פאַרגעלייגט זייערע „פּראָשעניעס״.

דער שמועס איז שנעל אַוועק פריי און אָן צערעמאָניעס. די אָרטיקע לייט האָבן פאָרגעלייגט זייערע טענות, דערציילט וועגן די אייביקע פּלאָגן, וועגן טריקענישן און מאָגערע גערעטענישן, וועגן די חובות, וועלכע מען איז נישט מסוגל צו דעריאָגן אַפילו דורך געוויינלעכע גערע־טענישן. מען האָט דערציילט וועגן מאַנגל אין באָדן; די רעזערוו־באָדנס האָט מען פאַרדונגען צו דייטשן און די קאָלאָניסטישע זין האָט מען פאָרגעלייגט צו באַזעצן אויף באָדן וואָס ליגט שעהן־לאַנג וויט פון דער קאָלאָניע. ביי דעם פונקט האָט וואַלטער ברוק זיך אַריינגעמישט און מיט אַ רואיקן אָבער איבערצייגנדיקן טאָן פונאַנדערגעלייגט זיין אויס־געאַרבעטן פּלאַן. ער האָט גערעדט וועגן די גרויסע מעגלעכקייטן אויפן באָדן אין דער געגנט פון די „זיבן פיילן״. ווער עס וועט נאָר באַשליסן אויף אָט דער ענדערונג וועט זיך אַליין אַרויסהעלפן און אויך פרייער מאַכן דעם פּלאַץ פאַר די, וואָס וועלן בלייבן אויפן אָרט. ער האָט געבעטן, אַז מ׳זאָל אויף מאָרגן צונויפרופן אַ קאָלאָניסטן־פאַרזאַמלונג און פאַר זיי וועט ער פאָרלייגן דעם פּלאַן מיט אַלע איינצלהייטן.

קיינער האָט נישט געהאַט דאַקעגן, אַז די אַסיפה זאָל דורכגעפירט ווערן, כאָטש מ׳איז געווען אונטערן איבעררראַשנדיקן איינדרוק פון דער נייעס. אַ בחור אין די אָנהייב צוואַנציקער מיט קליינע בלוי־פינקלדיקע אויגן, האָט נישט געקאָנט פאַרבאָרגן זיין אויפרעגונג און האָט שטאַמלענ־דיק זיך אָפּגערופן:

— אייערע פּלענער, סעניאָר מיאָ, זענען זייער שיינע און קלינגען אָנגענעם פאַר אונדז, אָבער מיר דוכט, אַז איר האָט אַ קאַפּיטשקע פאַרשפּעטיקט...

אַלעמענס בליקן האָבן זיך האַסטיק אַ ווענד געטאָן צום יונגנמאַן.

ער איז אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן ווי כדי אָנגורטן די לענדן אַרויסצו־ברענגען אַ סוד, וואָס דאַרף איצט פֿאַלן אומגעריכט, ווי א דונער. ער האָט צוגעגעבן:

— אַ טייל פֿון די יונגע אין דער קאָלאָניע האָט זיך שוין מיאש געווען פֿון דער „געזעלשאַפֿט" און וויל נישט הערן פֿון אירע חסדים. איצט וועלן מיר נעמען דעם גורל אין די אייגענע הענט. אויס מיט די אַפּוטרופּסים פֿונעם באַראָן!...

— אַזוי, אַזוי! — האָט זישע אַקערמאַן אַ געפּלעפּטער זיך אָפּגערופֿן — און וואָס טראַכט איר צו טאָן? און ווער זענט איר דאָס, וואָס דו, מאַטקעלע, האָסט זיך פֿאַרנומען צו רעדן אין זייער נאָמען?

— מיר האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ גרופּע. וויפֿל? דאָס איז איצט נישט וויכטיק, מיר ווילן אָפּפֿאָרן קיין פּאַלעסטינע און אויפֿשטעלן אַן אייגענע קאָמונע.

— קיין פּאַלעסטינע גאָר? אַ קאָמונע אויפֿצושטעלן? — ער האָט די אייגענע אויערן נישט געגלייבט. אַלע האָבן אויפֿגעשטעלט מויל און אויערן און די אויגן זענען גרעסער געוואָרן. אָבער מער פֿון אַלעמען האָט עס אים, זישען, געוווּנדערט. ער איז דער ממונה אויף אַלע ציוניסטישע אַרבעטן און זאַמלונגען אין דער קאָלאָניע. אויך פֿון נאָענטן שטעטל לאַדט מען אים איין אויף זיצונגען און ביים אויפֿנעמען אַ שליח. ער איז דער הויפּט־איניציאַטאָר ביים אָרגאַניזירן די כ׳ תמוז־אַקאַדעמיע נאָך ד״ר הערצל. ווי זשע האָט עס געקאָנט געשען, אַז אָן זיין וויסן און אונטער זיין נאָז האָט זיך די שנעקישע גוואַרדיע פֿאַרגונען דורכצופֿירן אַזאַ מין פֿאַרשווערונג?

— ווי קומט איר בכלל אויף אַזאַ מין געראָטענעם איינפֿאַל?

— דאָס איז נישט קיין פּלוצעמדיקער איינפֿאַל. איר ווייסט גוט דעם וועג וואָס מיר האָבן אַלע דורכגעמאַכט. זאָלן מיר באמת שלום מאַכן מיט אונדזער גורל און זיך לאָזן דערנידעריקן פֿון יעדן באַאַמטן, וואָס מיינט, אַז ער איז אַ גענעראַל? האָבן מיר זיך אָרגאַניזירט און וואַרטן אויפֿן ענטפֿער פֿון אַגראָנאָם עזרא עלינגער, וואָס געפֿינט זיך אין פּאַלעס־טינע. ער דאַרף אויספֿאָרשן די מעגלעכקייט, אַז מיר זאָלן דאָרטן אויפֿ־שטעלן אַ קאָמונע, ווי די וואָס עקזיסטירן שוין דאָרט...

וואָלטער ברוק האָט זיך אין אָנהייב נישט אַריינגעמישט אינעם שמועס. ער האָט פֿריער געוואָלט תופס זיין דעם ריכטיקן פֿאַרנעם פֿון

אַט די יינגלערישע מחשבות, וואָס דער ענערגיש־סימפּאַטישער בחור ברענגט אַרויס אין נאָמען פון אַ גרופּע. ער האָט באַוווּנדערט די געוואַגטקייט פון זייער באַשלוס, אָבער ער האָט אין דעם געזען אַן ערנסטע שטערונג פאַר דער גאַנצקייט פון זיינע פאַרגעלייגטע פּלענער, האָט ער זיך צום סוף אָפּגערופן:

— איך פאַרשטיי, אַז אויף אַ נישט נאָרמאַלן און מאָגערן באָדן וואַקסן אויס אויך עקזאָטישע און שטעכיקע פלאַנצן. אַזאַ איז אויך אייער פּלאַן. דאָס איז אפשר אַ שיינער טרוים, אָבער אַן הענט און אַן פיס. וואָס פאַראַ טעם האָט עס צו נעמען יונגעלייט, וואָס האָבן זיך שוין דערוואָרבן דערפאַרונג און זיצן שוין אויפן באָדן און זיי אַריבערפּעקלען אין אַן אַנדער לאַנד? מילא, איך פאַרשטיי אייער פאַרביטערונג, אָבער מען קאָן געפינען אַ לייזונג, למשל, ווי איך קום אייך פאַרלייגן. צוליב דעם דאַרף מען אַנט־לויפן אין די מדבריות פון הייליקן לאַנד? דאָרט ווערן אויפגעטאָן גרויסע מעשים דורך יידן, וואָס אַנטלויפן פון נויט און פאַרפאָלגונגען. וואָס איר גייט טאָן איז קעגן יעדער לאָגיק אַפילו פון דער ציוניסטישער אויפפאַסונג: ארץ־ישראל דאַרף לייזן דאָס פּראָבלעם פון יענע יידן, וואָס קאָנען זיך נישט איינלעבן אין זייערע לענדער, אָבער וואָס פאַראַ זין האָט עס, אַז פון אָט דער רייכער אַרגענטינע זאָלן זיך אַהין אַוועקלאָזן אַזעלכע יונגעלייט ווי איר? באָדן פעלט דאָ? געלט פעלט דאָ? פרייהייט פעלט אייך דאָ?...

די צוגאָב־איבערראַשונג איז אָבער געקומען פון אַן אומגעריכטער זייט. בעת דער אויפגעפלאַמטער דיסקוסיע איז אויך געזעסן צווישן די פאַרזאַמלטע רבקהלע, זישע אַקערמאַנס אַכצן־יאָריקע טאָכטער, און האָט שטיל אָבער אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו דער דיסקוסיע. איר פאַר־שפּיצט נעזל און אַ ביסל לענגלעך אָפּגעצערט געזיכט האָט איר געגעבן אַ בולטע ענלעכקייט צו איר מוטער, וואָס איז איצט אויך געזעסן הינטער איר און די געוויינלעכע אומצופרידענע פאַרקרימטקייט פון איר פּנים האָט איצט זיך געביטן מיט איינגעהאַלטענעם אינטערעס. ווען וואַלטער ברוק האָט אַרויסגעוויזן זיין פאַרוווּנדערונג צוליבן מאָדנעם פּלאַן, האָט זי, רבקהלע, אים באַטראַכט און ווי אָפּגעוויגן יעדעס וואָרט זיינס וואָס האָט זיך ווי שניידנדיקער ווינט געקאָלערט פון זיינע פליישיקע ליפּן אַראָפּ, באַזוימטע מיט שוואַרצע זיידענע וואָנצעס. נאָך דעם האָט זי זיך אַריינגע־בראָכן אין דער דיסקוסיע ווי אַ ווינטער:

— צו וואָס אייגנטלעך זענט איר געקומען אַהער, נאָך דעם ווי דאָס וואַסער איז שוין דערגאַנגען ביזקל האַלדז? לאָזט אונדז אויסטרינקען דעם ביטערן כוס ביז צום סוף און אַליין זיך נעמען אין די הענט אַריין! וואָס גייט אייך אייגנטלעך אָן וואָס מיר ווילן טאָן און ווו מיר ווילן גיין נאָך דעם ווי יאָרן לאַנג האָט איר אונדז געלאָזט זיך פייניקן אַליין? פאַרוואָס האָט איר מורא, סעניאָר, פאַרן כבוד פון דער „געזעלשאַפט"? לאָזט אונדז גיין ווו מיר ווילן, קיין פּאַלעסטינע אָדער הינטער די הרי־חושך, אַבי טשעפּעט זיך אָפּ פון אונדז!...

דאָס איז געווען אַן אויסברוך, וואָס האָט פון לאַנג געזוכט זיין אויסגאַנג און געפונען איצט דעם שעת־הכושר. דערביי איז נישט קיין מיין געווען צו טרעפן דעם גאַסט. דאָס איז געווען אַן אויפרייס פון יאָרן־לאַנגן שטומעניש, דער פּרייז פאַר רשעותדיקער איגנאָראַנץ.

דער נישט־געוויינלעכער טאָן און די געוואַגטקייט פון די רייד, און נאָך מער: רבקהלע אַליין, וואָס האָט איצט ביים אויפשטעלן זיך אויסגעזען קינדיש־צעבאַלעוועט, האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק אויף די מענטשן. אירע בלאָנד־אָפּגעצויגענע האָר זענען געווען פאַרקעמט הינ־טערוויילעכץ און פאַרנומען מיט אַ ווייסער לענטע, און אירע גרויסע אויגן האָבן געפייערט. דאָס זענען נישט געווען קיין צופעליקע אַרויס־געכאַפּטע רייד אין אַ מאָמענט פון אויפרעגונג, עס האָט פון זיי געאָטעמט דער אָפּקלאַנג פון לאַנגע און פאַרצויגענע דיסקוסיעס. דאָס זענען געווען שוין אויסגעקריסטאַליזירטע באַשלוסן נאָך לאַנגע איבערטראַכטונגען און זוכענישן. דאָס איז געווען מער ווי אַן איינמאָליקער אויסגעשריי: דאָ האָט גערעדט דאָס מויל פון צענדליקער אַנדערע יוגנטלעכע וואָס האָבן געזוכט אַ שפּאַרונע אַרויסצודראַפּען זיך פון שטענדיקן דלות.

ניאָמע איז דערשלאָגן געוואָרן פון רבקהלעס רייד. אין זיי האָט ער געזען איינשרומפּן זיין חלום. וואָס איז דאָ נאָך צו רעדן? ווי אַזוי וועט מען באַגייסטערן די אָ קאָלאָניסטן פאַר אַ נייעם פּרווו אין אַן אַנדער געגנט, ווען די יוגנט וויל זיך אין גאַנצן אָפּטרייסלען פון דעם היגן דאָרפס־לעבן? ווידער פאַלט איין אַ שטיק וואַנט פון זיין מויער נאָך איידער דער דאַך איז געדעקט געוואָרן! ער האָט געשפּירט, אַז די גערעכטיקייט שרייט אַרויס פון דעם מיידלס ליפּן, אָבער ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין זייער

צובונד צו אַ לעבן, וואָס שאַפט זיך ערגעץ אין די מדבריות פון הייליקן לאַנד. צי פעלן דען יידן וואָס וועלן אַהינגיין און בויען?

קיינער האָט אָבער נישט באַמערקט דעם אויפברויז, וואָס האָט אַרומגעכאַפט דעם יונגען שלומען. רבקהלעס רייד זענען געווען פאַר אים ווי דער טוי אויף די אויסגעברענטע זאַנגען נאָך אַ טאָג פון היץ. ער האָט זיך שוין געפילט ווי אַ שותף פון אַן ענין, וואָס ער קען נאָך נישט זיין באַדייט, אָבער פון וועלכן ער איז געפאַנגען געוואָרן אָן תנאים. ער האָט געשפירט ווי אַ וואַרעמקייט שלאָגט אים אין געזיכט. ער האָט אַפילו מורא געהאַט צו קוקן אין פאָטערס זייט, טאָמער וועט ער אַראָפּלייענען זיינע געדאַנקען און דערמיט פאַרשטאַרקן דעם פאָטערס יאוש. ער האָט געווענדט די אויגן צו רבקהן און דערזען אין איר די געשטאַלט פון אַ דבורה הנביאה, וואָס שטייט אין מיטן פון די באַגייסטערטע קריגער קעגן דער איבערוועגנדיקער מחנה פונעם קעגנער. אַזאַ האָט זי זיך אים אויסגעוויזן, רבקהלע...

דער אינצידענט איז געווען ווי אַ קלין אין אַ פונאַנדערגעפאָרענעם וואָגן. דער שמועס איז שוין אַוועק אויף זייטיקע טעמעס און נאָר טיילוויז זיך צוריקגעקערט צום עיקר. מאָטקע האָט איצט שוין מער רואיק דערציילט, ווי אַזוי זיי זענען געקומען צום געדאַנק וועגן אַ קאָמונע אין ארץ־ישראל. דאָס איז געשען נאָך אַ לאַנג שטודירן די פּרינציפּן פון די דאָרטיקע אויפגעשטעלטע קבוצות:

— אויף צוויי ערטער אין דער וועלט ווערן איצט געמאַכט עקספּערי־מענטן צו בויען קאָמונעס אין דער לאַנדווירטשאַפט: אין רוסלאַנד און אין פּאַלעסטינע. אין רוסלאַנד, ווו די רעגירונג איז פאַראינטערעסירט אין דעם, וועט עס אפשר אָננעמען אַ מער דינאַמישן און פּראַקטישן טעמפּאָ. מען וועט דאָרט צעטיילן די ערד און דערמוטיקן דאָס אויפשטעלן די קאָמונעס. פאַר אונדז איז עס אָבער נישט אַקטועל. צי זאָלן מיר זיך צוריק־קערן אין לאַנד, ווו אונדזערע עלטערן האָבן אַזויפיל געליטן פון פּאָגראָמען און פון דאָרט אַנטלאָפן? דערווייל הערשט נאָך דאָרט טעראָר און די פּויערים בונטעווען זיך קעגן די נייע געזעצן, וועלכע זיי פאַרשטייען נישט. אין אונדזער גרופּע זענען דאָ אַנאַרכיסטן און פּועלי־ציוניסטן, און נישט אַלע זענען איינשטימיק מיטן דאָרטיקן קורס. אויך סאָציאַליסטישע פּאַר־טייען ווערן דאָרט פאַרפאָלגט פון די באָלשעוויקעס. אמת, אונדזער סימפּאַטיע

איז אויף דער זייט פון דער רעוואָלוציע, אָבער צו וואָס זאָלן מיר, וואָס ווילן לעבן אַ רואיק לעבן פון ערדאַרבעט אויף קאָלעקטיווע יסודות, אַריינ־שטעקן דעם קאָפּ אין זייער אינערלעכן גערעַנגל? אין פּאַלעסטינע איז מאַטעריעל שווערער, אָבער עס איז שוין פאַראַן דאָרט אַ געלונגענער אָנהייב, אַן פּאָליצייַ און אַן דירעקטיוון פון אויבן...

— און פאַרוואָס נישט קיין קאָמונע דאָ, אין לאַנד? ווער וועט אייך שטערן אַזאַ מין שטייגער לעבן צו פירן אויפן אַרגענטינער באָדן? — האָט וואָלטער ברוק געזוכט אַ וועג פאַר פשרה.

— אויך וועגן דעם האָבן מיר געטראַכט. אָבער די גרויסע מערהייט צווישן אונדז ציט דווקא אַהין. ס׳קאָן זיין, אַז דאָ ווירקן היסטאָרישע פאַקטאָרן און אפשר... אַז מען וויל בייטן דעם לעבנסאַרט, דאַרף מען זיך אין גאַנצן איבערפּלאַנצן.

ווען עס האָבן זיך אַריינגעמישט נאָך אַ פּאָר פון די יונגע אינעם שמועס, איז קלאָר געוואָרן, אַז מ׳האָט דאָ נישט צו טאָן מיט אונטער־געהעצטע פאַנטאַזיאָרן. די באַשלוסן זענען געקומען דורך לאַנגע דיסקו־סיעס און נאָכן דורכלייענען די מאַטעריאַלן, וואָס זענען צו זיי דערגאַנגען פון דאָרט, פון פּאַלעסטינע.

ביסלעכווייז איז זיך דער עולם צעפּאָרן. אין דער גערוימער קיך, וווּ אין די קאָלאָניעס קומען פאָר גאַסט־אויפנאַמעס, איז נאָך געהאָנגען דער געדיכטער זייל פון ציגאַרעטן־רויך, יענער ביטערער גערוך פון שוואַרצן טאַבאַק, וואָס די קאָלאָניסטן האַלטן אין לעדערנע טאַרבעלעך און פאַר־דרייען אַזוי קונציק אינעם פּאַפּיראָס־פּאַפּיר.

שוין כמעט פאַר האַלבער נאַכט האָט פרײדל אויסגעשפּרייט די גע־לעגערס אין דער גאַסט־ספּאַלניע און רבקהלע האָט דערווייל צוגעגרייט אַ מאַטע. ביים טרינקען און צובייסן די אייערקיכלעך האָט מען נאָך לאַנג געשמועסט שפּרינגענדיק פון פּערזענלעכע ענינים צו פּראָבלעמען פון כלל־ישראל. אין דער צייט ווען זישע אַקערמאַן האָט געוואָרפן ציטער־דיקע בליקן אין דער טאָכטערס ריכטונג, ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר אַ באַלדיקער אָפּרייזע אירער, האָט שלום געפילט, אַז אַלע אירע באַוועגונגען וועבן זיך איין אין זיינע אברים.

און ווען מ׳האָט אויסגעלאָשן דעם קעראָסין־לאָמפּ און אַ שווער כראָפּען האָט זיך צעטראָגן איבער די צימערן, איז ער נאָך לאַנג געלעגן

מיט אָפענע אויגן. ער האָט אַפילו מורא געהאַט זיך איבערצודרייען אויפן געלעגער, טאָמער וועט עמעצער אונטערהערן זיין וואַכזאַמקייט.

*

נאָך פאַרמיטאָג זענען זיי אָפּגעפאָרן צוריק. זיי האָבן איינגעשפּאַנט די אויסגערוטע שוואַרצע גלאַנציקע פערד, וואָס האָבן אַרויסגערופן התפּעלות ביי די קאָלאָניסטן, און נאָך אַ לייכטן איבערבייס זיך געלאָזן אַהיים איבערן זאַמדיקן וועג.

זיי זענען געזעסן שטיל און פאַרזונקען אין די אייגענע געדאַנקען. יעדער האָט געמאַכט זיין סך־הכל וועגן די רעזולטאַטן פונעם באַזוך, אָבער ביי קיינעם האָט דער אָפּטימיזם נישט געהאַט די אויבערהאַנט. אַנדערש האָט אפשר בלויז שלום געטראַכט. ער איז געשוווּמען מיט אַן אַנדערן שטראָם.

דער ערשטער צונויפטרעף מיט דער מאַסע קאָלאָניסטן האָט איבער־געלאָזן דעם איינדרוק, אַז עס איז נאָך דאָ אָרט פאַר אַ ווייטערדיקן קאָנטאַקט. טראָץ דער צעריסנקייט און די חלוקי־דעות, טראָץ די אויפ־ברויזערס און טומל־מאַכערס, ווייזן זיך דאָך ערנסטע אויסזיכטן, אַז אַ פּאָר צענדליק משפּחות זאָל גרייט זיין זיך אַריבערצוקלייבן אין דער נייער געגנט — אויב נאָר עס וועט געלינגען צו געווינען זייער צוטרוי. וואָלטער ברוק האָט געשפּירט, אַז זיינע רייד האָבן דאָך אָנגעטראָגן אין זייער געמיט שוואַכע אָבער באַנייטע האָפענונגען.

געריַרט האָט אים אויך די באַציאונג פון נישט ווייניק קאָלאָניסטן צו זייער אָרעם דאָרף, וואָס האָט געליטן פון אַלע נאַטור־מכות חוץ אויך פון מענטשלעכער רשעות. זיי האָבן אָפּגעוואָרפן יעטוועדן געדאַנק פון פאַרלאָזן די פעלדער נאָך דעם ווי זיי האָבן אַזוי פיל מי און שוויס אַריינגעטריפט אין דער מאָגערער ערד, און אַפילו עמעצן פון די נאָענטסטע איבערגעלאָזן אין אָט דער שטיפמוטערישער ערד, אָבער פאַרלאָזן זי האָבן זיי נישט געקאָנט און נישט געוואָלט.

לויט זיין אָפּשאַצונג וועלן די געשעענישן אַוועק אין דריי באַזונדערע ריכטונגען: אַ גרויסער טייל וועט בלייבן אויפן אָרטיקן באָדן און אפשר געניסן פון דערלייכטערונג אַ דאַנק די צוגעטיילטע פרייע פעלדער; אַ

פּאָר צענדליק פון די יונגע וועלן וואַרטן אויף דער תשובה פונעם אַגראָ־נאָם, כדי זיך צו לאָזן אין וועג אַריין קיין ארץ־ישראל; און עטלעכע צענדליק וועלן סוף־סוף, נאָכן שיקן אַ דעלעגאַציע אויסצופאָרשן דעם פּלאַץ, פּרוּוון פון דאָס ניי זייער מזל. צווישן די לעצטע וועלן זיין מערסטנ־טייל פון בעסאַראַבער סאראקא און פון דרומדיקן כערסאָן, וואָס האָבן נאָך אין דער אַלטער היים געזונגען דאָס לידל „אין דער סאָכע ליגט די מזל־ברכה״.

שלום איז געווען פאַרטראָגן אין אַנדערע וועלטן. ער האָט געלעבט אין דערוואַרטונג פון זיין ערשטן גייסטיקן קריזיס. ער האָט אויסגעקוקט און גלייכצייטיק געציטערט פאַרן דערנענטערן זיך פון די ענדערונגען. געפילט האָט ער, אַז זיין פּלאַץ וועט זיין צווישן דער געוואַגטער גרופּע, וואָס פאַרבינדט אירע אייגענע פּערזענלעכע אינטערעסן מיט די נויטן פון פאָלק. אָבער אַ פּחד האָט אים אַרומגעכאַפּט פאַרן געדאַנק, אַז ער וועט ווען עס איז דאַרפן מגלה זיין דעם פאָטער דעם סוד פון זיין דערהויבענער פאַר־שווערונג. אָט פאַלן שוין גאַנצע שטיקער פון פאָטערס אויפגעשטעלטער וועלט: מאיר איז געבליבן אין דער קאָלאָניע פון די „ליטוואַקעס״, ער וועט זיך אָנשליסן אין דער אָפּפאָרנדיקער גרופּע. און ווער ווייסט וווּ עס וועט זיך נאָך ענדיקן ?... ער האָט תּופס געווען, אַז די פּערזאָן פון רבקהלע האָט דאָ אויך אַ שייכות מיט זיין „צוגעזאָגטנקייט״ צו דער גרופּע. אויך דאָ וועט ער דאַרפן זיך ראַנגלען מיט זיך אַליין, ווי יעקב אבינו מיטן מלאך, ביז ער וועט אויף אַן אמת זיך אַליין מגלה זיין דעם סוד.

ער האָט קלאָר געוווּסט, אַז דורך זיין אַריינטריט אין קרייז פון דער נייען חברותא וועט ער פאַרגרעסערן דעם פאָטערס צער, אָבער אויף דעם וועט ער נישט מוותר זיין. ער וועט פון זיין וועג שוין נישט אָפּטרעטן.

היינט אין דער פרי האָט ער געהאַט די געלעגנהייט צו פירן מיט זיי אַ שמועס. ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אין אַ גרופּע, וואָס איז געזעסן אין אַ ווינקל פון סאַלאָן. טייל האָבן זיך צוגעהערט צו די פאַרשידענע רעדעס און אַנדערע האָבן חוזק געמאַכט און איגנאָרירט די רעדנער. זיי האָבן אים דערציילט וועגן זייער פאַרבאַנד, וואָס טראָגט דעם נאָמען „כולם אחים״ און וואָס זיין ציל איז צו גרופּירן די אָרטיקע יוגנט און אויפשטעלן אַ קאָמונע אין פּאַלעסטינע. פאַרוואָס דווקא אין פּאַלעסטינע? דאָרט הערשט אַ קלימאַט פון אידעישקייט און אַחריות. איצט וואַרטן זיי אויפן

ענטפֿער פֿון אַגראָנאָם עזרא, וואָס געפֿינט זיך אין פּאַלעסטינע. ער וועט זיי זיכער געבן די ריכטיקע עצה.

די חברותא איז געווען פֿול מיט אַ קרעפֿטיקן און פֿרישן גייסט. דאָס זענען געווען בחורים און מיידלעך מיט פּנימער אָפּגעברענטע פֿון דער זון און פֿאַרהאַרטעוועטע אין די שווערע קלימאַטישע באַדינגונגען. די צייט און די נויט האָט זיי פֿרי רייף געמאַכט.

זייער יידיש איז געווען זאַפֿטיק און קלאָר. אין שלומס אויערן האָט מאָדנע געקלונגען דער האַרטער „ריש" פֿון בעסאַראַבער אַקצענט זייערן און ער איז ממש פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון זייער באַהאַוונטקייט אין די ווערק פֿון יידישע דענקער און שרייבער. יעדער פֿון זיי האָט שוין געהאַט געלייענט הונדערטער יידישע ביכער פֿון דער שטעטלדיקער ביבליאָטעק און דערפֿאַר איז זייער לשון געווען פֿרייער, באַוועגלעכער, נישט וויביים עלטערן דור, וואָס האָט אָפּערירט מיט אַ באַגרענעצטן וואָקאַבולאַר.

דעמאָלט איז אויך מאָטקע אַרויפֿגעשטיגן אויפֿן באַלעמער און גענומען אַ וואָרט. ער האָט געוואָלט צעקלאַפּן די אַרגומענטן, אַז די יוגנט גראָבט אונטער דעם יסוד פֿון ווייטערדיקן קיום פֿון דער קאָלאָניע. ער האָט גערעדט וועגן די סיבות, וואָס צווינגען זיי איבערצורייסן מיט דער „געזעלשאַפֿט".

ער האָט דערמאָנט די דערנידערונגען פֿון די קאָלאָניסטן ווי אַ צוגאָב צו די נאַטור־פּלאָגן און דער מאָגערער ערד, וואָס איז איינגעקויפֿט געוואָרן אין אומגליקלעכע באַדינגונגען. ער האָט דערזען ביים טיש די פּאַטריאַר־כאַלע געשטאַלט פֿון וואַלטער ברוק און אויפֿגעהויבן די שטימע אויף אַ העכערער נאָטע:

— אַמאָל האָט מען די יידישע קאָלאָניסטן אָנגעשראָקן מיט דער לעגענדע, אַז דער באַראָן וויל זיך איינשאַפֿן אומזיסטע שקלאַפֿן. מ'האָט אַרויסגעלאָזן ווילדע קלאַנגען, אַז די גאַוטשאָס וועלן די יידישע איינוואַנ־דערער „אָפּמאַרקירן" דאָס לייב מיט אַן אייזנגעברענטער מאַרקע און דורך דעם וועלן זיי, ווי שטיקלעך סקאָט, געהערן צום באַראָן אויף שטענדיק. די נאַרישע לעגענדע האָט זיך שנעל אויסגעוועפּט, אַפֿילו ווען די „חברה־לייט" (די פּרויען־הענדלער) האָבן געוואָלט באַשמוצן די יידישע קאָלאָניעס און אונטערגעהאַלטן די קלאַנגען. אָבער צי דען זענען מיר נישט טאָג־טעגלעך אויסגעשטעלט צו אַ גייסטיקער שקלאַפֿעריי ביי דער

באַרמהאַרציקער „מומע״ (די „געזעלשאַפט״)? איך רעד שוין נישט פון די נאַטור־פלאָגענישן, וואָס מעקן פון אונדז אָפּ דעם צלם־אלוקים. אָט זיצט צווישן אונדז אַ פאַרשטייער פון דער אַליינהערשנדיקער „געזעל־שאַפט״. צו אונדזער מזל ווייסן מיר, אַז ער איז פון די ווינציקע אויפ־ריכטיקע פריינד אונדזערע...

די אויגן זענען צוגעשמידט געוואָרן צום הדרת־פּנימדיקן מאַן, וואָס איז איצט געזעסן ווי אַ פאַרשטיינערטער און קיין ריר נישט געטאָן מיט קיין אבר. עס האָט זיך דורכגעטראָגן אַ געמורמל און אַ פּאָר פון די עלטערע קאָלאָניסטן האָבן זיך אויפגעטראָגן. עס האָבן זיך געהערט צווישנרופן: „מיר ווייסן, מיר ווייסן״, „צו וואָס אויפדעקן די ווונדן?״, „גיי אַראָפּ, שנעק איינער, ווערסט אונדזער לאַגע נאָך פאַרערגערן מיט דיין חוצפּה!״. אַ טומל האָט זיך אויפגעהויבן און מאָטקע האָט נישט געקאָנט מער פאַרזעצן. ער האָט פאַרלייגט די הענט אויף דער ברוסט און געוואַרט. זיין בליק האָט אויסגעטיילט די שטערער, זיי זענען אים גוט באַקאַנט. דאָס זענען די שטענדיקע אונטערלעקער און מוסרים, וואָס צעברעכן די אייניקייט פון די קאָלאָניסטן. וואַלטער ברוק איז אויפגעשטאַנען און מיט אַ לייכטן פּאַכע מיט זיין האַנט האָט ער איינגעשטילט דעם עולם.

— ס׳איז נאָך נישט פאַרענדיקט אין גאַנצן די פּרשה מיט די שענד־לעכע קאָנטראַקטן, וואָס מען וויל אויף אונדז אַרויפצווינגען. די־אַ קאָנ־טראַקטן פאַרפליכטן בלויז אונדז, און גאָרנישט די לייט פון דער „געזעל־שאַפט״. די הערן פון בוענאָס־איירעס און פון פאַריז האָבן בלויז אין זינען די ענגע אינטערעסן זייערע, דאָס אויספירן זייערע קאַפּריזן אויפן חשבון פון אונדזער שווערן יאָך. אונדזער אָפּגעשפּאַרטער פאַרמעגן, ווי אָרעם ער זאָל נישט זיין, שטייט צו זייער דיספּאָזיציע, און אַפילו נאָך דרייסיק יאָר צאָלן קאָנען מיר אין אַ שיינעם טאָג אַראָפּגעזעצט ווערן נאַקעטע און פאַראָרעמטע, אויב עס געפעלט עפּעס נישט דעם אַדמיניסטראַטאָר... קיין נייע מאַשינען טאָרן מיר נישט אַריינפירן אין אונדזערווירטשאַפט אָן זייער דערלויבעניש. דאָס זענען נאָר געציילטע פונקטן פונעם קאָנטראַקט, וואָס מען וויל אויף אונדז אַרויפצווינגען ווי אַ כאָמוט אויפן קאַרק פון אַ פערד... איז דאָס נישט קיין שענדלעכע שקלאַפעריי פון ערגסטן סאָרט? די „דעסאלאכאס״ הענגען איבער אונדזערע קעפּ און גראָבן אונטער יעדן ברעקל ווילן צו אַרבעט. איך ווייס, אַז נישט ווינציק דאָ זענען

געטראָפן געוואָרן פון מיינע ווערטער, אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געלאָזט אונטערקויפן אָדער מיאוס אַריינגעפאַלן און אָפּגענאַרט געוואָרן. צי מיינט איר, אַז מיט אייער אונטערשרייבן די קאָנטראַקטן וועט איר נושא־חן זיין אין די אויגן פונעם פּריץ? דאָס איז נאָר דאָס אַלטע מיטל, וואָס די טייערע „מומע" ווענדט אָן אויף צו דעמאָראַליזירן אונדז...

זיין שטימע האָט זיך נאָך מער געשטאַרקט ווען אַ טייל האָבן איינגעשטימט און צוגעפּליעסקעט מיט די הענט. די שטערער האָבן נישט געוואַגט מער אויפצוהייבן זייער קול:

— אַלע אונדזערע ווענדונגען צו דער דירעקציע האָבן נישט געהאָלפן. אַפילו די דעלעגאַציע אונדזערע איז כמעט ווי אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייערע ביוראָען אין בוענאָס־איירעס און מ'האָט זיי געסטראַשעט מיטן אַראָפּזעצן פון פעלד. איז דאָס נישט ריכטיק?

— אמת ויציב — האָט מען פון עולם באַשטעטיקט ווי דורך אַ כאָר.

—אַפילו ווען מיר האָבן „פּרענדירט" (פאַרמשכנט) אונדזער באַלעבאַטישקייט צו די בענק און דעם קאָאָפּעראַטיוו בכדי אויסצומיידן די לאַנגע האַנט פון דער „געזעלשאַפט", האָט מען אונדז גערופן אין געריכט אַריין און געוואָרנט, אַז מיר זאָלן מבטל מאַכן די „פּרענדאַ" און איר פאַרבייטן אויף אַ משכון ביי דער „געזעלשאַפט". ווערמענס האַנט איז דאָ געלעגן, אויב נישט פון די אָפּעקונעס פונעם באַראָן? שיינע אייניקלעך זעען מיר ביים באַראָן אונדזערן!...

אין זיינע פּאָר ווערטער האָט וואַלטער ברוק געפּרוווט באַרואיקן די געמיטער. ער האָט מודה געווען, אַז אַ סך פעלערן און עוולות ווערן באַגאַנגען. טיילמאָל בייזוויליק, און טיילמאָל נישט ווילנדיק. אָבער ווען מ'קומט זוכן אַ לייזונג דאַרף מען זיך נישט לאָזן פירן פון צערייצטע אינסטינקטן. איצט איז פאַראַן אַ גוטע געלעגנהייט פאַר אַ געמיינזאַמער לייזונג. לויט זיין אָבסערווירן די לאַגע זעט ער דאָ דריי באַזונדערע אויסוועגן. יעדער קאָן זיך צופּאַסן צו דער גרופּע, וואָס ער האַלט פאַר פּאַסיק. די, וואָס זענען גרייט צו פאַרלאָזן דאָס אָרט, קאָנען זיך אָנשליסן אין דער נייער קאָלאָניע, ווו אָט דער ייִד, וואָס זיצט פאַר אייך, וווינט שוין. אַ דאַנק דעם וועלן די, וואָס האָבן זיך שוין דאָ איינגעלעבט און ווילן נישט אַוועק, באַקומען מער באָדן סיי פאַרן פאַרזיי און דער עיקר פאַר פאַשעפעלדער. וועגן דער יוגנט וואָס רייסט זיך קיין פּאַלעסטינע? זיי וויל ער איצט קיין עצות נישט

געבן. זאָלן זיי זוכן אַליין זייער וועג. ער איז גרייט זיי תמיד אויסצוהערן, אויב עס האַנדלט זיך נאָר וועגן אָרטיקער באַזעצונג...

וואַלטער ברוק איז איצט געזעסן אויף דער דראָזשקע און זיך אַליין נישט געקאָנט פונאַנדערקלייבן אין די אויסזיכטן פון זיין אָנגעהויבענער שליחות. אַ שווער שטיקל אַרבעט שטייט אים פאָר. זיין איצטיקע קאַריערע — אין די אויגן פון דער דירעקציע און אין די אויגן פון זיין פרוי — שטייט דאָך אין קאָן און נאָכגעבן די ערשטע שטרויכלונגען טאָר ער נישט. ער מוז פאָרזיכטיק גיין פאָרויס, קיין צוריק איז נישטאָ. ער האָט שוין געזען די ערשטע סימנים פון צעשפּליטערונג. אַפילו אויפן חשבון פון אָט דעם ייד, וואָס זיצט נעבן אים און וואָס האָט אַזויפיל מי אַוועקגעגעבן אין עלנט און ווילדעניש, האָבן עטלעכע מענטשן שוין געמאַכט שפּאַסן, און אים גערופן: „דער ליטווישער ראָבינזאָן קרוזאָ", אָדער „מיט אָט דעם צלם־קאָפּ וועלן מיר אַ סך קוגל עסן". דאָס איז אַ פּריקרער אָנזאָג אויף חוזק־באַציונג און נישט חברישקייט. אָבער אויך דאָס וועט מען גובר זיין.

דער שמועס האָט זיך נישט געקלעפּט. לאַנגזאַם איז דער כמורנער זאַמד־פּייזאַזש פאַרשווונדן און געבליבן הינטער זיי. ביים וועג האָט זיך אויסגעטיילט אַ ראַנטשאָ. אַן אַלטער גאַוטש האָט זיי באַגריסט און איינגע־לאַדן אויף אָפּרו און מאַטע.

די געבענטשטע ראַנטשאָס ביים וועג! וויפל נחת דערוועקן זיי אין האַרץ פון דורכרייזנדיקע, וואָס לעכצן נאָך אַ ביסל שאָטן און נאָך אַ טרונק.

זעקסטער קאַפּיטל

צווישן פליכט און דעם נעכטן

הערשל איז אָנגעקומען אין דער הויפּטשטאָט אַ מידער און אַ פאַר־שטויבטער פון דער לאַנגער באַן־רייזע. די גלידער זענען אים צעשרויפט געווען פון דער האַרטער באַנק, אויף וועלכער ער האָט זיך צוגעשפּאַרט און נישט געקאָנט רעכט איינשלאָפן. שוין ביים אויסשטייגן אויף דער באַן־סטאַנציע האָט זיך געמערקט אַן אומגעווינלעכע באַוועגונג פון פּאָליציי און אין די אַרומיקע גאַסן נעבן וואָקזאַל זענען פאַרביי רייטער־פּאַטרולן מיט אַנטבלויזטע שווערדן און שווערע ביקסן. די פערדישע קאָפּיטעס האָבן אימהדיק געקלאַפּט אויפן שטיינערנעם ברוק.

אין די פרימאָרגן־שעהן האָבן זיך געזען ווייניק דורכגייער און געציילטע טראַמווייען האָבן זיך געגליטשט אויף די רעלסן. ביי דער זייט פון די קאָנ־דוקטאָרן, וואָס היינט, אין טאָג פון שטרייק, זענען עס געווען אינספּעק־טאָרן, זענען געשטאַנען באַוואָפנטע פּאָליציאַנטן. אַלץ איז געווען אָנגעלאָדן מיט דערוואַרטונג און קיינער האָט נישט געוווּסט ווו און ווען די געשעעענישן וועלן אויסברעכן. דער זונטיק־טאָג, וואָס נאָרמאַל ציט ער זיך אין ווייכער מנוחה און זיסע פוילקייט, איז היינט געווען אָנגעלאָדן מיט פולווער.

נאָך פאַרן אַרויספאָרן האָט הערשל געוווּסט, אַז אַ כוואַליע פון אומרו האָט איבערגעגאָסן די גרויסע צענטערס פון לאַנד און אַז דער עיקר ברויזט עס אויף די גאַסן פון דער הויפּטשטאָט. אַרבעטער האָבן פאַר־שטרייקט, געפאָדערט בעסערע באַדינגונגען און דעמאָנסטרירט קעגן דער אַריינמישונג פון דער פּאָליציי, וואָס האָט געשאָסן און דערהרגעט עטלעכע מעטאַל־אַרבעטער אין אַ גרויסער פאַבריק. זינט דעמאָלט זענען פאָרגע־קומען כסדרדיקע צוזאַמענשטויסן צווישן דער פּאָליציי און גרופּעס

אַרבעטער. די פּלעצער פון שטאָט זענען פול געווען מיט אומרוען. מאַני־פעסטן און קעגן־פּלאַקאַטן האָבן אַראָפּגעשריגן פון די ווענט. די רעגירונג האָט באַשולדיקט די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, און דער עיקר די אויס־לענדער צווישן זיי, אין קאָמוניסטישער אַגיטאַציע, אין פּרווון פאַרכאַפּן די מאַכט כדי איינצופירן אַ רויטע דיקטאַטור. די יידישע באַפעלקערונג האָט איבערגעלעבט טעג פון אַנגסט ווען מ׳האָט זי גענומען באַשולדיקן אין אומלאָיאַליטעט און כוליגאַנעס און לומפּן־פּראָלעטאַריער זענען געהעצט געוואָרן צו פּאָגראָמען קעגן יידן און אויסלענדער.

הערשל איז נישט געפאָרן אָנטיילנעמען אין די קאַמפן, אין וועלכע ער אַליין קלייבט זיך נישט פונאַנדער. ער איז געקומען אויף דער איינלאַדונג פון וואַלטער ברוק צו באַזוכן צוזאַמען דאָס אימיגראַנטן־הויז, ווו עס זענען אָנגעקומען די ערשטע יידישע משפחות, וואָס האַלטן זיך אויף ביז זייער איינאָרדענען זיך. דאָרט וועלן זיי בודק זיין די מעגלעכקייטן צו רעקרוטירן פּאַסיקע פאַמיליעס פאַר דער געפּלאַנטער ערד־באַזעצונג.

אָבער אויפן וועג האָט ער פאַרטראַכט אַן אַנדערן זייטיקן באַזוך. שוין אַ פּאָר יאָר זינט ער האָט כמעט ווי איבערגעריסן די שריפטלעכע פאַרבינ־דונג מיטן דאָרפס־שרייבער מאַוריסיאָ ליפּאָווין, וועמענס דערציילונגען עס פלעגן ציטנווייז דערשיינען אין דער יידישער צייטונג. דער איבעררייס איז געקומען עפּעס פון זיך אַליין, ווי אַן אויסלאָז פון אַ פאַרבינדונג אָן אַ תכלית. ליפּאָווין האָט אָפּט איבערגעחזרט זיין פאַרלאַנג צו באַזוכן אָט דעם פּלאַץ וואָס זייך באַזעצונג שטייט אונטער אַ שטענדיקן פראַגעצייכן, אָבער שטענדיק איז געווען עפּעס אַן אָפּהאַלט: דאָ האָט געפעלט אויף רייזע־הוצאות, אַן אַנדערש מאָל האָט ער זיך געגרייט צו עקזאַמענס. אַ שטילער באַגער איז אויך געווען ביי אים געוואויער צו ווערן ביי ליפּאָ־ווינען וואָס איז געוואָרן מיט וויקטאָריאַן, די אַריסטאָקראַטישע דאַמע, וואָס האָט זינט איר אומקערן זיך אין שטאָט אַריין, נישט געלאָזט מער הערן פון זיך. פאַרנדיק אין באַן זענען אויפגעשווומען אין זכרון די טעג פון איר ווײלן אין דער געגנט, אירע אָפטע באַזוכן אין זייער כאַטע, זייערע געמיינזאַמע אַרויספאָרן רייטנדיק איבער די פעלדער און זייער לעצטער שמועס אונטערן שאָטן פון די אַלטע קאַנאַנען־פּיסקעס ביי דער פעסטונג אין דער עסטאַנסיע. דעמאָלט האָט זי געפרווט אים צורעדן צו רעוואָלו־ציאָנערער אַרבעט אין שטאָט און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט. ער האָט געהאַט

דעם איינדרוק, אַז זי האָט אַ פאַרדרוס קעגן אים און דערפאַר אפשר האָט זי אויסגעמיטן צו באַגעגענען אים פאַר איר אָפּפאָרן.

דער טראַמוויי האָט אים געפירט איבער דער לײדיקער שטאָט. ער האָט זיך געלאָזן איבער די גאַסן פון יידישן קוואַרטאַל און געזוכט ליפּאָווינס הויז מיטן בוידעם־שטיבל.

דער הויף האָט נאָך געדרימלט. די ווענט זענען געווען אויסגעריבן און באַדעקט מיט גרינלעכן שימל, וואָס די זון באַווייזט נישט אויסצו־טריקענען. די שורות צימערן פון ביידע זייטן פּאַסאַזש מיט די צוגעשפּאַרטע טירן האָבן געוווּנקען מיט די קליינע שייבלעך, די איינציקע דורך וועלכע די זון־שטראַלן רייסן זיך דורך אַ ווײַלע בלויז אין משך פון טאָג. ער איז אַרויף איבער די שמאָל־געדרייטע אייזערנע טרעפּ און אָנגעקלאַפּט אין דער אָפּגעשיילטער טיר. דאָס צימערל איז געשטאַנען אָפּגעזונדערט אויפן ברייטן דאַך, ווו קאָלירטע וועש האָט געפּאָכעט אויף אָנגעצויגענע דראָטן. קיינער האָט אים נישט געענטפערט. ער האָט צוגעשפּאַרט דאָס פּנים צום שייבל און געפּרוּווט דערזען עפּעס אין דער טונקלקייט פונעם צימער. דאָס בעט איז געווען צעוואָרפן, צייטונגען האָבן זיך געוואַלגערט אין אַלע ווינ־קעלעך. ליפּאָווין איז נישט געווען.

ביים אַראָפּגיין די טרעפּ איז פון קאָרידאָר אַרויס אַן עלטערע פרוי און אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ שניידנדיקן בליק. זי האָט אים געזאָגט אין אַ צעקאַליעטשעטן שפּאַניש:

— דער בחור איז זינט צוויי טעג נישט געקומען נעכטיקן. אפשר וועט איר אים טרעפן אין דער אַרבעטער־ביבליאָטעק, אָדער אפשר גאָר אין „רוסישן" קלוב — זי האָט שפּעטער צוגעגעבן מיט אַ שטילן טאָן כמעט אויפן אויער — מען היט אָפּ די ביבליאָטעקן פון כוליגאַנישע איבערפאַלן... גאָט זאָל אָפּהיטן!

ווו די ביבליאָטעק געפינט זיך, האָט זי נישט געוווּסט. זי האָט אים געראָטן, אַז ער זאָל אַרויספאָרן אין צענטער און אין די יידישע קאַפעען וועט ער שוין זיכער געוווּיער ווערן.

די היץ פונעם יאַנואַר־טאָג האָט זיך געשטאַרקט און ווידער האָט אים דער טראַמוויי געפירט צו די צענטער־גאַסן פון שטאָט. די באַוועגונג איז גרעסער געוואָרן, מענטשן זענען איילנדיק אומגעלאָפן איבער די טראָטואַרן און זיך גרופּירט אין די ראָגן. וויילנווייז זענען אָנגעלאָפן

רייטער־פּאַטרולן און באַפּוילן די גרופּקעס זיך פונאַנדערגיין, דראָענדיק מיט די בלאַנקע שווערדן.

ער איז אויסגעשטיגן און עס איז אים באַפאַלן אַ מאָדנע געדריקטקייט. די שטאָטישע לופט מיט צוגאָב־ריח פון פּולווער איז אים שוין דער־ווידער און עס ציט אים צוריק צו דער שטילקייט פונעם פעלד. אָבער טיף אין האַרצן האָט אַן איינגעדרימלטער פונק זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערפלאַקערן. דער בולטער אומרו און אויפברויז פון דער מיליאָנען־שטאָט האָט אין אים אויפגעוועקט לאַנג איינגעדרימלטע זכרונות און בילדער.

די אחריות, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען, רופט אים זיך אַרויס־צומאַכן פון די געפערלעכע באַזוכן. איצט וואָלט ער געדאַרפט אַוועק אין דער וווינונג פון וואַלטער ברוק, אָדער אפשר וואָלט רעכט געווען צו באַזוכן דאָס אימיגראַנטן־הויז און פּרווון כאַפּן אַ שמועס מיט די אָנגעקומענע ?

ער האָט אָבער ווייטער געשפּאַנט איבער די אומזיכערע גאַסן, ווי אַ געפאַנגענער פון נישט קלאָרע צילן און געשטויסן פון נישט דורכ־געטראַכטע באַשלוסן. ער האָט געזוכט אין די פּאָר אָפענע קאַפעען פון יידישן פּערטל און נישט געפרעגט ביי קיינעם וועמען ער זוכט. די שטאָרן זענען געווען האַלב־אַראָפּגעלאָזן און בלויז געציילטע באַזוכער זענען געזעסן ביי טישלעך און געזופּט שוואַרצע קאַווע. די אייגנטימער, וואָס זענען צוליבן שטרייק געווען אויך די סאַרווער, האָבן זיך געגענט צו די האַלב־פאַרריגלטע טירן און מיט געמאַכטער רואיקייט נאָכגעפאָלגט די פאַרדעכטיקטע באַוועגונג אויף דער ברייטער גאַס.

ווען ער איז פאַרביי אַ זייטיק געסל האָט ער דערזען אויפן פראָנט פון אַן איינשטאָקיק הויז די אויפשריפט פון אַ יידישער צייטונג. די שטאָרן זענען געווען אַראָפּגעלאָזן, אַ קליין זייטיק טירל איז געווען האַלב אָפן און דורך איר זענען איינצלנע מענטשן אַריין און אַרויס. צוזאַמען מיט נאָך צוויי אָנקומענדיקע יידישע יונגעלייט איז ער אַריין אין דער אַדמיניסטראַציע. קיינער איז דאָרט נישט געווען. ער איז ווייטער אַדורך אַ ליידיקן וואַרט־צימער און פון אַ זייטיקן זאַל האָבן זיך געהערט שטימען פון דיסקוטירנדיקע מענטשן.

אין אַ מינוט אַרום איז עמעצער אָנגעקומען און זיך דערנענטערט צו אים. פאַר אים איז געשטאַנען מאַוריסיאָ ליפּאָווין.

ער האָט אים באַלד דערקענט, טראָץ דעם, וואָס ער האָט אים בלויז איין מאָל געזען. ליפּאָווין האָט זיך שטאַרק געענדערט. זיינע שוואַרצע אויגן זענען געווען נאָך מער פאַרדרוקט אונטערן אַרויסגעשטעלטן שטערן און אין די צעפּאַטלטע ברעמען האָבן זיך געוויזן די ערשטע זילבערנע פעדעם. אויך אויף די שלייפן האָבן זיך געזען גרויליכע האָר. דאָס פּנים איז געווען גלאַט ראַזירט און די לאַנגע וואָנצעס, וואָס האָבן אים דעמאָלט צוגעגעבן אַ מענלעכן חן, האָט ער געהאַט אַראָפּגענומען. די שאַרפע אויסשניטן אַרום מויל האָבן אויסגעזאָגט וועגן אַ לעבן אין שווערע באַ־דינגונגען.

— גוט וואָס איר זענט געקומען — האָט ער אים אויסגעשטרעקט די גרויסע האַנט. ער האָט, זעט אויס, נישט אַרויסגעוויזן קיין איבעריקע שטוינונג פון דער פּלוצעמדיקער באַגעגעניש — איר קאָנט אונדז אַ סך אַרויסהעלפן.

— אַרויסהעלפן? מיט וואָס? — ער האָט זיך אַ רוק געטאָן הינטער־ווײלעכס, ווי איינער, וועלכן מען וויל, קעגן זיין ווילן, אַריינציען אין אַ נישט קלאָרער לאַגע. ליפּאָווין האָט אים לייכט אַ צי געטאָן און זיי זענען אַריין אין זייטיקן צימער. צווישן די מאַשינען איינגעמויערטע אין דער בעטאָנענער פּאָדלאָגע זענען געזעסן לרוב מענער און אַ פּאָר פרויען. אין אַ רויך־נעפּל פון ביליקן טאַבאַק האָבן זיי שטיל געשמועסט און געזופּט שוואַרצע קאַפע. הערשלס אַריינגיין האָט זיי באַזונדערס נישט געשטערט און קענטיק, אַז דורך די פּרימאָרגן־שעהן פון אומרואיקן טאָג זענען נישט ווייניק מענטשן אַריין און אַרויס אין די פאַרשטעקטע צימערן פון דער דרוקעריי. ליפּאָווין האָט אונטערגערוקט הערשלען אַ שטרויען בענקל און דערלאַנגט אַ גלאָז שוואַרצע קאַווע. דאָס האָט אים דערמוטיקט און אַרויסגעשלאָגן פון זיין פאַרווירונג. ליפּאָווין האָט אויפגעקלערט:

— דאָס איז מיינער אַן אַלטער באַקאַנטער... אייגנטלעך נאָר איין מאָל זיך מיט אים באַגעגנט, אָבער אַ סך זיך דורכגעשריבן. אַן אַמאָליקער עס־ער מיט אַ סטאַזש פון אַטענטאַטן. איצט איז ער געוואָרן אַ היימז־צער אויפן באָדן פון באַראָן...

די שטימונג האָט זיך ביים לייכטן שמועס שנעל אויפגעהייטערט. הערשלען איז שנעל קלאָר געוואָרן דער זין פון אָט דער טרעפונג אין דער דרוקעריי מיט די אַראָפּגעלאָזענע שטאָרן. דער רעדאַקטאָר, אַ צעפּאַטלטער, מיט שיטערע בלאָנדע האָר, האָט מיט אַ נישט אויסגעשלאָפן קול אויפגעקלערט:

— די לאַגע איז ערנסט ביז גאָר, חברים. פּונקט ווי אין אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד, ווערן מיר באַשולדיקט אין דאָפּלטן פאַרברעכן: אַלס קאַפּיטאַליסטישע בלוטזייגער און אַלס רעוואָלוציאָנערן אָן אַ פאָטערלאַנד, וואָס פאַרנעמען זיך צו ברעכן די בירגערלעך־קריסטלעכע מאָראַל און די משפּחה. די צייט איז אַן אומרואיקע, מ׳דאַרף געפינען אַ שעיר לעזאזל, איז אונטערגעקומען ווי שטענדיק דער ייד, דער „רוסאָ". אויף אים איז לייכט אַרויפצולייגן אַלע חטאים. דער „רוסאָ" בונטעוועט אין די סינדיקאַטן, ער העצט קעגן דער קריסטלעכער מאָראַל, ער באַדראָט די רו און גאַנצקייט פונעם לאַנד... דער „רוסאָ"!... איצט, ווען דער אַרבעטער איז אַרויס אין קאַמף פאַר זיינע רעכטן, וויל מען אָפּווענדן דעם פאָלקס־צאָרן. די אַזוי גערופענע „פאַרגעשריטענע פּאַרטיי", וואָס שטייט איצט ביי דער מאַכט און האָט אַליין ערשט נישט לאַנג געליטן רדיפות פון קאָנסערוואַטיוון לאַגער, האָט זיך אָוועקגעלאָזן אויפן וועג פון דער רוסישער „שוואַרצער מאה". זי רעקרוטירט מענטשן פון דער אונטערוועלט, די פינצטערסטע עלעמענטן, און רופט זיי „אַרויסצוטרייבן די רוסאָס", „ראַטעווען דאָס לאַנד פון דער רויטער געפאַר" און „פאַרניכטן די גאָטלאָזע מאַקסימאַליסטן".

— דערפאַר זענען פיזיש באַדראָט אַלע יידן אין שטאָט און נאָך מער — אונדזערע אַנשטאַלטן, דער עיקר די אַרבעטער־ביבליאָטעקן און די יידישע צייטונגען — האָט ליפּאָווין צוגעגעבן.

מען האָט פאַר הערשלען פאַרגעשטעלט די באַטייליקטע אינעם שמועס. צווישן זיי האָבן זיך געפונען שרייבער, קולטור־טוער, אַרבעטער־פירער. הערשלען איז באַזונדערס אויפפאַלנדיק געווען אַ דין־פיגוריקע פערזאָן מיט לאַנגע געקרייזטע האָר, וואָס זענען אים אַראָפּגעפאַלן איבערן נאַקן. זיין פּנים איז געווען פון אַש־קאָליר און מאָגער ווי ביי אַ נזיר. ער איז געווען אַן איבערזעצער פון שפּאַנישער ליטעראַטור אויף יידיש, געשריבן

און געהאַלטן לעקציעס איבער דער איבערישער ליטעראַטור. ער האָט נאָך אַ שטילשווייגן זיך אָפּגערופן:

— דער גרויסער אַרגענטינער פּראָסער (נאַציאָנאַלער העלד) סאַר־מיענטאָ האָט אַמאָל אויסגעשריגן קעגן דער טיראַניע פון ראָסאַסן: „באַרבאַרן, די אידעען טויט מען נישט!" אָט דער געוויסן־געשריי דאַרף אונדז ביישטיין אין די שווערע טעג. נאָר דעמאָלט, ווען מיר וועלן זיין דורכגעדרונגען מיטן באַוווּסטזיין, אַז מיר קעמפן פאַר הויכע און אייביקע אידעאַלן, וועלן מיר אַלץ איבערקומען.

— אין דער ערשטער שלאַכט זענען געווײנלעך מנצח די ביקסן. עס איז נאָר אַ פראַגע ווער עס בלייבט דער לעצטער און ווער עס בלייבט לעבן אויף דער אַרענע — האָט זיך אַרײַנגעמישט אַ מיטליאָריקער מאַן מיט טיפע בלויע אויגן. די הענט זיינע זענען נאָך געווען פאַרפלעקט מיט שוואַרצער דרוקפאַרב.

איצט האָט ליפּאָווין זיך אויפגעהויבן פון פּלאַץ און אַ פאָכע־טוענדיק מיט דער האַנט האָט ער אַ וויז געטאָן אין הערשלס זייט:

— דער חבר וועט אונדז קאָנען נישט ווייניק העלפן. צוואָס אַזויפיל דיסקוטירן? דער כוליגאַניזם באַדראָט די עקזיסטענץ פון יידישן לעבן, פאַרמעגן און פון אונדזערע אינסטיטוציעס. די אַנאַרכיסטישע און סאָציאַליסטישע צייטונגען זענען פאַרברענט און צעפלינדערט. יידן זענען שוין באַפאַלן און צעשלאָגן געוואָרן אין די גאַסן. עטלעכע ביבליאָטעקן אונדזערע זענען שוין צעשטערט געוואָרן. אין די בירגערלעכע צייטונגען ווערן פאַרשפּרייט פאַנטאַסטישע מעשיות וועגן אַ געפּלאַנטער רויטער רעוואָלוציע, וואָס דאַרף אָט־אָט אויסברעכן און די „רוסאָס" וועלן איינפירן אַ סאָוויעטישע דיקטאַטור. עס וועט נישט זיין קיין וווּנדער, אויב נאָך היינט אָדער מאָרגן וועלן מיר אַלע אַרעסטירט ווערן אַלס קאָנספּיראַטאָרן און אַלס קומענדיקע קאָמיסאַרן און מיניסטאָרן פון אַ „מאַקסימאַליסטישער" אָרדענונג...

— אָבער איך זע נישט וואָס איך קאָן דאָ בייטראָגן — האָט הערשל שטיל אָבער אַנטשלאָסן באַטראַכט די אַרומיקע — איך אַליין בין דאָך אַהער צופעליק אַראָפּגעקומען און קען נישט די לאַגע...

— קיין איינהייטלעכע יידישע רעפּרעזענטאַנץ איז נישט פאַראַן — האָט דער רעדאַקטאָר זיך אָנגערופן און אָנגעצונדן פון דאָס ניי אַ ציגאַר —

נישטאָ וועד עס זאָל אינטערוועניר קעגן די איבערפּאַלער. יעדער פּאַראַיין זוכט מיט אַ וויינענדיק נעבעך־קול אַרויסצושרייען זיין לאָיאַליטעט און רעדט אין נאָמען פון אַלע יידן. עס איז נייטיק אַ יידישע זעלבשוץ און אַזעלכע קאָן געשאַפן ווערן נאָר פון די אַרבעטער־קרייזן. מיר זענען די באַרופנסטע דערצו, און איר, אַלס געוועזענער עס־ער, קאָנט אונדז העלפן מיט ראָט און טאָט.

— יאָ, הערשל ליפּמאַן, איר דאַרפט אונדז העלפן אָרגאַניזירן אַ פּאַרטיידיקונגס־גרופּע. איך גלייב, אַז איר קאָנט אויף זיך נעמען די פּאַרטיידיקונג פון די אַרבעטער־ביבליאָטעק.

ס'איז אים הייס געוואָרן פון די פעסטבאַשטימטע רייד, וואָס זענען געזאָגט געוואָרן אין טאָן פון אַ התחייבות. ער האָט קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסברענגען און געזוכט אַן אויסוועג, ווי אַזוי זיך אַרויסצומאַכן מיט כבוד פון דער אומבאַקוועמער סיטואַציע.

זאָל ער נישט אויספירן די אויפגאַבע צוליב וועלכער ער איז אַהער־געקומען? דאָרט, הונדערטער קילאָמעטער פון דאַנען, וואַרט די משפחה זינט יאָרן אויף דער געלעגנהייט אָנצוהייבן אַ ניי לעבן. ער איז דער שליח־מצווה און צי קאָן ער צעטרענצלען די שליחות דורך אַריינלאָזן זיך אין אַקציעס, וואָס האָבן קיין שייכות נישט צו זיין רייזע? „די רוסאָס זענען פּאַראַזיטן און פּראָצענטניקעס" שרייען פּלאַקאַטן אין די גאַסן... יעדע משפּחה, וואָס אים וועט געלינגען אַרויסצוציען פון אימיגראַנטן־הויז און אַריבערפירן אויף ערד, וועט דערווייטערן אין דער צוקונפט די סכנות פון אַזעלכע באַליידיקונגען און אַרויסציען די ווינטן פון די אַנטיסעמיטישע מילן; „פאַרן כבוד פון יידישן מענטש און אַרבעטער דאַרף יעדער שטיין אויף דער וואָך" — אַזעלכע ווערטער זענען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין אַלע צייטן פון געפאַר. צי זאָל ער, דער אויסגעפּרוּווטער רעוואָלוציאָנער, זיך אַרויסמאַכן פון דער יידישער און מענטשלעכער פליכט, וואָס די שווערע שעה לייגט אַרויף?

— איך בין נאָר וואָס אַראָפּ פון דער באַן, אַהערגעקומען זוכן אימי־גראַנטן פאַר אונדזער אָנגעהויבענער קאָלאָניע — האָט ער אָפּנהאַרציק זיך אָפּגערופן — איך מוז נאָך אומבאַדינגט היינט זיך באַגעגענען מיט אַ געוויסן הער פון דער „געזעלשאַפט"... אפשר... אפשר נאָך אַט דעם באַזוך,

וועל איך זיך שטעלן צו אייער רשות. איך בין דאָך אַ „גרינער" דאָ און קיין צענטראַלע אויפגאַבע קאָן איך נישט נעמען אויף זיך...

— איר און נאָך אַ חבר וועלן זיין באַאויפטראַגט צו פאַרטיידיקן אונדזער אַרבעטער־קלוב אין דער פּאַרט־געגנט. דאָרט איז פאַראַן אויך אַ תלמוד־תורה און אַ שיל. אויך זיי קאָן מען נישט מפקיר זיין. דעם וועג אַהין קענט איר דאָך זיכער אָן באַגלייטונג. אויב עס וועט זיך לחלוטין אָפּשטעלן דער טראַמוויי־פאַרקער — וואַרט נישט, נעמט אַ דראָזשקע און פאָרט באַלד אַהין. דאָרט וועט איר שוין וויסן וואָס צו טאָן. פרעגט אויפן חבר בערל און מיט אים וועט איר שוין אָפּמאַכן וואָס מען דאַרף טאָן...

אַנטקעגנשטעלן זיך די דורכגעטראַכטע און מעסיקע רייד פון זיין פריינד האָט שוין נישט געהאַט קיין זין. ער לאָזט אים איבער די מעג־לעכקייט צו דערליידיקן זיינע פליכטן כּלפּי דער משפּחה און ערשט דערנאָך זיך אָנשליסן אין דער פאַרטיידיקונג. נאָך אַזאַ קאָמפּראָמיס איז נישטאָ קיין אופן פון אַרויסדרייען זיך. ער האָט שווייגנדיק זיך צעזעגנט מיט אַלעמען.

אין די ווייטע פערטלען פון דער שטאָט האָט ער די וווינונג פון וואַלטער ברוק געפונען פאַרשפאַרט. אַפילו די שיקסע איז נישט געווען און נאָר אַ גרויסער וואָלף־הונט האָט אַ פאַרכלינעטער זיך געריסן קעגן דעם פרעמדן אָנקלינגער. ער האָט זיך אויסגעפרעגט ביי שכנים וועגן וואַלטער ברוק און זיין משפּחה, אָבער קיין זאַך אויף קלאָר פון זיי נישט אַרויסגעקריגן. עס האָט זיך אים אַפילו געדוכט, אַז מ'קוקט אויף אים מיט חשד, ווי ער זאָל האָבן עפּעס אַ שייכות צו דעם אומרואיקן מצב אין שטאָט.

אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען אויפן ראָג און נישט געקאָנט באַשטימען וואָס צו טאָן. די פאַרוואָרפענע געגנט האָט זיך כמעט נישט געענדערט אין דעם אומרואיקן טאָג. אָט דער קוואַרטאַל פון די זומער־ווילעס האָט זיך נישט אויסגעטאָן פון זיין בירגערלעכער געמיטלעכקייט.

ער האָט זיך לאַנג געשלאָגן מיט דער דעה וווהין צו ווענדן זיינע טריט. לויט זיין אויסרעכענונג האָט נישט קיין זין זיך אַראָפּלאָזן איצט, אין די פריע נאָכמיטאָג־שעהן, אינעם פאָרט־קוואַרטאַל. אין די הייסע שעהן פון ברענענדיקן יאַנואַר־טאָג איילן זיך נישט די לאָבוזעס צו וויזן זיך אויף דער גאַס. איצט ליגן זיי אין די שענקען, זשלאָקען דעם ביליקן

רויטן זויך און שפּילן אין קאָרטן. וואָס וועט ער טאָן איצט אין יענער געגנט, וווּ וועט ער זיך אַהינטאָן?

און אַזוי שטייענדיק אין ראָג פון שטילן ווילע־קוואַרטאַל, האָט ער דערשפּירט אַ פּאַרדרוס אויף זיך אַליין. צוּוואָס האָט ער עס גאָר איינגאַנצן געדאַרפט אָט די אַוואַנטורע מיטן זוכן דעם דאָרפס־שרייבער? און בכלל, וואָס איז דאָס געווען פאַר אַן אופן פון אויפנעמען אַ פריינד, מיט וועלכן מען זעט זיך נישט אַזוי לאַנג? אַפילו נישט דערפרייט זיך ווי געהעריק... און וועגן וויקטאָריאַן? קיין וואָרט און קיין דערמאָנונג.

דער טראַמוויי, וואָס האָט אים געפירט צום נייעם פּאָרט אויפן לאַ פּלאַטאַ־טייך, האָט זיך פּלוצעם אָפּגעשטעלט ביי דער „פּלאַסאַ לאַ־וואַזשע" און מער נישט געפאָרן. ער האָט זיך אויסגעדרייט אַ כמעט ליידיקער און אָנהענגענדיק אַ ברעטל־שילד „עסטאַסיאָן", האָט ער אָוועקגאַלאָפּירט דורך אַ זייטיק געסל מיט אַ שטאַרקן אומגעוויינלעכן קלינגען.

אויך הערשל האָט זיך געאיילט צו פאַרנעמען זיך אויף אַ שמאָלן דורכגאַנג צוליב צוויי מאַניפעסטאַציעס וואָס האָבן זיך באַוויזן פּאַראַלעל פון ביידע זייטן פּלאַסאַ. זיי זענען ווי אַרויסגעשפּרונגען אומגעריכט פון דעם שטיינערנעם ברוק און ווי איבערראַשטע פון זייער אומגעריכטער באַגעגעניש האָבן זיי דערוויַיל מאַרשירט יעדער אויף זיין חלק פון דער פּלאַסאַ און אין דער זעלבער ריכטונג, אָפּגעטיילטע נאָר דורך אַ צענדליק מעטער ווי צוויי באַזונדערע טייך־שטראָמען, וואָס גיסן זיך נישט צוזאַמען. אַז דאָס זענען צוויי פיינטלעכע לאַגערן, האָט מען געקאָנט אורטיילן פון די ווינציקע אָבער הויך־אָפּגעהאַקטע פראַזן, וואָס האָבן זיך געקאָלערט איבער דער אָנגעהיצטער לופט און זיך געשטאַרקט איבערן געפילדער.

„מענאָס פראַילעס — מאַס עסקועלאַס",* האָט אַ לאַנגער הייזעריקער סאָלאָ זיך אַ קייקל געטאָן איבערן חלל פון דער פּלאַטאַ. „מועראַן לאָס רוסאָס!"** האָט אַ כאָראַלער קוויטש פון צענדליקער העלדזער אָפּגע־ענטפערט. „ברויט און פרייהייט!", „נידער מיט די טיראַנען!!". די לינקע זייט פון דער פּלאַסאַ האָט געשאָטן אירע לאָזונגען ביים פונאַנדער־

* ווייניקער גלחים — מער שולן!

** אַ טויט די רוסן!

וויקלען רויטע פאַנען. „אַפּועראַ לאָס ראָכאָס״* האָט דער צווייטער צד געאיילט זיך אָפּצופייערן מיט באַנומענע קולות.

הערשל האָט צוגעאיילט די טריט און גענומען זיך דערווייטערן פון פלאַץ, ווו אַ צוזאַמענשטויס איז געווען אומפאַרמיידלעך. נעבן זיך האָט ער דערהערט טריט און אַ לייכטן גערויש פון אַ זיידן קלייד. ווי נאָר ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ האָט אַ פרויען־האַנט אים אָנגעכאַפּט פאַרן אָרעם. זי האָט דערפילט זיין צאַפּל, אַ בלאַס־צעשראָקענעם שמייכל געטאָן און אַריינגעשושקעט:

— זאָל דיר נישט אויסמאַכן, טייערינקער, איצט ביסטו מיין מאַן. אַזוי וועסטו זיכער זיין אויף דער גאַס און איך — אַוודאי... די פּאָליציי קאָן מיך נאָך דערקענען און מיך אַריינוואַרפן אין „קאַלאַבאָסאַ״** היינט וועט זי נישט רחמנות האָבן, די פּאָליציי, און שלאָגן אויף רעכטס און לינקס... אויך אַזעלכע ווי איך...

זי איז געווען דין־בייגעוודיק, מיט אַ צוגעשמירט פּנים. אירע אויגן, גרויסע און צעפלאַקערטע, האָבן געבעטן רחמים. עס איז שווער געווען אָפּצוזאָגן אַזאַ בליק. זיי זענען געגאַנגען געאָרעמט און זייטיקע דורכגייער וואָלטן זיי נישט געקאָנט נישט אָננעמען פאַר קיין פּאָרל. אָבער די גאַס איז געווען ליידיק פון מענטשן. אַנטקעגן זיי איז אָנגעלאָפן אַ רייטער־עסקאַדראָן מיט אַנטבלויזטע שווערדן און געלאָזט זיך צו דער מאַניפעס־טאַציע מיט די רויטע פענער. דער סערזשאַנט האָט נאָך באַוויזן אַ פאָכע טאָן מיט זיין שווערד און צוואַרפן: „געפערלעך, קינדערלעך, צו פירן אַ ראָמאַן אין אַזאַ הייסן טאָג. אַהיים קינדערלעך!״ עס איז אָנגעלאָפן אַ נייע גרופּקע מאַניפעסטאַנטן, באַוואָפנטע מיט שטעקנס, און געמאַכט אויסרופן קעגן אויסלענדער. זיי האָבן זיך אַריינגעשטעלט אין אַן אָפענער טיר און אין שמאָלן טונקעלן דורכגאַנג איבערגעוואַרט. ביקסן־שאָסן האָבן אָפּגעהילכט און פערדישע שווערע קאָפּיטעס האָבן געקלאַפּט איבערן ברוק. זיי האָבן נישט באַוויזן צו זען פון זייער באַהעלטעניש, וואָס עס האָט זיך אויף דער פּלאַסאַ אָפּגעשפּילט, אָבער ווען זיי זענען אַרויס אויף דער גאַס האָבן זיי נאָך באַוויזן צו זען ווי גרופּקעס מענטשן צעלויפן זיך.

---

* נידער מיט די רויטע!

** לאָקאַלע געפענקעניש אין דער קאָמיסאַריע.

אויף דער גאַס האָט ער זיך באַמיט אָפּצולאָזן איר האַנט און באַפרייען זיך פון איר באַגלייטונג. זי האָט עס געפילט און זיך אָפּגערופן:

— קליינינקער, פאַרוואָס זאָלסטו אַנטלויפן פון מיר? צי איילסטו זיך אַהיים, צו דיין שוואַרצינקער?

— איך האָב נישט קיין שוואַרצע און קיין ווייסע — האָט ער געענטפערט — און אויך קיין היים האָב איך דאָ נישט אין אייער שטאָט. איך בין פון „טיעררא־אַדענטראַ" (טיף אין לאַנד)...

— דו האָסט מיט מיר אַ חסד געטאָן, פּאַכוּעראַנאַ (פּראָווינץ־מאַן), פאַרוואָס זאָל איך דיר נישט אָפּצאָלן? צי דען ביסטו נישט וויליק פאַר אַ גנעדיקער שעה? דאָ נישט ווייט איז מיין צימערל...

אַ היץ האָט אים באַשלאָגן, דאָך האָט ער מער די האַנט אירע נישט דערוויטערט. ער איז געגאַנגען נעבן דער פרוי, וואָס האָט זיך אין אים אַנגעהאָנגען אין אַ שעה פון געפאַר און ער האָט געטראַכט: אייגנטלעך איז דאָס דער איינציקער פרעמדער מענטש וואָס איז מיר דאַנקבאַר פאַר גאָר־נישט. דאָ, אין דער צעווילדעוועטער שטאָט, ווו אַפילו באַקאַנטע און גוטע־פריינד האָבן אַרויפגעצויגן די מאַסקע פון פליכט און טויט־ערנסטקייט, איז אָט די, וואָס פאַרקויפט פאַרגעניגן און אילוזיעס פאַר פּרוטות, די איינציקע, וואָס פרעגט נישט און באַפעלט נישט, נאָר פירט מיט אַ וואַרעמער און גלעטנדיקער האַנט.

„אָט האָסטו דיר אַ רעוואָלוציאָנער אין טאָג פון נסיון" — האָט עס אין אים געשפּאָט. „די וועלט ברענט, אַרבעטער ווערן געשאָסן, יידן שטייען ביים אָפּגרונד, דער טאַטע וואַרט אויפן ערשטן אימיגראַנט, און דו?" — — —

זי האָט צו אים גערעדט ווערטער, וואָס האָבן אים געקלונגען פרעמד און ער האָט זי נישט אָפּגעשטויסן. זיי זענען פאַרשוווּנדן צווישן שמאָלע דורכגענג און שאַרפע ריחות פון שטייענדיקן וואַסער און לאַנג נישט אויסגעליידיקטע מיסטקאַסטנס. דערנאָך האָבן צעבראָכענע טרעפּ געקרעכצט אונטער זייערע טריט און אַ טיר האָט אַ מאוימדיקן סקריפּ געטאָן, ווי אַ קאַץ וואָס מ'טרעט איר אָן אומגעריכט אויפן עק.

אויפן וועג צום קוואַרטאַל ביי די מוטנע וואַסערן פון „ריאַטשועלאָ"־אויסגוס האָט ער ווידער אַ מאָל געזען די פוריע, וואָס האָט זיך היינט

אויפגעבונדן דורך אַ געהיימער אָבער אויספירנדיקער האַנט. עקזאַלטירטע גרופּעס האָבן זיך געטראָגן ווי אַן אויפגעשטיגענער טייך, געשליידערט שטיינער אין פאַרריגלטע פענצטער און געריסן זיך די הייזעריקע העלדזער מיט אַנטיסעמיטישע אויסרופן. די גאַסן האָבן זיך שנעל צעפגעליידיקט פון געוויינלעכע דורכגייערס און די כוליגאַנעס זענען זיך צעלאָפן איבער זייטיקע געסלעך, ווען זיי האָבן דערזען אַנטקעגנקומען פון אַרבעטער־קוואַרטאַל אַ סאָציאַליסטישע קעגן־מאַניפעסטאַציע מיט רויטע פענער און לאָזונגען קעגן דער פאָליציי און די אויפגעהעצטע כוליגאַנעס.

די פאָליציי האָט אַרויסגעוויזן אַן אָפענע נייגונג צו פראָטעזשירן די מעסער־העלדן און אונטערדריקן די אַרבעטער־מאַניפעסטאַציעס קעגן די פראָוואָקאַטאָרישע באַשולדיקונגען אין פלאַנירן אַ „רויטע" איבער־קערעניש. הערשל האָט זיך געשלייכט צווישן די גאַסן און געסלעך און אויסגעמיטן די געפאַרן. ער איז געגאַנגען צו פוס, ווייל אַפילו קיין „מאַטעאַ" (דראָזשקע) איז נישט געווען צו באַקומען. די זון האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו זעצן און צווישן די שמאָלע פאַסאַזשן איבער די אַלטע געסלעך פון סאַן־טעלמאָ־קוואַרטאַל האָבן זיך אַריינגעשניטן פורפור־רויטע הימל־פאַסן, ווי אַ ווייטער אָפשיין פון גרויסע שריפות. ער האָט זיך דערמאָנט: אָט שפאַנט ער איבער די גאַסן, וווּ צוריק מיט מער ווי הונדערט יאָר האָבן זיך אָפגעשפילט די גרויסע פרייהייטס־שלאַכטן צווישן די לאַנד־פאַטריאָטן קעגן די שפאַנישע און ענגלישע אַריינדרינגער. דאָ האָבן זיך פון די פאַרקראַטעוועטע פענצטער געשאָטן שטיינער איבער די קעפ פון די פרעמדע; פון די דעכער אַראָפ האָבן די דאַמעס געגאָסן קאָכיקע טעפ וואַסער איבער די, וואָס האָבן געוואָלט צוריבן די פרייהייט פון דער יונגער רעפובליק. דאָ האָבן זיך שפּעטער אָפגעשפילט די בלוטיקע געראַנגלען און טראַגעדיעס צווישן די בירגער און דער היימישער טיראַניע פון מאַנועל ראָסאַס. די אַריסטאָקראַטישע און אידעלע געשטאַלט פון וויקטאָריאַ רוענעס מאַרין האָט אויפגעטויכט פאַר הערשלס אויגן ביים דורכשניידן דעם אַלטן באַריאָ סאַן־טעלמאָ מיט די איבערגעבליבענע אַלטע הייזער אין קאָלאָניאַלן סטיל און מיט אייזן־געשניצטע און געדרייטע באַלקאָנען. פאַרוואָס האָט ער דווקא איצט זיך דערמאָנט אין דער זעלטע־נער פרוי מיט די אַריסטאָקראַטישע מאַנירן, וואָס זוכט אַ וועג צו רעוואָ־לוציאָנערע אידעען? ער געדענקט, ווי זי פלעגט אין די ווינטערטעג

אַנלויפֿן מיט איר פֿערד צו זייער כאַטע, און דאָרט, ביי דער שיין פֿון אַ לאַמטערנע, האָט זי מיט אים איינגעקנעלט אַרגענטינער געשיכטע. ער ווידער האָט איר דערציילט וועגן זיינע רעוואָלוציאָנערע מעשים אין דער פֿאַרגאַנגענהייט.

„געוועזענער רעוואָלוציאָנער" — אַזוי באַצייכענען אים אַלע, און טרעפֿלעך. „אויך מיר אַ רעוואָלוציאָנער!" האָט עס אין אים אַליין געשפּאָט. ער קאָן אָבער קעגן זיינע אייגענע געפֿילן נישט פֿירן קיין מלחמה. יענץ דערהויבן וואָרט האָט פֿאַר אים שוין אָנגעווירן דעם אַמאָליקן רייץ — פֿאַרפֿאַלן!

ער האָט ווי מיט אַ כוונה זיך געשלעפּט איבער זייטיקע שטילע גאַסן, וווּ די טראָטואַרן זענען אויסגעריבן און דער ברוק איז אויסגעלייגט מיט גרויסע שטיינער. די־אַ געסלעך האָבן זיך נאָך נישט אויסגעטשוכעט פֿון זייער נאָכמיטאָג־שלאָף, צי האָבן די מענטשן זיך פֿאַרריגלט אונטער די פֿון אייזן־געדרייטע שטאָרן און באַלקאָנען? די שענקען אויף די ראָגן זענען איצט געשלאָסן און מ'זעט נישט דאָס געוויינלעכע בילד פֿון זיך וואַלגערנדיקע שיכורים אויף די טראָטואַרן.

אַקעגן אָוונט איז ער אָנגעקומען אין דער אומגעגנט פֿון דער אַרבעטער־ביבליאָטעק. דאָס איז געווען די ערשטע ביבליאָטעק, וואָס ער האָט באַזוכט נאָך זיין אָנקומען אין לאַנד. דאָרט האָט ער זיך באַקענט מיטן דאָרפֿס־שרייבער מאָוריסיאָ ליפּאָווין, ווען יענער האָט געהאַלטן זיין פֿאָרטראָג וועגן די פּראָבלעמען פֿון יידישן דאָרף. בעת זיינע וויניקע באַזוכן האָט הערשל תמיד געפֿילט אַ נאָגנדיקע בענקשאַפֿט צו יענע אָוונטן, ווען דער קוואַרטאַל איז געווען פֿאַרצויגן מיט אַ נעפּל פֿון די אָנקערנדיקע לאַסטשיפֿן, וואָס האָבן צעצויגן זיך איבערגעפּייפֿט און אין די פֿייכטע אָוונטן האָט זיך געטראָגן דאָס מעלאַנכאָלישע געפּייף פֿונעם מאַניס־פֿאַרקויפֿער. איצט האָבן זיך אויף די הייסע שטיינער און ווענט צעלייגט צעצויגענע שאָטנס. די גאַז־לאַמטערנעס האָבן נאָך דאָ געברענט מיט זייער מאָגער ליכט און פֿאַרהיט דעם כאַראַקטער פֿון קליינשטעטל־דיקייט.

אַ פּאָר צענדליק מעטער פֿון דעם קלוב האָט ער זיך האַסטיק אָפּגע־שטעלט. עס האָט אים געטאָן אַ זעץ אין האַרצן און אַ בלענד אין די

אויגן. ער האָט זיך צוגערוקט מיטן רוקן צו דער וואַנט און אָנגעטאַפּט די שטיינערנע ציגל ווי צו זוכן אַן אָנשפּאַר.

אויף אַ ליידיקן פּלאַץ, נעבן אַן איינגעוואָרפענער חורבה, האָבן נאָך געפּלאַקערט די רעשטן פון מעבלשטיקער און הויפנס ביכער פון דער ביבליאָטעק. אַרום האָבן זיך פאַרזאַמלט די קינדער פון קוואַרטאַל און אָנגעמאַכט אַ טומל. זיי האָבן מיט אייזנס און שטעקנס צוגעשאַרט די נאָך נישט אויסגעברענטע טיילן און אייניקע האָבן אַפילו אַרויסגעצויגן גאַנצע בענקלעך און פאַרשלעפּט זיי אין די עפּענונגען פון די אַלטע האַלב־חרובע הייזער. אַנדערע האָבן אַרויסגעצויגן נאָך נישט אויפגעפלאַמטע ביכער, אַריינגעקוקט און געלאַכט אויפן קול, צוריקוואַרפנדיק זיי אין די שיפּענדיקע שייטערהויפנס. אַ שטיקנדיקער גערוך פון צעסמאַליעטן פעדער־האַלץ און פּאַפּיר האָט זיך געטראָגן איבער דער גאַס און אַרויסגערופן אַן איבל אין דעם אַזוי הייסן אָוונט.

— טאַטע, פאַרוואָס ברענען זיי די ביכער ? — אַ מאַגערער יונגערמאַן איז פאַרביי און זיין קליין קינד האָט עס געשטעלט די פראַגע אין אַ זאַפטיקן יידיש.

— ווייל, ווייל דאָס זענען יידישע ביכער, מיין קינד — האָט דער מאַן געענטפערט און זיך שנעל אָפּגעטראָגן. הערשל האָט אַ צי געטאָן די האַנט ווי זיי אָפּצוהאַלטן, אָבער זיי זענען איינגעשלונגען געוואָרן פון די אויסגעצויגענע שאָטנס און פאַרשוווּנדן.

ער האָט אַלזאָ פאַרשפּעטיקט ! צי איז ער אָבער אימשטאַנד געווען אָקעגנצושטעלן זיך דער אויפגערייצטער פוריע ? צי האָט ווער עס איז געפּרוּווט דאָ אויפצוהייבן אַ האַנט קעגן דער באַרבאַרישער האַנדלונג ? ער האָט אָבער דאָך געפילט אַ שאַרפן פאַרדרוס אויף זיך אַליין, וואָס ער האָט כמעט דעם גאַנצן טאָג פאַרטאַכלעוועט, כדי זיך אַרויסצומאַכן פון דער אַחריות. ווו איז אַהינגעקומען דער „חבר בערל“, צו וועמען ליפּאָווין האָט אים געשיקט ? ער האָט זיך דערנענטערט צום פראַנט פון אויס־געפלינדערטן הויז. דאָס, וואָס ער האָט אַרום זיך נישט געזען כמעט קיין דערוואַקסענע, האָט אים אַ ביסל באַרואיקט און געמונטערט. אַ פּאָר עלטערע מענער, אָרעם געקליידטע, האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צום שייטערהויפן און געטריבן די צעיאָכמערטע קינדער : „אומדערצויגענע וואָס איר זענט ! אין וועלכער שולע האָט מען אייך געלערנט צו ברענען ביכער ? אַהיימגיין

שנעל, אויסווורפן!" די קינדער זענען זיך צעלאָפן מיט אַ הילכיק געלעכטער און מיט שפּאָטישע אויסרופן, די צוויי מענער האָבן פאַרגעצט זייער וועג.

איצט איז הערשל געשטאַנען נישט ווייט פונעם קלוב. אַ האַלבע טיר איז געווען אויפגעפּראַלט, אָבער ער האָט נישט געוואָגט אַריינגיין, בכדי נישט אָנצושטויסן זיך אין עפּעס אַן איבערראַשונג.

עמעצער האָט לייכט באַרירט זיין אַקסל און הערשל האָט זיך ראַפּטעם אומגעדרייט. אינעם האַלב־אָפענעם דורכגאַנג איז געשטאַנען דער באַבריל־טער ביבליאָטעקאַר. זיינע עטוואָס קרומלעכע אויגן האָבן געריסן זיך און געקוקט העכער פונעם שטערן אַרויף, ווי אין אַ תפילה, און אויסגעזען צעשראָקן און ווילד.

— קומט אַריין — האָט ער אים אַ שלעפּ געטאָן פאַרן אַרבל און אַריינגעצויגן אין הויף. אָפענע און צעפליקטע ביכער, פּאַפּירן און מעבלשטיקער האָבן זיך געוואַלגערט אין אַלע ווינקלעך. דער באַברילטער מאַן האָט אים אַריינגעפירט אין פּאָדערזאַל. ער איז כמעט געווען ליידיק. איבער דער שמאָלער וואַנט, דאָרט וווּ ביי מסיבות און פאָרטראָגן פלעגט מען איינאָרדענען דעם אויבנאָן, איז געהאָנגען בלויז דאָס איינציקע בילד פון קאַרל מאַרקס.

— דאָ איז געשען אַ מאָדנער נס — האָט דער ביבליאָטעקאַר אָנגעוויזן אויפן בילד — אָט דאָס בילד איז געשווינט געוואָרן צוליב דער איגנאָראַנץ פון אַ הויכן פּאָליציי־אָפיציר. נאָך איידער דער אָנגערייצטער המון האָט זיך אַהער אַריינגעריסן און אָנגעמאַכט דעם חורבן, האָט זיך מיט אַ פּאָר שעה צוריק באַוויזן אַ גרופּע פון געהיים־אַגענטן. זיי האָבן געזוכט און איבערגעקערט אַלע שאַפעס און שופלאָדן און אַראָפּגעשלעפּט די בילדער פון די ווענט, מן־הסתם כדי אויסצופאָרשן זייער פּאָליטישע אָנגעהעריקייט. אַזוי האָבן זיי אַראָפּגענומען די בילדער פון פּרץ, שלום־עליכם, ראָזענפעלד. ווען עס איז געקומען די ריי פון קאַרל מאַרקס האָט דער אָפיציר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: „דעכענלא ען פּאַס אל וויעכא ראַבינא!" (לאָזט צורו דעם אַלטן רב).

— און ווו איז אַהינגעקומען דער חבר בערל? — האָט הערשל אַ פרעג געטאָן.

— זיי האָבן זיך שטאַרק דערפרייט ווען זיי האָבן אים דערזען

צווישן דער גרופּע אונדזערער, וואָס האָט אָפּגעהיט דעם לאָקאַל. „אָט איז ער, דער כעפּע דע פּאָליסיא״ (פּאָליציי־שעף). ביי זיי איז דער חבר בערל פּאַרצייכנט געוואָרן ווי דער פּאָליציי־שעף פון „רויטן רעזשים״, וואָס מ׳האָט געדאַרפט איינשטעלן אויף מאָרגן נאָך דער רעוואָלוציע. אַלס „דיקטאַטאָר״ האָט ביי זיי פיגורירט דער שרייבער און אַרבעטער־פירער וועלוול פּאַרטנוי. זיי האָבן אונדז מיט אַ בייזער פרייד געמאָלדן, אַז ער איז שוין אין זייערע הענט. מ׳האָט אונדז אַלעמען אַרעסטירט און געפירט איבער דער גאַס. איך האָב אויסגענוצט אַ געלעגנהייט און זיך אַרויס־געדרייט פון זייערע הענט און ווען איך האָב פון דער ווייטנס געזען, ווי די דערוואַקסענע כוליגאַנעס זענען אָפּגעטראָטן פון דאַנען, בין איך אומבאַ־מערקט צוריק אַריין אין לאָקאַל.

— און איצט, וואָס בלייבט אונדז צו טאָן? — האָט הערשל געפרעגט.

— ראַטעווען, מיין פריינד, ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך נאָך. מיר וועלן פאַרריגלען די פראָנט־טיר, פאַרשטאָפּן די פענצטער מיט דיקן פּאַפּיר און זיך נעמען צו דער אַרבעט. מיר וועלן אַריינברענגען אָרדענונג צווישן די איבערגעבליבענע ביכער. עס מאַכט נישט אויס, חבר לעבן, עס וועט נאָך דאָ בלייען אַ גרויסע קולטור־אַרבעט און מיר דאַרפן איצט צונויפזאַמלען די אָפּגעראַטעוועטע שמות.

אַ וואַרעמקייט האָט געשטראָמט פון זיינע רייד און אויפגעהייטערט די שטימונג ביי הערשלען. ער האָט זיך געפרייט וואָס ער וועט געפינען אַ געלעגנהייט מכפּר צו זיין אויף זיינע פירונגען פון היינטיקן טאָג.

דער אָנגעצונדענער פּרימוס אין אַ זייטיק צימערל האָט געהוזשעט מיט אַ פריילעכן אָנזאָג אויף אַ גלאָז קאַווע. ביז פרימאָרגן האָבן די צוויי מענער זיך באַשעפטיקט מיט ברענגען אין אָרדענונג די רעשטן פון דער ביבליאָטעק. און געטאָן האָבן זיי עס מיט דער הייליקער פּאַרטיפונג פון ספר־תורה־שרייבער, וואָס זענען זיך מתבודד שפּעט אין דער נאַכט פון דער אַרומיקער וועלט און וועבן זיך אין גאַנצן אַריין אין דער קדושה פון די אייביקע אותיות...

*

אַ נישט אויסגעשלאָפענער, אַ צעבראָכענער פון אָנגעשטרענגטער אַרבעט דורך דער לאַנגער נאַכט, איז הערשל געקומען אין דער אומגעגנט

פון נייעם פּאָרט כדי צו באַזוכן דאָס אימיגראַנטן־הויז. די שטאָט האָט ביסלעכווייז זיך צוריקגעקערט צו איר נאָרמאַל לעבן, הגם אויף דער גאַס און אין די קאַפעען האָט מען נאָך געזען ווייניק מענטשן. די צייטונגס־פאַרקויפער האָבן אויסגעשריען די סענסאַציאָנעלע נייעסן. זיי האָבן אויס־געזונגען מיט אַ מאָנאָטאָן קול וועגן די אַרעסטן פון „רויטן" רוסישן דיקטאַטאָר מיט זיינע מיניסטאָרן, וואָס האָבן זיך געגרייט מאַכן אַ רעוואָ־לוציע און וועגן די עקסצעסן קעגן „רוסישע" (געמיינט: יידישע) געשעפטן און אַנשטאַלטן. דער קאָשמאַר פון פאַרגאַנגענעם מעת־לעת איז נאָך ווי אַ שווערער נעפּל געלעגן איבער דער שטאָט.

דאָס אימיגראַנטן־הויז איז נאָך געווען צוגעריגלט און דער שווערער טויער האָט אונטער זיינע אויסגעבלומטע אייזערנע גראַטעס אָפּגעגרענעצט פון שטאָטישן קעסל־גרוב די ערשט־אָנגעקומענע אימיגראַנטן. אין הויף האָט פלעגמאַטיש אַרומשפּאַצירט אַן אויפזעער און ווען הערשל האָט צו אים אַ פּאָכע געטאָן מיט דער האַנט האָט ער זיך פויל דערנענטערט.

— צי קאָן איך אַריינקומען אין הויף אַריין? איך דאַרף צו עמעצן.

— נאָך נישט, מי סעניאָר. צוליב דער אומרואיקער לאַגע אין שטאָט זענען זיי אָפּגעזונדערט. מ'לאָזט זיי נישט אַרויס און קיינעם לאָזט מען נישט אַריין, אפשר מאָרגן...

— און עמעצן פון די אימיגראַנטן וואָלסטו מיר נישט געקאָנט צושיקן אַהער? נאָר אויף אַ ווײַלע, עמעצן פון די „רוסאָס"...

אַרויסגערעדט דאָס אַזוי פאַרדעכטיקע וואָרט, האָט ער באַלד חרטה געקריגן. אָבער פאַרפאַלן, קיין שליטה האָט ער שוין אויף דעם געזאָגטן נישט געהאַט. דער טויער־היטער האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע און פאַרדעכטיקע אויגן אויף הערשלען. אין אַזעלכע יאַגד־טעג אויף „רוסאָס" גיט ער אַרויס מיט אַזאַ לייכטקייט זיין אָפּשטאַם. ער האָט אָבער צווישן זיינע פינגער דערפילט דעם גליטשיק־בלאַנקן מעטאַל פון אַ הויפן מטבעות. האָט ער אַ לייכטן שמייכל געטאָן און זיך אָן ווערטער געלאָזט גיין צום אינעווייניקסטן לאַבירינט פון צימערן און מאַגאַזינען. אין מיטן האָט ער זיך דערמאָנט אין עפּעס און זיך צוריקגעקערט:

— פּ'אַל דיאַבלאָ, קע קאַבעסאַ! (צום טייוול! סאַראַ קאָפּ...) יאָ, וועמען זאָל איך רופן אַהער? צי האָט דער סעניאָר אַ נאָמען אָנצורופן?

— ווער עס זאָל נישט זיין... בעט נאָר, אַז עמעצער פון די ניי־אָנגע־

קומענע רוסאָס זאָל זיך אָהער באַווייזן. איך האָב עפּעס איבערצוגעבן... אויב אַ יונגער איז בעסער...

מיט אַ נאָך מער פאַרוואונדערטן בליק איז דער וועכטער אַוועק אויס־פירן זיין שליחות.

הערשל האָט אַזש אַ שפּרונג געטאָן און אָנגעכאַפּט די גראַטעס פונעם טויער ווען ער האָט דערזען דערנענטערן זיך צום אַרויסגאַנג אַ באַקאַנטע געשטאַלט:

— יאָסל, דאָס ביסטו אויף אַן אמת, יאָסל?...

פאַר אים איז געשטאַנען מאַניעס ברודער. יאָסל איז געווען מיט אַ פּאָר יאָר עלטער פון אים און ער האָט, צוליב זיין שיינער טענאָר־שטימע, שטענדיק אונטערגעהאָלפן דעם שטעטלדיקן בעל־תפילה. איצט איז ער געווען פעסטער און צוליב זיין פולקייט אויסגעזען נידעריקער; די אויגן זענען אים געווען עטוואָס אויסגעשטאַרצט, ווי אָנגעשטרענגטע פון זוכן אַן אויסגאַנג.

— יאָסל! דאָס ביסטו טאַקע? און די משפחה? און ווו איז מאַניע?

אַלע זענען דאָ — האָט יאָסל אים געדריקט די האַנט דורך די גראַ־טעם — מיר וואַרטן, אַז מ׳זאָל באַשטימען אונדזער גורל. עס האָבן אונדז דאָ אָפּגעשטאַט באַזוכן מענטשן פון „אימיגראַנטן־שוץ־פאַראיין" און פון אַלע אַנדערע שלעק... מען וויל אונדז ערגעץ פאַרשיקן, אויפן פעלד זאָגט מען... אַזאַ מין קאַטאָרגע. אָבער נישט אַלע זענען איינשטימיק, קריגט מען זיך דערווייל אַרום.

— אויך מאַניע איז דאָ? גיי צוריק, יאָסל, און בעט, אַז זי זאָל אַרויס־קומען. נישט לאַנג צוריק האָב איך געשריבן צו אייך אַ בריוו, אָבער איר זענט דערווייל אַרויס אין וועג.

אָבער נאָך איידער יאָסל האָט זיך אומגעדרייט, איז שוין מאַניע אַרויסגעקומען און נאָך איר די גאַנצע משפחה מיט נאָך אַ פּאָר זייטיקע אימיגראַנטן. דער וועכטער האָט אַ פאַרלאָרענער זיך אַרומגעדרייט, נישט געוווסט ווי צו האַנדלען און ער האָט סתם באַלעבעטשעט מיט דער צונג. פאַר נאָך אַ פּאָר מטבעות, וואָס ער האָט נישט געציילטערהייט אַרייגגע־רוקט אין קעשענע, האָט ער אַן עפן געטאָן אויף שנעל דאָס טויער און הערשל איז שוין געווען אַרומגערינגלט פון דער גרופּע „גרינע".

מאַניען האָט ער געהאַלטן ביי איר קליין פּוכקע הענטל און, ווי

זי וואָלט איצט די איינציקע געשטאַנען פאַר אים, האָט ער זי באַטראַכט. ער האָט זיך אַפילו פאַרשעמט, זעענדיק, ווי אַלע אַרומיקע שווייגן אין אָנבליק פון דער באַגעגעניש פון די צוויי יונגע, וואָס קוקן זיך אָן און ווערטער.

פאַר אים איז שוין אָבער נישט געשטאַנען די אַמאָליקע קליינע שפּילעוודיקע מאַניע, מיט איר קאַרנאָסע נעזל, מיט די פּאָר אויסגעשאָטענע זומער־שפּרענקעלעך און אין די אָנהייב יאָרן פון איר מיידלשער רייפקייט, ווען איר ווייס געזיכט איז געווען אַרומגעראַמט מיט די געקרויזטע שוואַרצע האָר, ווי מיט אַ ציגיינערישער רייך־קרוין. איצט איז זי פולער געוואָרן און די ליניעס פון איר גוף זענען געווען אויסגעגאָסן כמעט אָן אַ פּאַרעם. די מלחמה־יאָרן האָבן, זעט אויס, איבערגעלאָזן שפּורן, וועלכע ווערן נישט אָפּגעמעקט אַפילו אין מער רואיקערע צייטן. אָבער ביים אַרויס־רעדן די ערשטע ווערטער האָט ער דערקענט דעם מעלאָדישן טאָן פון איר שטימע אין די אַמאָליקע יאָרן פון די וואַלד־פאַרזאַמלונגען. אָפּגעהיט געוואָרן איז אויך דער אַמאָליקער בליאַסק פון אירע פולע ווייסע ציין.

אין זיין איבעררעאשונג האָט ער נאָך געהערט אָפּגעהאַקטע פראַזן אָן וועלכן עס איז צוזאַמענבונד. אויף זייערע פראַגן האָט ער בקיצור דערציילט וועגן דער דורכגעמאַכטן וועג אין נייעם לאַנד און וועג דער נחלה אין דער איינזאַמער סביבה. דערביי האָט ער שוין געגעבן אָנצוהערן וועגן זיין כוונה אויסצוקלייבן פון צווישן די אימיגראַנטן אַזעלכע, וואָס זענען גרייט אָנצוהייבן אַ ניי לעבן ביי ערדאַרבעט.

— וואָס שייך אונדז, זענען מיר גרייט צו גיין אויף לאַנד — האָט מאַניעס פאָטער, אַן איינגעדאַרטער שוואַרצבערדלדיקער ייד זיך אָנגע־רופן און זיך מער דערנענטערט צו הערשלען — מיר האָבן נאָר נישט געקאָנט באַשליסן אין וועלכער קאָלאָניע אויסצוקלייבן. אויב אָבער דער אייבערשטער האָט אַזוי געפירט און דו, הערשל־לעבן, ביסט אונדז אַנטקעגנגעקומען ווי אַן אמתער מלאך, פאַרוואָס זאָלן מיר נישט זען אין דעם אַן אצבע־אלוקים ? איך גלייב, אַז קיינער פון אונדזער משפחה וועט זיך נישט אָפּזאָגן צו זיין שכנים מיט אייך אויך דאָ. נאָך אַלעמען, ווער האָט עס נישט אָפּגעשאַצט דיין טאַטן, ר׳ ניאָמע, זאָל געזונט זיין ? ער ווייסט זיכער וואָס ער טוט...

נישט אַלע האָבן, פאַרשטייט זיך, מסכים געווען מיטן אַלטן ר׳ זרח

פּרוזשנער, וואָס האָט זיך דערפרייט צו זען פאַר זיך די געשטאַלט פונעם שטעטלדיקן בחור, פאַר וועלכן מ׳האָט דרך־ארץ געהאַט און געציטערט פאַר זיין קאָנספּיראַטיווער טעט׳קייט. אָבער די, וואָס האָבן זיך געוואַקלט ביז אַהער און נישט געוווּסט וואָס עס איז כדאי צו טאָן, האָבן אין הערשלס פאַרשלאָג געזען אַ סטעזשקע, אויף וועלכער מ׳קאָן זיך אַרויסלאָזן פון אָט דעם עיפּושדיקן אימיגראַנטן־הויז, ווו די אומזיכערקייט האָט געטאָטשעט און געבויערט.

ווען הערשל איז אַרויס פון טויער, האָט ער געהאַט דעם איינדרוק, אַז אַ גוטער אָנהייב איז שוין געמאַכט געוואָרן.

אָבער אויף וויפל זיין געמיט, נאָך די טעג פון שווערע איבערלעבונגען און אָפּנייגן, איז דערהויבן געוואָרן צוליבן פאַקט, אַז זיין פליכט האָט ער געטאָן און אַז אויך זיין שטרעבונג צו זען מאַניען אין לאַנד איז אומגעריכט און שנעל מקוים געוואָרן — האָט ער דאָך עפּעס געפילט אַ מין פוסטקייט פון איינעם, וואָס האָט אַ דורשטיקער זיך אָנגעבויגן צו באַרירן מיט די ליפּן אַ פליסנדיק וואַסער און — דאָס וואַסער איז ווי איינגעזונקען אונטער דער ערד...

די גאַס איז שוין איצט געווען מער באַלעבט און די שטאָט האָט לאַנגזאַם אויסגעלעקט אירע ווונדן. דער כוח פון גיגאַנטישן אויפמאַרש פון אַ מיליאָנען־מאַסע אין דער טאָג־טעגלעכקייט איז שטאַרקער פון די צעשטערונגען, וואָס צעבושעווען זיך צייטנווייז ווי אַ הוראַגאַן. עס זענען בלויז געבליבן אויף די ראָגן ביי די צייטונגס־פאַרקויפער די גרויסע פעטע צייטונגס־קעפּלעך וועגן „פאַרכאַפּטע רויטע מיניסטאָרן און קאָמיסאַרן״.

אויף צומאָרגנס, בעת זיין באַזוך אין דער רעדאַקציע פון דער יידישער צייטונג, האָט הערשל זיך דערוווּסט, אַז מיט ליפּאָווין איז געשען אַן אומגליק. דער רעדאַקטאָר אַליין איז נישט געווען, מ׳האָט אים אַרעסטירט, און דער שטעלפאַרטרעטער זיינער האָט הערשלען דערציילט, אַז ליפּאָווין איז פאַרנאַכט־צו אַרויס אין יידישן פערטל, ווו מ׳האָט זיך געריכט אויף איבערפאַלן פון די כוליגאַנעס. ער איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ געשלעג מיט צעיושעטע שקצים, וואָס האָבן זיך געוואָלט אַריינרייסן אין אַ קליין שילעכל. ליפּאָווין האָט געכאַפּט אַ שטאַרקן קלאַפּ אין לינקן פוס און מ׳האָט אים אַ פאַרחלשטן אָוועקגענומען אין שפּיטאָל אַריין. דאָרט האָט מען אים

אַראָפּגענומען דעם צעבראָכענעם פוס כמעט ביז דער קני, אַנדערש האָט געדראָט אַן אַלגעמיינע בלוט־פאַרגיפטונג.

אַ צעקלעמטער האָט ער פאַרצייכנט דעם אַדרעס פון שפּיטאָל און תיכף זיך אַוועקגעלאָזן באַזוכן זיין חבר.

צום קראַנקן האָט מען אים נישט צוגעלאָזט. ער איז נאָך געווען אונטער דער ווירקונג פון כלאָראָפאָרם און מ׳האָט הערשלען גערעכט הייגט אים נישט צו באַלעסטיקן. פון איין זייט האָט ער געפילט אַ מין דערלייכ־טערונג, וואָס זייער באַגעגעניש איז ווי דערווייטערט אָדער אָפּגעלייגט געוואָרן, אָבער ער האָט זיך דאָך געשפּירט פאַרלוירן אין אָט דעם טאָג, ווען פאַר אים האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ ליידיקייט און ער האָט ווי מורא געהאַט פאַר יעדן טראָט — נישט אַריינצופאַלן אין תהום פון אומפאַרזיכ־טיקייט. דערפאַר איז ער ווייטער געבליבן וואַרטן אין קאָרידאָר. אפשר וועט זיך דאָך מאַכן אַ געלעגנהייט צו כאַפּן אַ קוק אויף ליפּאָווינען, אַפילו פון דער ווייטנס.

די נייעס וועגן דעם טראַגישן אינצידענט האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט צווישן „ליפּאָקאָס" פריינד און מאַנכע צווישן זיי האָבן געאיילט אין שפּיטאָל אַריין געוואויר צו ווערן וועגן זיין צושטאַנד, אָבער אין זאַל וווּ ער איז געלעגן האָט מען קיינעם נישט אַריינגעלאָזן. איינער פון זיי האָט פאָרגע־שלאָגן, אַז מ׳זאָל אַראָפּגיין אין שפּיטאָל־גאָרטן און דאָרטן צוואַרטן. איז מען געזעסן אויף די הילצערנע בענק, אויפן אָפּגעהיטן גרינעם טעפּיך פון פריש־געשניטענעם גראָז און געשמועסט וועגן פאַרוווּנדעטן שרייבער און וועגן די געשעענישן פון די פאַרגאַנגענע טעג. צווישן די באַזוכער האָט זיך אויסגעטיילט די היזכע און עלעגאַנטע געשטאַלט פון אַ יונגנמאַן אין די ערשטע דרייסיקער. ער איז געווען העכער פון אַלע איבעריקע און מ׳האָט זיך צו אים געווענדט נאָר אין שפּאַניש. נאָך אַ קורצן איבעררעדן זיך האָט מען דעם הער אויף פאָרגעשטעלט פאַר הערשלען:

— אוסוואַלדאָ רוענעס מאַרין; אַ זשורנאַליסט און סאָציאַליסטישער טוער...

אויף אַזאַ באַגעגעניש מיט וויקטאָריאָס ברודער, אין אַזעלכע נישט נאָרמאַלע אומשטענדן, האָט ער כלל זיך נישט געריכט און אין דער צעטומלונג האָט ער דעריבער אַפילו נישט געפרעגט אויף וויקטאָריאַן.

ווען מ׳האָט הערשלען פאָרגעשטעלט פאַר אוסוואַלדאָ מאַרין, ווי אַ

פּיאָנער פון אַ נייער יידישער קאָלאָניע, האָבן זיינע ווייכע און גרינלעכע אויגן אויפגעלויכטן, ווי ביי איינעם, וואָס פאַלט אַריין אין אַ חברותא פון יוגנט־פריינד. ער האָט אויפן קול, כמעט ווי מיט אַ בולטער כוונה זיך אָנגערופן:

— איך האָב שטענדיק געהאַט גרויס סימפּאַטיע צו די יידישע ערד־אַרבעטער אין דער אַרגענטינער פּראָווינץ. איך בין אַליין אַ געבוירענער אין ענטרע־ריאָס און האָב געקענט פון דער נאָענט אַ רייע יידישע טיפּן פון די קאָלאָניעס. איך קען פּערזענלעך דעם שרייבער אַלבערטאָ גערשונאָוו און איך האָב געלייענט זיין „לאָס גאַוטשאָס כודיאָס" (די יידישע גאַוטשאָס). דאָס איז ווי אַן עפּאָס פון אַ נייער תקופה. איך האָב אויפריכטיק געפרייט זיך צו זען, ווי אייערע יונגעלייט נעמען אָן די אמתע זיטן פון לאַנד, מיט זייער פלינקן רייטן, מיט זייערע אסאדאָס און אַפילו מיט די פּאקאנען־געפעכטן... אַפילו די ענטרא־ריאסער „קאַמפּאַדרישע" * פאַרריסנקייט האָט זיך צו זיי צוגעקלעפּט... אָבער איינעם האָב איך געקענט ווען איך בין נאָך געווען זייער יונג און ער האָט אויף מיר געמאַכט אַ גוואַלדיקן איינדרוק. איך בין זיכער, אַז אויך איר האָט פון אים געהערט. דאָס איז געווען אַ יידישער דאָקטער, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן מקריב געווען פאַרן געזונט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, אָן אויסנאַם פון ראַסע און רעליגיע. דאָס איז דער פאַרשטאַרבענער דאָקטער נאָע (נוח) וואָס האָט געשמט איבער דערברייט און לענג פון דער פּראָווינץ.

— האַ! זיכער האָב איך געהערט פון אים — האָט איינער זיך אָפּגע־רופן מיט באַגייסטערונג — דאָס איז געווען אַן אמתער מלאך פונעם הימל אַראָפּ. אַזוי האָבן טאָקע נישט ווינציקע געגלייבט...

— לעגענדעס האָבן זיך אַרום אָט דער דאָקטער געשאַפן — די אויגן פונעם אַריסטאָקראַטישן סאָציאַליסט האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ לייכטער גרינלעכער טרוימערישקייט — דאָס איז געווען דער קלאַסישער טיפּ פון הומאַניסטישן מעדיצינער, וואָס גיט אָפּ אַלץ פאַרן ווילזיין און געזונט פון די מיטמענטשן. אין די קאַלטע רעגנטעג, אין די פינצטערע שטורמישע נעכט, איינגעהילט אין זיין פּאָנטשאָ, רייטנדיק אויף זיין פערד אָדער אויף

* קאמפאדרע — שטאָלץ.

דער „סולקי", פלעגט ער תמיד אַליין צו אַ קראַנקן אין די פּאַרוואָרפנסטע ראַנטשאָס. אומבאַצאָלט פלעגט ער קורירן די אָרעמע פּאַציענטן און זיין גוטמוטיק וואָרט האָט מער געהיילט ווי די רעצעפּטן. די רייכע פּאַציענטן האָבן אים פאַרערט און די אָרעמע — פאַרגעטערט. ווען ער איז שוין אַליין געווען שווער קראַנק, האָט ער זיך נישט אָפּגעהאַלטן צו דערפילן זיין חוב צו היילן און צו טרייסטן...

— און איך, איך געדענק זייער גוט זיינס אַ שאַרפזיניקן גלייכווערטל — האָט איינער פון די מיטשמועסער אונטערגעהאַלטן — איך אַליין האָב אים, דעם דאָקטער נאָע נישט געקענט, אָבער מיין פאָטער, וואָס זיצט נאָך אַליין אויפן קעמפּ אין דער אַלטער קאָלאָניע ד., פלעגט דאָס שטענדיק איבער־דערציילן. אין יענע ערשטע יאָרן פלעגן די קאָלאָניסטן ליידן פון אַ קליין בייסנדיק פליגעלע, וואָס מ'האָט גערופן „ביטשא קאָלאָראַדאָ" (דאָס רויטע פליגעלע). די קאָלאָניסטן פלעגן זיך אָנקראַצן ביז בלוט און וווּנדן האָבן געיאָטערט און באַדעקט זייער לייב. ווען זיי זענען געקומען צום דאָקטער נאָע, פלעגט ער באַטראַכטן זייערע וווּנדן און שפּאָסן: „קינדערלעך, הערט וואָס איך וועל אייך זאָגן: דעמאָלט ווען עס בייסט אייך און איר קראַצט מיט דער גאַנצער הנאה, איז אַזאַ יאָר אויף מיר, אָבער ווען איר קראַצט שוין אָן — דעמאָלט איז אַזאַ יאָר אויף אייך"...

— און איך געדענק אַן אַנדערן עפּיזאָד — האָט אַ צווייטער דער־ציילט — אַ באַנדע גנבים און רוצחים האָט געבושעוועט אונטער דער קאָמאַנדע פונעם באַרימטן „טעסטאַרודאָ". איך האָב דעמאָלט געאַרבעט אַלס פּעאָן ביי אַ קאָלאָניסט. אין אַן אָוונט איז אויסגעבראָכן אַן אמתע שלאַכט צווישן דער פּאָליציי און דער באַנדע און צוויי פון זייערע זענען ערנסט פאַרווונדעט געוואָרן. זיי האָבן זיך צוריקגעצויגן אין זייער באַהעל־טעניש אין וואַלד און מיטגענומען די פאַרווונדעטע. די זעלבע נאַכט, שוין גאָר שפּעט, האָט עמעצער זיך צוגערוקט אין דער פינצטערניש, שטיל אָנגעקלאַפּט אין פענצטער ביים דאָקטער און עפּעס אַריינגעשושקעט דורכן שייבל. דער דאָקטער האָט זיך שנעל אָנגעטאָן, אָנגעזאָטלט דאָס פערד און מיטנעמענדיק זיין פּעקל מעדיקאַמענטן איז ער אַוועקגעריטן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט. אין וואַלד האָבן אים די באַנדיטן אַוועקגעפירט אין די ראַנטשאָס פון די פאַרווונדעטע. ער האָט זיי פאַר־באַנדאַזשירט, צוגעוואָרפן אַ פּאָר טרייסט־ווערטער און אין דער באַגלייטונג

פון אַן ערן־וואָך פון די גנבים האָט ער זיך צוריקגעקערט אַהיים... די מעשה האָט אַליין דערציילט „טעסטאַרודאָ״, ווען מ׳האָט אים צום צוואַנציקסטן מאָל געכאַפּט, אַריינגעזעצט אין „חד־גדיא״ און דורך דער הינטערטיר אַרויסגעלאָזט...

— אַזעלכע ווי אָט דער דאָקטער האָבן געהויבן דעם כבוד און שטאָלץ פון דער יידישער געמיינשאַפט — האָט מאַרין באַשטעטיקט מיט אַ פעסטן טאָן — נאָר דורך אַזעלכע האָבן מיר געלערנט און אַנטדעקט די ספּעציפישע אייגנשאַפטן פון יידישן פאָלק. שפּעטער, ווען איך בין געוואָרן אַקטיוו אין די סאָציאַליסטישע רייען, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו קענען אַ ריי טיפּן, וואָס האָבן ממש געשפּרודלט מיט חכמה און אייפעריקייט פאַרן אידעאַל. אָט, למשל, דער אַזוי אומגליקלעך־צעשלאָגענער ליפּאָקאָ. די לופט פון אונדזער ענטרע־ריאָס האָט אים אויספאָרמירט אַלס שטאָלצן און רעבעלירנדיקן כאַראַקטער. ער איז אומדערשראָקן ווי אַ יאַגואַר און איך בין זיכער, אַז אַפילו אין זיינע שווערע ליידן וועט ער געפינען אַן אויסגאַנג.

— די צרה איז בלויז, וואָס מיר הייבן אָן ביסלעכוויז צו זיין „געוועזענע״, און דווקא נישט אויף דער פּאָזיטיווער זייט — געוועזענע ערדאַרבעטער, געוועזענע רעוואָלוציאָנערן, געוועזענע טראַדיציאָנעלע — און וואָס קומט אָנשטאָט דעם? די גאַנצע שיינקייט פון דער אַמאָליקער ראָמאַנטיק לייזט זיך אויף אין דער גרויער ווירקלעכקייט — די לעצטע ווערטער זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון אַ יונגנמאַן, וואָס האָט זיך אַליין פאָרגעשטעלט ווי אַ לערער אין אַ יידישער שולע. ער האָט אָנגעהויבן אַמאָל צו קנעלן אין אַ קאָלאָניע און שרייבט קינדער־מעשהלעך אין די יידישע צייטונגען.

— און ווידער איז דער זעלבער ליפּאָווין די בעסטע באַשטעטיקונג — דאָס מאָל האָט זיך אַ דיכטער אַריינגעמישט — ער איז אַליין אַרויסגעוואַקסן פון אַ יידישער קאָלאָניע. זיין שטרעבונג צו זיין פריי און צו לערנען האָט אים אַרויסגעריסן פון דער קאָלאָניע. ער האָט געחלומט צו דערגרייכן דעם אַדוואָקאַטור־דיפּלאָם בכדי צו קעמפן לטובת די קאָלאָניסטן, קעגן די אומגערעכטיקייטן פון דער „געזעלשאַפט״. צוליב דעם האָט ער געליטן נויט און געוואַלגערט זיך אויפן בוידעם־שטיבל. און איצט... איך האָב דעם איינדרוק, אַז ווען עס איז וועט ער דעם דיפּלאָם

דערגרייכן, אָבער איך צווייפל, אויב ער וועט זיך אַמאָל צוריקקערן אין דאָרף אָדער קעמפן פאַרן ציל צוליב וועלכן ער האָט פאַרלאָזט די קאָלאָניע. אפשר וועט ער אין זיין ביוראָ גערן זיין אויפצונעמען אַ קאָלאָניסט און אויסהערן זיינע טענות... אין זיין איצטיקן צושטאַנד, ווער קאָן וויסן וואָס עס וועט מיט אים זיין?

דערווייל האָט זיך עמעצער באַוויזן און אַנגעזאָגט, אַז די שעה פון באַזוכן די קראַנקע האָט זיך אָנגעהויבן. אויף די שפּיץ פינגער האָבן די ערשטע באַזוכער, צווישן זיי הערשל און אוסוואַלדאָ מאַרין, זיך אַריינגעשלייכט אין גרויסן זאַל פון דער מענער־אָפּטיילונג. אַ שאַרפער ריח פון מעדיקאַמענטן און קאַרבאָל האָט אַ זעץ געטאָן אין נאָז.

זיי זענען געשטאַנען שטיל, מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם און באַטראַכט דאָס בלאַסע איינגעפאַלענע געזיכט פונעם קראַנקן. אַ צייט האָט ליפּאָווין געהאַלטן צוגעשלאָסן די אויגן, אָבער ווי אויפגערודערט פון אַן אינערלעכן שטויס האָט ער זיי פּלוצעם פונאַנדערגעעפנט. ער האָט באַטראַכט די געסט און באַמיט זיך אַרויסברענגען אַ שוואַכן שמייכל. ווען הערשל האָט זיך דערנענטערט צו אים, האָט ער געקאָנט אויפכאַפּן די פּאָר ווערטער:

— די שפּיץ פינגער... פון לינקן פוס... טוען מיר ווי, שרעקלעך ווי...

אָבער דעם לינקן פוס האָט מען אים נעכטן אַראָפּגענומען.

— ער פיבערט, ער רעדט זיכער פון היץ — האָט הערשל געזאָגט פאַרלעגן.

— דאָס מוז נישט זיין אַזוי — האָט רוגעס מאַרין שטיל געענטפערט — דאָס איז אַ מין רעפלעקס. אינסטינקטיוו וויל זיך אַ מענטש נישט געזעגענען מיטן פאַרלוירענעם אבר, ער שפּירט אים, אַפילו ווען ער איז שוין נישטאָ...

ליפּאָווין האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגנלעפלעך און נאָכדעם זיי ווידער אויפגעריסן. מיט אַ לייכטן שאָקל מיטן קאָפּ האָט ער צוגעווונקען, אַז הערשל זאָל זיך דערנענטערן. הערשל האָט אויפגעכאַפּט זיינע שטילע אָבער קלאָרע ווערטער:

— איך וועל נאָר געזונט ווערן... דעם ערשטן באַזוך וועל איך ביי אייך אָפּשטאַטן, אין אייער נייער קאָלאָניע...

און צו זיין פריינד, רוענעס מאַרין, האָט ער אַ בלאָסן שמייכל געטאָן, ווי ער וואָלט זיך פאַרשעמט אין זיין אומבאַהאָלפנקייט.

ווען זיי האָבן זיך געזעגנט האָט מאַרין זיך אָנגערופן צו הערשלען:

— מיין שוועסטער וויקטאָריאַ האָט מיר וועגן אייך דערציילט. זי האָט אַ סך מאָל אייך דערמאָנט מיט פאַרערונג.

— און ווו איז זי איצט, וויקטאָריאַ?

— זי איז שוין זינט אַ צייט אין איראָפּע. זי האָט חתונה געהאַט מיט אַן אויסגעדינטן מיליטער־מאַן און איצט איז ער דאָרט אין דיפּלאָמאַטישן דינסט...

שוין לאַנג ווי הערשל האָט זיך נישט געפילט אַזוי איינזאַם, ווי אין אָט דעם נאָכמיטאָג. נאָך אַ קורצן באַזוך ביי וואָלטער ברוק האָט ער געאיילט צו דער פאַרנאַכט־אָפּגייענדיקער באַן. אויף דער האַרטער באַנק און אין גערויש פון די קלאַפּנדיקע רעדער האָט ער געטראַכט וועגן די פאַרלאָפענע יאָרן, ווען וויקטאָריאַ פלעגט באַזוכן זייער כאַטע אין איינזאַמען פעלד און דאָרט האָט זי געהערט וועגן רעוואָלוציע און טעראָר און זיך אַליין אָנצונדן מיטן פייער פון פרייהייטס־קאַמפן. און ער אַליין? ווי אַ האָלעווועשקע איז ער, וואָס ברענט אויס און באַווייזט נאָר איבערצוטראָגן אַ פונק, וואָס צעפלאַקערט זיך מיטן זעלבן פלאַם.

פון דעם פאַרשטויבטן פענצטערל אַרויס האָט די נאַכט זיך געיאָגט צוזאַמען מיט דער באַן און ערגעץ איבער די פלאַכלענדער האָבן שוואַכע נאַפט־פלעמלעך געשטאָכן די פינצטערניש.

זיבעטער קאַפּיטל

וואָרצלען זוכן באָדן...

שווערע טעג האָבן זיך אָנגערוקט ביים אויפשטעלן די נייע יידישע קאָלאָניע אין דער אומגעגנט פון „די זיבן פיילן". קאַנדידאַטן האָבן זיך געטראָגן אַהער פון אַלע זייטן און יעדער פון זיי האָט געבראַכט זיינע אייגענע השגות און פאַרלאַנגען, וואָס האָבן צעברעקלט און צעפּיצלט דעם חלום פון דער ערשטער יידישער משפחה אויפצושטעלן דאָ עפּעס מער ווי אַ געוויינלעך דאָרף. דאָס האָט געדאַרפט זיין אַ מוסטער־דאָרף, פון וועלכע אייגענע און פרעמדע זאָלן לערנען. יעדער פון די נייע קאָלאָניסטן האָט אָבער מיטגעבראַכט זיין פּערזענלעכן צוגאַנג, זיינע קאַפּריזן, זיין שטאָלץ און נישט געוואָלט מוותר זיין אויף אַ האָר. זעענדיק ווי דאָס דאָרף וואַקסט און אַנטוויקלט זיך, איז ניאָמע אַריינגעצויגן געוואָרן, נאָכגעגעבן דאָ און דאָרט. די פּרעטענזיעס זענען אָפּגעלייגט געוואָרן אויף רואיקערע צייטן...

עס זענען פאַרביי געציילטע מאָנאַטן און צענדליקער קאָלאָניסטן פון דער מאָגערער זאַמדיקער מאנטיעל האָבן זיך אָנגעהויבן אַריבער־צוקלייבן אַהער. צו זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן איינצלנע אימיגראַנטן, וואָס די שיפן האָבן פון אייראָפּע געבראַכט צו די אַרגענטינער ברעגן. דאָס זענען געווען געראַטעוועטע פון די אוקראַינער פּאָגראָמען, אויסגע־וואָרצלטע משפחות פון די ווייסרוסישע חרובע שטעטלעך און אויך איינ־צלנע פון די אַלטע יידישע דערפער פון דרום־רוסלאַנד, כערסאָן און יעקאַטערינאָסלאַוו. דאָס איז געווען אַ צוזאַמענמיש פון קעגנגעזעצלעכע נאַטורן און געוווינהייטן, פון פאַרשידענע יידיש־דיאַלעקטן.

אין אָנהייב האָט מען געבויט די הייזער לויטן פּרינציפּ פון פיר

נאָענטע שכנים. דאָס איז געווען די אָנגענומענע פאָרעם פון די געוועזענע מאַנטיעלער פויערים. אָבער די אַנדערע צוגעקומענע האָבן געבויט ווי זייער האַרץ האָט געגלוסט. יעדער האָט אויפגעשטעלט זיין הויז לויט זיין איינזען און באַקוועמלעכקייט, נישט טראַכטנדיק וועגן דעם אַלגע־מיינעם אויסזען און נוצלעכקייט פאַרן דאָרף.

די עגאָיסטישע השגות האָבן אויך צונישט געמאַכט די אילוזיע אויס־צובויען דאָ אַ קאָלאָניע אָן דער אָפּהענגיקייט פון אַ דערבייאיקן שטעטל, מיט זיין קרעמערישער פאַרמיטלעריי. אַלע ענגהאַרציקע אינטערעסן האָבן זיך צוזאַמענגענומען און געשטערט די פּלענער פון דער משפּחה ליפּמאַן. צו דער איינזאַמער באַן־סטאַנציע, ווו ביז אַהער איז געשטאַנען פאַרלוירן די נידעריקע שענק פונעם אוקראַינער, האָבן זיך ביסלעכווייז געצויגן קרעמער, פאַרמיטלער, באַלמעלאָכעס און באַלעגאָלעס. און נאָך איידער די קאָלאָניע אַליין איז געשטאַנען אַ צעוואָרפענע איבער שטחים, וואָס ציען זיך אויף צענדליקער קילאָמעטער, האָט שוין דאָס שטעטל געררודערט מיטן געוויינלעכן ריטעם פון אַ יידיש פּראָווינץ־שטעטל, וואָס זויגט איר חיונה פון די יידישע פויערים אַרום. די שמידן האָבן געלאָזט הערן אין די פריע מאָרגן־שעהן דעם בריאזג פון די האַמערס אויף די קאָוואַדלעס, ביים אָנציען די שינעס און ביים אָנקלאַפּן די שאַרפן פון די שניידמעסערס; די גרינס־ און פרוכט־קראָמען האָבן פאַרפולט דאָס געסל מיטן שאַרפן גערוך פון זייער סחורה; די שניטקרעמער האָבן אָנגע־הויפט אין די קליינע פאַרשטויבטע שויפענצטער צוציענדיקע גאַלאַנ־טעריע־סחורה. אַפילו אַ שטיקל קאַפע־הויז מיט אַ „פאַנדא" (רעסטאָראַן) און אַ קליין האָטעלעכל פאַר דורכפאָרער־אַגענטן איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין ראָג, נישט ווייט פונעם לייזיקן פּלאַץ, ווו מען האָט אין דער צוקונפט געזאָלט פלאַנצן אַ פּאַרק. איין מאָל אין וואָך האָט מען אין אָט דעם קאַפע־הויז, ביים טרינקען אַ גלאָז טיי אָדער לימאָנאַד, געוויזן אַ סינעמאַ־בילד אין פאָרזעצונגען. די בילדער האָבן געהוידעט און געציטערט, אָנגעפילט מיט שפּאַנונג און שרעק די באַזוכער מיט די שיסערייען און פערד־געלויפן. דאָס אויסשיסן דריי מאָל אין אָוונט האָט אָנגעזאָגט, אַז די פאָרשטעלונג וועט אין באַשטימטן טאָג צושטאַנדקומען.

די קאָלאָניסטן האָבן אַפילו געשמועסט צווישן זיך וועגן אויפשטעלן אין שטעטל אַ קאָאָפּעראַטיוו פאַר קויף און פאַרקויף, אָבער דאָס איינ־

זאַמלען די אַקציעס איז געגאַנגען צעצויגן און אָן אינערלעכן ברען. דער־ווייל איז דאָס באַרג־ביכל געוואַקסן און אין אים — די געשוואָלענע ציפערן, וואָס האָבן צוגעבונדן דעם קאָלאָניסט צו זיינע שטעטלדיקע קרעדיטאָרן, קלייטניקעס און תבואה־סוחרים, וואָס האָבן דורך זייערע הלוואות געלייגט זייער האַנט אויף דער גערעטעניש, נאָך איידער די זריעה איז אויפגעגאַנגען אין פעלד.

דער צונויפֿמענלויף פון יידן, וואָס האָבן געשטאַמט פון די פאַרשי־דנסטע גובערניעס פון רוסלאַנד און פוילן, האָט אויך פאַרטיפט די צעשיי־דונג צווישן די קאָלאָניסטן. מ׳האָט געחוזקט פון ניאַמעס משפחה צוליב איר ליטווישן אַקצענט און גערופן זיי „צלם־קעפ״. די בעסאַראַבער האָבן דאָ געהאַט די אויבערהאַנט. דאָס ברוסטיקע האַרטע פאָלקסלשון זייערס האָט געוועלטיקט אומעטום און פאַר גרויס קנאה האָבן די כערסאָנער זיי גערופן „מאַמעליגע־קעפּ״ אָדער „פּאַטפּאַלעק־עמלק״. זיי, די דרום־רוסישע קאָלאָניסטן, האָבן אין זייער אייגענעם קרייז געקנאַקט צווישן זיך רוסיש אָדער אַ מאַמע־לשון, אין וועלכן דער נון און דער למד איז אַרויסגעקומען ווייך־קנייטשנדיק. אויף די פּאָר פּוילישע איינגעוואַנדערטע האָט מען געקוקט מיט פאַרדאַכט, נאָכגעקרימט זייער אונטערזינגענדיק לשון און חוזק געמאַכט פון זייער דבקות צום טריסקער רבין.

די עיקר מחלוקתן פלעגן אויסברעכן שבת, אינעם ציטווייליק אויפ־געשטעלטן בלעכענעם גאַלפאַנדל. דאָרט האָט מען זיך אַרומגעריסן און זיך נישט געקאָנט אויסגלייכן ביים צעטיילן די „עליה״ס; מען האָט זיך געקריגט איבער די פאַרזייטע שטחים, איבער אַ „טאָראַ״ וואָס איז אַריבער צו שכנישע קי; מען האָט דיסקוטירט פאַר און קעגן דער רוסישער רעוואָלוציע, געפערטלט די ענגלישע פּאָליטיק אין ארץ־ישראל, ווו דער יידישער „גענעראַל־גובערנאַטאָר״, הערבערט סעמועל, דער יורש פונעם טערק, זאָגט שבת אין שול „נחמו, נחמו עמי״. וועגן אַלץ האָט מען זיך געקריגט. אַפילו די חזקה איבערן „ברעטל״ (חזנישן שטענדער) איז געוועזן דער אבן־נגף פאַר רייסערייען.

אַ קורצע צייט איז פאַרביי און ווי דורך אַ וווּנדער איז די קאָלאָניע געוואַקסן און אויפגעשטאַנען צו אַ יידישן ישוב. ווער עס האָט זיך איינ־געאָרדנט אין שענערע און ברייטערע שטובן פון דיקן „לאַמפּאַטש״ אויפ־געשטעלט, און ווער עס האָט זיך דערווייל באַנוגנט מיט אַ פּאָר קליינע

צימערלעך. די ערד האָט באַקומען אַ ברוין־טונקעלע פאָרעם נאָך דעם ווי די פלוג־מעסערס האָבן אײַנגעביסן זיך אין די ווילדע קוסטעס און איבערגעקערט די גרויגרינקייט פון די פּאַשעפעלדער. טויזנטער „גאַ־וויאַטאָס" (פייגל וואָס פליען נאָכן אַקער) האָבן אָנגעיאָגט, ווי דורך אַ בשורה פון די ווייטקייטן, זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די פרישע גלאַנציקע גרודעס און געפּיקט די גרויסע בײַכיקע ווערעם.

שטיבעלעך האָבן זיך צעשאָטן, ווי פּאַרזייטע פון אַ צעפּאַכטעטער האַנט, איבער צענדליקער קילאָמעטער. דורך די נעכט האָט שוין נישט געוועלטיקט די סומנע טויטשטילקייט פון די פאַרגאַנגענע יאָרן. הינט האָבן זיך דורכגעבילט אין כאַראַלע טענער, ווי אָנצוהאַלטן די וואַכזאַמקייט איבער יעדן נאַכטיקן שאָטן און שאָרך. דאָס קרייען פון הונדערטער הענער האָט אָנגעזאָגט האַלבע נאַכט אָדער דאָס גרויע שאַריען אויף טאָג. דאָס מרוקען פון די פאַרבענקטע בוהייען אין די נאַכט־„קאַראַלן" האָט זיך געטראָגן איבער די יידישע פעלדער. דאָס איז געווען אַ פאַרגיטיקונג פאַר יענע יאָרן פון לאַנג־נאַכטיקער אײַנזאַמקייט. די שטורעמס האָבן דעמאָלט זיך פאַרבונדן מיטן געוואָי פון די שאַקאַלן — די אײנציקע סימנים פון עקזיסטענץ.

מ׳קאָן נישט זאָגן, אַז ניאָמע איז געווען פאַרשיכורט אין זײַן פרייד אין אָנבליק פון וואַקסנדיקן יידישן דאָרף. די אַמאָליקע לייכטנדיקע קאָ־לירן אין זײַן פאַרשטעלונג זענען היפּש אָפּגעבליאַקעוועט געוואָרן ביים אָנשלאָגן זיך אין דער ווירקלעכקייט. ניאָמע האָט פאַרויסגעזען די קומענדיקע שוועריקייטן און סכנות. אָבער אַזוי ווי אין זײַן צוגאַנג האָבן אים אונטער־געהאַלטן בלויז זײַן הויזגעזינד און זשאָמע קוריס, האָט ער נישט געוואָלט פון אָנהייב אָן זײַן דער פּאַטענטירטער ניין־זאָגער און געשטעמפּלט ווערן אַלס געשוווירענער נודניק. לאַנגזאַם און מיט פאַרדרוס האָט ער זיך אונטער־געגעבן דעם דעת־הקהל און זיך באַנוגנט מיטן זעטיקן דאָס אויג, צוזעענדיק ווי די אַרומיקע סטעפּעס ווערן אײַנגענומען פון יידישן כוח און אַקעראײַזן.

אויף וויפל יעדער אָפּניג פון זײַנע כוונות האָט אים נישט ווי געטאָן, האָט ער דאָך נישט געלאָזט פאַרטונקלען פאַר זיך דאָס אַלגעמיינע בילד. דערפאַר האָט ער אָפט פאַרקוקט אַפילו דאָס, וואָס האָט אים אויסגעזען ווילד־קרום. ער האָט אויסגעמיטן צו דערמאָנען אַ וואָרט אָדער מיט אַ

ווינק אַפּילו וועגן זיין זכות הראשון, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז סוף כּל סוף וועט אַזאַ לידל נמאס ווערן יעדן אויער.

אַ מער ערנסטער וויכּוח איז אויסגעבראָכן צווישן אים און די מערהייט פון די קאָלאָניסטן ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פּלאַנירן דאָס בויען די יידישע און שפּאַנישע שולעס. דאָ האָט ער געפונען אַ לייכטן אָנשפּאַר פון געציילטע, וואָס האָבן אָפּגעשאַצט די לאַגע לויט ניאָמעס צוגאַנג.

אין אַ פּרייטיק אין דער פרי איז זיך צוזאַמענגעקומען אַ גרויסע צאָל פון די קאָלאָניסטן. עלטערע און יינגערע, אין פּראָוויזאָרישן גאַלפּאָנדל, וואָס האָט געדינט פאַר אַ דערווייליק שילעכל. די הילצערנע בענק זענען נישט גענוג געווען אויפצונעמען אַלע צוזאַמענגעקומענע און די יונגע זענען געשטאַנען ביי די ווענט. עס זענען געקומען יידן מיט לאַנגע בערד, וואָס האָבן אַרומגעזוימט די צעאַקערטע פּנימער, אַנדערע מיט קורץ־געשוירענע בערדלעך אָדער מיט אַ ווייכער פּוכיקייט, וואָס האָט זיך געשאָטן אויף די פּאַרווינטיקטע ברוינע געזיכטער, איבער וועלכע מ׳האָט איין מאָל אין וואָך איבערגעפירט די שער־מאַשינקע. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן לכבוד דעם אָנקומענדיקן שבת זיך גלאָט אַרומגעראַזירט מיט דער שאַרפער בריטווע און אויסגעדרייט די לאַנגע וואָנצעס.

אַלע זענען געווען אין שפּאַנונג, און ווען דער פּאַרוואַלטער איז אָנגעקומען איז מען אויפגעשטאַנען און געמאַכט אַ וואַרע, ער זאָל פריי דערשלאָגן זיך צום אויבנאָניקן טישל. דער שאַרך פון די ברייטע „באָמבאַ־טשאַ״־הויזן האָט, ווי אַ שטילע כוואַליע, זיך דורכגעטראָגן איבערן חלל פון מקום־קדוש און ווידער האָט אַ שטילקייט זיך אַריינגעוויגט ווי פאַר אַ פּאָרכטיקער תּפילה. ביי דער מזרח־וואַנט, נעבן צוגעדעקטן אָרון־קודש, זענען געזעסן די פון פריער אויסגעוויילטע מיטגלידער פאַר חינוך־ענינים פון דער קאָלאָניע. עס האָט זיך אויסגעטיילט די הויכע עטוואָס איינגעבויגענע געשטאַלט פון זישע אַקערמאַן, וואָס איז געווען צווישן די איבער־וואַנדערער פון דער קאָלאָניע מאַנטיעל. נעבן אים איז געזעסן, שווייגנדיק און ערנסט, ניאָמע ליפּמאַן, און ביי דעם אַנדערן עק — דער יונגער אַרקוטין, אַ היציקער יונגערמאַן, וואָס האָט זיך אַהער אַריבערגעצויגן פון אַן אַלטער יידישער קאָלאָניע צוליב אַ סכסוך מיטן אָרטיקן פּאַרוואַלטער. ער איז געווען אַ געשוואוירענער קאָאָפּעראַטיוויסט און פלעגט שטענדיק אָפּערירן מיט לאָזונגען פון די אידעאָלאָגן פון קאָאָפּעראַטיוויזם. ער האָט

זיך אַנטפּלעקט אין דער קאָלאָניע אַלס פּעיקער גראַמען־פּלעכטער. דער פּערטער איז געווען אַ מין פאַרשטייער פון די „גרינע", וואָס זענען אַהער אַראָפּגעבראַכט געוואָרן גלייך פונעם אימיגראַנטן־הויז — אַ טונקל־הויטי־קער יונגערמאַן, וואָס זיין פּעך־שוואַרץ אויסגעשאָטן בערדל האָט צוגעגעבן זיינע באַקן אַ גלאַנציקע בלויקייט. ער איז געווען אַ שטילער, אַ נאָכגיביקער און צוגעשאָקלט מיט הסכמה צו יעדנס רייד, נישט ווי אַלע אַנדערע, וואָס זענען גערעטעוועט געוואָרן פון פּעטלורעס פּאָגראָמען און תמיד פול מיט טענות.

נאָך איידער מ׳האָט אָנגעהויבן די אַסיפה האָט ניאָמע אויפגעהויבן זיינע מידע אויגן אויף די פאַרזאַמלטע אין שיל און אַ וואַרעמקייט האָט אָנגעפילט אַלע זיינע גלידער. וואָלט ער זיך נישט געשעמט פאַרן קהל יידן, וואָלט ער אַרויפגעגאַנגען אויפן באַלעמער און אויפן קול געמאַכט אַ הילכיקן שהחיינו, פּונקט ווי דעמאָלט, מיט יאָרן צוריק, ווען ער איז צום ערשטן מאָל אַראָפּגענומען אויף דער איינזאַמער באַן־סטאַציע און געטראָפן דאָרט דעם אוקראַינער גוי, ניקאָלקאַ אַוועטשענקאָ, וואָס האָלט די שענק, און ער, דער געיאָגטער ייד זוכט איינצוואָרצלען זיך אין דער ערד.

אין אָט דעם מאָמענט איז ער אַפילו גרייט געווען מוותר צו זיין אויף זיין קעגנערשאַפט צו געוויסע פאָרשלאָגן. ער איז גרייט אונטערצושרייבן, אַבי מ׳זאָל באַלד צוטרעטן בויען, אויפשטעלן שולעס, יידישע און שפּאַנישע, עפענען אַ ביבליאָטעק, שפּילן טעאַטער, לערנען משניות. ווי דורך אַ פאַר־טויבטן גערודער האָט ער באַנומען די רייד פון וואָלטער ברוק, וואָס האָט אין זיין דייטשמערישן יידיש אויפגעקלערט די לאַגע:

— הערן זי צו, מיינע פריינד, די לאַגע איז צימליך היינט אַזאַ, אַז מ׳קאָן דאָס ראָד פון דער היסטאָריע נישט צוריקדרייען. דאָס איז אַ גאַנג וואָס פירט אימער פאָרויס. יעדער וואָס וועט דאָס ראָד פּרווון פאַרהאַלטן וועט צעריבן ווערן. איך אַליין בין אַמאָל געווען דער פלאַמיקסטער קעמפער, אַז די שפּאַנישע שולע אין דער קאָלאָניע זאָל זיין אונטער דער אויפזיכט פון דער „געזעלשאַפט" און די פאַרוואַלטונג זאָל צוזאַמענגע־שטעלט ווערן פון אָרטיקע עלטערן. דעמאָלט וואָלטן יידן געקאָנט באַשטימט ווערן אַלס לערער און צוזאַמען מיטן לערער פון דער יידישער שולע, זיין דער רוקנביין פון דער קולטור־אַרבעט אין דער קאָלאָניע. וויסן זי, איך אַליין בין דאָך אויך געווען אַזאַ מין לערער פון אַ יידישער קאָלאָניע.

ספעציעל בין איך געגאַנגען אַהין כדי צו לערנען די אומשטענדן און זיך איבערצייגן. און איך האָב מיך איבערצייגט! אָבער די מעטאָדע איז פאַרשניטן געוואָרן פון דער „געזעלשאַפט" זעלבסט. גיב גאָט, אַז דאָס זאָל נישט אונטערגראָבן דעם יסוד פון דער קאָלאָניע־עקזיסטענץ.

אָבער די צייטן האָבן זיך געביטן — האָט ער נאָך אַ שלוק וואַסער פאַרגעזעצט — טראָץ די שאַרפע קעגנערשאַפט פון דער ידישער אינטעליגענץ, פון שטאָט און דאָרף, האָט די „געזעלשאַפט" אָנגעהויבן איבערגעבן די שפּאַנישע שולן אין די הענט פון דער רעגירונג. זינט דעמאָלט איז געפאַלן דער איינפלוס פון די קאָלאָניסטן אין די אַלגעמיינע שולן. דער לערער איז באַשטימט פון נאַציאָנאַלן דערציונגס־ראַט און איז אין די מערסטע פאַלן שוין נישט קיין ייד. ער איז איצט דער פּאַקטישער אַליינהערשער אין די שולן. און ווידער... עס איז אַ פּראָצעס אַזאַ, און ווער ווייסט אויב אונדזער האַנט איז נישט אין דעם. אונדזער יוגנט רייסט זיך אין די אוניווערסיטעטן צו דערגרייכן מעדיקער־דיפּלאָמען, צו ווערן דענטיסטן, אַפּטייקער, אָבער וואָס איז מיט לערער אין שפּאַניש? פאַר דעם איז נישט פאַראַן קיין אינטערעס און נישט קיין שטרעבונג פון די עלטערן... וואָס בלייבט צו מאַכן? באַפּעסטיקן, מיינע הערן, די ידישע שולע אין דער קאָלאָניע, אונדזער גאַנצער איינפלוס דאַרף פאַרווענדט ווערן צו דערציען אַ טרייע גענעראַציע פאַר דאָס ידישע נאַציאָן...

דער ווערטער־שטראָם האָט זיך ביי אים פּלוצעם אויסגעלאָזן, די צונג האָט זיך מער נישט געלייגט און די געדאַנקען האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט. ער האָט איצט ממש געוואָלט, אַז מ'זאָל אים איבערשלאָגן, בעטן אַ וואָרט, מאַכן אַ צווישנרוף.

— האָט עמעצער עפּעס אויסצוזעצן קעגן די רייד פון הער ברוק? — הערט ער ווי אין פאַרטויבטקייט.

עמעצער האָט עפּעס יאָ אויפגעהויבן אַ האַנט און ער, וואָלטער ברוק, הערט זיך קוים צו צו די רייד פון אָפּאָנענט. זיין מוח אַרבעט איצט אין אַן אַנדער ריכטונג. ער זעט פאַר זיך די אייגענע שטוב, אַ פאַרפּלאָנטערטע אין פאַמיליע־פּראָבלעמען. זיין ליזעטשקע רייסט זיך מיט אַלע כוחות אין די אַריסטאָקראַטישע גויישע קלובן און וויל פאַר יעדן פּרייז זיין דאָרט אָנגעלייגט. דער אמתער פּרייז איז: די ידישע דערציונג פונעם זון, ראָבערטאָ. ער איז צעבאַלעוועט דורך איר, קאַפּריזנע און נישט געהאָרכ־

זאָם. גאָט! ווי וואָלט ער געוואָגט אַזוי צו פירן זיך אין זיין פאָטערס הויז? די מוטער גיט אים נאָך אַלע זיינע פאַרלאַנגען און ווען עס איז געקומען צו בר־מצווה, וויל זי אַפילו נישט הערן פון אַן אונטעררירכט און תפילין־לייגן. „ער וועט — זאָגט זי — זיין אַ פרייער בירגער אין אַט דעם לאַנד, אָן צו פאַרוויקלען זיך מיט ריטועלן „פּאַנטשאַ״ (געמיינט דעם טלית) און אָן אַרויפצוציען אויף זיך די „ריענדאַס״ (לייצעס)... אַזוי האָט זי דעמאָלט געוויצלט זיך און צוגעגעבן: „דאָס וועט אים אָפּציען פון די לעקציעס און פאַרטומלען אים דעם מוח. נו, זאָג אַליין, איז כדאי די גאַנצע סומאַטאָכע צוליב איין טאָג? סייווי וועט ער דאָך אויף צו מאָרגנס מער זיך נישט באַנוצן מיט דעם... וועלכער מאָדערנער מענטש גיט זיך היינט אָפּ מיט אַזעלכע נאַרישקייטן?״

און זי האָט אירס אויסגעפירט, פונקט ווי דעמאָלט, מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, ווען זי האָט אים באַוויזן צו פאַרלאָזן זיין פּאָסטן אַלס דירעקטאָר פון דער שפּאַנישער שולע אין דער צפונדיקער יידישער קאָלאָניע.

דאָרט האָט זי זיך אויפגעפירט אַראָגאַנט און פרעמד כלפּי די קאָלאָניסטן און אָפּגעהיט אַ דיסטאַנץ אין איר באַציאונג מיט זייערע פרויען. זי האָט נאָר געזוכט די חברשאַפט מיט דער משפּחה פונעם שטעטלדיקן אַלקאַלדע, מיט אַפּטייקער און דאָקטער. זי איז פאַרבלענדט און געצויגן געוואָרן דורך די טיטלען וואָס מענטשן האָבן אויף זיך אַרויפגעצויגן און האָט מזלזל געווען אין די פּשוטע און אַפילו אינטעליגענטע לייט פון דאָרף, וואָס האָבן נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט זיך פאַרזאַמלט צו לייענען צוזאַמען, שפּילן טעאַטער און צוגרייטן ליטעראַרישע אָוונטן. אויך צום יידישן לערער און זיין משפּחה, וואָס האָט געוווינט אַנטקעגן, איבערן וועג, האָט זי זיך באַצויגן מיט גרינגשעצונג און קילקייט.

דאָס אַלץ האָט דעמאָלט געווירקט, אַז ער זאָל נאָכגעבן אירע כוונות און ער האָט די קאָלאָניע פאַרלאָזן. ער איז אַוועק צוריק אין שטאָט אַריין.

— איך פאַרשטיי נישט בכלל די געדאַנקען פונעם הער אַדמיניסטראַטאָר — האָט ניאָמע זיך אָנגערופן און אַ שנעלן בליק געוואָרפן אויף ברוקן — עס קאָן זיין, אַז אין אַנדערע קאָלאָניעס פירט זיך שוין ווי דער הער ברוק האָט געשילדערט. מיר אָבער גייען דאָך איינשטעלן אַ ניי דאָרף. זענען מיר נישט פריי אויסצוווילן וועמען אונדזער האַרץ גלוסט פאַר אַ לערער אין דער שפּאַנישער שולע? ווער וועט אונדז שטערן

אויסצוקלייבן אַ יידישן לערער אויף אָט דעם פּאָסטן? אין ערגסטן פּאַל וועלן מיר אַליין אים אויסהאַלטן. אַפּילו די „געזעלשאַפט" איז מחויב אונדז צו העלפן, טראַץ דעם, וואָס ערגעץ אַנדערש האָט זי אַליין איבער־געגעבן דעם גוי די שליסלען. דאָ, רבותי, זענען מיר נאָך מסוגל צו טאָן אַ זעלבשטענדיקע אַרבעט, די געזעצן וועלן מיר דורך דעם נישט ברעכן.

— וואָס פאַרשטייט איר נישט, וואָס? — האָט זישע אַקערמאַן זיך אַריינגעמישט — אין אָט דעם מאָמענט ווען די „געזעלשאַפט" איז נכשל געוואָרן און האָט איבערגעגעבן אירע קאָלאָניע־שולן דער רעגירונג, גייט די שולע אַריבער אונטער דער אויפזיכט פון נאַציאָנאַלן דערציונגס־ראַט און זיי זענען די פולשטענדיקע באַלעבאַטים איבערן שפּאַנישן טייל פון אונדזער דערציונג... אַחוץ דעם, אין אונדזער געגנט וווינען דאָך עטלעכע משפּחות נישט קיין יידישע, אויך זייערע קינדער וועלן מוזן, לויט די נייע געזעצן, לערנען אין שולע. דערפאַר באַקומט זיך אַן אַנדער בילד...

— איך מיין, אַז איר האָט אַנגעשלאָגן די ריכטיקע נאָטע — האָט וואַלטער ברוק געאיילט זיך צוצוגעבן — וואָס שייך דער שפּאַנישער שולע, וועלן מיר אויף איר קיין שליטה מער נישט האָבן. עס בלייבט דערפאַר צו זאָרגן, אַז די יידישע שולע זאָל פאַרזיכערן דעם גייסטיקן קיום פון נייעם דור. אַ גוטע יידישע דערציאונג וועט אויך פּאָזיטיוו ווירקן פאַרן אָנהאַלט פון דער קאָלאָניע אין גאַנצן...

— און ווי נעמט מען אַזאַ באַגאַבטן גאָט־געבענטשטן לערער, וואָס זאָל פאַראייניקן אין זיך אַלע גוטע אייגנשאַפטן און אַלעמען צופרידנ־שטעלן? — די פראַגע האָט אויפגעהויבן אַ היציקער יונגערמאַן, פון די, וואָס האָבן ערשט געגרינדעט דעם קולטור־צענטער — דאָס וואָס איר האַלט פאַר יידישלעך נייטיק, קוקט אפשר אויס אין מיינע אויגן פאַר קלע־ריקאַל און צוריקגעשטאַנען. נייע פּראָגרעסיווע כוחות זענען אויפגע־שטאַנען אויף דער וועלט און מיר דאַרפן דערציען די קינדער אונדזערע אין אָט דעם גייסט.

— דאָס איז אַן איבעריקע דיסקוסיע, מיין יונגער פריינד — האָט וואַלטער ברוק זיך אָנגערופן — די אויפזיכט איבער די יידישע שולן אין די קאָלאָניעס בלייבט ווייטער ביי דער „געזעלשאַפט". זי בויט די שולן דורך אירע הלוואות און זי האַלט אויס די לערער. אַן אַלגעמיין לערנ־

פראָגראַם איז דאָ פאַר אַלע שולן. די זייטיקע אַריינמישונג פון איינעם אָדער צען זייטיקע וועט דאָ נישט העלפן...

דאָ איז אויסגעבראָכן אַ העפטיקע דיסקוסיע. עס זענען אויפגעשטאַנען יונגעלייט און היציק זיך אַנטקעגנגעשטעלט די מיינונגען פונעם פאַרוואַל־טער. עס האָבן זיך פונאַנדערגעטיילט קעגנזעצלעכע גרופּן, מ׳האָט געשריגן און געמאַכט צווישנרופן. די אַנאַרכיסטן האָבן געטענהט, אַז באַגלייך מיטן אומקערן זיך צו ערדאַרבעט דאַרף מען דערציען דעם יונגן דור צו פער־זענלעכער פרייהייט אָן רעלעגיעזן צוואַנג. די פּועלי־ציון האָבן געשטעלט דעם טראָפּ אויפן נאַציאָנאַל־סאָציאַלן יסוד פון דער נייער געזעלשאַפט, וואָס דאַרף ציען איר יניקה פון פאַרווירקלעכדיקן סאָציאַליזם אין פּאַלעס־טינע און פון אַ יידיש־סאָציאַליסטישער אַרבעט אויפן פּלאַץ. די רעליגיעזע האָבן אין גרויסן צאָרן געשריגן, אַז דאָ גייט מען נישט מאַכן קיין רעוואָ־לוציעס, אַז די טראַדיציע וועט אונדז ווייטער אָפּהיטן פון אַלע פּלאָגן. יידן באַאַרבעטן, ברוך השם, די ערד, טאָ וואָס האָט עס צו טאָן מיט „וועלט־גליקן״? צי האָבן אונדזערע אָבות נישט געוווסט בעסער פון אַלע פילאָזאָפן ווי אָפּצוהיטן די יידישקייט פון אַלע געפאַרן?

אויף ניאָמעס פּנים האָט מען געקאָנט אַראָפּלייענען דעם שטורעם, וואָס קוועלט אַרויס פון זיין נשמה. זיכער האָט ער געהאַט וואָס צו זאָגן און אויסצוזעצן קעגן יעדער גרופּע און אירע צוגעשפּיצטע פאָדערונגען. ער האָט אָבער מורא געהאַט נכשל צו ווערן מיטן וואָרט און ער האָט געוואַרט, אַז אַ גואל זאָל אויפשטיין און פאַר אים אַרויסלייגן זיינע געדאַנקען. איין מאָל האָט ער אפילו געוואָרפן אַ בליק צו הערשלען, ווי אַ רוף צו הילף. הערשל איז אָבער געבליבן שווייגנדיק און ער האָט נישט אַרויסגעוויזן דעם מינדסטן ווילן אָנטייל צו נעמען אין דער דיסקוסיע.

ווען די געמיטער האָבן זיך אַ ביסל איינגעשטילט, האָט זישע אַקערמאַן זיך אָנגערופן:

— עס וועט נישט זיין איבעריק, רבותי, צו דערציילן אייך אַן עפּיזאָד וואָס אונדזער ביאַליק האָט אַמאָל, אין אַן אַדעסער קרייז פון יונגע סטו־דענטן, דערציילט בעתן וויכוח איבער „דאָ״ און „דאָרט״. אפשר וועט עס אונדז אויך צו נוץ קומען אין אונדזער איצטיקן וויכוח...

דאָרפס־מענטשן האָבן ליב צו הערן מעשיות. איז טאַקע באַלד שטיל געוואָרן, ווי פריער וואָלט דאָס שילעכל נישט געפּאַליעט זיך ווי אַ ים.

— דערציילט ביאַליק אַזאַ מין געשיכטע: אַ גרויסער רוסישער מאָלער האָט געמאַכט אַן אויסשטעלונג פון זיינע בילדער. זענען געקומען גרויסע קונסט־קריטיקער און זיי זענען באַזונדערס אַנטציקט געוואָרן פון איין בילד וואָס ווייזט ווי אַ פויער שטייט אין פעלד און שניידט מיט דער קאָסע היי אָדער קאָניטשינע. מען האָט געלויבט די נאַטירלעכקייט פון די קאָלירן, דעם ריכטיקן אויסדרוק פון אַרבעטס־מענטש און נאָך אַזעלכע פיטשעווקעס, וואָס נאָר קריטיקער קאָנען מגלה זיין.

מאַכט זיך, אַז אַן אמתער פויער איז געבראַכט געוואָרן צו דער אויס־שטעלונג צו זאָגן מבינות אויף דעם בילד. קוקט דער פויער פון דער וויטנס, קראַצט די פּאַטיליצע, גלעט די באָרד און שווייגט.

— נו — פרעגט מען אים אומגעדולדיק — וואָס זאָגסטו אויף דעם, וואַנקאַ?

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, איך פאַרשטיי נישט צי די קאָלירן אין דער לייוונט זענען גוטע, אָבער דער פויער שטייט נישט ריכטיק. מ׳קאָן נישט שניידן מיט דער קאָסע און דער רוקן זאָל זיין גלייך ווי אַ סטרונע, ווי אויף דעם בילד. אויב איר זאָגט, אַז דאָס בילד הייסט „שניידנדיק אין פעלד״, דאַרף דער פויער עטוואָס איינבייגן דעם רוקן, נענטער צום פעלד...

— יאָ, ווו איז דער נמשל, פרעגט איר אודאי? איך חזר איבער די פויערישע לאָגיק: אויב מען וויל ריכטיק שניידן, באַדאַרף מען, רבותי, עטוואָס איינבייגן די פּלייצע נענטער צום פעלד, נענטער צום היי... נענטער צו די אומשטענדן...

פאַרוואָס זאָל יעדער פון אונדז וועלן דווקא אַרויפציען זיין צוואַנגס־העמדל אויפן יידישן קינד אין דער קאָלאָניע און שטיין ווי אַ סטרונע אויסגעצויגן און טויב צו אַלץ, וואָס געשעט אַרום אונדז? בייגט זיך איין אַ ביסל, רבותי, לייגט צו דאָס אויער און דאָס האַרץ, און דעמאָלט וועט איר דערזען דאָס ריכטיקע בילד. דער עיקר, זאָג איך אייך, זאָלן די קינדער לערנען יידיש און יידישקייט, און שפּעטער, ווען זיי וועלן אויסוואַקסן, וועט זיך יעדער שאַפן זיין אייגענע וועלט, זיין צוגאַנג צו זאַכן. מיר דאַרפן זיי נאָר צושטעלן די מיטלען: ביכער צום לייענען, קולטור־אַרבעטן. זענען דען נישט אַרויסגעקומען פון די ישיבה־בחורים די גרעסטע רעוואָלוציאָנערן? און זענען דען נישט פאַרברענטע רעוואָלוציאָנערן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין

ציוניסטישע מנהיגים? דער עיקר, זאָג איך אייך, זאָלן זיי נאָר קענען לערנען און וויסן ווער זיי זענען און פון וועמען זיין שטאַמען אָפּ...

וואַלטער ברוק האָט זייטיק באַטראַכט דעם שמועסנדיקן זישע אַקערמאַן און האָט אַ שמייכל געטאָן פון זיין משל. ווי עס זאָל נישט זיין האָט עס געהאַט אַ באַרואיקנדיקע ווירקונג און דער עולם האָט זיך ביסלעכווייז איינגעשטילט. הלוואי וואָלט ער געהאַט אָט דעם יידס כוח צו באַווירקן, וואָלט ער אפשר דעם קאַמף מיט זיין ליזעטשקען נישט פאַרשפּילט. און אפשר? אפשר וואָלט געווען אַ גלייכע זאַך איינצולאַדן אים אַ מאָל אויף אַ גלעזל טיי — אַזוי זיך, פאַרפירן אַ שמועס און זאָל די פרוי זיך צוהערן?...

די דיסקוסיע האָט נאָך אַ ווײַלע אָנגעהאַלטן. דאָ און דאָרט האָבן נאָך די עקסטרעמע לייט זיך געראַנגלט, אָבער די מערהייט האָט זיך געלאָזט איינגעמען דורך די לאָגישע רייד פון זישע אַקערמאַן.

איצט האָט זיך ניאָמע אויפגעשטעלט און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט ווי צו איינגעמען דעם עולם, וואָס האָט זיך צעפּיצלט אויף גרופּקעלעך און פאַרפולט דעם בלעכענעם בנין מיטן גערויש פון אַ בינשטאָק. ער איז בדרך־כלל געווען אַ שווייגער און זיינע קניען האָבן תמיד ווי געציטערט, ווען ער האָט באַדאַרפט עפּעס זאָגן ברבים. דעמאָלט האָט ער באַמיט זיך צו קוקן און קאָנצענטרירן זיין בליק אין איין פּונקט, דווקא ווייט פון אויג און אַזוי אַרום אויסגעמיטן צו קוקן אויף די צוהערער. ווען ער האָט געזען די אויסגעשטעלטע אויערן און אויגן, האָט ער זיך ווי פאַרלוירן און די רייד האָבן זיך אים אויסגעלאָזן.

איצט האָט ער אויך געזוכט און געפונען אַן אָנהאַלט פאַר זיין בליק. דאָס קליינע פענצטערל מיט די פּירקאַנטיקע שייבעלעך פון אַנטקעגנאיבער איז צוליב דער ענגשאַפט געווען אויפגעפּראַלט. דער פרילינג האָט אַהער־געוווּנקען מיט די גרין־צעוואַקסענע פעלדער און דער ריח פון ערשט־אויפגעאַקערטער ערד פאַרן זומער־פאַרזיי האָט זיך אַהערגעטראָגן. דורכן פענצטערל האָט ער פון דער ווייטנס געזען אויף אַ קליין בערגל די חזירים, וואָס פעטער נאַגעל האָט געפּאַשעט אויף די נאָך נישט באַאַרבעטע פעלדער.

— און איצט, רבותי, בלייבט איצט נאָך איבער איין מאָל פאַר אַלע מאָל צו באַשליסן וועגן די עטלעכע נישט־יידישע איינוווינער אין אונדזער קאָלאָניע. דאָס איז אַ האַרבער ענין, וואָס דער אַמאָליקער פאַרוואַלטער הער לעוועטאַל האָט פאַרקאָכט. וואָס שפּעטער מיר וועלן זיך צו דעם צורירן,

וועט עס זיין דעליקאַטער און שווערער צו לייזן. דערפאַר האָב איך געטראַכט: אַזאַ געלעגנהייט, ווען קיין עין־הרע אַזאַ בכבודיקער קהל האָט זיך צונויפגעקליבן...

אַ ווײַלע האָט געהערשט אַ שטילקייט. עס האָט אויסגעזען ווי מ׳וואָלט געוואָלט דעם ענין פאַרדייען. נישט אַלע האָבן אַפילו אַמאָל ווען עס איז געטראַכט וועגן דעם.

— נו, דאָס שיינט מיר צו זיין אַ גאָר באַזונדערער ענין — האָט זישע אַקערמאַן זיך אָנגערופן — דאָ איז אַ פאַרקערטע סיטואַציע: שטענדיק האָבן מיר גערעדט וועגן ישראל בין־העמים, מיר האָבן זיך געפּלאָנטערט די פעלקער צווישן די פיס. דאָ איז אָבער דער היפוך דערפון: די פעלקער זיצן צווישן אונדז, אויפן איינגענומענעם שטח פון ישראל, פונקט ווי אין די צייטן פון יהושע...

— די אַנאַלאָגיע וועט אָבער נישט ענדערן די לאַגע — האָט וואָלטער ברוק זיך אַריינגעמישט — דער סעניאָר ליפּמאַן איז גערעכט: איין מאָל מוז מען זיך צו דעם פּראָבלעם צורירן מיט דער גאַנצער שאַרפקייט. אויב מיר וועלן באַשליסן, אַז עס בלייבן זיצן אויף ווייטער צווישן אונדז די שפּאַניער, גאַוטשאָס, אַרמעניער, דייטשן, וועלן מיר זיי אויפנעמען ווי גלייכע צווישן גלייכע. אָבער ווען מיר באַשליסן, אַז עס איז ביי אונדז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר זיי, אַז מען דאַרף זיי אַריבערפירן ערגעץ אַנדערש אָדער קאָמפּענסירן זיי — דאַרף מען דעמאָלט אויך זיין גרייט אויף נישט קיין אָנגענעמע סיטואַציעס. לויטן געזעץ קאָנען מיר עס טאָן, ווייל זיי צאָלן נישט קיין יאָר־קוואָטע. זיי זענען דאָ אַרויפגעזעצט געוואָרן פּראָווי־זאָריש און אָן קאָנטראַקטן...

— אויב אייערע רייד זענען געווענדט קעגן אַלע איבעריקע איז ניחא, אָבער איינער איז דאָ וואָס זיין פּאָזיציע איז גאָר אַן אַנדערע — ניאָמע האָט זיך געאײַלט פעסטצושטעלן דעם אמת — די דייטשן — ניחא, די אַרמעניער — מילא, דעם רוסישן באַנדע־פירער — אוודאי, אָבער דער אַלטער דאָן כואַן קאַסטראָ — מיט וואָס פאַרן מאָראַלישן כוח וועלן מיר אפילו אַרויפ־ברענגען פאַר אים דעם געדאַנק, אַז לויטן געזעץ, וואָס פאַר אים איז עס אַ לויזער באַגריף, דאַרף ער פאַרלאָזן דעם פּלאַץ, ווו דורות־לאַנג האָבן זיינע אבות געוווינט און געפּיטערט זייערע רינדער און שאָף?

— אויב מיר וועלן צוגיין צו יעדער פראַגע מיט צופיל סענטימענט,

וועלן מיר קיין טראַט פּאַרויס נישט שטעלן — האָט ווער זיך אָפּגערופן — וואָס וועט עפּעס זיצן צווישן אונדז אַ פּונדיק און זיין סקאַט וועט אונדז שטענדיק שאָדן אָנטאָן? אפשר וועלן מיר אים נאָך שבת צוטיילן אַן „עליה", און די ווייבער אונדזערע וועלן דאגהן וועגן לייטישע שידוכים פּאַר זיינע קינדער? אַפילו פּאַר אַ שבת־גוי צו זיין און די ליכט אָנצוצינדן אין בית־המדרש וועלן מיר אים נישט קאָנען אַראַנזשירן... אַ נייעם סטעפּאַן און איוואַן וועלן מיר דאָ אויפהאַלטן צווישן זיך, אָבער אָן די אַמאָליקע גויישע פּליכטן, כאַ, כאַ, כאַ!

— דאָס איז גאָר קיין געלעכטער, רבותי — האָט זיך ניאָמע געפּילט געטראָפן פונעם חוזק־טאָן — יאָרן לאַנג האָב איך דאָ געוווינט אין דער וויסטעניש און אין דער שכנהשאַפט פון אָט דעם אַלטן און רואיקן גאַוטש. זיין זון האָט ער אויף טויט דערשטאָכן, ווייל ער האָט זיך אויפגעפירט נישט לויט די כללים פון דער ראַסע און געוווינהייטן זייערע, אָבער פאַר אונדז איז ער געווען שטיל ווי אַ טויב און רואיקער פון וואַסער. פּלוצעם וועלן מיר קומען און אים מעלדן, אַז ער איז דאָ אַן איבעריקער, אַן אויסלענדער אין לאַנד פון זיינע אבות. ווער וועט וואַגן צו נעמען אויף זיך אַזאַ אויפגאַבע? איך וואָלט וועלן זען אָקאָרשט איצט אַזאַ מין העלד...

אַ שטילקייט האָט זיך צעלייגט איבערן פולגעפּאַקטן זאַל און ערגעץ ווו אין אַ ווינקל האָט אַ שעפּטשען איבערגעריסן די געדריקטע אָפּוואַרטנדיקייט. עס האָט אויסגעזען ווי אַ פּאַלענדיק וואַסערל איבער שפּיציקע שטיינער. ניאָמע האָט זיך אויף זיין פּלאַץ צוריק נישט אַוועקגעזעצט ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אַן ענדגילטיקן ענטפער. וואָס אמת, זיין בליק האָט זיך נישט אָפּגעריסן פונעם פענצטערל, וואָס דורך זיין דורכזיכטיקייט האָט ער געקאָנט באַמערקן דאָס באַוועגן זיך פון דער חזירים־סטאַדע אויפן קייַלעכיקן בערגל. ער האָט דערפילט אַ מאָדנע בענקעניש נאָך די טעג, ווען ער איז נאָך דאָ אַליין געזעסן און ער איז געווען דער זעלבסטבאַשטימער אין די באַציאונגען מיט זיינע שכנים. ווער ווייסט וואָס פאַראַ דאגות די זאַך וועט נאָך ברענגען אויף אַלעמענס קעפּ.

— איך מיין ערנסט מיט מיין פראַגע — האָט ניאָמע איבערגעחזרט — אויב מיר וועלן באַשטימען צו מעלדן דעם גאַוטש, אַז ער דאַרף פאַרלאָזן דעם פּלאַץ, ווער איז גרייט עס צו טאָן?...

— די פּאָליציי וועט עס טאָן! — האָט ווער צוגעוואָרפן.

— נאַרישקייטן — האָט ניאָמע זיך אויפגערעגט — מיר וועלן נישט שאַרן קיין פייער מיט פרעמדע הענט.

— איך בין גרייט עס צו טאָן! — דאָס איז געווען די פעסטע שטים פון זשאַמע קוריס. ער איז געזעסן כמעט ביים אַריינגאַנג און האָט די גאַנצע צייט נישט אריינגעמישט זיך אין דער דעבאַטע.

— איר? איר מיינט עס ערנסט? — האָט אים ניאָמע אָנגעקוקט פאַר־וווּנדערט.

— פאַרוואָס נישט? אויב נאָר עס וועט באַשלאָסן ווערן איינשטימיק. איך ווייס ווי אַזוי אומצוגיין מיט אָט די לייט. מורא האָבן? נישט ביי מאָטיען.

אָבער קיין באַשלוס האָט מען דעם טאָג נישט אָנגענומען. די זאַך איז אָפּגעלייגט געוואָרן.

אַכטער קאַפּיטל

„דאָרט ווו די צעדער"

אין דער קאָלאָניע האָט מען נאָך עטלעכע טעג פאַרן יום־טוב אָנגעהויבן די צוגרייטונגען. די עיקר דאגה איז געווען ווי אַזוי אויפצונעמען די הונדערטער געסט, וואָס האָבן געדאַרפט אָנקומען אַהער אין די פאַרמיטאָגשעהן, אַ טייל פון זיי, די עלטערע, וועלן זיכער בלייבן נעכטיקן אין דאָרף. אויב אַ קאָלאָניסט רייסט זיך שוין אָפּ איין מאָל אין אַ יובל פון זיין טעגלעכער אַרבעט און פאַרפאָרט ערגעץ אויף ווייטע שטרעקעס, איז פאַר אים אַן איבערלעבונג צו פאַרברענגען אַן אָוונט אין דער געזעלשאַפט פון אַנדערע קאָלאָניסטן און אין אַנדערע באַדינגונגען. נישט ווייניקער זענען צופרידן די געסט־אויפנעמער, וואָס לעכצן צו זען ביי זיך דאָרפסלייט פון אַנדערע געגנטן, און ווען דאָס זענען קרובים — איז די פרייד דאָפּלט. זיצט מען אין דער גערוימער קיך ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, מען טרינקט די שוימיקע מאַטע און דער שלאָף האָט נישט מער קיין שליטה אויף די שמועסער. איצט האָט מען געדאַרפט אַזוי אָרגאַניזירן דעם צוזאַמענפלי, אַז די קאָלאָניסטן זאָלן איינלאַדן זייערע געסט צו זיך אויף נאַכטלעגער, ווען די יונגע וועלן אָפּפאָרן אַהיים אַכטונג צו געבן אויף די שטוב־חיות. אַ פּאָר טעג פאַרן יום־טוב האָט מען דעם גרויסן פרייען פּלאַץ, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַרן בוי פון די שולעס און אַנדערע עפנטלעכע געביידעס, אָפּגערייניקט פון שטעכערס און ווילדע גראָזן, אויפגעאַקערט און אויסגעגלייכט דעם באָדן מיט בראָנעווערס, צוגעגרייט די גרויסע אייזערנע שטאַנגען און שפּיזן פאַרן קאָלעקטיוון „אַסאַדאָ"־בראָטן און געמאַכט פּלאַץ פאַר די שפּילערייען און געוועטן.

ווי דורך אַן אויפגעריסענער שפּאַרונע האָט זיך פון דאָרט, פון יענער

זייט ים, אַהערגעטראָגן די בשורה פון נאָענטער יידישער אויסלייזונג. אַן ענגלישער שטאַטסמאַן האָט אין זיין בריוו צו אַ יידישן און ציוניסטישן פירער, וואָס האָט טריי געדינט די ענגלישע וויסנשאַפט אין דער מלחמה קעגן די דייטשן, צוגעזאָגט, אַז די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט וועט זען מיט סימפּאַטיע די אויפשטעלונג פון אַ נאַציאָנאַלער יידישער היים אין פּאַלעסטינע. די פעלקער־פאַרזאַמלונג אין סאַן־רעמאָ האָט ראַטיפיצירט דעם ענגלישן מאַנדאַט אויף ארץ־ישראל און אַרויפגעלייגט אויף איר די אויפגאַבע אַדורכצופירן אין לעבן דעם יידישן טרוים פון דורות.

אַ כוואַליע פון באַגייסטערונג האָט זיך צעגאָסן איבער דער ברייטער יידישער וועלט און ווו נאָר עס האָט געקלאַפּט דער דופק פון אַ יידישן ישוב, אפילו דעם פאַרוואָרפענסטן אין עק וועלט, האָט מען די געשעעניש אויפ־געגומען מיט צעשאַלטקייט און מיט פרייד.

ניאָמע האָט אָנגעוואָרפן אַ געדאַנק, וואָס איז כמעט אָן קעגנערשאַפט אויפגענומען געוואָרן פון דער אָרגאַניזיר־קאָמיסיע. היות ווי די פייערונג פון „דער יידישער מלוכה אין וועג" פאַלט אויס כמעט אין זעלבן יאָר, וואָס מ'האָט אָנגעהויבן בויען דאָ די יידישע קאָלאָניע, זאָל מען פאַרבינדןביידע שמחות אין איין און איינציקער פייערונג. רייטער זענען צעשיקט געוואָרן אין נייעם שטעטל אַריין אויף דאָרט אָנצוזאָגן די גרויסע נייעס. דערנאָך האָט מען אַנדערע שליחים אַוועקגעשיקט אין דער קאָלאָניע פון די „ליט־וואַקעס" און צו די פאַרבליבענע קאָלאָניסטן אין מאָנטיעל. אַלעמען האָט מען אָנגעזאָגט צו קומען פייערן צוזאַמען די גרויסע געשעעניש און געבעטן האָט מען זיי, אַז זיי זאָלן לאָזן פריי זייער פאַנטאַזיע און דער־שיינען אין ספּעציעלע ראַשיקע אָנטועכצן, אַז מען זאָל קומען מיט פאָנען און פענדלעך, באַפּוצן די פערד און די וועגענער, כדי די פייערונג זאָל מאַכן אַ רושם סיי אויף די פאַרזאַמלטע און סיי אויף די גויים, וואָס מיר לעבן צווישן זיי...

איינגעשטעלט האָט זיך אַ טאָג מיט אַ פריער האַרבסטיקער מילדקייט. די לופט האָט געשמעקט מיט פאַרוויאַנעטע גראָזן און אויסגעטראָטענע שוין אָפּגעשניטענע לאָנקעס. די וויניקע ביימלעך אין דער קאָלאָניע, וואָס האָבן מיט זייערע דינע שטענגעלעך זיך געוויגט ווי יונגע ערשט אָנטוויקלטע שלאַנקע מיידלעך, האָבן אויסגעציילט די געלב וועלנדיקע ערשטע בלעטער און זיך לאַנגזאַם אויסגעטאָן פאַרן שעפּשענדיקן אָטעם פון די האַרבסטיקע

טעג. די „גוֹאַטשאַ"־פעלדער (ווידערוווּקס פון דער אויסגעשאָטענער תבואה) האָבן אָנגעוווירן זייער פרישקייט און אויסגעגריזשעט געוואָרן פון די סטאַדעס און נאָר די מאַיס־פעלדער האָבן אין זייער איבערגאַנג צו רייפקייט אָנגעהאַלטן די פערלדיק־גרויע פלעקן, וואָס האָבן זיך געוויגט אין געשטאַרקטן ווינטל און געשושקעט זיך מיט די אָפּגעוויאַנעטע בלעטער.

דאָס איז געווען אַ באַקוועמער טאָג פאַרן מאַסן־צוזאַמענפלי. ווי נאָר די זון דערגייט ביי די נאָכמיטאָג־שעהן צו איר שטאַרקסטן גלי, הייבן שוין אָן פון צפון־זייט צו בלאָזן די אָפּקילנדיקע ווינטעלעך און דער גוף אָטעמט אָפּ מיט דער ברייטקייט פון אָפענעם פעלד. אויף די כאַטעס און געביידעס האָט מען אָנגעצויגן פאָנען, וואָס די טעכטער האָבן אויפגעגנייט און אויף זיי אויסגעהאָפטן מיט גילדערנע פעדים דעם מגן־דוד און „ציון" אין דער מיט. האָט מען זיך אויף די וועגן און פעלדער באַגעגנט, האָט מען זיך אַ ברייטן מזל־טוב אָפּגעגעבן און די אויגן האָבן געלויכטן פון פרייד. אין די הייזער האָבן די יונגע מיידלעך ווידעראַמאָל איבערגעחזרט די אַלטע האַלב פאַר־געסענע ציון־לידער, וואָס נאָר אויף אַ זעלטענער פייערונג פלעגט מען זינגען בציבור מיט פאַרבענקטע קולות און ציטערדיקע הערצער. „היום הרת עולם" — האָט אויף דער אָרגאַניזיר־זיצונג אויסגערופן זישע אַקערמאַן און האָט ווייטער געצויגן פאַטעטיש די העברעיש־אשכנזישע ווערטער „זה היום שציפינו לו"...

די יוגנט אין דער קאָלאָניע האָט זיך דעם טאָג געפעדערט און נאָך אין די פריע פאַרמיטאָג־שעהן זיך געפּאָרעט אויפן באַשטימטן פלאַץ און דער עיקר זיך אָפּגעבן מיט די אומצאָליקע און גרויסע זייטלעך קאַלב און שאָפּן־פלייש, גרייטע אַרופצוציען אויף די בראַטאייזנס און שפּיזן. קלעצער האָלץ און שייטלעך קוילן זענען איינגעזאַמלט געוואָרן פון ביישטייערונגען ביי די קאָלאָניסטן. יעדער האָט געגרן בייגעטראָגן פון זיינע האָלץ־רעזערוון, וואָס ער האָט פאַרגרייט פון וייטן איינציקן וועלדל אין דער געגנט אויף די לאַנגע ווינטער־מאָנאַטן.

ר' נאָטע, דער שוחט פון נאָענטן שטעטל, האָט זיך מטריח געווען און אַראָפּגעקומען אַהער. אומזיסט, אָן אַ סענט, האָט ער געשאָכטן די „שטיק־לעך", אַז דער „אַסאַדאָ" זאָל זיין לויט די שטרענגע כללים פון כשרות.

די צעלייגטע פייערן האָבן שוין געטרעשטשעט און דינע רויכעלעך האָבן זיך געריננגלט צום קלאָרן הימל. די פייערן האָט מען צעלייגט עטלעכע

מעטער ווייטער פון די זייטלעך פלייש, וואָס זענען געווען אויפגעהאָנגען אויף שפּיזן אין אַ האַלבקרייז. ווען די קלעצלעך האָלץ האָבן אויסגעברענט און קופּעס רויטע קוילן זענען פאַרבליבן, האָט מען זיי לייכט און לאַנגזאַם צוגעשאַרט צום פלייש. דורך עטלעכע שעה איז דאָס געבראָטנס ווייך געוואָרן און זיך פאַרצויגן מיט אַ ברוינעם קאָליר. דאָס פעטס האָט געקאַפּעט אין די האַלעוועשקעס אַריין. פון גרויסע פלעשער האָט מען אויפן פלייש געטריפט שאַרפע „סאַלמוערא" (צופּראָווע) און די געווירצן האָבן אינעם געבראָטנס אַרויסגעפּאַרעט ריחות, וואָס האָבן געצויגן און געקיצלט דעם גומען. נישט ווייט פון די פייערן זענען די צוגרייטערס געזעסן און אַכטונג געגעבן אויפן פייער, געהיט, אַז דאָס פלייש זאָל נישט פאַרברענט ווערן און דערביי האָבן זיי געטרונקען מאַטע און צוגעביסן די צוגעזשאַרעטע דרויבן פון די רינדער: לעבער, קישקעס, נירן. דאָס איז דער נאַטירלעכער שטייער, וואָס געהער שטענדיק די אַסאַדאָ־בראָטער...

היינט האָבן זיי נישט געדאַרפט מער אָנקומען צו דער הילף פון די גאוטשאָס, וואָס פלעגן יאָרן לאַנג אָנפירן מיט דער צערעמאָניע פון בראָטן די זייטלעך. אַפילו דעם קאָמפּליצירטן „אַסאַדאָ קאָן קוערא" (דאָס בראָטן מיט דער פעל) האָבן שוין די יידישע יונגעלייט זיך אויסגעלערנט. היינט האָט מען אפילו איינגעלאַדן אַהער די אויפזעער פון די אַרומיקע עסטאַנסיעס און די „טראָפּעראָס", ביי וועלכע די קאָלאָניסטן האָבן באַשטעלט קי און פערד פון די ווייטע צפון־וועלדער. היינט זענען זיי די געסט פון „פּיעסטאַ דע לאָס רוסאָס" (יום־טוב פון די רוסן).

כמעט דעם גאַנצן פרימאָרגן האָט הערשל זיך אָפּגעגעבן מיט דער אַרבעט פון צוגרייטן דאָס פייער און די בראָטאייזנס. ער האָט זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט און כמעט מיט קיינעם קיין וואָרט נישט איבערגעביטן. מען האָט אויף אים פריער געוואָלט אַרויפלייגן די אויפגאַבע צו זאָגן בעת דער פייערונג אַ פּאָר ווערטער וועגן דער גרינדונג פון דער קאָלאָניע. וועגן דער נאַציאָנאַלער זייט פונעם יום־טוב האָט געדאַרפט רעדן זישע אַקערמאַן. אָבער הערשל האָט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג און געוואָלט זיין אַ געוויינ־לעכער צושויער. ער האָט זיך אָנגעבאָטן צו העלפן אינעם „אַסאַדאָ־קולט...

נאָך איידער די נאָענטע און ווייטע געסט האָבן אָנגעהויבן שטראָמען אַהער, האָט רבקהלע, זשאַמעס עלטסטע טאָכטער, אָרגאַניזירט אויפן אָרט די פאַרשפּרייטונג פונעם וויס־בלויען בלימעלע, אויסגעאַרבעט פון אַ זיידן

לענטעלע און פּאַרקניפּט מיט אַ חנעוודיקן שלייפל. דאָס איז געווען באַשטימט אָנצושפּיליען אויף די לאַצן פון די אויסגעפּוצטע געסט און איינזאַמלען די סענטן אין דער ווייס־בלויער פּושקע פון יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד. ווען זי האָט פונאַנדערגעטיילט די „בלימעלעך" צווישן די באַשטימטע פּאַרלעך האָט זי זיך דערנענטערט צום פייער. זי האָט אַרויסגעצויגן פון הערשלס הענט די מאַטע און צוטשעפּענדיק אַ בלימעלע אויפן לאַץ פון זיין קראַכ־מאַליעטן העמד, האָט זי מיטן שפּיץ פון דער שפּילקע לייכט אַ שטאָך געטאָן זיין לייב:

— איך וועל אייך איצט סערווירן די מאַטע, גרעגאָר. אַנטשולדיקט מיר וואָס איך רוף אייך אַזוי, עס קלינגט מיסטעריעז און קאָנספּיראַטיוו. זעצט זיך צו אויף דעם קלאָץ, ווייל ביז די געסט וועלן קומען וועט נאָך דויערן מער ווי אַ שעה.

— יאָ, מער ווי אַ שעה — האָט ער איבערגעחזרט — און ווער ווייסט אויב נישט מער. דער „אַסאַדאָ" זאָל זיך דערווייל נישט איינטריקענען און פאַרלירן דעם ריכטיקן טעם צוליב די פאַרשפּעטיקטע געסט.

זי האָט אים באַטראַכט מיט אירע העל־ברוינע אויגן, וואָס האָבן אין זייער גרויסקייט אויסגעפּילט איר לענגלעך פּאַרשפּיצט געזיכט. ער האָט אין איר בליק געזען אַן ארויסרופנדיקע אָנרעגונג. נישט איין מאָל קומט זי צו זיי אין שטוב און דעמאָלט שיינט שלום, זיין ברודער, מיט אַן אינערלעכער פרייד. זי איז נישט גלייכגילטיק צו זיין ברודער, אָבער צו שמועסן האָט זי ליב מיט הערשלען. יעדער באַזוך אירער וואַרפט איבער אין זיין פאַרגאַנגענהייט די שוין באַלד פאַרגעסענע און ברויזנדיקע טעג פון רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. מאָדנע, דווקא דאָס איז פאַר איר דער קוואַל פון שטענדיקן אינטערעס און אין אַלע שמועסן רעגט זי אים אָן אומצוקערן זיך צו די טעג און נעכט פון די אויסגעוועבטע פלענער קעגן דער אָכראַנע. זי האָט אים דערמאָנט אין זיין אַריסטאָקראַטישער פריינדין וויקטאָריאַ רועגעס מאַריק, וואָס פלעגט אויך זיך אָנצינדן פון זיינע דערציילונגען. ווי עס איז אים נישט געווען צום האַרצן צו רעדן וועגן זיך און וועגן אַ תקופה, וואָס איז שוין אַזוי ווייט געווען פון זיין היינטיקער אַזוי גרויער ווירקלעכ־קייט, ווו ער איז איינגעשנורעוועט אין די קליינע דאגות פונעם לעבן, האָט ער דאָך ליב געהאַט צו זען איר צעפלאַמטע באַגייסטערונג. רבקהלעס אויגן האָבן זיך מער און מער צעפּראַלט ווען עס האָט פאַר זיי זיך אויפגעעפנט

דאָס בילד פון גרויסקייט און נאָבעלער האַנדלונג, וואָס ווייסט נישט פון קיין קרבנות ביים „גאַנג אין פאָלק".

— איך שטעל זיך פאָר, אַז אַלס געוועזענער רעוואָלוציאָנער איז אייך אָט דער טומל ארום אַ נאַציאָנאַליסטישער פייערונג נישט אַזוי צום האַרצן. נישט אזוי, גרעגאָר?

— מיר לעבן נישט אין זכות פון „געוועזענע". אַלע אַזעלכע געוועזענע ווערן מיט דער צייט אָפּגעבליאַקעוועט. צו וואָס אַזויפיל רעדן וועגן די נעכטיקע טעג? הייגט בין איך געוואָרן אַ געטרייער און פשוטער געהילף פון מיין טאַטן אין זיינע פויערישע עסקים. וואָס האָט עס צו טאָן מיט מיין נעכטן? ווער עס האָט איבערגעריסן מיט זיין אייגענעם ווילן אָדער צוליב צופעליקע סיבות מיט זיין עבר, איז אַ ספק, אויב ער וועט אָניאָגן און אָנקניפּן זיך צו דער צייט...

— אָבער צי בענקט איר נישט נאָך יענער שטורמישער צייט און איר לאָקנדיקער סביבה, נאָך די קאַמף־חברים? איצט האָט דאָך די רעוואָ־לוציע אין רוסלאַנד געזיגט. צי פילט איר נישט צייטנווייז, אַז יענע לופט פעלט אייך אויס? איך קאָן נישט פאַרשטיין ווי איר קאָנט זיצן אַזוי רואיק און גלייכגילטיק ווען אייער אידעען־וועלט פון יענע טעג ליגט אויפן וואָגשאָל...

ער האָט זיך ווידער געפילט געטראָפן פון די רייד, וואָס ער הערט פון זיי אַרויס אַ מין איינגעהאַלטענעם פאַרוואורף. אָבער אַזוי ווי ער איז איצט געזעסן אויפן אָפּגעהאַקטן קלעצל און זיינע מיטהעלפער ביי דער אַרבעט זענען ערגעץ אָפּגעטראָטן, האָט ער דווקא געוואָלט אַריינציען רבקהלען אין אַ לייכט־שפּילעוודיקן שמועס. זי נעמט עס אָן ערנסט מיט איר יוגנטלעכן טעמפּעראַמענט און ער וועט עס אויסנוצן אויף צו פאַר־טרייבן די צייט און — צו באַטראַכטן אירע שיינע גרויסע אויגן...

— איך וויל, אַז איר זאָלט מיר פאַרשטיין, רבקהלע. גרויסע מעשים וואַקסן תמיד אַרויס פון אַ פּערזענלעכער שטויסקראַפט. אין דער מאָס ווי דער מענטש טראָגט אויס די אידעען און גיסט זיי איבער אין מעשים, צווייפלט נישט, גייט אין שפּאַן און שטעלט נישט קיין פראַגן, נישט זיך און נישט די אַרומיקע — איז זיין וועלט אַ גאַנצע. אָבער אין דעם מאָמענט ווען צופעליק אָדער באַוווסטזיניק קומט אַן אָפּנייג, איז זיין אידעען־וועלט

אַ חורבה, וואָס רופט זיך „געוועזן". אָבער מען דאַרף נישט קוקן אויף אַזאַ טיפּ ווי אויף אַ פאַררעטער דווקא אָדער אַן אָפּטריניקן. גרויסע רעוואָ־לוציאָנערן אונדזערע זענען אין די פינפער יאָרן אַנטוישט געוואָרן און אַוועק קיין פּאַלעסטינע, דאָרט אויפגעהויבן אַ נייע פאָן און זיך איבערגעגעבן איר מיט באַנייטער ענערגיע. אַהער זענען אויך געקומען אַ סך „געוועזענע" און האָבן זיך איינגעפלאָכטן אין דער נייער סביבה. צי דאַרף מען האָבן טענות צו זיי? דער עיקר — אויב זיי דינען עפּעס אַן אידעאַל, אַפילו אויב דער ציל וואָס שטייט פאַר די אויגן איז צו קאָנען בראָטן אַן „אַסאַדאָ", ווי די היגע קריאָזשאָס, אָדער אומגיין מיטן „פאַקאַן", ווי די גאַוטשאָס, אַז זייער חשק צו פאַרטשעפּען זיך מיט אונדז זאָל אָפּגענומען ווערן; אָדער אַז מיר זאָלן אַרויסברענגען פון דער רויערד די בעסטע מאַיס־קערנער, זיין די ערשטע צו קולטיווירן דעם לײַן־פאַרזיי. צי איז דאָס נישט קיין אידעאַל, וואָס מען דאַרף פאַר אים דרך־ארץ האָבן?

ער האָט זיינע רייד אַרויסגעבראַכט אין אַ לייכטן טאָן, אַז זי האָט אַליין נישט געוווּסט ווי זיי אויפצונעמען: צי חוזקט ער אָדער מיינט ער עס ערנסט. אַוועקשטעלן די דערהויבענע ווערטן פון דער וועלט אויף איין ניוואָ מיטן בראָטן „אַסאַדאָ קאָן קועראָ" אָדער מיטן אויסצייכענען זיך ביים לײַן־קולטיוו? אַזאַ מין שפּאָטישע גוטמוטיקייט איז זיכער געמאַכט געוואָרן אויף איר חשבון צוליב איר נאַיווקייט.

— און חתונה האָבן און פירן אַ געוויינלעך באַלעבאַטיש לעבן — איז דאָס נישט קיין ציל, וואָס איז ווערט אָפּגעשאַצט צו ווערן? איז דאָס נישט געגנוג דערהויבן פאַר אייך, וואָס איר מאַכט זיך אַרויס פון אַזאַ מעגלעכקייט?... — אירע ווערטער זענען געווען ווי אַ רעוואַנזש־אַרויסרוף. דורך לייכטע אָנדייטונגען האָט זי אָן צווייפל געוווּסט וועגן מאַניעס באַצי־אונג צו אים און אויך, אַז אין דער פאַרגאַנגענהייט האָט ער סימפּאַטיזירט מיט איר. זינט די משפחה אירע האָט זיך באַזעצט אין דער נייער קאָלאָניע צוזאַמען מיט אַ גרופּע נייע אימיגראַנטן, האָבן זיך זייערע באַציאונגען אָפּגעקילט. צייטנווייז באַזוכט ער זייער שטוב אין אַ שבת־נאָכמיטאָג, אָבער די באַזוכן טראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ משפחה־צוזאַמענקום ביי אַ גלאָז טיי און דאָס איז אַ מין אָפּצאָל פאַר גוטער שכנהשאַפט פון אַמאָל און פון היינט. מאַניע האָט עס באַלד דערפילט און עס האָט איר געקרענקט זיין אַפּאַטישקייט צו איר. ער האָט אַפילו אויסגעמיטן צו זיצן און שמועסן

מיט איר, ווי אין יענע טעג פון געמיינזאַמער קאָנספּיראַציע, ביי די פאַר־זאַמלונגען אין וואַלד.

פון וואַנען איז געקומען די קילקייט, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן צווישן זיי? איז דאָס דער רעזולטאַט פון דער לאַנגיאָריקער אָפּגעשיידט־קייט, אָדער פון די אויסערלעכע ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין מאַניען? אמת איז, אַז איר גוף איז געוואָרן פוללייביקער און אָנגעווּוירן, צוליב דער רייפקייט, די דין־מיידלשע שפּילעוודיקייט. אַפילו איר קליין קאַרנאָסע נעזל מיט די פּאָר אויסגעשאַטענע זומער־שפּרענקעלעך, איז ווי איינגעזונקען אין ברייטן רונדיק געוואָרענעם געזיכט.

ער האָט געפילט, אַז רבקהלע צילט מיט איר פּלוצעמדיקער פראַגע אין אַט דער ריכטונג. ער האָט זיך נישט איבערראַשט פון איר אַרויסרוף. אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט באַלד באַשליסן צי דאָס איז די פּאַסיקע געלעגנהייט צו געבן אַ לייכטע אָנדייטונג, אַפילו נאָר דורך אַ וואָרט, וועגן זיינע געפילן צו איר, צו רבקהלען. אין אָנהייב האָט ער געפּרוּווט אָפּטרייבן די אָנגרייפנדיקע מחשבות, ווי די זלידנע פליגן, אָבער זיי האָבן געקלעפּט צו אים ווי אַלע פאַרבאָטענע געדאַנקען און ער האָט זיך געלאָזט פון זיי באַהערשן. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס וועט ברענגען צו שנאת־אחים צווישן אים און שלומען, וואָס האָט געבויט זיין צוקונפט אויף אַט דעם קליינעם און רירעוודיקן וועזן.

האָט ער איצט געוואָלט אָפּקומען מיט אַ לייכטן זאָג, מיט אַן ענטפער, וואָס זאָל נישט פאַרפליכטן און נישט בינדן.

— איך לייקן נישט אַז דאָס חתונה האָבן, און דער עיקר דאָס חתונה האָבן דורך ליבע און פאַרשטענדעניש, איז אַ וויכטיקער שריט אין מענטש־לעכן לעבן. דערפאַר דאַרף מען עס טאָן מיט אַ קלאָרן קאָפּ כדי נישט נכשל צו ווערן. אָבער די אָפּשאַצונג פון אַלע אַרומיקע אין אַזעלכע פאַלן איז אַזאַ, וואָס פּירט אַריין אין טעותן. איך בין אייגנטלעך פאַר פרייער ליבע, אָבער ווער וועט עס פאַרשטיין און ריכטיק באַנעמען? נו, לאָמיר זאָגן, איר וואָלט איינגעשטימט צו פירן אַ פאַמיליע־לעבן אויפן יסוד פון פרייער ליבע?

זי האָט אים באַטראַכט מיט אַ רואיקן בליק פון אירע גרויסע אויגן, און דאַן נאָר באַוויזן אים צו שטעלן אַ קעגנפראַגע:

— און אין פאַל פון אמתער ליבע וואָלט איר איינגעגאַנגען אויף אַ

קאָמפּראָמיס? עס זענען דאָך פאַראַן אומשטענדן, וואָס פאָדערן פון יעדן עקשן אַ ביסל איינזעעניש, ווי מיינט איר?

קיין תשובה האָט זי פון אים שוין נישט באַקומען. די ערשטע רייטער האָבן זיך באַוויזן אויפן פּלאַץ. רבקהלע האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און געבעטן: „פאַרקניפּט מיר די לענטעס פון די צעפּ. באַלד וועט זיך די פייערונג אָנהייבן"...

ווי דורך אַן אָפּגערעדטן צייכן האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן גרופּקעס געסט פון אַלע זייטן און עקן. די שטעטלדיקע באַלעגאָלעס האָבן געבראַכט צו פירן איינוווינער פון דער סטאַנציע אין דער צייט ווען די מער אָנגעזעענע סוחרים זענען אָנגעפאָרן מיט די שוואַרץ-גלאַנציקע אויטאָמאָבילן, וואָס זענען איצט אַריין אין דער מאָדע און געוואָרן דער חלום פון יעדן אַרויפגעאַרבעטן מסחר-מענטש. דערנאָך האָבן זיך אַהער-געצויגן די היגע היימישע קאַליניסטן, די עלטערע — אויף פורן און „סולקיס", באַצויגענע מיט אַן אַ שיעור פענדלעך און קאָלירטע לענטעס פון קרעפּ-פּאַפּיר. אַלע זענען זיי געווען אין די שבתדיקע אַטלאַסענע און זיידענע קליידער. די מענער איינגעצויגן מיט האַרטע קראַגנס און געפּינ-טלטע שניפּסלעך און די פרויען איינגעשנורטע האַרט ביים קראַגן און מיט ברייט אָפּפאַלנדיקע פאַלדן פון די לענדן אַראָפּ. ביי די עלטערע פרויען איז די פריזור געווען צוגעריכט מיט אַ הויכן און פאַרדרייטן קובליק, וואָס האָט זיי ערנסטער און העכער געמאַכט. די יונגע מיידלעך און ווייבלעך האָבן אויסגעפלאָכטן די האָר אין צעפּ און זיי פאַרענדיקט מיט זיידענע קאָלירטע בענדלעך. געציילטע פון די שטאָטישע מיידלעך האָבן שוין קורץ געשוירן זייערע האָר לויט דער מאָדע פון פּאַריז.

די הויפּט-אַטראַקציע איז געקומען אין דעם מאָמענט, ווען עס האָבן זיך באַוויזן, איינע נאָך דער צווייטער, גרופּעס רייטנדיקע יונגעלייט אויף געקליבענע אויסגעכאָוועטע יונגע רייטפערד, איינגעצויגענע אין ענגלישע אָדער גאַוטשאָ-זאָטלען. פּאָרויס זענען געריטן די פאָנען-טרעגער. די וויים-בלויע אַרגענטינער און יידישע פאָנען האָבן זיך געוויגט אינעם לייכטן ווינטל. יעדע גרופּע, געקומענע פון די באַזונדערע קאָלאָניעס, האָט זיך אויסגעפּוצט אין אויסטערלישער קליידונג: אַ טייל, ווי אמתע היגע גאַוטשאָס מיט ברייטראַנדיקע היט, ווייסע טיכלעך אויפן האַלדז און צונויפגעלייגטער פאָנטשאָ אויפן זאָטל, ווו די לאַסאָ האָט זיך געבאָמבלט;

אַנדערע האָבן זיך פאַרקליידט אַלס ארץ־ישראלדיקע שומרים אין די יידישע קאָלאָניעס. אַזעלכע האָט מען געזען אין די העברעישע לערן־ביכלעך, וואָס פלעגן אַ מאָל אָנקומען אַהער און אַרויסרופן פאַרערונג און שטאָלץ אין די הערצער פון יידישע קינדער. איצט האָבן געריטן צענדליקער אַזעלכע פאַרקליידטע שומרים, איינגעהילטע אין ווייסן געוואַנט, מיט גרויסע יאַגד־ביקסן אויף די אַקסלען. נאָך זיי איז אָנגעלאָפן אַן עסקאַדראָן רייטערס אין מונדירן פון טשערקעסן. די דאָזיקע מונדירן האָט מען אויס־געליען ביי קאַווקאַזישע גויים, וואָס האָבן זיי נאָך אָפּגעהיט פון דער אַלטער היים. דער נאַפּטאַלין האָט פון זיי געשלאָגן.

נאָך יעדער גרופּע פאַנען־טרעגער האָבן געריטן כלי־זמרים און דורך די בלאָז־אינסטרומענטן האָבן זיי אויסגעשפּילט אַרגענטינער מאַרשן, רוסישע טאַנץ־מעלאָדיעס, אַרבעטער־לידער, העברעישע מאָטיוון און פריי־לעכע ניגונים פון די, וואָס מען שפּילט אַזוי לעבעדיק אויף יידישע חתונות. די הערצער זענען האָפערדיק געוואָרן און די אויגן האָבן פון זיך אַליין אָנגעקוואָלן און אַרויסגעבראַכט טרערן פון פרייד. אַלטע לייט האָבן געשעפּטשעט אַ „שהחיינו" און ווייבער, איינגעהילטע אין טיכלעך, האָבן געשנייצט די נעז און געווישט די אויגן.

— הוראַ, הוראַ! הוראַ פאַר אַרגענטינע! וויוואַ לאַ פּאַלעסטינאַ! — הונדערטער העלדזער האָבן פאַרטויבט די לופט און די קולות האָבן זיך געקאָלערט איבער די פלאַכע פעלדער. די געשרייען און אויסרופן זענען געוואָרפן געוואָרן אָן אַ סדר און צעפלאָסן אַזוי, אַז פון צווייטן עק האָט מען נישט באַנומען די קולות און זייער זין.

— לעבן זאָל דער ענגלישער קעניג! וויוואַ לאַ פּאַטריאַ דע לאָס כודיאָס!

איצט האָבן די בלאָז־אָרקעסטערס פון די פאַרשידענע קאָלאָניעס געשפּילט יעדער זיין מעלאָדיע. ווי נאָר איינער האָט געענדיקט האָט דער צווייטער, אויפן ווונק פונעם קאַפּעלמייסטער — וואָס האָט אַפילו ווייסע הענטשקעס אָנגעצויגן אויף זיינע הענט און אַ רויט שטעקעלע געניצט פאַר זיינע דיריזשיר־באַוועגונגען, — באַלד אָנגעשלאָגן זיינע אייגענע איינגעשטודירטע ניגונים. נאָכדעם האָט מען אויסגעשאָסן אַ זאַלפּ אין דער לופטן — אַ צייכן, אַז די פייערונג הייבט זיך אָן.

דאָס האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק. די שיסעריי, וואָס האָט

שטענדיק אָנגעוואָרפן אויף יידן אַ פּחד, האָט דאָ נאָר אָנגעריזלט אַ לייכטן ציטער אין לייב. ערגעץ ווו אין אַ ווינקל האָט אַ יידענע פון די בייע אימיגראַנטן צוגעמאַכט די אויגן און שרעקעוודיק עפּעס געשעפּטשעט.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן די רעדעס און באַגריסונגען. מען האָט געמאַכט אַ פאַרגלייך צווישן דער אויפקומענדיקער יידישער מדינה און די דאָ זיך בויענדיקע יידישע קאָלאָניעס. דאָ איז עס אַ נאַכט־אַזיל, וואָס וועט צוגרייטן די הערצער און די סענטימענטן פאַר דעם ישוב אין פאַלעסטינע, וואָס איז איינגענומען געוואָרן פון די ענגלענדער מיט דער הילף פון דעם יידישן לעגיאָן. אויך פון די יידישע קאָלאָניעס אין אָט דעם לאַנד זענען דאָך געפאָרן יונגעלייט און געקעמפט אין לעגיאָן פון טרומפּעלדאָר און זשאַבאָטינסקי.

—מען זאָגט, אַז די פאַרבינדונג פון די ענגלענדער מיט דער ביבל און מיטן הייליקן לאַנד נעמט זיך דערפון וואָס זיי שטאַמען פון די עשרת השבטים — האָט אַ יונגערמאַן מיט אַ קורץ־געשוירן בערדל געזאָגט צו זיינע נאָענט־שטייענדיקע.

— און דאָס וואָס זיי האָבן באַשטימט אַ יידישן פירשט פאַר אַ גובער־נאַטאָר פון פאַלעסטינע, צי איז דאָס נישט אַ צייכן פון אָנהייב גאולה? — האָט אַ צווייטער אַרויסגעוויזן בקיאות אין די פּאָליטישע נייעסן.

— איך גלייב נישט, אַז זיי טוען עס אויס ריינער ליבע צום יידישן פאָלק — האָט אַ יונגער בחור פון דער אַנאַרכיסטישער גרופּע זיך אַריינ־געמישט. — ענגלאַנד האָט אירע אייגענע חשבונות. היינט לוינט איר צוצוזאָגן אַ יידישע נאַציאָנאַלע היים, מאָרגן וועט זי די זעלבע מטבע פאַרקויפן די אַראַבער...

בייזע בליקן האָבן זיך אַריינגעשניטן אינעם צווייפלער און שוואַרצ־זעער דווקא היינט, אין טאָג פון גרויסע האָפענונגען. אָבער אַזוי ווי די שטענדיקע דיסקוסיעס וועגן ארץ־ישראל אַלס לייזונג פון יידישן פּראָבלעם אָדער די פאַרבינדונג פון יידן מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, פון וועלכער מ׳האָט דערוואַרט די ישועה, זענען געווען געוויינלעכע דערשיי־נונגען אין די קאָלאָניעס, האָט מען איצט קיין גרויס ווען נישט געמאַכט פון דעם יונגנמאַנס שטעכיקע רייד.

אינעם גרויסן האַרמידער פון דער פייערונג אין דאָס מאָל ניאָמע געשטאַנען אין אַ זייט, צווישן די משפחה־לייט. ער האָט באַטראַכט די

קאַלירפולע מאַסע, די לייכטוויגנדיקע רייטפערד, אויף וועלכע יידישע יונגעלייט האָבן איצט דורכגעפירט די „סארטיכאַ"־שפּיל און לויף־פּאַר־מעסטונגען און פון אונטער זייערע קאַפּיטעס האָבן זיך געהויבן וואָלקנס דינער און ברוינער שטויב. מיט אַ פּאַרויס באַשטימטער כוונה האָט ער זיך אַרויסגעמאַכט פון דעם אויבנאָן און זיך פּאַרלוירן צווישן דער מאַסע. ער האָט עקשנותדיק זיך אָפּגעזאָגט אַרויפצוגיין און זיך זעצן צווישן די אָרגאַניזירער אויף דער בינע. צווישן עולם האָט ער געקאָנט פריי באַטראַכטן די פייערונג.

דורכרייסנדיק מיט זיין בליק די שטייענדיקע מענטשן־וואַנט האָט ער געמאָסטן מיט זיין בליק די אַרומיקע פעלדער, די לאָנקעס, וואָס זענען טויזנטער יאָרן געשטאַנען פוסטע און פאַרבאָרגן אין זיך דעם ווידער־שטאַנד קעגן דעם מענטשלעכן פאַרמעסט צו דערגיין צו זייער פרוכטבאַר־קייט. וויפל מאָל האָט ער אַליין דורכגעמאַכט אין די איינזאַמע יאָרן אָט דעם וועג, ביי וועלכן די פייערונג קומט איצט פאָר? דעמאָלט איז זיין נשמה אויסגעגאַנגען נאָך דעם אָטעם פון אַ יידישן ישוב, און איצט איז זיין חלום פאַרווירקלעכט געוואָרן. ביי אָט דעם קרייצוועג וועט מען אין גיכן בויען די שפּאַנישע און יידישע שולן. אַ געראַמע שיל וועט מען אויפשטעלן, ווו אין די שבת־טעג וועלן יידן שטראָמען אַהער דורך שטעגן און ווייטע פעלדער כדי צו לויבן דעם בורא־העולם און אויך צו שמועסן וועגן טעגלעכע וואָכעדיקע ענינים ביים „אויסנעמען".

און דאָך... עס בענקט זיך, אָן אַ פּאַרוואָס, נאָך די פאַרגאַנגענע יאָרן פון זיין איינזאַמקייט. די אַמאָליקע ווילדקייט האָט דאָך געהאַט חן און שיינקייט. די אָפענע פעלדער האָבן נאָך פאַרבאָרגן אין זיך אַן אומבאַרירטן סוד און עס האָט זיך געלאָזט חלומען אין כלערליי ריכטונגען. דעמאָלט איז ער געווען דער איינציקער באַלעבאָס פון זיינע טרוימען און געקאָנט זיי אויסוועבן לויט זיין ווילן. אַ שטילער זיפץ האָט זיך ביי אים אַרויס־געריסן און ער איז ווי צוריקגעקומען פון אַן אַנדער וועלט.

די וועטגעלויפן האָבן זיך געענדיקט. ווו נישט ווו האָבן זיך נאָך די איינגעלאַדענע טונקלהויטיקע גאַוטשאָס געיאָגט מיט זייערע פלאַמיקע רייטפערד און געמאַכט קאָזשלקעס, געשטעלט זיי אויף די הינטערשטע פיס, זיך אַראָפּגעלאָזן אונטערן בויך פון די פערד אין צעשטורעמטן געיעג און געוויזן נאָך קאָפּשווינדלערישע קונצן. איצט האָט מען, צו אַלעמענס פאַרגע־

ניגן, אַראָפּגעצויגן די אסאדאַ־זייטן פון די בראַטאייזנס און גיריקע פינגער האָבן מיט מעסערשפּיצן זיך איינגעשניטן אין הייסן ווייכן פלייש; ווייַן האָט זיך געגאָסן פון די פעסער־קראַנען און די פּנימער האָבן געשיינט פון הנאה און צעשמירטן פעטס אַרום די צעעפנטע מיילער.

נאָך דעם האָבן די כלי־זמרים אָנגעהויבן אויסצושפּילן פאַרשידענע טאַנץ־ניגונים און גרופּקעס האָבן זיך געלאָזן אויפן אָפענעם פּלאַץ אין אַ טאַנץ לויטן ריטעם פון די טענער. מ׳האָט געהאָפּקעט אַ פריילעכס, געקלאַפּט מיט די הענט און געטופּעט מיט די פיס אויפן אויסגעגלייכטן באָדן. אַנדערע האָבן פאַרכאַפּט די אַרענע און אויסגעפירט אַ „שערעלע" אָדער באַוויזן בקיאות אין „פּאַלעספּאַנים" און אויסגעקנאַקט אַ הוידנדיקן „קראַקאָ־וויאַק". מ׳איז אויך אַריבער צום וויגנדיקן וואַלץ און ריטמיש־שטילן טאַנגאָ, אָבער ביי די יידישע כלי־זמר זענען אָט די טאַנץ־מעלאָדיעס אַרויסגעקו־מען פאַרבענקט און קרעכצנדיק מיט אַ חסידישן קנייטש און אַ וויינענדיקן רומענישן וואָלעכל.

מיטאַמאָל איז די אַרענע פריי געוואָרן און אַלע האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם. אויפן פּלאַץ האָט זיך באַוויזן דער שוואַרץ־חנוודיקער מענדל, דער איידעם פונעם פעטער אין דער ליטוואַקעס־קאָלאָניע און קעגן אים מיט וואַקלדיקע טריט — די אַלטע רעזניטשקע, וואָס רוקט זיך שוין צו די ערשטע הונדערט יאָר. זיי האָבן ביידע תמיד געהאַט די חזקה צו טאַנצן איינס קעגן צווייטן דעם טראַדיציאָנעלן קאַזאַטשאָק.

די טרובעס האָבן אַרויסגעצויגן טענער פון דער רוסישער מעלאָדיע און דאָס אומגלייכע פּאָרל האָט זיך לאַנגזאַם פונאַנדערגעשאָקלט. מענדל האָט פאַרגלייזט זיינע שוואַרצע ציגיינער־אויגן קעגן הימל, צונויפגעלייגט האַנט אויף האַנט און אָנגעהויבן צו פלעכטן די פיס, פריער פּאַמעלעך און ביסלעכווייז אין אַ שטורמישן באַוועגן זיך פאַרויס, ביז ער האָט, ווי געשטויסן פון אַן אומגעזעענער קראַפט, געבריקעט מיט די פיס אין פאַרשידענע ריכטונגען. דאַן האָט ער זיך אָנגעהויבן צו דרייען אויף אַ שפּיץ פינגער ווי אַ חנוכה־דריידל.

אַנטקעגן אים האָט די זקינה, ווי א הויפן צוזאַמענגעלייגטע פאַרמעט־גלידער, זיך באַוועגט כמעט ווי אויף איין אָרט, פּונקט ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז דאָס בינטל ביינער זאָל זיך נישט פונאַנדערשיטן פון אירע ברייטע און לאַנגע קליידער. אָבער פון אירע פאַלדן אַרויס האָט עס

געשטורעמט און די צונויפגעלייגטע קליידער זענען נאָכגעגאַנגען די באַהאַלטענע באַוועגונגען און דעם ריטעם פון דער פריילעכער מוזיק. דאָס צוגעפּרעסטע שייטל האָט זיך געטרייסלט און איבער אירע איינגעשרומפּטע באַקן האָט אַן ערנסטקייט זיך פאַרצויגן ווי אויף אַ וואַקסענעם פאַרמעט פון אַ ספר־תורה. זי האָט נישט פאַרגעסן, ווי געווײנלעך, אים צוצוואַרפן מיט איר הייזעריקלעך זעגנדיקן קול: „נו, מענדעלע, וואָס רירשטו זשיך נישט? שטאַרקער, שטאַרקער, ממזשערוקל איינער, ווערשט עלטער, ניין?״. די אַרומיקע זענען אַריין אין עקסטאַז, צוגעפּליעסקעט מיט די הענט און ווען דער טאַנץ האָט זיך געענדיקט, האָט מענדל, נאָך אונטערהאָפּקענדיק, אַרויסגעטראָגן די אָפּגעמאַטערטע זקינה און איר אַ קוש געטאָן אויפן צעאַקערטן שטערן.

נאָך דעם זענען אויף דער בינע אַרויפגעשטיגן איינצלנע באַטייליקטע. מ׳האָט דעקלאַמירט און געזונגען יידישע לידער און אויך העברעישע מיט דער אשכנזישער הברה. די אַ לעצטע האָבן אָנגעווייעט אַ בענקענדיקע שטימונג נאָך ווייטע נישט איינגעטראָטענע און נישט אויסגעלייזטע מדבריות.

איצט איז אויף דער בינע דערשינען דער גראַמען־פלעכטער פון דער קאָלאָניע, וואָס האָט זיך דאָ נישט לאַנג באַזעצט. סאַשקע איז שוין באַוווסט געווען אַלס לידלעך־שרייבער. ער פלעגט אַליין צופּאַסן מעלאָדיעס צו זיי. אַצינד האָט ער אַרויסגעצויגן אַ צעקנייטשט פּאַפּירל מיט אַ ליד וואָס ער האָט ערשט אָנגעשריבן אויפן פּלאַץ און תיכף צוגעפּאַסט די מעלאָדיע. די האָר זענען ביי אים געווען צעשויבערט און מיט די גרויסע אויסגעאַר־בעטע פויערישע הענט האָט ער דיריזשירט מיטן עולם, אַז זיי זאָלן אונ־טערהאַלטן דעם רעפריין:

גאָט האָט אונדז באַשאָנקען מיט צוויי האַרציקע באַראָנען,
טאָ די ריסאָ באָם!
האָבן זיי פאַר אונדז אַריינגעבראַקט מיליאָנען,
טאָ די ריסאָ באָם!

זאָלן זיך די יידעלעך זיין פויערים פאַרגלוסטן,
טאָ די ריסאָ באָם!

בימעלעך צו פלאַנצן דורך יידישע קאָלאָניסטן,
טאַ די ריסאַ באָם!

וועלן מיר זיך שפּאַנען אין דער גרויער סאָכע,
טאַ די ריסאַ באָם!
און וועלן פון דער ערד ציען מזל־ברכה,
טאַ די ריסאַ באָם!

פרייט זשע זיך, יידעלעך, אין די ברייטע וועלטן,
טאַ די ריסאַ באָם!
שטייען ווידער אין פּאַלעסטינע יעקב אבינוס צעלטן,
טאַ די ריסאַ באָם!

לאָמיר אַלע זינגען דאַ, דאָ אין אַרגענטינע,
טאַ די ריסאַ באָם!
וואָס מ׳קערט דעם ייד צוריק אין לאַנד פון פּאַלעסטינע!...
טאַ די ריסאַ באָם!

ווען די בינע איז אַ רגע פריי געוואָרן האָט מען דערזען דערנענטערן זיך אַ גרייז־גרויען ייד מיט אַ בליאַסקנדיקן לעדערנעם דאַשעק אויף זיין הויך היטל. דאָס איז געווען דער פעטער פון דער קאָלאָניע פון די ליט־וואַקעס און ניאָמעס אַ קרוב. זיין גרויסע גרויע באָרד האָט ווי אַ פוכיקער שנייוואָלקן זיך צעלייגט איבער דער אַטלאַסענער קאַפּאָטע און ער האָט געפירט ביי דער האַנט רוזשקעלען, ניאָמעס מוזינקע, וואָס האָט זיך די לעצטע יאָרן דערצויגן ביי זיי אין קאָלאָניע. דאָרט האָט זי זיך איינגעשאַפּט די ליבע פון אַלע קאָלאָניסטן. זי איז געווען בילדשיין, אָפּגעגאָסן מיט אַ ראָזער בלאַנדקייט פון צייטיקע עפּל. קוועקזילבערדיק האָט זי זיך באַוועגט און איר שיין קול האָט געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. דער לערער שיפרין, וואָס איז בדרך־כלל געווען אַ קפדן, האָט פון איר געשעפּט נחת און פיל צייט אָפּגעגעבן איינצולערנען מיט איר זיינע באַליבטע העברעישע לידער. איצט האָט דער פעטער געזען אַ שעת־הכושר זי פאָרצושטעלן פאַר כל עם ועדה און זאָלן אַנדערע אויך הנאה האָבן פון איר זינגען.

זי איז געשטאַנען אויף דער בינע אַ ביסל אַ פאַרשעמטע אין אַנבליק פון אַזויפיל אַנגעשטעלטע אויגן. באַלד האָט אַ בלאָז־אינסטרומענט געגעבן אַ טאָן און זי האָט אָנגעהויבן צו זינגען דעם מאַרש וואָס איז דעמאָלט אַזוי פּאָפּולער געווען צווישן יידן:

חושו אחים, חושו
נרימה פעמינו,
חושו אחים, חושו
לארץ אבותינו.
לא לנו המנוחה
לא לנו המרגוע...

דער גרויסער עולם איז אַריין אין עקסטאַז און מיטגעזונגען. ווער מיט ווערטער און ווער מיט סתם אונטערברומען. ווער עס האָט הנאה געהאַט פון די לשון־קודשדיקע רייד און ווער עס האָט ממש אָנגעקוואָלן פון רוזשקעלעס זינגען.

מען האָט די בינע לאַנג נישט געלאָזט ליידיק. דאָס מאָל איז אַרויף אַ הויכער דאַרער יונגערמאַן מיט בלויע ווייכע אויגן. דאָס איז געווען דער באַשטימטער אָנגעשטעלטער פון דעם נאָר וואָס געגרינדעטן אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוו אין שטעטל. ער האָט אַליין געשטאַמט פון אַן אַלטער יידישער קאָלאָניע אין ענטרע־ריאָס און ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ פעיקן רעזשיסער און טעאַטער־שפּילער. ער האָט אָרגאַניזירט אין שטעטל דעם ערשטן אַמאַטאָרן־קרייז, איינגעשטודירט „די גרינע פעלדער" פון פּרץ הירשביין און געוואָלט עס אַרויסענדיקן צום געפּלאַנטן באַזוך פון גרויסן וואַנדער־שרייבער אין אַרגענטינע. ער האָט אַחוץ דעם געשמט פאַר אַ שאַרפן רעדנער און אַ פאַרברענטן פּועלי־ציוניסט. ער האָט נישט דורכגעלאָזן קיין געלעגנהייט אַריינצוגיין אין ברענענדיקע דיסקוסיעס מיט די אַנאַרכיסטן און מיט די כלל־ציונים, וואָסביידע האָבן חוזק געמאַכט פון זיין דאָפּלטער אָריענטאַציע: אויף ציון און אויפן סאָציאַליזם. איצט איז ער געשטאַנען אויף דער בינע און געוואַרט, אַז אַלץ זאָל זיך איינשטילן. קיינער האָט נישט געוווסט וואָס אייגנטלעך ער גרייט זיך פאַרצושטעלן. אויף זיין פּנים האָט זיך אָנגעצויגן אַ מין וואַקסענע מאַסקע און די אויגן האָט ער האַלב

פאַרזשמורעט בעת ער האָט דעם לענגלעכן קאָפּ פאַרוואָרפן הינטערוויי־לעכטס. ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ לייכטן געמאָסטענעם טאָן און געצויגן ביידע הענט אין איין ריכטונג:

מיר הייבן די הענט קעגן מזרח און שווערן
פאַר ציון, איר פאָן און איר הייליקער ערד;
אַ שבועה פון בלוט און פון טרערן
פאַר אונדזערע העלדנס צעבראָכענער שווערד...

אַ ציטער האָט אַלעמען דורכגעצאַפּלט. דוכט זיך, די זעלבע ווערטער, וואָס מען האָט נישט איין מאָל געהערט זינגען ביי פייערונגען, אָבער די אינטאָנאַציע, דער פּאַטאָס, מיט וועלכע נוסקע סידעלניקאָוו האָט זיי אַרויסגעבראַכט, האָט יעדן אָנגעפילט מיט אַ טיפער איבערלעבונג. יעדן האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אַליין פערזענלעך פאַרבונדן מיטן אינהאַלט פון דער שבועה.

— ווי עס זעט אויס, זענען די אַרטיסטן די בעסטע רעדנער — האָט שלום אַריינגעשושקעט אין רבקהלעס אויער אַרייך. ער איז געשטאַנען הינטער איר פּלייצע און האָט לייכט זיך געשפּילט מיט די לענטע־שפּיצן פון אירע צעפּ.

— און אפשר פאַרקערט? אפשר דאַרפן די רעדנער זיין אַרטיסטן? — זי האָט געלאַכט און אויסדרייענדיק זיך דערפילט זיינע פינגער אויף אירע צעפלעך־שפּיצן. — זע, שפּיליע נישט פונאַנדער די לענטעס, דיין ברודער הערשל האָט שווער געאַרבעט ביז ער האָט זיי פאַרקניפּט...

— הערשל? — געוואָלט האָט ער האַסטיק אַ פרעג טאָן „ווען האָט ער עס באַוויזן צו שפּילן זיך מיט דיינע צעפּ?" אָבער ער האָט זיך אָפּגע־האַלטן.

— יאָ, מיר האָבן געפירט אַ שאַרפע דיסקוסיע. ער איז מאָדנע אַפּאַטיש צו אַלץ...

— נו, דאָס איז זיין רעכט, יעדער לעבט זיך אויס ווי ער וויל — און ביי זיך האָט ער געטראַכט: וואָס האָט דאָס אַלץ צו טאָן מיט אירע לענטעס און צעפּלעך?

עמעצער איז ווידער אַרויף אויף דער בינע און פאַרגעלייענט לאַנג און

אַ ביסל לאַנגווייליק. צווישן עולם האָט מען זיך געשושקעט און מ׳איז געוואָרן אומגעדולדיק.

— רבקהלע, וואָס וועט דער סוף זיין מיט אונדזער געפּלאַנטן קאָלעקטיוו? איצט וואָלט דאָך געווען די גינסטיקע געלעגנהייט — שלום האָט עס איר געזאָגט אויף איר אויער, וואָס איז געווען פאַרצויגן מיט די בלאָנדע האָר.

— איך האָב דעם איינדרוק, אַז דאָס פייער האָט זיך אויסגעברענט נאָכן באַקומען דעם בריוו פונעם אַגראָנאָם אין פּאַלעסטינע.

— וואָס שרייבט ער דאָרטן?

— ווי עס זעט אויס, שעמט זיך מאָטקע אויף דער הייסער מינוט עס פאַרצולייענען פאַר די חברים — האָט זי פאַרטרוילעך געזאָגט — דער אַגראָנאָם שלאָגט אין גאַנצן אָפּ פונעם עסק. ער שרייבט, אַז די שוין עקזיסטירנדיקע קאָמונעס ראַנגלען זיך פאַר זייער עקזיסטענץ און קיין מיטלען פאַר נייע זענען נישטאָ. אַחוץ דעם שרייבט ער, אַז כדי אויפצושטעלן דאָרט אַ קאָלעקטיוו דאַרף מען ווייניקסטנס צוויי יאָר דורכמאַכן אַן אַגרי־קולטור־צוגרייטונג ביי פּריוואַטע ווירטשאַפטן. און ווער גאַראַנטירט, אַז ביז דעמאָלט וועט די גרופּע אויסהאַלטן.

— הייסט עס, אַז עס פאַלן זיך פונאַנדער אַלע האָפענונגען? דאַרף מען זיך אַזוי סתם אונטערגעבן?

— איך האָב מורא, אַז די זאַך איז פאַרביי, געענדיקט.

— אָבער מען טאָר זיך נישט אונטערגעבן! מיר האָבן דאָך שוין דעם ערשטן שריט געמאַכט. דער געדאַנק אַליין וועגן דער קאָמונע האָט דאָך אונדז אַלעמען פאַראייניקט.

— מאָטקע גייט אַרום אַן אַ קאָפּ...

איצט איז ווידער רוזשקע אַרויף אויף דער בינע און נאָך לאַנגע אַפּלאָ־דיסמענטן האָט זי אָנגעהויבן זינגען, פריער העברעיש מיטן אַכשנזישן נוסח:

שם במקום ארזים
מנשקים עבי רום.

און באַלד אויף יידיש:

דאָרט ווו די צעדער,
קושן וואָלקנס אויס...

און ווען זי האָט געענדיקט, האָט דער גראַמען־פלעכטער אויסגערופן אויפן קול:

דאָרט קושן די צעדער אַלע וואַלקנס אויס;
דאָ וועט אונדז דער „אַמבו" געבן שאָטנס גרויס...

לאַנגזאַם איז מען זיך פונאַנדערגעגאַנגען און די עלטערע לייט פון די ווייטע קאָלאָניעס זענען פאַרבעטן געוואָרן אויף צו נעכטיקן אין דער קאָלאָניע. די גאַוטשאָס האָבן זיך דערווייטערט מיט אַ געפיל פון אַנטוישונג און צווישן זיך גערעדט:

— קע קאסא ראר, לאָס גרינגאָס! פיעסטא רוסאָ! ני א פאלאס סע אגארראן... (אַ מאָדנע זאַך מיט אָט די גרינגע, אַפילו צו קיין קלעפּ איז ביי דער „רוסישער" פייערונג נישט דערגאַנגען).

נײַנטער קאַפּיטל

אויפֿן וועג צום ווײַסן גאָלד

דער נעגאַטיווער ענטפֿער וואָס דער אַגראָנאָם עזרא עלינגער האָט צוגעשיקט פֿון פּאַלעסטינע צו דער קאָלעקטיוו־גרופּע, האָט אַרײַנגעבראַכט אַ צעמישונג און אַ דעפּרעסיע. זײ האָבן אָנגעהאָנגען אַלע זײערע האָפֿענונגען אויף דעם אויטאָריטעט פֿונעם באַוווּסטן אַגראָנאָם. זײַן תּשובֿה איז געווען אַ קאַלטע און געבויטע אויף אויסרעכענונג. ער זעט נישט די באַלדיקע און פֿאַסיקע באַדינגונגען פֿאַר זײער אַריבערפֿאָרן קײן פּאַלעסטינע. ערשטנס, איז די עליה פֿאַרשפּאַרט נאָך די בלוטיקע געשעענישן; צווײטנס, עקזיסטירן שווערע בודזשעט־פּראָבלעמען פֿאַר די שוין עקזיסטירנדיקע קאָמונעס, וואָס ראַנגלען זיך פֿאַר זײער קיום, און עס וועט נײטיק זײַן ווײניקסטנס צוויי יאָר, אַז די חבֿרה זאָל זיך צוגרייטן לאַנדווירטשאַפֿטלעך. זײ וועלן דאַרפֿן אַרבעטן בײַ פּריוואַטע קאָלאָניסטן כּדי זיך צוצופּאַסן צו די באַדינגונגען פֿון לאַנד.

דער לאַקאָנישער ענטפֿער איז פֿאַר דער גרופּע געווען ווי אַ האַמער־קלאַפּ גלײַך אין האַרצן אַרײַן. אַ לאַנגע צײַט האָבן זײ זיך פֿון זײַן ווירקונג נישט באַפֿרײַט. אין דער גרופּע האָבן זיך אָנגעשלאָסן צענדליקער יונגע־לײַט, וואָס האָבן זיך געגריבלט אין ים פֿון אידעאָלאָגיעס, וואָס האָט פֿאַרפּלייצט די יידישע גאַס און דערפֿאַר האָבן זײ נישט געקאָנט געפֿינען קײן סטאַבילע אײַנאָרדענונג. אין זײ האָבן זיך אָנגעשלאָסן אײנצלנע יונגע פֿון אַנדערע קאָלאָניעס און אַפֿילו פֿון שטאָט האָבן זיך געמאָלדן פֿרײַוויליקע. דערווײַל זענען אַ טײל משפּחות אַריבער אין דער נײַ געגרינדעטער קאָלאָ־ניע און פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון בוי אויפֿן נײַעם באָדן. צווישן זײ זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס זײַערע זין און טעכטער האָבן געהערט צו דער „קאָמונע אויפֿן פּאַפּיר", ווי אַ טײל פֿון די קאָלאָניסטן האָבן זי באַצייכנט.

מאַטקע איז דערוויל געבליבן אין מאַנטיעל, אין דער אָרעמער זאַמדי־קער קאָלאָניע, ווו דער שוואַרצער האָבער האָט זיך ווי אַ וויסטע מכה אויסגעשאָטן אויפן מאַגערן באָדן און דערשטיקט יעדעס אַנדערע געוויקס. מאַטקע האָט נאָך דער ערשטער אַנטוישונג שנעל זיך אויסגעטשוכעט און אָפּגעמאַכט ביי זיך נישט נאָכצוגעבן און אָפּהיטן די גאַנצקייט פון דער גרופּע. דער סטאַטוט פון דער קאָמונע איז געווען צוגעגרייט מיט אַלע קלענסטע ניואַנסן. יעדע פראַזע איז געווען דורכשטודירט און געשטימט מיט דער אידעאָלאָגישער קאָנצעפּציע. דער פּראָגראַם איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַ ריי אַרטיקעל צייטונגען און אַפילו אין ארץ־ישראל איז ער דערגאַנגען, ווו מ׳האָט וועגן אים געשריבן ווי אַ קוריאָז פון דער צייט...

מאַטקע האָט זיך צוזאַמענגענומען מיט נאָך עטלעכע פון דער גרופּע, וואָס ביי זיי איז דער עיקר־געדאַנק פון קאָמונע־לעבן געשטאַנען העכער ווי דאָס גיין קיין ציון דווקא, און זיי האָבן אָנגעהויבן וועבן פּלענער פון דאָס ניי ווי אַזוי אַרום צו רעאָרגאַניזירן זיך אין דער געשאַפענער לאַגע. ביי זיי איז אויסגעשלאָסן געווען יעדע מעגלעכקייט, אַז מ׳זאָל זיך אָפּזאָגן פון דער קאָמונע־ראַם. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען איז גרייט געווען איינצוגיין אויף אַ פּשרה מיט דער „געזעלשאַפט״, אַבי זי זאָל דערמעגלעכן צו רעאַליזירן דעם קאָלעקטיוו־געדאַנק. דעמאָלט זענען דערגאַנגען קלאַנגען וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ נייער אַגריקולטור־באַזעצונג אין צפון פון לאַנד, אין די אומגעגנטן פון די אוראַלטע געדיכטע טשאַקאָ־וועלדער, ווו דער באָדן איז פּאַסיק פאַר אַ נייעם קולטור־צווייג. דאָרט האָט מען געדאַרפט איינעמען די וויסטע, באַהערשן די נאַטור־כוחות און אַרויסציען דעם לעגענדאַרישן „ווייסן גאָלד״, ווי מ׳האָט דעמאָלט באַצייכנט דעם קולטיוו פון וואַטע.

אין דער גרופּע האָבן זיך מערסטנטייל קאָנצענטרירט די, וואָס האָבן געהאַט אַן אידעישע נאָענטקייט מיט די אַנאַרכיסטן. דאָס איז געווען אַ תקופה ווען אויף דער וועלט האָבן זיך אַלטע ווערטן איינגעבראָכן און נייע האָבן געזוכט צו באַפעסטיקן זיך אויף די חורבות. די יידישע יוגנט האָט נישט געקאָנט בלייבן פון דער ווייטנס און האָט אין אַלע אידעישע אָפּצווייגן פון פריייהייטס־קאַמף זיך געשטעלט די ערשטע אין ריי. אין אַלע פּראַקטיעס האָט מען זיי געזען אַלס די פאָן־טרעגער און זייער קול, טייל מאָל אין אַ גרייזיקן לאַנדס־לשון, האָט זיך געהערט איבער אַלעמענס שטימען.

איז נישט קיין ווונדער, וואָס די גרופּע יונגע יידישע קאָלאָניסטן האָט נישט געקאָנט איינגיין אויף קיין קאָמפּראָמיסן. אויב נישט אין פּאַלעסטינע, איז וואָס קאָן זיין דער אָפּהאַלט פאַרן שאַפן אַזאַ קאָמונע אויפן באָדן פון דער רחבותדיקער אַרגענטינע, ווו מיליאָנען העקטאַר ערד וואַרטן אויפן דער־לייזער? דערפאַר האָט זיי אַזוי געלאָקט דער נייער געדאַנק פון אויפלעבן די וויסטע צפון־וועלדער, ווו מ׳קאָן אומגעשטערט פונאַנדערנעמען די הענט. האָבן זיי אויסגעוויילט אַ פּאָר פון די אַקטיווע לייט און זיי געשיקט אין דער הויפּטשטאָט פאַרהאַנדלען מיט דער „געזעלשאַפט" — מיט אירע הויפּט־פאַרוואַלטער אין לאַנד און זיי פאַראינטערעסירן איינצוקויפן שטחים אין יענע ראַיאָנען.

אָבער אויך דאָ האָבן זיך די שמועסן אויסגעלאָזן מיט גאָרנישט. די „געזעלשאַפט" האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן ספּעציעלע פּריווילעגיעס דער יוגנט און זיך געהאַלטן ביי אירע אַלטע פּרינציפּן פון אויבערהערשאַפט און שווערע קאָנדיציעס. וואָס האָבן דערנידעריקט די מאָראַל פון די פרייע יוגנט־גייסטער. מען האָט זיי אָפּגעשלאָגן פונעם געדאַנק צו גיין אין וייטן צפון, ווו די באַדינגונגען זענען שווערע און דער קלימאַט — אַ נישט־דערטרעגלעכער.

די גרופּע האָט אָבער נישט אויפגעגעבן דעם געדאַנק צו לאָזן זיך דווקא אין וייטן אומבאַקאַנטן צפון.

אין יענער צייט האָט זיך אין דער קאָלאָניע באַוויזן אַ הויכגעשעצטער גאַסט. דער גרויסער יידישער שרייבער פון וואַרשע ה. ד. נון איז געקומען אויף אַ באַזוך אין לאַנד. ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דער לאַגע פון די יידישע ערדאַרבעטער און זיך דערגרונטעוועט צום וואָרצל פונעם קאָנפליקט מיט דער „געזעלשאַפט". אין אָנהייב האָט ער געפירט לאַנגע שמועסן מיט די אָנפירער פון דער „געזעלשאַפט" און איז אַרונטער־פאַלן אונטער זייער איינפלוס. אַפילו די לאַנגע דיסקוסיעס מיט די צייטונגסלייט און מיט די קולטור־טוער פונעם ישוב האָבן אים אויף אַ האָר נישט אַ ריר געטאָן פון זיין שטאַנדפּונקט. אָבער ווען ער איז אַראָפּגע־קומען אין דער זאַמדיקער קאָלאָניע און ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אינטימע שמועסן מיט די יידישע פּויערים, האָט ער זיך לאַנגזאַם אויס־געטשוכעט פון דער אָפיציעלער אַטמאָספער און זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די קאָלאָניסטן. זיינע אַרטיקלען אין די צייטונגען האָבן געמאַכט

אַ גרויסן רושם און די קאַלאָניסטן האָבן אין אים געזען אַ מאָראַלישן אָנשפּאַר.

אין אָט די טעג האָט שלום באַזוכט די קאָלאָניע מאַנטיעל און זיך באַטייליקט אין אַ צוזאַמענקום פון דער גרופּע מיט דעם באַרימטן גאַסט. די איינלאַדונג האָט אים אַ ביסל אַרויסגעשלאָגן פון דער געדריקטער שטימונג, אין וועלכער ער איז אין די לעצטע וואָכן אַריינגעפאַלן. זיין לענגלעך בלייך געזיכט איז נאָך מער איינגעפאַלן און די גרויסע ברוינע אויגן, מיטן שטילן טרויער ווי ביי דער מוטער, האָבן נאָך בולטער אויסגעדריקט דעם צער. נישט נאָר דער דורכפאַל פון דער גרופּע צו לאָזן זיך אין ווייטן לאַנד פון די אָבות האָט אים אַריינגעבראַכט אין מעלאַנכאָליע. דער אומעט האָט געהאַט אַנדערע און טיפערע סיבות. דאָס איז געווען די אַנטוישונג, ווען ער האָט באַמערקט, אַז רבקהלעס האַרץ נייגט זיך נישט צו אים. דער קלאַפּ איז נאָך געווען ווייטיקדיקער ווען ער האָט זיך אָנגעהויבן אָפּגעבן אַ רעכענונג, אַז רבקהלע סימפּאַטיזירט מיט הערשלען. זי קלעפּט אַרום אים אויף אַלע באַגעגענישן און זי באַמיט זיך אַפילו נישט צו פאַרבאָרגן איר הייסן בליק, מיט וועלכן זי נעמט אים אויף אין די פּריטיקצונאַכט־צוזאַמענקונפטן ביי זיי אין דער גרויסער קיך.

שלום איז געזעסן יענעם אָוונט צווישן זיינע חברים און זיך צוגעהערט צום שמועס וואָס איז געפירט געוואָרן מיטן גאַסט. ער איז געזעסן אַנטקעגן דעם שרייבער און מיט יראת־הכבוד געשלונגען יעדעס וואָרט וואָס איז אַרויס פון זיין מויל. די אַרויסגעשטעלטע קינבאַקן האָבן ביים שרייבער עטוואָס געציטערט און ביים רעדן האָבן די געזיכט־מוסקולן זיך באַוועגט פון אונטער דער דינער הויט אַרויס. זיין פּויליש־יידישער אַקצענט איז פרעמד געווען דעם אויער פון די בעסאַראַבער און אוקראַינער אָפּשטאַמיקע און זיין מוזיקאַלישע אינטאָנאַציע איז ביי זיי אַרויסגעקומען פרעמדווייבלעך. דאָס אויער האָט שווער באַנומען די ווייכקייט פון די צעצויגענע רייד.

— איך פאַרשטיי, אַז איר טראָגט זיך אַרום מיט דעם קאָמונעגעדאַנק נישט ווי אַ קאַפּריזנע קינד מיט אוממעגלעכע איינפאַלן — האָט ער געצויגן זיין שמועס — גוט וואָס אין אַזאַ צייט האָט איר זיך פאָרגענומען צו זוכן נייע וועגן. איך פיל אָבער, אַז דער עיקר עקזאַמען וועט זיין

נישט לגבי די אויסערלעכע אומשטענדן, נאָר אויפן שטח פון זייערע אינערלעכע באַציאונגען. דאָ וועט זיין דער פּרוּווּשטיין.

— איך מיין, אַז אויף דעם געביט האָבן מיר זיך שוין גענוג איינגע־ריבן — האָט זיך מאַטקע געוועדט — מיר פירן שוין אונדזער גרופּע זיבעט יאָרן און דער ענטוזיאַזם איז נישט אָפּגעפאַלן. אין קעגנטייל, עס קומען אָנשליסונגען פון די ווייטסטע קאָלאָניעס. אַ סך יונגע מענטשן ווילן זיך באַטייליקן אין אָט דער אונטערנעמונג.

— אַלע שיינע אידעאַלן האַלטן אויס זייער פּרווו ווען מ׳איז אויפן וועג פון פאַרווירקלעכן זיי — האָט דער שרייבער אַ זופּ געטאָן פון דער שטאַרקער טיי — דער ברען פון באַגייסטערונג איז דער צעמענט, וואָס האַלט צוזאַמען די טרעגער. די עיקר קריזיסן וואַקסן אַרויס בעת דער פאַר־ווירקלעכונג. דאָ שפּרינגען אַרויס אַלע פּערזענלעכע קעגנזאַצן. נאָך מער איז די זאַך ריכטיק, ווען מ׳רעדט וועגן אַ פולן קאָמונע־צוזאַמענלעבן. דאָ פאָדערט זיך אַ פּראָצעס פון דערציאונג און נישט קיין פּראָפּאַגאַנדע.

— איך זע אַ גרויסן חסרון אין אונדזער צוזאַמענשטעל צוליבן פעלן פון מיידלעך — האָט עמעצער זיך אָנגערופן — דאָס וועט שנעל אַריינ־ברענגען אַ לאַנגווייליקייט און די קאָמונע וועט ליידן פון דער עסטעטישער זייט. עס וועט פעלן די אָפּהיטנדיקע פרויען־האַנט אין אַלע ווינקעלעך.

— דאָס איז ריכטיק — האָט מאַטקע צוגעשטימט — אָבער מיר וועלן אויך די שווערקייט בייקומען. זאָל נאָר די קאָמונע אויפגעשטעלט ווערן, וועט יעדער פון אונדז זיך באַמיען צו באַרייכערן אונדזער געמיינזאַם הויז מיט אַ זיווג. אַחוץ דעם, אַ פּאָר מיידלעך זענען שוין גרייט אָנטיילצונעמען. אָט, למשל, רבקהלע...

— דאָס איז נישט אין גאַנצן קלאָר — האָט שלום זיך פאַררויטלט — איך מיין, אַז מ׳קאָן נישט בויען מער אויף איר מיט דער אַמאָליקער זיכערקייט.

— אַזוי מיינסטו? פון וואַנעט דרינגסטו עס אַרויס?

ער האָט נישט געענטפערט. דער רויך פון שוואַרצן ביליקן טאַבאַק איז געהאָנגען איבער די קעפּ און זיך געשלענגלט ביים סופיט. דער גאַז־לאָמפּ האָט אַ פּאָר מאָל אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער קנויט און אין אַ ווינקל האָט אַ גריל אַרויסגעבראַכט מאָנאָטאָנע טענער. עמעצער האָט אַ מיש

געטאָן מיט אַ לעפעלע אין גלאָז טיי און דער קלאַנג האָט איינגענומען דעם צימער.

— איצט איז געקומען די צייט צו האַנדלען און נישט צו גריבלען זיך — האָט מאַטקע געזאָגט מיט אַ פעסטן טאָן. וואַרטן קאָנען מיר שוין נישט מער. פון אומעטום קומען אָן אָנשליסונגען און אַפילו שטאָטמענטשן זענען גרייט מיטצומאַכן אונדזער פּרווו. עס איז אַ פראַגע פון באָדן, און באָדן וועלן מיר זוכן אין צפון, אין די וועלדער פון טשאקא. ס'איז נאָר אַ שאָד, וואָס די לייטונג פון דער „געזעלשאַפט" וויל זיך אין דעם נישט אַריינמישן.

— איך וועל פּרווון זיי באַוועגן — האָט דער שרייבער זיך געפילט פאַרפליכטעט צו זאָגן אַ דערמונטערונגס־וואָרט — איך וועל וועגן דעם שרייבן און אויך מיט זיי אַ שמועס טאָן. אייער אויפטו פאַרדינט די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט.

אָבער עטלעכע וואָכן נאָך זיין אָפּפאָרן פון דאַנען האָט ער געמאָלדן, אַז זיין באַמיאונג איז געווען פּרוכטלאָז.

מאַטקע האָט אָבער נישט גערוט. ער האָט געפילט, אַז ער מוז זיך פאַרמעסטן מיט דער צייט, וואָס דראָט צו צעברעקלען די אייניקייט פון דער גרופּע. ער האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אַ צוטריט צו די רעגירונגס־קרייזן און זיך דערשלאָגן צו אַן אוידיענץ אין אַגריקולטור־מיניסטעריום. ער האָט געשמועסט מיט הויכע באַאַמטע און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי ווייסן זייער ווינציק וועגן דער פאַקטישער לאַגע אין דער צפון־פּראָווינץ. מען גרייט זיך צו שיקן אינזשענירן אויסצופאָרשן, אויסצומעסטן, אָנצוצייכענען די פאַרצעלן און אויסאַרבעטן די פּלענער פאַר שטעטלעך און קאָלאָניעס.

ווען די יונגעלייט האָבן פונאַנדערגעוויקלט זייער פּלאַן וועגן אַ קאָאָ־פּעראַטיווע קאָלאָניע און געבעטן רעגירונגס־הילף, האָבן זיי זיך אָנגעשלאָגן אין אַ קאַלטער באַציאונג. מ'קאָן נישט געבן קיין צוזאָגן און קיין פּריווילע־גיעס פאַר ספּעציעלע גרופּן אײדער מ'וועט אויספּלאַנעווען די גרויסע באַזעצונג. מען האָט זיי געראָטן צו גיין אין דער געגנט, און אויב זיי וועלן געפינען פרייע ערד, זאָלן זיי ביז דער פאַרצעלאַציע זיך דערווייל באַזעצן. עס זיצן דאָרט אומצייליקע „פּועסטעראָס" (פּיצוכטלער), וואָס פאַרנעמען ריזיקע שטחים. זאָלן זיי זיך פאַר דעם נישט איבערשרעקן, די רעגירונג

איז פאַראינטערעסירט אַרויסצורייסן פון זייערע הענט די גרויסע שטרעקעס און די פּאָליציי וועט שטיין צו הילף די דעראָבערער.

מ׳קאָן נישט זאָגן, אַז די דעלעגאַציע איז אַרויס באַגייסטערט פון אַזאַ אָריגינעלן איינפאַל צו דעראָבערן די וויסטע. זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט, אַז דער עיקר קאַמף וועט זיין מיט די טיגערס און יאַגואַרן, מיט די שלענג אין דעם דזשונגל, אין וועלכן זיי וועלן פאַנגען טשאַטעס ווילדע פערד צו דרעסירן און אויסקאָרטשעווען די אוראַלטע וועלדער. אָבער אַז זיי וועלן דאַרפן פון אָנהייב אָן זיך פאַרמעסטן קעגן די אָרעמע ראַנטשאָס פון די פועסטעראָס, און נאָך מיט דער הילף פון דער פּאָליציי, האָבן זיי זיך נישט געריכט. זייער חוש פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט איז דאָ תיכף געטראָפן געוואָרן.

אָבער דאָס איז נישט געווען קיין אָפּהאַלט פאַר זייער מאַרש אויף צפון. די געוויסן־ענינים האָט מען איבערגעלאָזן צום דערליידיקן אויפן אָרט. מ׳האָט אויסגעטיילט אַ פּאָר יונגעלייט און צוזאַמען מיטן אַן אַגראָנאָם האָבן זיי זיך געקליבן אויסצופאָרשן יענע געגנט און זיך צוצוגרייטן צו דער ריכטיקער איבערוואַנדערונג.

דערווייל אָבער האָבן זיי שוין פאַרלוירן די שליטה איבער דער אייגענער מחנה פון קאָמונאַרן. נאָך איידער זיי האָבן דערגרייכט די צפון־געגנטן, האָבן קליינע גרופּקעס פון פאַרשידענע קאָלאָניעס אַליין זיך אַ רוק געטאָן פאָרויס און אָנגעהויבן זייער וואַנדערונג צום באַשטימטן ציל. טייל האָבן זיך אָפּגעשטעלט און געמאַכט זייער אַכסניה אין די קאָלאָניעס, וואָס זענען געלעגן אויפן וועג צום צפון און ווו ענלעכע גרופּעס האָבן זיך געשאַפן. אויך די דעלעגאַציע איז שטעקן געבליבן אין וועג אין אַ יידישער קאָלאָניע, פון וועלכער אַ צענדליק יונגעלייט האָבן געדאַרפט זיך אָנשליסן אין דער קאָמונע. זיי האָבן איינגעשלאָסן איינצלנע, פון גאַנצן לאַנד געקומענע, איינגעשאַפּט זיך אַ טייל פון „רעמאַנענט״ (ווערקצייג און אַרבעטס־פערד) און געוואַרט אויף דער רגע צו לאָזן זיך אין וועג אַריין.

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די קעגנזאַצן צווישן די פאַרשי־דענע גרופּן און יחידים זענען טיפע און עס איז נישטאָ אויף וועמען צו בויען. די באַציאונג צום געדאַנק איז געווען אַ נישט איינהייטלעכע. ביי אַ טייל האָט געווירקט דער ריין מאַטעריעלער אויסקוק אויף פאַרדינסטן, און

ביי אַנדערע — דער דראַנג צו אַוואַנטוריסטישע גענג. בלויז אַ קליין גרופּקעלע האָט צו דער אונטערנעמונג געהאַט אַן אידעאַליסטישן צוגאַנג.

איצט איז שוין קלאָר געוואָרן, אַז אויב אַפילו מען וועט פאָרזעצן מיט דעם אָנגעצייכנטן פּלאַן, וועט עס געטאָן ווערן דורך אַ קליין גרופּקעלע. צו אָט דער נייער לאַגע האָט מען זיך געדאַרפט צופּאַסן. אַלע איבעריקע האָבן, וואָס אַן אמת, אויך אויסגעדריקט זייער ווילן צו באַזעצן זיך אין דער געגנט פון „ווייסן גאָלד״, אָבער זיי האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פון דעם קאָלעקטיוו־געדאַנק און יעדער האָט געוואָלט זיך בויען זיין אייגענעווירטשאַפט.

צווישן די געציילטע קאָמונאַרן איז אויך געווען שלום.

*

נאַכט אויף די וועגן פון וויטן צפון.

לאַנגזאַם דערנענטערן זיי זיך צום ציל נאָך אַן אויסשעפּנדיקער רייזע איבער די אומבאַקאַנטע וועגן און ברייט־צעלייגטע סטעפּעס און וועלדער. שוין מער ווי אַ וואָך צייט ווי דער לעצטער שפּליטער פון דער אויסגע־טרוימטער קאָמונע וואָגלט אויף די וועגן צו איר נישט באַוווּסטן ציל. די עטלעכע יונגעלייט האָבן זיך פאַרגענומען צו טרייבן די גרויסע כאַפּטע פון איבער הונדערט פערד, ווילדע און נישט דרעסירטע, כדי זיי זאָלן האָבן מיט וואָס אָנצוהייבן זייער אַרבעט אין דער נייער געגנט. אָנגעטאָן אין די בגדים פון ריכטיקע „קריאַזשאַס״ (איינגעבוירענע) און רייטנדיק אויף שוין איינגעאיבטע פערד, זענען זיי פּוסטריט געריטן ביי די זייטן פון דער ריזיקער טשאַטע לאָשיקעס און אָפּגעהיט, אַז זיי זאָלן זיך נישט פונאַנדערשיטן איבער די זייטיקע פּלאַכלענדער און וועלדער און נישט פאַרשווינדן פון אויג. הינטער זיי האָט זיך געשלעפּט אַ גרויסע אַלטע בויד, פאַרדעקט פון אויבן מיט אַ פעלן־צודעק. דאָרט איז געווען אָנגע־הויפט די צידה לדרך, דאָס עסנוואַרג און די נייטיקסטע ווערקצייג פאַרן ערשטן פּעריאָד.

די טעג זענען איצט געווען ברענענדיק הייסע און די לופט איז פול געווען מיט אַ טרוקענעם שטויב. אין די ערשטע טעג האָבן זיך אויף זיי אַראָפּגעלאָזן רעגנס, באַגלייטע מיט פייפנדיקע שטורעמס. דאָס האָט באַ־

שווערט דעם מאַרש פּאַרויס איבער דער בלאָטיקער ערד. לאַנגזאַם האָבן זיי זיך דערנענטערט צו דער פּראָווינץ, ווו די אייביקע טריקעניש ליגט איר שטעמפּל אויף דער נעבעכדיקער לאַנדשאַפט. אין די נעכט האָבן זיי פאַרשטאַרקט די וואַך און געהיטן, אַז די פערד זאָלן זיך נישט צעלויפן, אָדער אַ פּיפּיקער גנב זאָל זיך נישט אַריינכאַפּן און אַרויסציען אַ „קאָפּ", בכדי צו שעכטן אים פאַר אַן אַסאַדאָ־געברויך און פאַרקויפן די אָפּגעשונדענע פעל, וואָס האָט זיך בעסער באַצאָלט ווי דאָס לעבעדיקע פערד...

איצט שלייכן זיי זיך איבער דער רעגנלאָזער און מאָגערער פּראָווינץ. דער אייגנהייטלעכער פאַרמאַטערנדיקער פּייזאַזש פון טרוקענע פעלדער מיט נידעריקע שטעכיקעביימלעך דריקט דאָס געמיט. זעלטן זעט מען אַ קליינע אָרעמע כאַטע, ווו נאַקעטע קינדער דרייען זיך איבערן הויף צוזאַמען מיט די מאָגערע שטוב־חיות און עופות. דער קלעפּיקער שמוץ אויף די קער־פּערלעך איז איינגעבאַקן ווי אַ טייל פון אַרומיקן שטויב־קאָליר. נאָך לאַנגע שעהן רייטן שטעלן זיי זיך אָ ווײַלע ביי אַ „פּולפּעריאַ" (שענק), געבויט פון בלאָטע און טרוקענע קאָרטשעס. ביי שטאַנגען שטייען צוגע־בונדן די פערד. נעבן דער אָפענער טיר טרינקען די גאַוטשאָ־געסט זייער רויטן און ביליקן ווין און שפּילן די „טאַבאַ". עמעצער רימפּלט אויף אַ גיטאַרע אַ מעלאַנכאָלישע מעלאָדיע און פון דער אינעווייניקסטער טייל פון דער ראַנטשאָ, ווי פון אונטער פאַרבאַרגענע ערד־טיפענישן, טראָגט זיך אַ פאַרבענקט קול פון אַ פרוי — דאָס געזאַנג פון די אומעטיקע צפון־וויסטענישן, פון אַ געדריקט אָבער פריי לעבן, וואָס ווייכט פון דער טעכניק און באַגוגנט זיך מיט דער טעגלעכן בראָטן און די ביטערע מאַטע.

קוקן זיי, די פלעגמאַטישע צפון־איינוווינער, אויף די פרעמד אָנגע־קומענע מיט זייערע בלאָנדלעכע האָר און הויט פון אויסלענדער, און פאַר־פירן מיט זיי אַ שמועס וועגן זייער מאָדנער רייזע קיין צפון. און ווען מען קלערט זיי אויף, אַז דאָס איז אַ מחנה, וואָס גייט זיך באַזעצן אויף ערד, שאָקלען זיי אומפאַרשטענדלעך מיט די טונקלהאָריקע קעפּ און שמייכלען מיט שוואַרץ־צעפּוילטע ציין.

איצט אָטעמט די נאַכט מיט די זיסע ריחות פון אָפענעם פעלד. פון די נאָענטע וועלדער הערט זיך דאָס שרייען פון די צערייצטע מאַלפּעס און דאָס יאָמערן פון ווילדע קעץ. דאָס צעלייגטע פייערל האָט צעשטאָכן

די שטאָקפינצטערניש און געצויגן אַ לייכט רויכל צו דער ווייסקייט פונעם מילכשטעג איבערן אויסגעשטערנטן הימל. דאָס פייערל שעפּטשעט מיט הנאה און שלינגט איין די צוגעוואָרפענע טרוקענע וואָרצלען. שוין לאַנג ווי די לעצטע פליש־רעשטן זענען אַרויסגעצויגן געוואָרן פון צווישן די קוילן און איצט זיצט מען אין אַ קרייז, מען טרינקט אָן אויפהער די ביטערע מאַטע און מ׳לייגט צו אַן אויער אויפצוכאַפּן יעדן פאַרדעכטיקטן גערויש צווישן די פערד און דעם אָפּגעמאַכטן צייכן פון די ראנדאַ־רייטערס אויף דער וואַך.

דער וואָגן מיט זיין הויכן איבערגעצויגענעם דאַך מיניעט אין דער פינצטער ווי אַ שוצוואַנט קעגן דער איינזאַמקייט אין דער וויסטע. דאָרט איז אויסגעצויגן דאָס פעלכל־געלעגער פאַר די, וואָס שלאָפן לויט דער ריי. היינט זענען אָבער אַלע וואַכזאַם אין דער דערוואַרטונג פאַרן מאָרגן, וואָס דאַרף געבוירן אַ נייע אַנטפּלעקונג.

עס הערן זיך די מאָנאָטאָנע טריט פון די רייטערס. די פערד גריזשען דעם טרוקענעם גראָז ביים וועג און שנאָרכן מיט די אויפגערייצטע נאָז־לעכער.

— דערצייל, שלום, דערצייל, פאַרוואָס און ווי אַזוי דו האָסט זיך אָפּגעטרייסלט פון איר, פון רבקהלען. מען האָט דאָך אייך געהאַלטן פאַרן ריכטיקן פּאָרל...

דאָס געזיכט פונעם פרעגער האָט מען נישט געזען. געדאַכט האָט זיך, אַז נאָך דער געליטענער מפּלה צווישן די קאָמונאַרן, האָט יעדער געוואָלט מיט איינגעביסענער ביטערקייט מאַכן דעם אייגענעם און דעם אַלגעמיינעם חשבון, אַפילו ווען דאָס וועט ווי טאָן זיך און דעם צווייטן. דערפאַר האָבן די רייד אין דעם אָוונט, ווי אין די פאַרגאַנגענע, געריסן פּאַסן פון אייגן לייב.

— איך וואָלט זי זיכער נישט אָפּגעלאָזט. איך האָב אָבער לעצטנס געפילט, אַז זי גליטשט זיך מיר אַרויס, ווי וואַסער צווישן די פינגער. פייער פאַרן קאָלעקטיוו? איך געדענק זי נאָך פון מיין ערשטער באַגע־מען די ריי אויף מיר... געדענקט איר, ווי זי האָט געהאַלטן אַמאָל פלאַמ־פריער האָט זי זיך אָפּגעקילט פונעם קאָמונע־געדאַנק, דערנאָך איז געקו־גניש ביי אייך אין מאָנטיעל, דאָרט ביי איר פאָטער, זישע אַקערמאַן...

— איך מיין, אַז דאָ שטעקט אַ ראָמאַנטישע אינטריגע — האָט

מאַטקע אַן רחמנות געצויגן דעם פּיינלעכן שמועס — סתם אַזוי ווערט מען נישט אַנטוישט...

— אפשר האָסטו רעכט, מאַטקע — האָט שלום צוגעגעבן און געשאַרט מיט אַ שפּענדל די גליענדיקע קוילן.

ער איז געקומען צו דער גרופּע און באַשלאָסן מיטצומאַכן זייער מאַרש צו די צפון־געביטן. געטאָן האָט ער עס נאָכן ווייטאָגלעכן אויספיר, אַז רבקהלע איז פאַר אים אַ פאַרלאָרענע. דאָס האָט ער שוין באַמערקט נישט נאָר דורך איר אָפּגעקילטער באַציאונג צו אים און אין איר שמייכלען און טוליען זיך צו זיין ברודער. ער האָט אויך קלאָר געפילט, אַז הערשל איז צו איר נישט גלייכגילטיק. אין איר אַנוועזנהייט איז הערשל געווען אימפּולסיווער און אָפּט אַריינגעפאַלן אין נערוועישער צערייצטקייט — גאָרנישט די טבע פונעם באַזאָכטן און קאַלטבלוטיקן ברודער. ער האָט זיך געזען איבעריק אין שטוב.

עס האָט אים געפּייניקט וואָס ער האָט אַזוי געהאַנדלט כלפּי דעם פאָטער. אויפן פאָטער האָט ער מיטליד געהאַט נאָך מער ווי אויף דער שוואַכער און אויסגעדאַרטער מוטער. זי האָט אָפּט געקרעכצט און געוויינט טרערן. זי האָט געקרעכצט צוליב די קריגערייען מיט נאָענטע און וייטע שכנים, צוליב דעם שאָדן וואָס אַ קו האָט אָפּגעטאָן אין פאַרזייטשטח, אָדער מחמת דעם אָפּחוזקן פון דער משפּחהס געוויינהייטן און פון זייער ליטווישער אויסשפּראַך; זי האָט געווינט אויף אירע צווי אייניקלעך, וואָס זענען אונטערגעוואַקסן טויב־שטומע ווי זייער מוטער — אָבער אין די קרעכצן און טרערן האָט זי אויסגעלאָדן איר צער און קלעמעניש.

דאָקעגן די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אינעם פאָטערס אויסזען האָט זיך בולט געוואָרפן אין די אויגן. די עלטער האָט זיך אָנגערוקט ווי אַ שאַרער וואָלקן און זיך באַזעצט אין די געדיכטע קנייטשן פון געזיכט. עס האָט אויסגעזען, ווי די אַלע יוגנטלעכע כוחות, וואָס ער האָט אָנגעהאַלטן אַלע יאָרן פון איינזאַמקייט און דערוואַרטונג, האָבן זיך דווקא איצט פון אים אָפּגעטאָן. די אָנגעלאָפענע עלטער איז אפשר געווען אַ רעזולטאַט פון אַ לאַנגער איינגעהאַלטענער שטילקייט; די דערוואַרטונג האָט זיך איצט אויסגעגאָסן אין ציטער און אין אומרו, ווי עס וואָלט אים אַ פּחד אָנגענומען פאַר צעטרייסלונגען פון די ווענט, וואָס ער האָט ערשט איצט אויפגעשטעלט...

שלום האָט נישט געוואָלט צוזען מיט זיינע אויגן דעם צער פון פאָטער, דערפאַר האָט ער פאַרלאָזן דאָס הויז אומבאַמערקט. אין דער פרי, בעת דער פאָטער איז אַרויס אין פעלד ברענגען די פערד, האָט ער איבערגעלאָזן אַ צעטל מיט עטלעכע ווערטער, אַז ער שליסט זיך אָן אין דער גרופּע, וואָס לאָזט זיך אַוועק צום ווייטן צפון. ער ווייסט נישט ווען ער וועט זיך צוריקקערן אויף אַ באַזוך, אָבער מ'זאָל אים נישט פּרוּוון אָפּרעדן, ווייל ער איז אַנטשלאָסן נישט אָפּצוטרעטן.

די נאַכט איז אַדורך און דער גרויסער פערד־קאַראַוואַן האָט זיך לאַנגזאַם גערוקט פאָרויס, אַריבערגעשפּאַנט די גרענעץ פון דער טרוקע־נער פּראָווינץ. איצט האָט דער וועג זיך געשלענגלט צווישן שטעכיקע וואַלד־ביימלעך פונעם טשאַקאַ־געביט.

צווישן דיביימער אין וואַלד האָבן זיך אויסגעטיילט זייטיקע וועגן און עס איז שווער געווען צו פאַנאַנדערקלייבן זיך און צו האַלטן זיך אויפן ריכטיקן שליאַך, וואָס האָט זיי, לויט די אָנווייזונגען פון פּועסטעראָס, געדאַרפט פירן צום באַשטימטן געביט. צייטנווייז האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן נעבן אַ לויפנדיק טייכל און מען האָט געמאַכט אַן אָפּשטעל. די פערד האָבן זייער דורשט געשטילט און די אָנטרייבער האָבן די לאָגלען אָנגעפילט און געוואַשן די פּנימער אין קילן שטראָם, וואָס איז באַשאָטנט געווען פון די גרויסע קרומע ביימער.

וואָס ווייטער זיי האָבן געשניטן דעם וועג קיין צפון, אַלץ מער האָט אַן אומזיכערקייט אַרומגעכאַפּט יעדן פון דער וואַנדער־גרופּע. זייער מאַרש אין די אומבאַקאַנטע געגנטן האָט זיך אָט־אָט געדאַרפט דערנענטערן צום סוף און זיי אַליין האָבן נאָך קיין אַנונג נישט געהאַט ווו אייגנטלעך וועט זיין זייער לעצטע סטאַנציע. פון די אָנווייזונגען אין די בראָשורן פון אַגריקול־טור־דעפּאַרטאַמענט, האָבן זיי זיך געשאַפן אַ זייער פאַרנעפּלטע פאָרשטע־לונג וועגן דעם ווו דער נייער וואַטע־צענטער וועט אויפגעשטעלט ווערן. די טעריטאָריע איז ריזיק גרויס, מיט ברייטע און טיפע וועלדער, פולע מיט חיות־רעות און שלענג; רעשטן פון אַלטע אינדיאַנער־גרופּן וואַנדערן נאָך אום אין אירע טיפענישן. טאָ ווו וועלן זיי אויסגעפינען דעם ריכטיקן פּלאַץ צו לאַגערן? אין ביוראָ פון אַגריקולטור־מיניסטעריום האָט מען זיי געזאָגט: „איר וועט טרעפן אויף אַ ברייטן אָפענעם פּלאַץ, אַרומגערינגלט

מיט ווילדער, וואָס מ׳דאַרף אויסוואָרצלען. צענדליקער קילאָמעטער פון דאָרט איז פאַראַן אַ קליין שטעטל. אויב די צאָל פועסטעראָס איז דאָרט נישט גרויס, באַזעצט זיך דאָרט, פאַרנעמט דעם פּלאַץ, און די אַנדערע פּאַרמאַליטעטן וועלן מיר מיט דער צייט דערליידיקן״. אָבער ווי דערגרייכט מען שוין יענעם פּלאַץ אַוועקצולייגן ענדלעך דעם מידן קאָפּ?

און רייטנדיק ביי דער זייט פון גרויסן פערד־טאַבון האָבן צייטנווייז זיך צעטראָגן איבער דער ווילדער געגנט מעלאָדיעס פון יידישע לידער און פון אָרטיקן פאָלקלאָר. אין די לעצטע יאָרן האָבן די יונגעלייט זיך באַמיט צו באַהערשן אויך די שפּאַנישע שפּראַך, אירע לידער און „קאָפּ־לאַס״ (אימפּראָוויזירטע לידער). אין אָנהייב איז עס שווער געגאַנגען, די צונג איז געווויינט געווען נאָר צום יידישן לשון, זענען די פראַזן אַרויס־געקומען אַ ביסל האַרט־ריישיק און די זילבן האָבן זיך פאַרטשעפּעט און פאַרלאָרן אויפן צונג, אָבער מיט דער צייט האָט זיך עס איינגעריבן און מ׳האָט אַלץ מער און מער אויף די צוזאַמענקונפטן גערעדט צווישן זיך אויף אַ יידישלעכן שפּאַניש, וואָס האָט נישט איין מאָל אַרויסגערופן אַ שמייכל ביי די גוישע צוהערער.

איצט האָט די ווילדקייט ביי די וועגן געהערט די מעלאָדיעס פון „קאַבאַליעראָ דעל עסוענייאָ״ נאָכן „קום, קום, ישראליקל, אַהיים״; דוד עדלשטאַטס עלעגיע „אַז איך וועל שטאַרבן״ צוזאַמען מיט „על פּאַניאַליטאָ בלאַנקאָ״ (דאָס ווייסע טיכעלע) און אַפילו דאָס העברעישע ליד „שמש אביב, נטה ימה״, וואָס האָט דערוועקט די בענקשאַפט צו נישט־דער־גרייכטע ברעגן אין לאַנד פון די אָבות. דערביי האָבן געקנאַקט אין דער לופט די קורצע „רעווענקעס״ (אַ מין קורץ ברייט לעדערן בייטשל) און לויט דער ריי האָבן זיך געהערט פאַרצויגענע רוף־קולות, וואָס האָבן זיך צעטראָגן איבערן ווילדן אַרום און צוריקגעקומען פון די ווילדער מיט קאָלערנדיקע עכאָ־טענער. די געשרייען האָבן געדאַרפט דערמאָנען, אַז די השגחה איז פון די פערד נישט אָפּגעטאָן געוואָרן, אַז אַ פערד־גנב זאָל זיך אָפּגלוסטן צו פאַרטשעפּען זיך מיט דער קוראַזש־פולער טרייבער־גרופּע.

נאָכן צענטן טאָג פון זייער לאַנגן וועג, נישט אויסגעשלאָפענע, מידע און נישט־ראַזירטע, האָבן זיי געלאַגערט אויף אַ גרויסער לאָנקע באַדעקטע מיט ווילדע פּאַשעגראַזן. פון דער ווייטנס האָט זיך געמיניעט אַ געדיכטער

וואַלד און אַ וואָיען פון טשאַטעס מאַלפּעס האָט זיך געטראָגן פון זייך טיפעניש.

— דאָ וועלן מיר אויפשטעלן אונדזער לאַגער, און וואָס ווייטער וועט זיין — זאָל גאָט זאָרגן — האָט מאָטקע געזאָגט צו זיינע חברים.

— בלית ברירה וועלן מיר דאָ אָנהייבן — האָבן זיינע באַגלייטער איינגעשטימט — ערגעץ ווו מוזן מיר דאָך מאַכן די לעצטע סטאַנציע.

די זון איז געשטאַנען איבערן קאָפּ און געשיקט אירע ברענענדיקע שטראַלן. עס איז נייטיק געווען אַן אײַלנדיקע איינאָרדענונג כדי צו פאַרזיכערן זיך ביז אין די פאַרנאַכט־שעהן צו פאַרצוימען דעם לאַגער און אויפצושטעלן די פּאַלאַטקע. פונעם הויכן וואָגן האָט מען אַרויסגעצויגן דאָס אַרבעטסגעצייג, די פּעקלעך שטעכיקן דראָט און דעם לייוונט פאַרן ביידל. אין דער צייט ווען אַלע האָבן אויסגעהאַקט דרענגלעך און געמאַכט די אָפּצוימונג, איז שלום באַאויפטראַגט געוואָרן צו מאַכן אַן אויספלוג אינעם פלאַכלאַנד פון דער סביבה. ער האָט געדאַרפט אויסגעפינען, צי וווינט ווער אין דער אומגעגנט.

ער איז אַרויסגעפאָרן אויף אַ ניי־אָנגעזאָטלט פערד, וואָס איז נישט אויסגעמאַטערט געוואָרן דורכן לאַנגן וועג. איבערן זאָטל האָט ער אויסגעשפרייט אַ האָריקע שעפּסן־פעל און זיך געלאָזט אין גאַלאָפּ איבערן סטעפּ. דער באָדן איז פאַרזייט געווען מיט קליינע „קעבראַטשאָ"־קוסטעס, אַרויסגעשפּראָצטע צווייגן פון די אוראַלטע שווערע ביימער, וועלכע מ׳האָט דורך שווערער מי אונטערגעזעגט, אַרויסגעריסן פון דעם אימהדיקן דזשונגל כדי צוגרייטן באָדן פאַר קינפטיקן פאַרזיי.

דאָס געהילץ פון אָט דעם וואַלד איז גענוצט געוואָרן אויף צו לייגן די שוועלן פאַר די באַן־רעלסן איבער דער לענג און ברייט פון דער גרויסער רעפּובליק. אין די רעגירונגס־בראַשורן איז גערעדט געוואָרן וועגן דער באַזונדערער אייגנשאַפט פון דעם ווייסן און רויטן קעבראַטשאָ־האָלץ, וואָס איז פון האַרטסטן סאָרט און ווערט קיינמאָל נישט איבערגעפוילט און צעעסן פון די ווערים. דערפאַר האָט עס אַזאַ גוטן אָפּגאַנג פאַר די אייזנבאַנען און אויך דרענגלעך צו פאַרצוימונגען. אויך דאָס איז געווען אַ גורם פון אויפמונטערונג פאַר דער קאָלעקטיווער גרופּע, וואָס האָט אינעם האָלץ־אויסוואָרצלען געזען אַ קוואַל פון הכנסה. אויפן אויסגעקאָרטשעטן באָדן וועט מען די וואַטע־קערנער פאַרזייען און אויך דער מאַיס וועט

דאָ גערעכנט מער ווי אומעטום. צי איז נאָך פאַראַן דער מינדסטער צווייפל אין זייער הצלחה, ווען זיי אַליין באַנוגענען זיך מיט אַזוי ווייניק פאַרן אייגענעם געברויך?

דאָס גאַלאָפּירן איצט אַליין איבערן סטעפּ האָט אים אָנגעפילט מיט שטאָלץ, ווי איינעם, וואָס גייט אַליין אויספירן אַ וויכטיקע אויפגאַבע פאַר אַנדערע. אין זיין גאַוטשאָ־קליידונג האָט ער זיך געפילט פרייער און יעדער סימן פון פחד איז אויסגעוועפּט געוואָרן פון זיין האַרץ. ווי יעדער ריכ־טיקער גאַוטש האָט ער זיך איינגעהילט אין פּאָנטשאָ און די פאַלדן פאַרוואָרפן איבער די שולטערן. דער שוואַרצער הוט מיט די פאָדערשטע ראַנדן עטוואָס פאַרריסן אַרויף, האָבן פאַרטונקלט זיין אָפּגעבערענט געזיכט. דאָס לאַנגע מעסער איז געלעגן אין דער לעדערנער שייד. בלויז די בלאָנדע עטוואָס געקרויזטע האָר און די העלברוינע אויגן האָבן פאַרמסרט זיין אויסלאַנד־אָפּשטאַמונג.

ער האָט פעסט ביי זיך אָפּגעמאַכט צו שטעלן אין קאָן זיין גאַנצע ענערגיע פאַרן דערפאָלג פון אָט דער אונטערנעמונג. עס האָט אים באַהערשט אַ דראַנג אַרויסצווייזן דאָ זיין קראַפט, אַז זיין נאָמען זאָל פאַרבונדן ווערן מיטן אויפבלי פון נייעם פלאַץ און דער פאַקט זאָל גרייכן וויט אַריבער די גרענעצן פון דער וויסטע — ווי אויף צו להכעיס...

שלום האָט פּלוצעם דערהערט דאָס בילן פון אַ טשאַטע הינט. דאָס פערד האָט אומרואיק אָנגעשטעלט די האַריקע אויערן און פאַרלאַנגזאַמט דעם טראָט. שלום האָט ראַפּטעם אַ צי געטאָן די לייצעס און עס אָפּגע־שטעלט. ער האָט אַליין אָנגעשפּיצט דאָס געהער און פאַרשאַרפט דעם בליק, בכדי אויסצושיילן צווישן די אויסגעשפּרייטע קוסטעס סימנים פון אַ מענטשלעכן ישוב. אויסער דעם דראָענדיק־פאַרשאַרפטן בילן האָבן זיין בליק און געהער גאָרנישט אויסגעטיילט פון דער אימהדיקער וויסטע. ער האָט זיך אויפגעשטעלט אויפן זאָטל און ווי אַ געניטער אויסקוקער געמאָסטן די ווייטקייטן. נאָך דעם האָט ער אַ שטורקע געטאָן מיט די שפּאָרן צווישן די ריפּן פון פערד און אַוועקגעגאַלאָפּירט אין דער ריכטונג פונעם בילן.

נאָך אַ פּאָר קילאָמעטער פון רייטן, האָט ער ביים ראַנד פון וואַלד אויסגעטיילט אַ נידעריקע ראַנטשאָ, וואָס איז צוגעטוליעט געווען צום גרויסן וואַלד. דער איינגעבויגענער דאַך אויף איין זייט איז געווען

באַדעקט מיט שטרוי און פּאַרקנאָטעטעם ליים. אַ דין רויכל האָט זיך בלוילעך געצויגן פונעם פּירקאַנטיקן קוימען.

ביי שלומס דערנענטערן זיך צו דער כאַטע האָבן זיך די הינט צעשאָטן איבערן אָפענעם פעלד און אים באַגעגנט מיט אַ שטאַרקער בילעריי. פון דער ראַנטשאָ האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַן אַלטער גאַוטש מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ. זיין לאַנגע באָרד האָט זיך געפּאַליעט איבער דער ברוסט. פונעם לעדערנעם פּאַס אַרויס ביי די לענדן האָט דאָס קלינגל פון אַ גרויס מעסער געגרייכט ביז צו די עלנבויגנס. מיט גרויס רוגזה האָט ער געשריגן און פאַרטריבן די כאָפּטע הינט. דערביי האָט ער געפאָכעט מיט דער האַנט צום אָנקומענדיקן רייטער און אים איינגעלאַדן צו דערנענטערן זיך.

— אַווע מאַריאַ פּוריסימאַ — האָט ער מיט דער טראַדיציאָנעלער ברכה פון די פּרימיטיווע איינוווינער אים צוגעוואָרפן — בוענאָס טאַר־דעס, אַמיגאָ! זייט באַגריסט אין מיין באַשיידענעם ראַנטשאָ — פון גאָר ווייט קומט דער סעניאָר? אַ היגער אָדער אַ פאָראַסטעראָ? (פרעמדער). ער איז אָבער באַלד געבליבן שטיל ווען ער האָט באַמערקט די בלאָנדע האָר פון אונטער שלומס הוט. שלום איז געזעסן אויפן פערד אַ ביסל צעמישט נאָך און באַטראַכט די אָפּציענדיקע גרויסע הינט, וואָס האָבן נאָך געשטשירעט די שאַרפע ציין. ער האָט איצט געזען ווי איבערן גאַוטשס פּנים האָט זיך געצויגן אַ טיפער אויסגעהיילטער סימן פון אַ גרויסן מעסער־שניט.

די ראַנטשאָ אינעווייניק האָט אויסגעזען ווי יעדע געוויינלעכע וווינונג פון די איינגעבוירענע. דאָ האָט זיך אָבער, צוליב דער נאָענטקייט פונעם וואַלד, געמערקט די באַפּוצונג מיט פאַרשידענע חיות־פעלן: אויף די ווענט, אויף דער פּאָדלאָגע און אין ווינקל צום ביינאַכטיקן אויסבעטן זיך. געדרייטע הערנער און ביינערדיקע קעפּ מיט אויסגעהוילטע אויגנ־לעכער האָבן אָנגעוואָרפן אַן אימה פון די נידעריקע שוואַרצע ווענטלעך און בלויז די שטילע אַלטע פרוי מיט די פּאָר דערוואַקסענע קינדער האָבן צוריקגעקערט שלומען די געגאַרטע רואיקייט.

די מאַטע און די איינגעדאַרטע קרישלדיקע „גאַלליעטן" (אַזאַ אויס־געבאַקן טרוקן ברויט) האָבן שנעל אַריינגעפירט די געמיטלעכקייט און שלום האָט נישט געזען קיין סיבה, וואָס זאָל אים אָפּהאַלטן צו דערציילן

דעם אמת — ווער ער איז און וואָס איז זיין טאָן אין דער געגנט. סיי ווי וועט די זאַך קלאָר ווערן אין אַ פּאָר שעה אַרום, נאָך דעם ווי די גרופּע וועט אָנשלאָגן איר לאַגער אין דער געגנט.

— איך האָב באַלד געוווּסט, אַז איר קומט, ווי אַנדערע פאַר אייך, צו פאַרכאַפּן די גוטע פאַשעפּעלדער אונדזערע — האָט דער אַלטער רואיק געזאָגט און דער איינשניט אין פּנים האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ בלוילעכ־קייט — אַלע זענט איר אַזוי; מען פאַרדעקט דעם ווייסן קערפּער מיט אונדזער קליידונג, מען פּוצט זיך אויס מיטן לאַסאָ און פאַקאָן און מיט דעם מיינט מען, אַז מ׳איז גלייכע שותפים צו אונדזער לאַנד...

זיינע רייד האָבן אָנגעיאָגט אויף שלומען אַן אומרו. ער האָט זיך געפילט ווי איינגעפּרעסט צווישן ווענט אָן לופט. די ראַנטשאָ איז איצט געלעגן נאָענט איבער זיין קאָפּ. אין אַ ווינקל האָט געשאַרקעט אַ קליינע מויז, וואָס האָט מיט צעשראָקענע אויגן געבליקט אויף די שטוביקע.

— מיינט נישט, אַז איך וועל זיך גיין שלאָגן מיט אייך — האָט דער אַלטער לייכט אַ שמייכל געטאָן — מיר האָבן זיך שוין אויסגעלערנט אַרויסצוקוועטשן פון דער געשאַפּענער לאַגע דעם מאַקסימום נוצן. וואָס קאָן מען מאַכן, אַמיגאָ? לעבן מוז מען און די ברייטע פעלדער ווערן ענג פאַר אונדז.

— וואָס מיינט איר, בוען האָמברע (גוטער מאַן)? אפשר קאָן איך באַקומען אַן אויפקלערונג וועגן דעם וואָס איר צילט מיט אייערע רייד? — שלום האָט פרייער אָפּגעאָטעמט.

— די „מיליקאָס" (פאָליציאַנטן) זענען מיט די גרינגאָס. מיר האָבן זיך שוין אויך צו דעם צוגעוווינט, געזען שוין ווי אונדזעריקע זענען פאַרטריבן געוואָרן און פאַראַסטעראָס האָבן אונדזערע פעלדער פאַרנומען. אָבער איך וועל אומזיסט פון דאַנען נישט אָפּטרעטן. עס וועט אייך קאָסטן.

— מיר שטיצן זיך נישט אויף דער הילף פונעם „מיליקאָ" — האָט שלום ווי פאַרשולדיקט און באַליידיקט צוגלייך זיך אָפּגערופן — מיר זענען געקומען אַהער ווייל מען האָט אונדז צוגעזאָגט באַדן צו באַזעצן זיך. מיר האָבן נישט געוווּסט, אַז דאָס איז אויף עמיצנס חשבון. אויב עס גייט אין געלט וועלן מיר זיך אויסגלייכן.

— געלט איז היינט פריער פאַר כבוד — האָט דער גאַוטש ביטערלעך

פילאָזאָפירט — אויך דאָס איז איינגעפּירט געוואָרן פון די אויסלענדער. מיר האָבן אַמאָל אַנדערש געהאַנדלט...

ער איז גערעכט געווען דער ריטער פונעם סטעפּ. אָבער ער האָט שוין געוווּסט די חכמה ווי אַנצוכאַפּן זיך אָן די פּאָלעס פון די נייע ווינטן. זיינע אָפּנהאַרציקע רייד האָבן, טראָץ זייער ביטערקייט, געוועקט צוטרוי און שלום האָט געוווּסט, אַז אין עטלעכע מינוטן אַרום וועט ער קאָנען ברענגען אינעם לאַגער פון זיינע חברים די בשורה וועגן דער מעגלעכקייט צו באַזעצן זיך אין דער געגנט. ער האָט נאָך אַ מאָל באַטראַכט דעם אַלטן גאַוטש און געוואָלט געפינען עפּעס אַן ענלעכקייט צווישן אים און יענעם קריאָזשאָ־טיפּ, זייער שכן כואַן קאַסטראָ, וואָס האָט תמיד אַרויסגערופן אַכטונג און געמאָנט דיסטאַנץ. ווי אַנדערש איז אָבער אָט דער עקזעמפּלאַר וואָס שטייט פאַר אים פון יענעם פּאַטריאַרך מיט זיין איינגעהאַלטענער פייערלעכקייט.

און שוין געפינענדיק זיך אין פּלאָנטער פון רמזים און פאַרהאַנדלונגען האָט אים שלום אַ פרעג געטאָן:

— האָט איר שוין ווען עס איז אָפּגעטראָטן אייער באָדן אין אָט דער געגנט, נו, פאַר געלט, פאַרשטייט זיך?

— זיכער, מיין פריינד! — האָט ער אים צוגעטראָגן נאָך אַ מאַטע — טרינקט נאָך, וואָס, שוין? אַ קנאַפּער אַמאַרגאָ־טרינקער, ווי אַ גרינגאָ זעט איר אויס... יאָ, עס זענען געקומען אַהער צוריק מיט אַ פּאָר יאָר עטלעכע פאַמיליעס, ווי גרינגאָס האָבן זיי אויסגעזען. כ'ווייס נישט, צי פּאָרטעניאָס (שטאָטישע), אָדער גלייך פון דער שיף. סיי ווי דאָס קריאָזשע לשון האָט זיך זיי געפּלאָנטערט ווי אַ זשאַבע אויפן צונג... מען האָט געזאָגט, אַז דאָס זענען „רוסאָס", אַז זיי גלייבן אין חזירישן קאָפּ, ווייל פאַר אַלע געלטער האָבן זיי פונעם „פּוערקאָ" נישט געוואָלט פאַרזוכן...

— אַזוי, אַזוי? — שלום האָט דערדריקט זיין אויפרעגונג — און איר האָט זיי טאַקע דעם באָדן אָפּגעטראָטן? פאַר געלט פאַרשטייט זיך... און ווו זענען אָט די „רוסאָס" אַהינגעקומען?

— הו! אַ פּאָר האָבן באַלד פאַרלאָזט, נישט געקאָנט זיך צופּאַסן צו דער היץ און צו די ווילדע חיות אין די וועלדער. אפשר אויך צו אונדז נישט געקלעפּט זיך. אָבער עטלעכע פון זיי זענען גאַנץ בראַווע. זיי זיצן נאָך היינט אויפן פעלד. אויב איר וועט זיך ווענדן מער צו מערב־זייט,

ביים קרייצוועג, פירט איין שליאַך אין שטעטל טשונגאַלעס, אַ דרייסיק לעגוואַס אַי פּיקאַ פון שטעטל געפינען זיך זייערע „טשאַסאַס“ (נידעריקע הייזלעך). זיי האַקן האָלץ און פירן עס אין שטעטל. איצט באַשעפטיקן זיי זיך מיט אַ ביסל וואַטע־קולטיוו.

שלום האָט די אַנטפלעקונג אָנגענומען מיט איינגעהאַלטענער אויפ־רעגונג. דער געדאַנק, אַז שוין פאַר זיי געפינט זיך דאָ אַ גרופּע יידישע ערד־אַרבעטער, אייגנטלעך וואַלד־אַרבעטער, האָט אים אויפגערודערט. דאָס הייסט, אַז זייער פּיאָנערישקייט איז איצט פון אַ צווייטער קאַטעגאָריע. זיי, די געפּלאַנטע איינגעמער פון ווייטן צפון, זענען גאָר פאַרשפּעטיקטע פּאַסאַזשירן. לאַנג זיצן האָט ער שוין נישט געקאָנט ביים אַלטן גאַוטש. ער האָט זיך מיט אים און זיין הויזגעזינד צעזעגנט און צוגעזאָגט, אַז צומאָרגנס וועט ער אַהערברענגען זיינע חברים אויף אַ וויזיט, נאָך דעם ווי זיי וועלן זיך אַ ביסל איינאָרדענען אויפן נייעם פּלאַץ. די דערוואַקסענע קינדער, אָפּגעברענטע און באָרוועסע, און די אַלטע פרוי מיט אַן אָנגע־צויגן פּנים האָבן אים נאָכגעקוקט ביז ער איז אַרויס פון דער שמאָלער טיר און זיך דערווייטערט פון ראַנטשאָ. די הינט האָבן זיך ווידער אַ מאָל אָפּגעריסן אויפן פרעמדן און לאַנג נאָכגעבילט דאָס אַוועקגאַלאָפּירנדיקע פערד ביז עס איז פאַרשוואונדן צווישן די שיטערע קוסטעס אַנטקעגן דער אונטערגייענדיקער זון.

אויפן וועג האָט ער נאָכגעטראַכט: — ווי מאָדנע ענלעך איז מיין גורל צו דעם פון מיין פאָטער. ער, דער טאַטע, האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק זיך פאַרמאָסטן איינצונעמען אַ וויסטע און זיך אָנגעטראָפן אויפן אַלטן דאָן־כואַן קאַסטראָ. אויך יענער, ווי אַן אַליינהערשער איבער גרויסע ווילדע שטחים, האָט מורא געהאַט, אַז מיטן אָנקומען פון דער נייער משפחה וועט ער די שליטה פאַרלירן איבער די גרויסע פּאַשעפּעלדער. אָבער מיט זיין געשטעל, מיט זיין אופן פון אויפנעמען די געשעענישן, האָט ער געוווסט איינצוצוימען זיין צאָרן. זיכער האָט אויך יענער געפּלאָ־טערט, אַז דאָס באַזעצן די אַרומיקע קרומע בערגלעך און לאָנקעס וועט שטערן זיין פרייען באַוועגן זיך איבער די פעלדער, אָבער ער האָט נישט געמאָנט קיין אָפּצאָל. נישט שלום מאַכנדיק מיט די פאַקטן, האָט ער געהאַט די טראַדיציע פון זיין שטאַם נישט צו פאַרשאַכערן זיין כבוד. און דער נייער שכן זייערער?

ער האָט זיך איצט געזען אין דער זעלבער סיטואַציע ווי דער פֿאָטער זיינער אין יענע ערשטע טעג אויפֿן באָדן פֿון „די זיבן פּיילן״. עס איז אַ מין משפּחהדיקער גורל. אין וויַיטן דרום האָט דער פֿאָטער אַריינגע־שטעקט דעם פֿלאָקן פֿון ערשטן יידישן ביידל פֿאַר אַ נייעם יידישן ישוב, און דער זון קליַיבט זיך איצט אויסצולייגן דעם וועג פֿאַר אַ נייעם ישוב אין וועלדער פֿון טשאַקאָ. אמת, עמעצער האָט זיך געפֿעדערט און פֿאַרלאָפֿן דעם וועג, אָבער וואָס פֿאַר אַן אָפּקלאַנג האָט עס געהאַט אין עפֿנטלעכן לעבן דאָס באַזעצן זיך פֿון אַ פּאָר יידישע משפּחות ביים ראַנד פֿון די אוראַלטע וועלדער ? אַנטקעגן זשע דאָס גיין פֿון דער קליינער קאָלעקטיווער גרופּע האָט אָנגעשלאָגן טיפֿע כוואַליעס אין יידישן לעבן פֿון לאַנד און פֿון זייער הצלחה איז אָפּהענגיק דאָס נאָכפֿאָלגן פֿון הונדערטער אַנדערע.

און אין די ציַיטונגען וועט געשריבן ווערן, אַז צווישן די געציילטע גרונטלייגער פֿון דער נייער קאָלאָניע איז אויך געווען שלום ליפּמאַן, דער זון פֿון... און ערגעץ וועט אפשר אַ האַרץ אָנגעפֿילט ווערן מיט קנאה און אפשר גאָר מיט בענקשאַפֿט... אָבער ער איז וויַיט פֿון אַלעמען און קיין זאַך גייט אים נישט אָן... זיי וועלן דאָ אויסבעטן דעם בלענדנדיקן שליאַך פֿון וויַיסן גאָלד נישט נאָר פֿאַר זיך אַליין, אַ ניי קאַפּיטל וועט זיך אָנהייבן, און דווקא אָן דער הילף פֿון דער איינגעשפּאַרטער „געזעלשאַפֿט״, וואָס האָט איר האַנט נישט צוגעלייגט צום נייעם פּרווו.

ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט צום לאַגער איז שוין אַלץ געווען פֿאַרטיק. די ביידלעך זענען געשטאַנען, דער ריזיקער אָפּצוים־פּלאַץ פֿאַר די פֿערד איז שוין געווען אַרויסגעענדיקט, די דראָטן — אָנגעצויגענע אויף אויסגעהאַקטע שמעקנדיקע קעבראַטשאָ־דרענגלעך, און אַפֿילו אַ זייטל פֿון אַ געשאָכטן שאָף צוזאַמען מיט דער פֿעל האָט זיך שוין לאַנגזאַם גע־בראָטן ביים פֿייער.

ווען שלום האָט זיי דערציילט וועגן זיין באַגעגעניש מיטן אַלטן גאַוטש, וועגן זיינע פֿאָדערונגען און אויך וועגן די שפּורן פֿון יידישע קאָלאָניסטן אין דער געגנט, האָט מאָטקע זיך אָנגערופֿן:

— נו, וועט זיין מיט אַ ביסל וויניקער ראָמאַנטיק. זאָל זיין, אַז עמעצער פֿאַר אונדז האָט שוין דעם ערשטן פֿלאָקן אַריינגעהאַקט. דער עיקר איז דאָך ווער עס שלעפּט דער לעצטער אַרויס דעם קלין פֿונעם ביידל... דאָ שטעקט די גרויסע חכמה... און ווער וויס ? אפשר איז גם זו לטובה. מען

דערציילט, אַז ווען יהושע האָט איינגענומען דאָס לאַנד האָט ער שוין גע־טראָפן עברים אין הייליקן לאַנד, צי פאַרמינערט עס די גרויסקייט פון זיין ווערק ?...

— יעדנפאַלס, מאָרגן וועלן עטלעכע חברים פאָרן פאַרהאַנדלען מיטן גאַוטש וועגן אָפּדינגען ביי אים אַ שטיק פלאַץ. מיר וועלן אויך אָפּזוכן די פאַרלאָרענע „עשרת השבטים" אונדזערע...

צענטער קאַפּיטל

קראַצנדיק די ווונדן...

אַ געדריקטע שטילקייט האָט זיך צעלייגט איבער דער גרויסער קיך. דורך דער אָפענער טיר האָט דער שפּעטזומעדיקער אָוונט אַריינגעפּויזעט און אַהערגעבראַכט די ריחות פון די פעלדער און די פייכטקייט פון נאָכ־מיטאָגדיקן שלאָקסרעגן. די צעוויקטע ערד האָט געאָטעמט מיט פאַרפוילטן שטרוי און אַ געדיכטע פינצטערניש האָט איינגעהילט דעם הויף. פון דרויסן האָט זיך געטראָגן דאָס שטילע מרוקען און קרעכצן פון די זאַטע קי אין אָפּגעצוימטן „קאָרראַל" נאָך אַ טאָג פון שפּעדיקער פּאַשע.

ביים מאַטן אָפּשיין פון דער הענגענדיקער גאַזלאָמפּ האָט איצט ניאָמעס געזיכט אויסגעזען מיד און דערשלאָגן. איבער די אויגן האָבן די גרויסע און צעשויבערטע ברעמען, דורכגעשאָטענע מיט גרויע פעדעמלעך, אָנגע־וואָרפן אַ שווערן שאָטן. ער האָט אויסגעמיטן צו וואַרפן זיין בליק אין דער זייט ווו באַשקע איז געזעסן. אויף דער הילצערנער סאָפקע, איינגעבויגן אין זיך, האָט זי אויסגעזען ווי איר בינטל ביינער האַלט זיך צוזאַמען אין לאַנגן פאַסן־קלייד. זי האָט געקנאַקט די שפּיצן־פינגער און צייטנווייז אַריינגעטאָן איר פאַרשפּיצטע נאָז אין פייכטן פאַרטעך אַריין.

ניאָמע האָט זיך געפילט געערגערט און אומבאַקוועם פון אירע משונה־דיקע באַוועגונגען. איר האַלטונג האָט צערייצט זיין געמיט, אָבער מיט קיין וואָרט האָט ער נישט אויסגעגעבן וואָס עס קומט פאָר אין זיין נשמה. אויסגעבן זיך און אויסזאָגן וואָס אין דער נשמה טוט זיך אָפּ? די ליט־ווישע עקשנות איז אים שטענדיק בייגעשטאַנען ווי אַ פּאַנצער קעגן די גורל־קלעפּ. ער האָט אַפילו קיין בליק נישט געוואָרפן אין דער זייט פון זשאָמע קוריס, וואָס איז אַליין אויך געווען אויסגעטאָן פון זיין שטענ־

דיקער האַפּערדיקייט. זשאַמע האָט געקענט פאַרזינגען און פאַרגלעטן מיט אַן אַנעקדאָט און וויץ יעדע אומבאַקוועמע סיטואַציע אין דער משפּחה. פאַר דעם האָט מען אויף אים קיינמאָל קיין פאַראיבל נישט געהאַט. אָבער היינט האָט זיך זיין צונג נישט געלייגט צו אָפּצוּווענדן די געדריקטע שטימונג.

אין צווייטן צימער, אין דער „ספּאַלניע", איז אויף זיין בעטל געלעגן הערשל און געלייענט אַ בוך. דער דורכגאַנג איז געווען פאַרצויגן מיט אַ לייכטן פאַרהאַנג און איז איצט געווען האַלב אָפּגעשאַרט. עס איז שווער געווען צו דערגיין, צי הערשל לייענט באמת, אָדער ער האַלט דאָס אָפענע בוך פאַר זיינע אויגן, כדי נישט זיין געצוווּנגען צו כאַפּן אַ בליק אין דער קיך, ווו טאַטע־מאַמע גייען איין אין שטילע יסורים.

— נו, וואָס זאָגט איר צו דעם, זשאַמע? — האָט ניאָמע זיך אַנטשלאָסן איבערצורייסן דאָס שווייגן — ווען דער גורל וויל עמיצן שלאָגן, העלפט אַפילו נישט ווען מ'פאַרשפּאַרט אים אַלע וועגן... איובס צרות האָבן זיך אויף אונדז אַנגערוקט... איובס פּלאָגן...

באַשקע האָט באַגלייט זיינע ווערטער מיט אַ צעצויגן שלוכצן, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ קריי ווי פון אַ הייזעריקן האָן.

זשאַמע האָט זיך אויסגעדרייט און אָפּגעמאָסטן ביידן מיט אַ רואיקן בליק. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב דאָס אַלטע פּאָרפאָלק רעדן וועגן דעם אין זיין אָנוועזנהייט, ליגט אויף אים די פליכט אָפּצוהיטן יעדע פאַרשאַרפונג, צו שטיין אויף דער וואַך.

— נאָר נישט פאַרצווייפלען! צי איז שוין דער הימל צו דער ערד דערגאַנגען? איז שוין עק וועלט, חלילה? כל עוד הנשמה בקירבך, מאַכט טביה, איז פאַר ווייטער... אויב דער אויבערשטער העלפט און מען לעבט איבער אַלע „זאַכענישן און טרעפענישן", דערציילט מען עס נאָך אין פריידן, ווי דען? ווי זאָגט דער פּרק: פאַר אונדזערע צרות וועלן מיר נאָך דערלעבן יסורים... נעמט מיך אַליין — נישט קיין פריילעכע זאַכן האָבן זיך אויף מיין קאָפּ אָנגעקליבן, אָבער ווער האָט עס אַ זכרון פאַר דעם? ווער דאַרף עס געדענקען?

— ווי דורך אַן אָפּגעמאַכטן צייכן, האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אונדז, די צרות אונדזערע — האָט ניאָמע זיך געמאַכט נישט באַנעמען זשאַמעס לייכטן שפּאַסן — נאָך איידער מען האָט זיך אויסגעטשוכעט פון

איין קלאַפּ, האָט ווער געזאָרגט, אַז מיר זאָלן, חס־וחלילה, נישט צו פריי אָפּאָטעמען. אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט מאירס חתונה. אַן אַלטע מעשה, אָבער ווי קאָן מען עס פאַרגעסן?

— אוי וויי איז צו אונדז — האָט באַשקע אונטערגעכאַפּט — צוויי עופעלעך האָט זי אויף דער וועלט געבראַכט, ווי די ליכטיקע זון שיינען זיי, אָבער קיין וואָרט נישט. זיי מאַטערן זיך און מרוקען ווי קעלבעלעך, כדי עפּעס אַ צייכן אַרויסצוברענגען. אַ גאָטס רחמנות אויף זיי. אָט, נישט באַשערט אונדז צו הערן דאָס וואָרט „זיידע" אָדער „באָבע". וויי, וויי, צי וועלן מיר נאָך דערלעבן עס צו הערן?

— נאָר נישט געזינדיקט — האָט זשאַמע פאַרגעזעצט אָפּקילן זייער אויפרעגונג — עס וועלן איידך, ברוך־השם, נאָך אייניקלעך ווערן געבוירן. וואָס, נאָר אויף מאירן שטייט די וועלט? מען וועט אייך נאָך פאַרשרייען מיט „באָבע־זיידע" ביז דול צו ווערן.

— דאָס הויז וואַקלט זיך נאָך איידער עס איז אַרויסגעענדיקט גע־וואָרן — האָט ניאָמע געצויגן אין זיין טאָן. — שלומקע האָט זיך אַריינ־געגומען פייגעלעך אין מוח: קאָמונע, קאָלעקטיוו — אין ארץ־ישראל, אין די וויסטענישן פון טשאקא — אַבי נישט צו זיצן נעבן טאַטן. וואָס פאַראַ עוולה בין איך דאָ באַגאַנגען? מאיר זיצט אויף קעסט ביים שווער, שלום איז אַוועקגעפלויגן אַפילו אָן צו געזעגענען זיך.

דאָס בעטל אין צווייטן צימער האָט אַ לייכטן קרעכץ געטאָן, ווי עס זאָל זיך אַ שטילן איינמאָליקן בייזער טאָן. ניאָמע האָט עס אויפגעכאַפּט און געוואָרפן אַ בליק איבערן האַלב־אָפּגעדעקטן פאָרהאַנג. זיין קוק האָט זיך נאָך דעם באַגעגנט מיט באַשקעס אויגן. ער האָט אין זיי באַמערקט אַן אויפגעוואַכטן פאָרוואורף, פאַרבאַהאַלטענע פאַרשולדיקונגען וואָס באַווייזט זיך יעדעס מאָל בשעת עס לאָזט זיך אַראָפּ אַ צרה איבערן הויז.

— און איצט, איצט האָט זיך אַזאַ אומגליק אָנגערוקט אויף אונדז — האָט באַשקע נישט אויסגעהאַלטן און זיך אויפן קול צעכליפּעט.

— ווי אין אַ פאַרמאַכט שטייגעלע האָבן איך זיי, די טעכטערלעך געהאַלטן. די גאַנצע צייט פון אונדזער זיצן אין דער וויסטעניש האָב איך זיי פאַר אַ גוט אויג אָפּגעהיט: דער דייטשער שייגעץ זאָל זיך אַמאָל נישט אָפּרייסן, דעם אוקראַינער שענקער זאָל זיך נישט פאַרגלוסטן, פאַר אַ צופעליקן דורכגייער אין די נעכט... צום מחותן האָב איך זיי אָפּגעשיקט

און זיי ווייט פון אונדז געהאַלטן. און איצט, דווקא איצט, ווען אַ יידישער ישוב איז אויפגעשטעלט, און יידישע בחורים און מיידלעך קיין עין־הרע זענען פאַראַן לרוב, האָט זיך דער שטן פאַרקליבן און מאַכט אונדז צו שאַנד און צו שפּאָט...

— ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן אויף אַזאַ צרה — באַשקע האָט צעפּאָכעט אירע דאַרע און ביינערדיקע הענט — יידישע יונגעלייט גייען אויס נאָך אירע טריט. און זי — זיך פאַרקאָכט אינעם שגץ. און נאָך וואָס פאַראַ שגץ! אַ גוי בן גוי, געוואַקסן ווי אַ ווילדער דאָרן אין פעלד. רבונו של עולם!

דער קלאַפּ איז געקומען אומגעריכט פאַר אַלעמען.

נאָך אַ פּאָר יאָר פון אויפהאַלטן זיך, צוזאַמען מיט דער יינגערער רוזשקעלע, אין דער קאָלאָניע פון די „ליטוואַקעס", האָט זיך איצט מירעלע אומגעקערט אַהיים. זי איז דערווייל אויסגעוואַקסן און געוואָרן אַ שלאַנק אַנטוויקלט מיידל און איר לייכטע בלאָנדקייט האָט איר באַשאָנקען מיט אַ צוציענדיקן חן. דער צאָפּ האָר האָט זיך געפּאַליעט איבערן שמאָלן נאַקן און אַזאַ מין זיסער אומעט איז געלעגן אין איר בליק. זי איז געווען אַ פאַרחלומטע און אַן אָפּגעזונדערטע פון אַלע קאָלאָניע־יוגנטלעכע. זעלטן ווען ביי די צוזאַמענקונפטן אין די שטיבער פון די קאָלאָניסטן, ווען פאַרלעך האָבן זיך געדרייט אויף דער ערדענער פּאָדלאָגע ביים גריילצנדיקן געראויש פון גראַמאָפאָן, פלעגט מירעלע אַרויסגיין טאַנצן מיט אַ בחור. מיט איר שטילער טרוימערישקייט איז זי ענלעך געווען צו איר ברודער מאיר, אָבער נישט ווי מאיר, איז מירעלע באַשאָנקען געווען מיט שפּראָצנדיקן חן פון אַ רייפער פרוי. איר שלאַנקע פיגור און די קליין־צאַפּלדיקע ברוסטן האָבן געצויגן אַלעמענס בליקן. נישט ווייניק יונגעלייט האָבן געזוכט איר געזעלשאַפט און מיידלעך האָבן זיך געשושקעט וועגן איר מאָדנער האַלטונג, נישט באַנומען פאַרוואָס זי שטויסט אָפּ אַלע מעגלעכ־קייטן פון דערפאָלג. „משיחס געליבטע", האָט איר ווער באַצייכנט אין שפּאַס, אָבער איר ערנסטקייט האָט נישט צוגעלאָזן קיין אָפענעם חוזק. די מאַמע האָט טיילמאָל מורא געהאַט טאָמער וועט זי אַריינפאַלן אין אַ מרה־שחורה און זיך געבראָכן דעם קאָפּ וועגן דער סיבה פון מירעלעס האַלטונג.

און אַט איז געקומען אַ טאָג ווען די קאָלאָניע האָט צום ערשטן מאָל געפייערט דעם 25־טן מאַי, דעם טאָג ווען עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע רעוואָלוציע פון די איינגעבוירענע קעגן דער שפּאַנישער הערשאַפט. אין יענעם קילן האַרבסטטאָג האָט זיך קינד־און־קייט פאַרזאַמלט אויפן פרייען פעלד, דאָרט ווו די וועגן קרייצן זיך נעבן פלאַץ פאַר די שולע־געביידעס, וואָס מ׳האָט שוין אָנגעהויבן צו בויען. ווי געוויינלעך ביי אַזעלכע פייער־לעכקייטן, האָבן נישט געפעלט די גרויסע אַסאַדאָ־זייטלעך אויפן בראָטשפּיז. פענער האָבן געפלאַטערט און די שטעטלדיקע כּלי־זמר האָבן געשפּילט פּאַטריאָטישע מאַרשן און טאַנץ־מעלאָדיעס.

צו די פערד־געוועטן און די „סאָרטיכאַ"־שפּילן האָבן זיך אויך אָנגעשלאָסן די נישט־יידישע באַזוכער, וואָס זענען איינגעלאַדן געוואָרן פון די אַרומיקע עסטאַנסיעס און פּועסטעראָס. צווישן זיי איז אויך געקומען די קאַסטראָ־משפּחה און דער אונטערגעוואַקסענער זון, טיטאָ, האָט דאָס מאָל זיך אַרויסגעוויזן ווי דער פלינקסטער רייטער. ער האָט אַראָפּגעצויגן אין וויכערישן גאַלאָפּ דאָס רינגל ביים טויער מיט אַזאַ גאַלאַנטן דורכ־שווּבן, אַז ס׳האָט ממש פאַרבלענדט די אויגן.

דאָן קאַסטראָס יינגסטער זון איז אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַ ברייט־ביינער בחור און זיין עלעגאַנטער שטעל האָט געמאַכט אַן איינדרוק. ער איז געווען הויך, מיט עטוואָס אויפגעהויבענע אַקסלען, אייגן די אינדיאַנער אָפּשטאַמיקע. זיינע שוואַרצע אַראָפּגעהאַנגענע וואָנצעס האָבן צוגעדעקט די אויבערשטע דיקע ליפּ. מיט דער רעוועגקע אין האַנט און מיט זיין אָפּגעהיטן קריאָזשע אָנטאָן האָט ער אויסגעזען נישט ווי אַ געוויינלעכער פּי־טרייבער אָדער פּועסטעראָ, נאָר ווי אַ „מאָזשאָרדאָמאָ" (פאַרוואַלטער) פון אַ אימעניע.

דער פאָטער איז צופרידן געווען וואָס זיין זון האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ און נישט פאַרשעמט די ירושה־אייגנשאַפטן פון די גאַוטשאָס. מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגן און אַ פאַרקנייטשטן שטערן האָט ער נאָכגעפאָלגט דעם זון, וואָס איז געריטן ווי אַ פלינקער יאַגואַר. אונטערן רויש פון די אַפּלאָדיס־מענטן האָט ער אַ צי געטאָן דאָס פערד פאַר די לייצעס און איינגעגראָבן די שפּאָרן צווישן זיינע ריפּן. דאָס פערד האָט פאַרשטאַנען דעם מיין פונעם רייטער און אויפהייבנדיק די פאָדערשטע פיס קעגן הימל האָט עס מיט די הינטערשטע קאָפּיטעס באַרירט בלויז דעם באָדן. ווי אַ סטאַטוע איז

טיטאָ געהאָנגען אין דער לופט און באַגריסט דעם עולם, פּאָכנדיק מיט דער רעווענקע.

אונטער די קלאַנגען פון טאַנגאָס און ראַנטשעראָס האָט ער איינגעלאַדן מירעלען צום טאַנץ. ער האָט זי געדענקט פון יענע ערשטע יאָרן פון זייער באַזעצן זיך דאָ אין דער געגנט.ביים פּאַשען די קי און פערד איבער די פרייע פעלדער פלעגט ער זיך נישט איין מאָל דערנענטערן צום ראַנטשאָ פון דער יידישער משפחה, אַריבערקוקן פון אַ ווייטן בערגל אָדער פון אונטער אַ קוסט אַרויס און נישט געוואָגט צו דערנענטערן זיך צום הויף. ער געדענקט נאָך גוט יענעם הייסן נאָכמיטאָג ווען ער האָט דער ערשטער, ביים זוכן אַ פאַרלאָרענעם בוהיי, אַנטדעקט דעם לאַגער פון דער משפחה. ער געדענקט נאָד ביז היינט, ווי אַזוי דער פאָטער האָט זיך אויפגערעגט פון דער בשורה, און אים געגעבן אַ באַפעל אַנצוזאָטלען דעם „מאַלאַקאַראַ". דעם זעלבן פאַרנאַכט האָבן זיי דערגרייכט און באַזוכט דעם אָנהייב־לאַגער פון די „גרינגאָס"...

שפּעטער האָט ער דאָס בלאָנדע מיידל מער אין הויף נישט געזען. זי איז פאַרשוווּנדן ווי אַ מיראַזש אין דער הייסער לופט. עס האָט נישט געהאָלפן זיין שטיין שעהן לאַנג הינטער אַ קוסט און וואַרטן אויף איר. אַליין האָט זיך אין הויף באַוועגט, אָבער דאָס מיידל מיט די ווייצן־צעפּ איז מער נישט געווען. יאָרן זענען פאַרביי און ער האָט זיך ווי אין גאַנצן אויסגעטאָן פון איר אַמאָליקער דערשיינונג. די פרייע נאָכמיטאָג־שעהן אין די זונטיק־טעג האָט ער פאַרבראַכט אין דער „פּולפּעריאַ" פון דער באַן־סטאַנציע, ווו מ׳האָט געשפּילט אין קאָרטן אָדער אין „באָטשאָס" (אייזערנע פּילקעס וואָס מ׳שלאָגט זיין אָן ווי אַ ביליאַרד אויפן באָדן).

איצט, ווען נאָך „פּאַראַסטעראָס" (פרעמדע) זענען געקומען זיך באַזעצן, איז זי צוריקגעקומען. דערווייל איז זי רייף געוואָרן און ער — מער ערנסט און מענלעך־באַזאַכט. די גיטאַרע איז געוואָרן, נאָכן פערד און די כאָפּטע „גאַלגאַ" (דינבייכיקע און לאַנגפיסיקע הינט), זיין שטענדיקע באַגלייטערין.

איצט האַלט ער זי פאַר דער טאַליע. זיינע הענט באַרירן דאָס סאַמעט־געוואַנט פון איר רוישנדיק קליידל און אויך די שפּיצפינגער פון איר רעכטער האַנט. זיי באַוועגן זיך ביידע צום טאַקט פון דער מוזיק און די יידישע באַזוכער קוקן נאָך מיט פאַרוווּנדערונג אירע באַוועגונגען; ווי און ווו האָט זי זיך אויסגעלערנט אַזוי ריטמיש און נאַטירלעך צו טאַנצן

די היגע טענץ? דער טאַנץ־נומער האָט זיך געענדיקט און די פּאָרלעך פּאַטשן בראַוואָ. טיטאָ האָט איר צוגעטראָגן אַ שטיק טריפנדיק געבו־אָטנס און אַ קענדל וויין. דער קאָפּ האָט זיך איר פאַרדרייט און איר פּנים האָט געפלאַמט. זייער שמועס איז פאַרפלאָכטן געוואָרן מיט הילכיקן געלעכטער און דערוועקט די נייגעריקע פאַרוווּנדערונג ביי די יידישע יונגע מענטשן, וואָס זענען נישט געוווינט געוועזן צו זען מירעלען אַזוי האָפּערדיק און מיט אַזאַ צעבונדענער צונג.

טיטאָ האָט געזונגען זיינע „פּאַזשאַדאָס" (אימפּראָוויזירטע לידער) מיט מעלאָדישער האַרציקייט, וואָס האָט אָנגעטראָגן אַ בענקשאַפט נאָכן ווייטן אומבאַקאַנטן סטעפּ. זיין מוזיקאַלישקייט האָט ער געירשנט פון דער פאַרשטאַרבענער מוטער, וואָס האָט אָפּגעשטאַמט פון איירָאָפּעער און וואָס דער פאָטער האָט זי אין איינער אַ נאַכט אַרויסגעטראָגן אויף די שטאַרקע אָרעמס זיינע און אַוועקגאַלאָפּירט מיט איר אין סטעפּ. אַ בילד האָט ער אַמאָל געזען צווישן אירע פּאַפּירן, ווו זי שטייט נעבן דער אָפּע־נער פּיאַנע, מיט אַ פאַרצויגענעם קראַגן, מיט די לאַנגע פינגער אויפן אינסטרומענט. וואָס האָבן די דאָזיקע הענט נאָך דעם נישט אויסגעטראָגן אויף צו דערהאַלטן די שטוב מיט קינדער און באַדינען דעם פאָטער! אָבער די פעיקייט צוזאַמענצושטעלן אויפן אָרט גראַמען און גלייכ־ווערטלעך, אַריינצוזאָגן אין פינטל און דערלאַנגען אין דער זיבעטער ריפּ האָט ער איבערגענומען פון דעם פאָטער, פון דאָן כואַן קאַסטראָ.

איצט איז דער פאַרמעסט אָנגעגאַנגען צווישן טיטאָן און צווישן דעם פּאַטענטירטן גראַמען־פלעכטער פון דער קאָלאָניע. יעדער האָט עס געטאָן אויף זיין שטייגער, מיט זיין באַזונדערן חן. אין דער צייט ווען טיטאָ האָט גערימפּלט אויף דער גיטאַרע און זיין בליק איז געווען צוגעשמידט צו די אייגענע טאַנצנדיקע פינגער אויף די סטרונעס און כמעט נישט געזען די אַרומיקע, האָט יענער פאַרוואָרפן דעם קאָפּ הינטערוויילעכץ, ווי באַטראַכ־טנדיק דעם הימל־צודעק איבערן קאָפּ, די אויגן האַלב־צוגעמאַכט, געשאָטן די גראַמען מיט אַ יידישן חן, בייסיק און טרעפלעך, און באַגלייט זיך אַליין אויף אַ מאַנדאָלינע מיט חסידישע ניגונים.

מירעלע האָט צום סוף געפרעגט טיטאָן:

— צי האָט איר ווען עס איז געפּרווּוט אָנשרייבן אייערע „קאָפּלאַס" (געזאַנגען) אויפן פּאַפּיר?

נײַן, ער קען נישט שרײַבן, ער האָט קײן שולע קײנמאָל נישט באַזוכט. דער פֿאָטער האָט אַלע יאָרן זיך קעגנגעשטעלט, אַז זײ זאָלן פֿאָרן איבער ווײַטע שטרעקעס לערנען. ער האָט געזאָגט: צווישן די אויפֿגעקלערטע און געלערנטע זענען פֿאַראַן צופֿיל כיטרע אָפּנאַרערס. דער עיקר איז די גערעכטיקײט און דאָס יושר־געפֿיל. דאָס איז די טראַדיציע פֿון די אָבות אונדזערע...

— אַזוי? דאָס איז באמת שײן! אָבער צי וואָלט ער איצט, ווען ער קומט אין באַרירונג מיט מענטשן, וואָס קענען לײענען און שרײַבן, נישט געוואָלט זיך עפּעס צולערנען?

— אין זײַן עלטער? ווער וועט אים לערנען? מען וועט דאָך לאַכן פֿון אים. די ווילדע לאַשיקעס וועט ער סײ ווי קאָנען טרײַבן פֿון די וועלדער...

אָן צו זשענירן זיך האָט זי אים פֿאָרגעלײגט:

— איך בין גרײט אײַך צו לערנען. קומט צו פֿאָרן צו אונדז אײן מאָל אין וואָך און איך וועל אײַך געבן די ערשטע לעקציעס פֿון שרײַבן און לײענען. נאָך דעם וועט איר שוין אַלײן זיך אַרויפֿדראַפּען. אָט, וועל איך אײַך אָוועקשענקען דאָס שײנע לערן־ביכל פֿון וועלכן איך אַלײן האָב מײַן שפּאַניש געלערנט. „סעניאָריטאַ ראַקעל" הײסט דאָס ביכל. פֿאַראַן דאָרט שײנע מעשהלעך און לידער.

וואָס אָן אמת זענען די עלטערן נישט געווען גאָר אָנטציקט פֿון טיטאָס באַזוכן אין זײער הויז. אין אָנהײב האָבן זײ עס אָנגענומען ווי אַ קינדערישן קאַפּריז. זי פֿלעגט זיצן מיט אים בײַם טיש, אײַנקנעלן די שפּאַנישע ווערטער און פֿאַרצײכענען די קײלעכדיקע אותיות אין אַ געקעס־טלטן העפֿט. ניאָמע האָט ממש געגאַפֿט: זײַן טאָכטער, די כמעט נאָך גרינע אין לאַנד, קנעלט אײן מיטן הי־געבוירענעם און זינט דורות אָפּשטאַמיקן פֿון די פּאַמפּאַס, לײענען און שרײַבן די לאַנדשפּראַך! עס איז אים באַזונ־דערס שווער געווען צו באַנעמען די שריפֿט צוליב דער אַנדערשדיקײט פֿון דעם קאַסטילישן לשון אין זײַן מויל. די אײַנגעבוירענע האָבן אַבסאָלוט געענדערט דעם קלאַנג און דעם אויסדרוק פֿון דער שפּראַך. דאָס אויס־צולײגן אויפֿן פּאַפּיר לויט די גראַמאַטישע כללים איז פֿאַר אים געווען אַן אָפּקומעניש.

נאָך דער לעקציע האָט טיטאָ זיך נישט געאײלט אָפּצוטרײטן אַהײם. ער

פלעגט זיך זעצן אויף דער ערדענער פּאָדלאָגע און מיט דער גיטאַרע אין האַנט אויסשפּילן און אויסזינגען זיינע אימפּראָוויזאַציעס. דער ברייטער פּילצענער הוט מיט די אויפגעהויבענע ראַנדן איז געווען פאַרוואָרפן איבער דער שוואַרצער טשופּרינע און זיין בליק האָט זיך איינגעשטאָכן אין די ווייטע בלויליכע בערגלעך. מירעלע פלעגט אים באַטראַכטן זיצנדיק אויף דעם שטרויענעם בענקל און אָן ווערטער אויפנעמען די נאָגנדיקע טענער. אין אַזעלכע מאָמענטן איז זי ווייט געווען פון דאַנען, אויף מיילן ווייט.

איין מאָל האָט טיטאָ, נאָכן אויסטשוכען זיך פון זיין שפּילן און זינגענדיק ווי זי, מירעלע, קוקט ערגעץ ווייט און זעט גאָרנישט — ראַפּטעם אָנגעכאַפּט איר האַנט און מיט די פולע ליפּן אַ קוש געטאָן אירע שפּיץ־פינגער. זי האָט דערפילט די היץ וואָס איז אַריבער איבער איר הויט און אָנגעשלאָגן אין אירע בלוטן. דער לייכטער קיצל פון זיינע נאָכהענגנדיקע וואָנצעס האָט זי דורכגעריזלט מיט אַ פרעמדן ציטער. זי האָט אַן אויפגעטרייסלטע אַ כאַפּ געטאָן די האַנט אויף צוריק און אַנטלאָפן אין צווייטן צימער. ער האָט איר נאָכגעקוקט מיט זיינע הייסע און פאַרלאָרענע אויגן און געמורמלט:

— פּאַרדאָן, סעניאָריטאַ! איך... איך האָב גאָרנישט געמיינט... באמת גאָרנישט געמיינט... און קיינער האָט דאָך גאָרנישט באַמערקט...

ווי אַ פאַרשולדיקטער איז ער אַוועק און האָט זיך אַ לאַנגע צייט נישט באַוויזן. אָבער פאַרגעסן האָט ער זי נישט. פון דער ווייטנס, צווישן די קוסטעס אין פעלד, האָט ער לאַנג איר נאָכגעשפּירט און געזוכט אַ געלעגנהייט זי צו באַגעגענען. די נאָענטע שכנים האָבן שוין באַוויזן זיך אָנצושטויסן וואָס דאָ קומט פאָר און מיט אַן אומשולדיקער הנאה האָט עמעצער צוגעטראָגן אויפן אויער פון ניאָמען און באַשקען ווענן די אָפטע טרעפונגען צווישן זייער אונטערגעוואַקסן טעכטערל מיטן שוואַרצן „פונדיק" ערגעץ אויפן פאַשעפּעלד ביים עק פון דער לאַגונאַ אָדער רייטנדיק צוזאַמען צווישן די קוסטעס פון דאָן קאַסטראָס פעלדער.

און ווען ניאָמע האָט אַ מאָל געפּרווט אין איינגעהאַלטענער אויפרעגונג פאַרפירן אַ שמועס מיט דער טאָכטער און געבעטן אַן אויפקלערונג וועגן אירע געגנג, האָט ער טיף אין האַרצן געוואַרט אויף אַן אַפּלייקענען. ער האָט געוואָלט זען אין אירע אויגן דעם צייכן פון כעס און באַליידיקונג.

זי איז אָבער געבליבן רואיק, אַפילו קיין רויטקייט האָט זיך נישט באַוויזן אויף איר פּנים. ווי נישט איר מיינענדיק האָט זי זיך אָנגערופן:

— איז וואָס? מ׳טאָר שוין נישט אויסרעדן קיין וואָרט מיט איינעם וואָס איז נישט אברהם אבינוס קיין אייניקל? אין אַזאַ צוריקגעשטאַנענער וועלט לעבן מיר נאָך.

— אָבער מען דערציילט... לייטיש געלעכטער מאַכסטו דאָך פון אונדז...

— לייטיש געלעכטער? וועמען גייט עס אָן? וועמען איז עס אָנגע־גאַנגען דעמאָלט ווען די דאַמע פון דער עסטאַנסיע פלעגט אַלע וואָך קומען באַזוכן אונדזער כאַטע און פאַרברענגען מיט הערשלען? ער מעג און איך טאָר נישט? צי דערפאַר, ווייל ער איז אַ בחור און איך אַ מיידל? צי דערפאַר, ווייל זי איז געווען אַן אַריסטאָקראַטקע און ער, טיטאַ, איז געבוירן ביי אַן אָרעמען גאַוטש? וואָס פאַרא פאַרברעכן באַגיי איך?

— אָבער דו ווייסט דאָך אַליין צו וואָס די זאַך קאָן דערפירן — האָט ניאָמע געוואָלט אויסשפּילן זיין פאַרדאַכט ביזן סוף.

זי האָט אויף דעם נישט געענטפערט, ווי אויסמיידנדיק צו ווערן צוגעדריקט צו דער וואַנט.

— די גאַנצע קאָלאָניע רעדט שוין וועגן דעם! צי קאָנסטו נישט אַפילו אָפּלייקענען וואָס פרעמדע צינגער זאָגן?

— און ווען עס איז אפילו אמת, איז וואָס? — האָט זי כמעט טראָציק אויסגערופן — עס פּאַסט זיי נישט דער יחוס? טיטאַ האָט אַ גוטן קאָפּ. ער זאָגט, אַז ער איז גרייט צוליב מיר אַפילו לערנען די געוווינהייטן פון די „רוסאָס"...

דאָס איז געווען אַ שווערער און אַן אומגעריכטער קלאַפּ. אים איז איינגעפאַלן אַ מאָדנער און ווילדער געדאַנק, אַ געדאַנק, וואָס ער האָט ווי אַ בת־קול געהערט אַרויסשרייען פון זיינע אייגענע טיפענישן:

„ווי אַ פרעמדער דעראָבערער ביסטו געקומען אַהער, ייִד, און אַרויסגעריסן די פעלדער ביי די ריכטיקע באַלעבאַטים, נאָך פון די טעג ווען זייערע אורעלטערן, די אינדיאַנער, האָבן דאָ געוועלטיקט. האָסט זיך נישט גערעכנט מיט זייערע געפילן — איצט האָט די השגחה זיך פאַרנומען נוקם צו זיין פאַר אָט דער עוולה. פאַרן בתולה־באָדן וואָס ווערט פון זיי

אַרויסגעריסן וועט דיין בתולה־מיידל אַרויסגעשלעפּט ווערן פון דיין משפּחה־שויס״...

דער אופן ווי אַזוי מירעלע האָט רעאַגירט אויף זיינע פראַגן און תחנונים האָט קלאָר געוויזן, אַז נישט נאָר פון טיטאָס זייט האָט דער פרעמדער פּלאַם אויפגעפלאַקערט, נאָר אויך, אַז זי איז פאַרכאַפּט פון ליבע צום יונגן גאָוטש.

דעם אָוונט האָבן ניאָמע און באַשקע ווי אָפּגערעדט זיך אויפצודעקן די ווונדן. כל זמן יעדער פון זיי האָט געטראָגן די שווערע געפילן אין זיך און בלויז די כמורנעקייט אויף די געזיכטער האָט דערציילט וועגן אינערלעכע יסורים, האָט דער שטורעם זיך געגעסטיקט ביי יעדן אין האַרצן, אָבער אין דעם אָוונט איז געקומען דער אויסברוך.

רוזשקע איז דעם אָוונט אַוועק אויף אַ רעפּעטיציע פון דראַמאַטישן קרייז, וואָס האָט צוגעגרייט, מיט דער הילף פונעם שטעטלדיקן פרי־קאַזטשיק, יעקב גאָרדינס אַ פּיעסע. מירעלע האָט זיך אַריינגעכאַפּט צו אַ נאָענטן שכן, כדי צוצושניידן ביי אַ חברטע אַ נייעם מאָדעל פאַר אַ קליידל. די אָנוועזנהייט פון הערשלען אין זייטיקן צימער האָט גאַרנישט געשטערט זייער אָפּענעם געשפּרעך און אויך זשאַמעס באַטייליקן זיך אין אים האָט אויסגעזען נאַטירלעך.

נאָך די ערשטע טענות איז געבליבן אַ געדריקטע לייזיקייט. די האַלב־באַלויכטענע קיך האָט זיך געטונקען אין די אָנרוקנדיקע שאָטנס. אין ווינקל האָט אַ גריל אומאויפהערלעך געצויגן זיין זעגנדיקן ניגון און אונטער דער הילצערנער סאָפּקע האָבן קליינע הינדעלעך, נאָר וואָס אויסגעפּיקטע פון שאָלעכץ, זיך געטוליעט אונטער דער וואַרעמקייט פון די קוואָקע־פעדערן און רחמנותדיק געפּישטשעט.

— אפשר זאָל מען כאַפּן אַ שמועס מיט אים... בעטן אים, אַז ער זאָל זיך פון איר אָפּטשעפּען — האָט באַשקע איבערגעריסן די שטילקייט.

— נאַרישקייטן! — האָט זשאַמע אַנטשלאָסן אָפּגעוואָרפן אַזאַ מעג־לעכקייט — אַזאַ מין שפּראַך פאַרשטייען זיי גאַרנישט, די פּונדיקעס. בעטן רחמנות? דאָס רייצט זיי אויף און פאַרקלענערט אין זייערע אויגן דעם כבוד פון מענטשן. יעדער דאַרף אויסקעמפן זיין רעכט און זיין פאַרלאַנג... פאַרלאָזט זיך, איך קען זיי אויסגעבונדן...

— איז... לאָמיר זאָגן... מיר וועלן מירעלען אויף אַ צייט אָפּשיקן

ערגעץ ווו. זאָל עס זיין אין דער קאָלאָניע פון די „ליטוואַקעס“ אָדער... אפילו צו מיינע קרובים אין בוענאָס איירעס. איך וואָלט זיי געשריבן. בחורים זענען דאָרט פאַראַן... אפשר וועט עס אונדז געלינגען — ניאָמע האָט אין איין אָטעם געוואָלט אַרומנעמען אַלע מעגלעכע לייזונגען.

זשאַמע האָט געוווסט, אַז מען וואַרט אויף זיין תשובה. ער איז, וואָס אַן אמת, אַ זייטיקער אין אָט דעם ענין, אָבער אַלס אַזעלכער קאָן ער אַן אויפרעגונג באַטראַכטן יעדע מעגלעכקייט, און מיט מער קלאָרקייט.

— אפשר איז דאָס פון מיין זייט צו געוואָגט. איך וואָלט עס זיכער נישט אַרויסגעבראַכט. איך בין אָבער אויך שווער געפּרווווט געוואָרן — האָט זשאַמע זיך אַנטשלאָסן — מען דאַרף די זאַכן נעמען ווי זיי קומען. זעט נאָר, זעט! מיר ווילן פאַר יעדן פּרייז אַרויס פון געטאָ און לעבן ווי פרייע צווישן פרייע, מיט אַלע מענטשן גלייך, און אָט, ווען מיר שטויסן זיך אָן אין די ערשטע זאַכן, וואָס זענען אונדז נישט צום האַרצן און נישט ווי מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט, שרייען מיר געוואַלד. ממה נפשך, אָדער מיר דאַרפן זיצן פאַררוקט הינטער דער אייגענער וואַנט און זיך אויסקאָכן אין אונדזער אייגענעם ראָסל, אָדער אויפנעמען די גוטע און שלעכטע זייטן פון דער פרייער און אָפענער וועלט.

— דאָס מיינט, מיין פריינד — האָט ניאָמע געשאָקלט לייכט מיט זיין קורץ גרויען בערדל — אויב עס איז אונדז באַשערט צו זיצן צווישן די גויים, דאַרפן מיר באהבה אויפנעמען אַלע צרות?

— און מיט אַלע גוטע זאַכן וואָס די נייע וועלט איז גרייט אונדז געבן — האָט הערשל זיך באַוויזן אין ראַם פון דער אָפענער טיר. זיין פיגור האָט אויסגעפילט דעם דורכגאַנג — ווער עס גייט רייסן רויזן, דאַרף זיין אויס־געשטעלט אויף שטעכלקעס...

— מוחל זייער האָניק און מוחל זייער גיפט — האָט באַשקע זיך אַריינ־געמישט און כמעט ווי אַ געשריי געטאָן — זאָל מען אונדז לאָזן לעבן ווי מיר זענען געוווינט געוועזן ביז אַהער: יידן צווישן יידן און גויים, להבדיל, צווישן זיך...

— דאָס איז שוין נישט מעגלעך, סערדצע לעבן — האָט זשאַמע אָפּגע־שלאָגן — עס זענען שוין פאַרביי יענע טעג ווען די וועלט איז זיך געפלאָסן ווי אַ ים באַזונדער, און מיר ווי אַ טייך באַזונדער. אָט, ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך פון די גאָר קליינע מענטשעלעך. ווי האָט איר אויף מיר

געקוקט, סערדצע לעבן? ווי אויף אַ שלעפּער אַ בראָדיאַגע, אַן קינד און אָן רינד, עפּעס אַ וואַנדער־פויגל, וואָס קאָן קיין נעסט נישט אויסבריען. נישט אַזוי? פאַרוואָס האָב איך זיך גענומען צום האַרצן אייער נייעם פּאַרפּאַל? ווייל אויך איך האָב געפילט דעם עול פון אַ שווערער איבער־לעבונג. און אויב איר ווילט טאַקע, איז איצט געקומען די ריכטיקע צייט אייך אויפדעקן מיין פאַרגאַנגענהייט. איר וועט זיך איבערצייגן, אַז מיין „פּאָלאָזשעניע" אי נישט אַזאַ ווי זי ווייזט זיך פון מיינע וויצן... און ווי זאָגט דאָרט רש"י „צרות רבים — חצי נחמה"... אויב עס שטייט נישט, דאַרף מען עס אַריינשטעלן...

— נו, נו — האָט ניאָמע כמעט ווי אונטערגעיאָגט, — לאָמיר הערן.

זשאָמע איז אַ רגע געזעסן אַן איינגעצויגענער אין זיך, אָבער באַלד האָט ער אַ רייב געטאָן מיט דער דלאָניע איבערן געזיכט, ווי ער וואָלט דערפילט די מעלאַנכאָליע אויף זיין הויט און זיך אָנגערופן:

— נו, איך וועל דערציילן... וואָס אַרט מיך, אַז איר וועט אויך וויסן? אָבער זעט נאָר, אַז אויפן טיש זאָל נישט פעלן דאָס פלעשל בראָנפן באַוווירצט מיט נעגעלעך... און דער טשייניק זאָל זידן, און די טיי אין גלאָז זאָל שפּיגלען... יאָ, ס'איז כדאי צוצוגיסן אין דער לאָמפּ נאָך אַ ביסל נאַפט. ס'איז אַ לאַנגע מעשה... און איבערהאַקן אַזוי זיך אין דער מיט — דאָס האָב איך נישט גערן. נו, לחיים! ווער זאָגט עס, אַז דאָס לעבן איז ביטער? ווער זאָגט עס, אַז בראָנפן איז אַ ביטערער טראָפּן? הערשל! וואָס שטייסטו פון דער זייט? זיץ און כאַפּ אַ טרונק. עס איז אַ לאַנגע מעשה. זי הייבט זיך אָן גאַנץ פריילעך, אָבער אָן אַ יידישן מלך...

עלפטער קאַפּיטל

שליאַכן אונטער גאָטס הימל

אין יענע ערשטע יאָרן, נאָך פֿאַר דער באַזעצונג פֿון יידן אויף ערד אין אָט די ברייטע סטעפּעס, האָבן די אָנקומענדיקע קאָלאָניסטן אַליין נישט געוווּסט אויף קלאָר אין וועלכע געביטן זיי וועלן אָנשפּאַרן. דאָ און דאָרט האָבן שוין אַ פּאָר גרופּקעס זיך געוואָלגערט אין פּאַלאַטקעס אָדער אין איינגעפּאַלענע שייערן, אָבער די וואָס זענען נאָך געזעסן אין אימיגראַנטן־הויז האָבן געקוקט אויפֿן מאָרגן ווי אויף אַ שווערער רעטעניש און די הערצער האָבן זיך געצאַפּלט ביי יעדן קלאַנג, וואָס איז דערגאַנגען צו די אויערן.

דערפֿאַר האָבן זיי זיך באַצויגן מיט אומגלויבן געמישט מיט פּחד צו דער בשורה פֿונעם באַראָן. דאָס איז געווען אַ מאָדנע און נישט־פֿאַר־שטענדלעכע מעלדונג, אפשר אַ באַפֿעל, אָבער אין די געשאַפּענע באַדינ־גונגען איז דאָס נישט געווען קיין אונטערשייד. סיי ווי זענען זיי, זיצנדיק אויף די קלומיקעס אין אימיגראַנטן־הויז, געווען אויסגעשטעלט צו אַלע קאַפּריזן און גוטע איינפֿאַלן פֿון באַראָן און זיינע פֿאַרטרעטער.

די הונדערטער קאַנדידאַטן האָבן די בשורה אויפֿגענומען, ווי מענטשן וואָס זענען אויסגעוואָרצלט און אויסגעשטעלט צו יענעמס חסד, מיט קעגנזעצלעכע אָפּרופֿן:

— איצט איז די זאַך קלאָר: אָנשטאָט אויף ערד, פֿאַרשיקט מען אונדז ערגעץ אויף קאַטאָרגע און אפשר גאָר וועט מען אונדז פֿאַרקויפֿן פֿאַר שקלאַפֿן...

— יאָ, פֿאַר שקלאַפֿן! אָבער פֿאַר דעם וועט מען אונדז דאָס לייב אויסברענען מיט אַ גליענדיקער מאַרקע, מיר זאָלן געהערן צום קויפֿער אויף שטענדיק...

— הערט אויף, פלאַפּלערס! איר קאָנט נישט אויפנעמען די זאַכן מיטן גראָדן שכל? שטענדיק מוז מען אַלץ אויסטייטשן צום שלעכטן?

— גערעכט! מען מוז האָבן צוטרוי. און וואָס האָבן מיר צו פאַר־לירן? ביז אַהער האָבן מיר זיך געלאָזט פירן ווי סקאָט, איז איצט וועלן מיר זיך צעבונטעווען?...

כמעט אַלע האָבן פונדעסטוועגן איינגעוויליקט און זיך געלאָזט צורעדן צום פאָרשלאָג פון באַראָנס פאָרשטייער.

קיין באַן־פאַרקער צו די ווייטע ברעגן אינעם דרום פון אַטלאַנטישן אָקעאַן איז נישט געווען. האָבן צענדליקער הויכע וועגענער, ווי די אַמאָליקע בוידן, זיך געשלעפט איינגעשפּאַנט מיט שווערע אָקסן, וואָס האָבן געמאָסטן זייערע טריט איבער די שטויביקע שליאַכן. די פורן זענען געווען פונעם סטיל, וואָס איז נאָך איבערגעבליבן פון דער קאָלאָניאַלער עפּאָכע: גרויסע שווערע רעדער און איבערגעדעקטע מיט נישט־אויסגעאַר־בעטע קי־פעלן אויף צו באַשיצן זיך קעגן דער זון און די שלאַקס־רעגנס.

זיי זענען אַזוי געפאָרן עטלעכע טעג און מיטגענומען מיט זיך די גרעסטע טייל פון זייערע קלומיקעס, ווייל ווי מען האָט זיי פאָרגעזאָגט, וועט דאָס זיין אַ פאַרוויילונג אויף עטלעכע חדשים...

יאָ, אַלע האָבן זיך געוויצלט און ביטערלעך אָנגערופן זייער מאַרשרוט: דער וועג צו דער דאַטשע. אָבער דער אויפזעער פון קאַראַוואַן און די יונגע איינגעאיבטע אָנטרייבער האָבן די גאַנצע צייט גערעדט וועגן אַ פאַרברענגען, אויפן באַפעל פון באַראָן, ערגעץ אין די ווייטע דרום־געגנטן, ביים ברעג פון כוואַליענדיקן ים, וווּ אַן אַלט גרויס הויז וועט דינען פאַר זייער אָפּרו־סטאַנציע.

ער וויל, דער נאָבעלער באַראָן — אַזוי האָט מען איבערגעגעבן פון מויל צו אויער — אַז איידער די אויסגעמאַטערטע קאַנדידאַטן אויף באָדן־באַזעצונג וועלן זיך נעמען צו דער שווערער אַרבעט, זאָל זיי זיך פאַרברענ־גען ביים ים, זיך באַקענען קעגנזייטיק אויף אַ געמיטלעכן אופן. זאָל זיך דאָ אַנטוויקלען די גוטע שכנהשאַפט. און ווער עס וועט נאָר האָבן אַ נייגונג דערצו, זאָל לערנען די שפּראַך, לערנען זיך רייטן און צוקוקן זיך ווי אַזוי די אָרטיקע לייט גיבן זיך אָפּ מיט ערדאַרבעט. דאָס איז געווען אַ מין זשעסט פונעם נדבן פאַר דער גרויסער מחנה, וואָס וועט אָט־אָט זיך באַזעצן אויף זייער נחלה.

דער וועג איז געווען לאַנג און פאַרמאַטערנדיק. די אָקסן האָבן מיט פוילע טריט געצויגן די לאַנגע קילאָמעטערס און זיך נישט אונטערגע־איילט, ווען די אַנטרייבער האָבן זיי געשטורקעט אין די הינטער־חלקס מיט די לאַנגע „פּיקאַנאָס״ (הילצערנע פאַרשפּיצטע שטעקנס). די אַנטרייבערס פלעגן דערביי אונטערזינגען זייערע סטעפּ־לידער מיט אַזאַ נאָגנדיקער מעלאַנכאָליע, אַז עס האָט אַפילו צענומען די הערצער פון די „גרינגאָס״, וואָס האָבן זייער שפּראַך נישט פאַרשטאַנען.

אויף די אומצאָליקע אָפּשטעל־סטאַנציעס, אין מיטן וועג און אונטערן פרייען הימל, פלעגן זיי פייערן צעלייגן. די „קריאָזשאָס״ האָבן זייערע אַסאַדאָס געבראָטן און די ביטערע מאַטע געטרונקען בחברותא. דעמאָלט פלעגן אויך צו זיי זיך צורוקן די יונגע פון „פּאָעטאָפּ״ (אַזוי האָבן זיך די חברה געוויצלט אויפן אייגענעם חשבון) און זיך נייגעריקע צוהערן צו זייערע שמועסן, אָפּחוזקן פון די גרינע און וואַרפן אַן אָפּהאַלט קאָמפּלי־מענטן אויפן חשבון פון די חנוודיקע יידישע יונגע מיידלעך.

וואָס טיפער די נאַכט האָט זיי איינגעהילט, אַלץ מער זענען זיי אַריינ־געפאַלן אין נאָסטאַלגיע און אַרויסגעבראַכט מיט דער גאַנצער אָפנהאַר־ציקייט דאָס, וואָס אויף דער צונג האָט זיך געפּלאָנטערט און אין מוח האָט זיך געוועבט. ווײַן האָבן זיי כמעט נישט געטרונקען, אָבער אויב זיי האָבן נאָר איין כוסע גענומען, האָט דער קאָפּ זיך פאַרדרייט און די צונג זיך אויפגעבונדן. דעמאָלט האָבן זיי געקרימפּלט אויף די אָפּגעריבענע גיטאַרעס און געזונגען זייערע „קאָפּלאַס״ צו דער הימאַט־ראַנטשאָ ווו די „טשינאַ״ (מיידל אָדער פרוי) וואַרט אויף זייער צוריקקערן זיך און קוקט אַרויס דורכן אַריינגאַנג פון דער קליינער ראַנטשאָ. פאַר די יידישע יונגע־לייט און מיידלעך איז דאָס אַלץ געווען ווי פון אַן אַנדער וועלט. שעהן לאַנג פלעגן זיי זיצן פון דער ווייטנס, זיך צוהערן, און נישט איין מאָל געפּרוווט אַפילו נאָכברומען זייערע מעלאָדיעס.

צווישן די עטלעכע הונדערט משפּחות פון דעם מאַרש צו די דרום־ברעגן, האָט זיך אויך געפונען זשאַמע קוריס און זיין יונגע פרוי. זינאַ איז געווען די טאָכטער פון אַ יידישער משפּחה, וואָס האָט פריער געוווינט אין אַ יידיש דאָרף אין כערסאָנער געגנט. אירע עלטערן זענען געווען צווישן די ערשטע, וואָס האָבן אויפן רוף פון פּעטערבורגער קאָמיטעט

פונעם באַראָן, זיך אָנגעשלאָסן אין דער עקספּעדיציע, וואָס איז אַרויס פון אָדעס אויפן וועג צו דער נייער וועלט.

זשאַמע האָט זיך מיט איר באַקענט אין אָדעס און עטלעכע חדשים פאַרן אָפּפאָרן האָבן זיי חתונה געהאַט. זיי האָבן זיך אויך פאַרבונדן מיט דער אָפּפאָרנדיקער פּאַרטיע קיין אַרגענטינע און נאָך אַ לאַנגער, דריי־חדשימדיקער רייזע איבער דריי ימים, זענען זיי אָנגעקומען צום פּאָרט פון בוענאָס־איירעס.

זינאַ איז געווען דער פולשטענדיקער קעגנזאַץ פון איר יונגן מאַן. ער איז געווען הויך געבויט און ברייטפּלייציק; זינאַ דאַקעגן, אָדער ווי די עלטערן האָבן זי גערופן פאַרצויגן, זינאָטשקאַ, איז געווען ווי אַ ווייכע ווערבע־צווייג, וואָס בייגט זיך ביים לייכטסטן ווינטל. ווי דין און קליין געוויקסיק זינאָטשקאַ איז געווען, האָט זי געהאַט אויף אים אַן אַבסאָלוטע שליטה. זינט דעם טאָג פון זייער באַקענען זיך האָט זיין פעסטע פיגור ווי נאָכגעלאָזן זיך ביי זייער יעדער באַגעגעניש. עפּעס אַ מין ווילדע הנאה האָט ער געהאַט פון איר הערשאַפט איבער אים. יעדער טרייסל פון אירע בלאָנדע לאָקן האָבן אין אים אויפגעוועקט נשמה־ציטערנישן און יעדע באַגעגעניש האָט גערעגט אין אים דעם באַגער פאַר אַ נענטערן צובונד. זיין שטאַרקער קערפּער איז גערייצט געוואָרן פון אירע פּיעשטשענדיקע באַוועגונגען און געצויגן אים צו אַ מין הנאהדיק שפּיל צווישן דעם שוואַכן, וואָס וויס זיין קראַפט, און דעם שטאַרקן, וואָס איז גרייט נאָכצוגעבן. ווי אין אַלע ענלעכע פאַלן ווען דער קרעפטיקער מאַן פאַלט אַרונטער דעם איינפלוס פון אַ צאַרט־קליינער פרוי, האָט זיין צובונד צו איר נישט גע־ווּוסט פון קיין גרענעץ. ווי אַ געטרייער הונט האָט ער געוואַכט איבער אַלע אירע טריט.

די ליבע זיינע האָט געגרענעצט מיט אייפערדיקייט, וואָס האָט אין די אויגן פון זייטיקע אויסגעזען לעכערלעך. ער אַליין האָט אָבער פון דעם נישט געמאַכט קיין וועזן. די אַרומיקע וועלט האָט דאָ פאַר אים נישט געהאַט קיין באַדייטונג. אַלץ אין אים האָט זיך געדרייט אַרום זינאַן.

איצט זענען זיי געפאָרן, איינגענורעטע אין די פּעלענע אָנשפּאַרן פון דעם הויכן וואָגן, צוזאַמען מיט הונדערטער אַנדערע אימיגראַנטן דורך די אומענדלעכע שטרעקעס, וואָס ציען זיך ווי דער מאָנאָטאָנער ניגון פון די טונקעלע אָנטרייבער. אין דער זעלבער „בויד״ פאָרן אויך זינאָס עלטערן,

וואָס האָבן זיך אַנטשלאָסן צו פאַרלאָזן, צוזאַמען מיט אַנדערע צענדליקער, די כערסאָנער יידישע קאָלאָניע און מיטמאַכן דעם נישט אויסגעטראָטענעם וועג צו דער נייער וועלט, ווו מ׳האָט צוגעזאָגט הונדערטער דעסיאַטינעס ערד און אַ פריי לעבן אין לאַנד פון „די שוואַרצע פּרינצן״...

זינאָטשקאָ איז געווען שוין אין די הויכע חדשים און זשאַמע האָט ווי אַ לייבוועכטער געהיט אַלע אירע באַוועגונגען און נישט דערלאָזט איר שטעלן אַן איבעריקן טראָט, זי זאָל, חלילה, נישט אָנשלאָגן זיך אין אַ מכשול. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די אַרומיקע האָבן זיך אָנגעהויבן פילן באַלעסטיקט פון זיין איבערגעכאַפּטער געטריישאַפט. זייער טיילמאָ־ליקער חוזק האָט אויף אים נישט געמאַכט קיין איינדרוק, און דורך דעם גאַנצן וועג, אויפן ים און אויף דער יבשה, האָט ער זי אַרומגענומען מיט זיינע לאַסקעס, ווי מיט אַ זיידן מענטעלע.

ווען אין אַ שיינעם זומער־פאַרנאַכט האָט זיך דער קאַראַוואַן אָפּגעשטעלט און די אַנטרייבער האָבן געמאָלדן, אַז די רייזע איז געענדיקט, האָט זיך אין דער פאַרגייענדיקער זון אויסגעשיילט די הויכע מאָנומענטאַלע געביידע פון אַן אַלט־פאַרלאָזטן האָטעל. דער געלבלעכער קאַלך פון די ווענט האָט זיך געשיילט און שטיקער בעטאָן זענען שוין אָפּגעפאַלן פון די זייטיקע טורעמלעך. די געביידע האָט אויסגעזען ווי אַן אַלטע פעסטונג, וואָס קוקט אַרויס צום ים און חלומט וועגן פאַרגאַנגענע צייטן פון קאַמף און רום.

די אָפּגעזונדערטקייט, דאָס זיין אָפּגעריסן פון דער וועלט, די אומענד־לעכע פלאַכלענדער פון אַרום און דער שטענדיק רוישנדיקער ים מיט זיינע הויכע און שוימיקע כוואַליעס האָט ביי די אָנקומענדיקע אימיגראַנטן געשאַפן אַ געפיל פון זאָרגלאָזיקייט און פון נאָכגיביקייט צו דער לאַגע זייערער אין די נייע אומשטענדן. עס איז ווי אָפּגעשטויסן געוואָרן אויף ווייטער דער מאָרגן מיט זיינע זאָרגן, וואָס האָט איצט אויסגעזען ווייט און פאַרנעפּלט...

אין דער אַלטער געביידע האָט מען זיך ווי עס איז איינגעאָרדנט און די אויף שנעל צורעכטגעמאַכטע צימערן האָבן שנעל איינגעשלונגען די ריזיקע מחנה. זיי האָבן זיך צעלייגט איבער די קליינע צימערן, גרע־סערע זאַלן און אין אַלע דורכגענג. דער ריזיקער לאַגער האָט אויפן

איינזאַמען פּלאַץ אויסגעזען ווי אַן אָפּרו־סטאַנציע אין וועג צום צוגעזאָגטן לאַנד...

דאָ האָט מען זיך געבאָדן אין די שאַרף־געזאַלצענע און אומרואיקע כוואַליעס פון גרויסן אָקעאַן. מען האָט ווייטער פאָרגעזעצט דאָס געמיינ־זאַמע צוזאַמענלעבן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבןביים איינשטייגן אינעם גרויסן פּאָרט פונעם שוואַרצן ים, אַ געמיינזאַמקייט, וואָס איז ווי איינגע־שווירן געוואָרן מיטצומאַכן ביז די לעצטע טעג. מען האָט אָפט דיסקוטירט און אַפילו ביטערלעך געקריגט זיך, אָבער דאָס איז געווען דער אומשעד־לעכער שטרייט צווישן משפּחה־לייט. שבת און יום־טוב האָט מען צוזאַמענ־געשטעלט מנינים און מתפּלל געווען מיט התמדה און אַפילו פאַרקויפט עליות פאַר קהילישע הצטרכותן. אַפילו אַ קרייז פון משניות־לערער האָט זיך צונויפגעשטעלט און אין דער ציכטיקייט פון דער ים־לופט האָבן זיך געלאָזט הערן די אייביקע פּלפּולדיקע קשיות און דער נאָגנדיקער גמרא־ניגון האָט דערמאָנט נאָענטע פאַרגאַנגענע טעג. דאָ האָבן יוגנטלעכע געפּירט זייערע פלירטן צווישן זיך און געשפּילט אין פאַנטן. דער אַרום האָט געוווסט איינצוזאַפּן דעם זין פון פרעמדשפּראַכיקע לידער, געזאַנגען וועגן ליבע און אָרעמקייט, דעם שטורעם און די בענקענישן נאָך אַ בעסע־רער וועלט. דאָ האָבן זיך פאָרלעך פאַרבינדן און עס האָבן זיך אויסגעפּיקט נייע משפּחה־קאַנדידאַטן פאַר באַזעצונג אויף באָדן. דאָ האָבן יידישע יונגע־לייט און מיידלעך זיך אויסגעלערנט די תורה פון רייטן אויף פערד. די פערד האָט מען געדונגען ביי די אַרומיקע גאַוטשאָס, וואָס האָבן נישט איין מאָל זיך דערנענטערט כדי צו באַטראַכטן פון דער נאָענט די מאָדנע צערעמאָניע פון אַ יידישער חתונה אָדער פון אַ יום־טובדיקן צוזאַמענקום. דאָ זענען אויך קינדערלעך געבוירן געוואָרן. עס האָט זיך אויסגעפּיקט דער ערשטער „קריאָזשע“־דור צווישן די אימיגראַנטן, ווי אַ ממשותדיקער שריט פאַר אייגענער איינוואָרצלונג אין נייעם באָדן.

אין די וואַרעמע נעכט מיטן קילן אָנוויי פון ים האָבן די כוואַליעס אָנגעשלאָגן אין ברעג און מיט פאַרווונדערונג צוגעזען דאָס זעלטענע בילד, וואָס דער לאַגער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט. כוואַליעס האָבן זיך אַ הייב געטאָן, געמורמלט אין שטורמישן גערויש און אָפּגעטראָטן צוריק אין דער טיפעניש פונעם שטורמישן ים. אַ גאַנצע נאַכט האָט דער ים מיט זיינע באַרג־כוואַליעס נישט נאָכגעגעבן און זיך נישט איינגעשטילט. אַפילו ווען די

קליינע נאַפט־פּיערלעך האָבן זיך לאַנגזאַם אויסגעלאָשן, האָבן זיך די כוואַליעס אָנגעשלאָגן אין ברעג און אַנטלאָפן אין בהלה צוריק. אַזוי האָט די שפּיל אָנגעהאַלטן ביז די פאַרבן פונעם ים האָבן זיך אויסגעמישט מיטן זאַמד און מיטן ווייטן האָריזאָנט און אַלע נאַכט־שרעקן האָבן זיך אויסגע־וועפּט.

זינאָטשקאַ האָט נישט ווייניק געליטן פון איר ספּעציפישער לאַגע. זי האָט נישט געקאָנט אָנטיילנעמען אין אַלע פאַרווילונגען און אונטערנע־מונגען, אין וועלכע די יונגע זענען פאַרטאָן געווען; זי האָט נישט געטאָרט באָדן זיך אין די קילע וואַסערן פון רוישנדיקן ים, נישט געקאָנט אויספּרווון איר מזל צו רייטן אויף די היציקע פערד, נישט געקאָנט באַטייליקן זיך אין די טאַנץ־אָוונטן, ווו מ׳פלעגט מיט שטורעם אויסקלאַפּן דעם „קאַזאַ־טשאָק", דעם „פּאַלעספּאַן", דעם „קראַקאָוויאַק" און די „וועוויאַרקע". דעמאָלט האָבן אירע גרויסע אויגן געקוקט, ווי זיי וואָלטן גאָרנישט און קיינעם נישט געזען און איר שטילער טרויער האָט ווי געוויינט אויף אַ טייערע זאַך, וואָס מ׳קאָן שוין צוריק נישט אויפזוכן...

דעמאָלט פלעגט זשאַמע זיצן נעבן איר און אַריינשעפּטשען אין די דורכזיכטיקע אַלבאַסטערנע אויערן־לעפלעך זיס־צוזאָגנדיקע רייד. ער האָט גערעדט מיט וואַרעמקייט וועגן דער נאָענטער צוקונפט זייערער. ער האָט פאַר איר געשילדערט ווי אַזוי אַלץ וועט אויסזען ווען זיי וועלן אַרויף אויפן באָדן: זיי וועלן אַליין, מיט די אייגענע הענט, אויפשטעלן זייער שטיבעלע. זיי וועלן איינפלאַנצן די ערשטע צווייגעלעך פון ווערבעס און טאָפּאָליעס. ביידע וועלן זיי אַרויס אין פעלד, און די טאָרבע אָנגעבונדן אויף די לענדן. פון צווישן זייערע פינגער וועלן זיך גליטשן די קערנער, וואָס זיי וועלן ביידע פאַרזייען אויפן אויסגעאַקערטן און אויסגעגלעטן באָדן. דאָס קינד זייערס וועט זיך פלאָנטערן צווישן די פיס אומעטום, אָנפילן די אַרומיקע לופט מיט זיינע הילכיקע געשרייען און אָנזאָגן זיין הערשאַפט ווי אַ קליינער טיראַן... דערביי האָבן זיינע פעסטע פינגער געגלעט איר טאַליע מיט יענער פאַרזיכטיקייט, ווי מען ציטערט איבער אַ טייערן כוס פון קרישטאָל.

זינאָטשקאַ האָט זיך געלאָזט פירן פון אים אין איר אומבאַהאָלפנקייט. זי איז געווען אַ פאַרטראַכטע און זי האָט ליב געהאַט צו לייענען רוסישע פּאָעזיע. זי האָט געקאָנט אין משך פון שעהן דעקלאַמירן די סטראָפן פון פּושקין און לערמאָנטאָוו און אויף די צוזאַמענקונפטן צווישן דער יוגנט

האָט מען לאַנג נישט געדאַרפט בעטן, אַז זי זאָל מיט איר ווייכער אויס־שפּראַך רעציטירן די סלאַווישע לידער. אין זשאַמען האָט זי געזען איר אייביקן שיצער, זיין ברייטע פיגור האָט איר געדינט ווי אַ שוצוואַנט צווישן די פרעמדע לייט. אַפילו צו אירע עלטערן, וואָס זענען געפאָרן צוזאַמען מיט איר אויף דער לאַנגער רייזע, האָט זי נישט געפילט אַזאַ נאָענטקייט ווי צום מאַן.

און אָט איז געקומען די צייט ווען זינאָטשקאָ האָט דערפילט די ערשטע געבורט־ווייען. זשאַמע האָט ביי זיין גאַנצער רואיקייט און זעלבסט־זיכערקייט געפילט זיך אַ ביסל פאַרלאָרן אין דעם מאָמענט ווען די „באַבעס" (אַזוי האָט מען גערופן די הייבאַמס) האָבן אָנגעהויבן מאַכן די צוגרייטונ־גען אין ספּעציעלן צימער: איבערגעצויגן דאָס בעטגעוואַנט און צוגע־בונדן אַ לאַנגן האַנטעך צום צוקאָפּנס פון בעט, כדי די געווינערין זאָל בעת אירע ווייטיקן האָבן אין וואָס זיך אָנצוהאַלטן. טשייניקעס וואַסער האָט מען אָנגעזאָטן אויף די קוילן־בראַסערקעס אין דרויסן און קיינעם נישט געלאָזן דערנענטערן זיך צו זיי. ווען מ׳האָט דער בלאַסער זינאַן אַריינגעפירט אין צימער, ווו זי האָט געדאַרפט געלעגן ווערן, האָט זשאַמע געפילט, ווי עפּעס וואָלט זיך אין אים אָפּגעריסן. איר פאַרשווינדן אין זייטיקן קילן צימער האָט אים אויסגעזען, ווי זי וואָלט פאַרהוילן געוואָרן אין אַ געדיכטן וואַלד, פון וועלכן זי וועט נישט אַזוי לייכט זיך אַרויסקריגן.

און זי איז טאַקע צו אים מער נישט צוריקגעקומען.

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָט זי זיך געמאַטערט אין שווערע יסורים. דער דאָקטער פון שטאָט האָט געטאָן וואָס ס׳איז נאָר מעגלעך געווען. אויפן פערטן טאָג האָט מען דאָס קינד אָפּגענומען דורך אַ קייזערשניט, אָבער זינאָטשקאָ האָט נישט אויסגעהאַלטן און אויסגעהויכט איר נשמה אין קילן צימער. איר קבר איז אויסגעגראָבן געוואָרן אין ווייכן זאַמד אויף אַ בערגל, ווו עטלעכע שטעכיקע ביימלעך האָבן זיך איינגעפלאָכטן צווישן זיך, ווי אַרומגענומענע צעקרימטע הענט אין אַ ווילדן טאַנץ. ביז מ׳האָט געקאָנט אַפילו טראַכטן וועגן ברענגען זי צו קבר־ישראל האָט מען זי געמוזט פאַרבאַהאַלטן אין דער פרעמדער ערד.

דער קלאַפּ האָט זשאַמען דערלאַנגט אין סאַמע האַרץ און צעמישט אַלע זיינע פּלענער. זינאַ האָט אויסגעפילט אין זיין האַרץ אַלע בענקענישן אין דער פרעמדער אומבאַקאַנטער וועלט. איצט האָט ער זיך געפילט

פאַרלאָרן און אומבאַהאָלפן און אויסגעמיטן אַפילו זיך צו טרעפן מיט אירע עלטערן, ווי ער זאָל זיך פילן פאַרשולדיקט פאַר זיי, וואָס די איינציקע טאָכטער זייערע איז אַזוי יונג פאַרשניטן געוואָרן. זיין ברענענ־דיקער צער איז ביי אים געווען אַזוי גרויס, אַז אַפילו דאָס קינד, וואָס איז לעבן געבליבן און מ׳האָט עס געהאָדעוועט מיט דער מילך פון אַ צווייטער געווינערין, האָט ביי אים קיין אינטערעס נישט אַרויסגערופן, ווי די וועלט וואָלט זיך פאַר אים געענקט מיטן פאַרשווינדן פון זיין געליבטער פרוי. די אויפזיכט איבערן עופעלע האָבן גענומען אירע עלטערן און ער האָט עס אַפילו נישט אָנגעקוקט אין זיין ברענענדיקן צער. עס האָט אים געטאָטשעט דער ווייטיק, אַז דאָס קליינינקע נפשל האָט גורם געווען דאָס אָפּרייסן זינאַן פון דער לעבעדיקער פריידיקער וועלט.

אַ טאָג פאַרן ברית־מילה פונעם קינד האָט ער פאַרלאָזן דעם פּלאַץ ביים ים־ברעג און פאַרשוווּנדן אין דער נאַכט אַריין. אַפילו דער געדאַנק אַז ער איז מחויב צו ברענגען זינאַן צו קבר־ישראל האָט אים נישט אָפּגע־האַלטן פון צו פאַרשווינדן. ער האָט נאָר אַ קליין צעטעלע איבערגעלאָזן, אַדרעסירט צו אירע עלטערן.

איר קבר איז אָבער נישט געבליבן איינזאַם. שוין ביים סוף כמעט פון דער דורכגעמאַכטער דאַטשע האָט אַ גרויס אומגליק זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער מחנה.

אין זוכעניש נאָך צייטפאַרטרייב און פאַרוויילונג האָבן די קינדער פון אימיגראַנטן־לאַגער זיך אַרויסגעלאָזן איבער דער געגנט און געניש־טערט איבער אַלע ביימער און קוסטעס. איין מאָל האָבן זיי אַנטדעקט אין אַ וווייטן עק פון אַ קליין וועלדל אַ נעסט פון פּאַפּוגייען. די פאַרבן זייערע האָבן ממש געכישופט מיט זייער גלאַנץ און שיינקייט. חברה קליינוואַרג האָבן נישט געקאָנט ביישטיין זייער יצר־הרע און אַראָפּגעכאַפּט אַ צענדליק פון זיי, פון די יונגיטשקע, צום האָטעל־הויז און דאָרט אָנגע־הויבן זיך מיט זיי צו באַשעפטיקן: זיי געהאָדעוועט, געזוכט פאַר זיי שפּייז און געלערנט זיי אַ פּאָר ווערטער יידיש. דער גאַנצער לאַגער איז געגאַנגען כאַדאָראַם מיט אָט די קאָלירפולע און קרום־שנאָבלדיקע פייגל, וואָס האָבן געשריגן טאָג און נאַכט.

פלוצעם האָבן עטלעכע קינדער מיט אַ מאָל אָנגעהויבן צו פילן זיך נישט גוט און אַוועקפאַלן. די היץ ביי זיי איז געשטיגן און די ווייטיקן זענען

גרויס געווען. איידער וואָס ווען האָבן אַ פּאָר אויסגעהויכט זייערע נשמות. דער דאָקטער, וואָס מ׳האָט בהלהדיק־שנעל אַראָפּגעבראַכט, האָט פעסט־געשטעלט, אַז עס איז אויסגעבראָכן צווישן די קינדער די באַוווסטע עפּי־דעמיע „פּסיטאַקאָסיס״, אַ קראַנקייט וואָס מ׳שטעקט זיך אָן מיט איר פון דער נאָענטקייט מיט פּאַפּוגייען און די עיקר קרבנות זענען קינדער. מ׳האָט שנעל פאַרניכטעט די פּאַפּוגייען און אָנגעהאָנגען אַלע קינדער אויפן האַלדז טאָרבעלעך מיט קאַנפער. די עפּידעמיע האָט אָבער באַוויזן אין איר קורצן בושעווען אומצוברענגען אַ פּאָר צענדליק קינדער. אַזוי איז באַשערט געווען, אַז די יידישע אימיגראַנטן זאָלן איבערלאָזן אינעם זאַמדיקן באָדן פון די ווייטען דרום־ברעגן אַ טייל פון זייערע טייערסטע.

און אַזוי אַרום איז זינאַטשקאַ נישט געבליבן פאַראיינזאַמט אין איר אייביקער רו אין דער פרעמדער געגנט. אַרום איר בערגל האָט זיך אויס־געקייטלט אַ ריי מיט קברימלעך פון יידישע קינדערלעך, וועמענס שלאָף עס האָט געשטערט בלויז דער שטענדיקער גערויש פון די שטייגנדיקע כוואַליעס. און אפשר איז דאָס געווען אַ וויגליד, וואָס האָט דורך די נעכט געברומט אָנשטאָט דאָס שעפּטשען פון אַ געטרייער מאַמען...

*

נאָך דעם זענען שוין זיינע טעג געווען איבערפולט מיט דער לאַנגווייליקייט פון אַ בראַזיליאַנער דאָרף. אין זיין אָפּגעלאָזנקייט האָט ער דאָך איין מאָל זיך דערשלאָגן צו אַ זיך בויענדיקער יידישער קאָלאָניע און איז דאָרט פאַרבליבן ווי אַ „פּעאָן״ עטלעכע חדשים. ווען צוויי פון נייעם דאָרף, יונגע בחורים, האָבן באַשלאָסן צו פאַרענדיקן מיטן נייעם גלות און געגרייט זיך אָפּצופאָרן קיין פּאַלעסטינע, האָט זיך זשאַמע אין זיי אָנגעשלאָסן און אַפילו נישט געפּרווט געפינען זיין פרויס עלטערן און געוווּיער ווערן וועגן גורל פונעם קליינעם זון. יעדער געדאַנק וועגן אַזאַ באַגעגעניש האָט אויף אים ווידער אָנגעווייעט אַ צאָרן־געפּיל.

עטלעכע יאָר האָט ער פאַרבראַכט אין די קאָלאָניעס פונעם באַראָן ראָטשילד אין יהודה און גליל. ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט שווערער פיזישער ערדאַרבעט און יאָרן לאַנג געהאַלטן די ביקס אַלס שומר פון יידישן האָב און גוטס אין לאַנד. ער איז שנעל באַפריינדט געוואָרן מיט

די דעמאָלטיקע טוער פֿון די ערשטע אַרבעטער־גרופּן. זיין פֿעסטע פֿיגור האָט אימפּאָנירט און געמאָנט דרך־ארץ סיי ביי די האַרט־האַרציקע באַלע־באַטישע פּלאַנטאַטאָרס און סיי ביי די אַראַבישע לאַבוזעס, וואָס האָבן געמיינט, אַז די זיכערקייט פֿון די יידישע קאָלאָניעס איז אָפּהענגיק פֿון זייער חסד.

עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס נייע לעבן מיט זיינע פֿריידן און ליידן, מיט די געזאַנגען אין די טיפֿע נעכט און מיט די פֿיבערן אין די צעלע־כערטע פּאַלאַטקעס, וועלן סוף כל סוף אַרויסשלאָגן פֿון זשאַמעס געדעכעניש די שרעקלעכע איבערלעבונג. זיין אַריינלאָזן זיך מיטן גאַנצן אימפּעט אין די פּירונגען פֿון די ארץ־ישראלדיקע מענטשן, האָט ווי אָפּגעקילט פֿון זיין ווונד דעם בראַנד. אָבער ווען עס האָט שוין אויסגעזען, אַז ער האָט זיין תיקון געפֿונען אין דעם מדבר־באָדן און אַז ער איז שוין אויף שטענדיק געפֿאַנגען פֿון די טרויעריק פֿאַרסמאַליעטע פֿייאַזשן און דעם גרינעם בליאַסק פֿון די אויפֿגעקומענע פּרדסים — האָט ער זיך ווידער געפֿונען ווי אַ געפֿאַנגענער פֿון אַ נייער נשמה־קאָנווולסיע, אַפֿילו נישט אויסזוכנדיק אַ פּאַסיקן אויסרייד, האָט ער זיך אָנגעבאָטן אַלס קוכער אויף אַ גריכישער שיף און נאָך לאַנגע חדשים שלעפּן זיך איבער פֿרעמדע אומבאַקאַנטע פּאָרטן, האָט ער זיך אין אַ טאָג אַראָפּגעלאָזן אויפֿן לאַ־פּלאַטאַ־ברעג און באַלד אַוועק צו די אַלטע יידישע קאָלאָניעס אין דרום און אין מזרח פֿונעם לאַנד. וואָכן לאַנג האָט ער זיך געשלעפּט מיט לאַסטוואַגאָנען, פֿאַררוקט זיך אין אַ ווינקל, אַז די קאָנדוקטאָרן זאָלן אים נישט אויסגעפֿינען און ווען ער האָט זיין ציל אויף איין אָרט נישט דערגרייכט, האָט ער אָנגעהויבן שלעפּן זיך איבער די אומענדלעכע שטרעקעס פֿון דער אַרגענטינער פּאַמפּאַ און זוכן די שפּורן פֿון די, וואָס ער האָט צוריק מיט יאָרן פֿאַרלאָזן אין צער־קלעמעניש און זיך אַפֿילו מיט זיי נישט געזעגנט.

ער האָט זיי לאַנג און געדולדיק אַרומגעזוכט. ווען ער האָט טיילמאָל, לויט אָנגעוויזענע צייכנס, געמיינט, אַז אָט־אָט, אין יענעם פֿאַרוואָרפֿענעם ווינקל פֿון אַ ווייטער קאָלאָניע, וועט ער אָנשלאָגן אינעם הויז, ווו ער וועט טרעפֿן זיין פֿרויס עלטערן און דעם זון וואָס ער האָט אַפֿילו נישט געקענט, האָט זיך אָבער צום סוף אַלץ אויסגעוועפּט. אין איין קאָלאָניע האָט מען אים געזאָגט, אַז זיי האָבן, וואָס אַן אמת, אַמאָל געטראַכט זיך דאָ צו באַזעצן, אָבער זיי זענען אַהער קיין מאָל נישט אָנגעקומען. אין אַ צווייטער

קאָלאָניע האָט ווער געהערט, אַז זיי האָבן זיך באַזעצט ערגעץ אין אַ פּראָ־ווינץ־שטאָט און געעפֿנט אַ מעבל־געשעפֿט. צי ווייסט מען, צי האָט מען געהערט וועגן אַ קליין ייִנגעלע, ניין? אָבער וואָס רעדט ער! ער איז דאָך שוין איצט אַ בר־מצווה־בחור!

אין די ביוראָען פֿון דער „געזעלשאַפֿט" האָט מען געוווּסט צו דער־ציילן אים איין און איינציקן פֿאַקט: נאָכן פֿאַרוויילן פֿון דער מחנה אויף די דרום־ברעגן, האָט מען דער משפּחה אויך צוגעטיילט באָדן אין די צפֿון־מזרח־ראַיאָנען פֿון דער רעפּובליק, אָבער אַהין זענען זיי נישט דערגאַנגען און פֿון דעמאָלט אָן הערט מען פֿון זיי נישט.

יאָרן זענען ווידער פֿאַרביי און אין זיין וואַנדערוועג האָט זשאַמע קוריס געדאַרפֿט זוכן זיין חיונה. ער איז נישט געווען איבערקלייבעריש, ווי די מערסטע אָנגעקומענע יונגע אימיגראַנטן, וואָס האָבן נישט געוואָלט גיין אויף ערד: ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין אַ באַן־„קוואַדריזשאַ" (גרופּע), וואָס פֿלעגט אַלע פֿרימאָרגן אַרויספֿאָרן אויף אַ קליינער וואַגאָנעטקע בודק זיין און פֿאַרריכטן די רעלסן. ער האָט זיין קאָפּ אָנגעשפּאַרט אין די גרויסע „גאַלפּאָנעס" (מאַגאַזינען) און געגעסן פֿונעם געמיינזאַמען שוואַרצן טאָפּ, אין וועלכן דער באַוואַקסענער קוכער האָט אַריינגעשליידערט שמאַלציקע מאַרכביינער, שטיקער פֿעטס און ווערעמדיקע פֿאַסאָליעס. אַ צייט האָט ער געפּרוּווט זיין מזל אין אַ קליינעם פּאָרט ביים לאַ־פּלאַטאַ־טייך, ווו ער האָט געאַרבעט, צוזאַמען מיט נאָך אַ צענדליק ייִדן, אין אַ „פֿריגאָרי־פֿיקאָ" (פֿלייש־אויסאַרבעטונג פֿאַרן עקספּאָרט). דאָרט האָט ער זיך אפֿילו אָקטיוו באַטייליקט אין אַ גרויסן שטרייק, וואָס די אַנאַרכיסטישע אַרבעטער האָבן אָרגאַניזירט קעגן שיקן פֿלייש צו די מלחמה־פֿירנדיקע לענדער אין אייראָפּע.

שפּעטער האָט ער געאַרבעט אַ פּאָר סעזאָנען ביי די דרעשמאַשינען, וואָס האָבן דורך די זומער־חדשים געוואַנדערט איבער די פֿעלדער פֿון איטאַליענישע און דייטשע קאָלאָניסטן. די מאַשינען האָבן איינגעשלונגען טעגלעך צענדליקער פֿאַרוועס סנאָפּעס, אויסגעשפּיגן דעם שטרוי אין אַ זייט און דער גאָלדיקער שטראָם פֿון קערנער איז געפֿלאָסן אין די זעק אַריין. דער לאָקאָמאָטיוו האָט אומאויפֿהערלעך געהרוּיכערט, געפֿייפֿט בעת די פּויזעס אָדער ביים אָנהייבן דעם אַרבעטסטאָג און אָנגעשלאָגן אַזאַ

מעלאַנכאָלישע נאָטע, ווי אַ באַן זאָל האָבן דורכגעגאַנגען, אָנגעזאָגט עפּעס אַ בשורה פון אַ ווייטער וועלט און פאַרשווונדן.

און טאָמער איז אויסגעפאַלן אַ שטאַרקער זומערדרעגן און די סטויגן זענען פאַרנעצט געוואָרן, האָט מען געמוזט מאַכן אַ פויזע אין דער אַרבעט. דעמאָלט זענען די צענדליקער אַרבעטער געזעסן אין דער פּאַלאַטקע אָדער אונטער אַ בוים אין פעלד, געשפּילט אין קאָרטן, געטרונקען פון לעדערנעם לאָגל דעם רויטן ביליקן ווײַן, געדרייט דעם שוואַרצן שאַרפן טאַבאַק און זיך דערציילט געשיכטעס פון דער ווייטער היים: ווער פון די היגע סטעפּעס, ווער פון די טערקיש־מאַראָקאַנישע געגנטן און ווער פון די רוסישע ברייטע לענדערייען.

דאָ, צווישן די לוינאַרבעטער, כמעט דורכויס גויים, האָט ער זיך אויסגעלערנט די שפּאַנישע שפּראַך מיט אַלע אירע אָרטיקע אויסדרוקן און ספּעציפישע חן־קנייטשן. דאָ האָבן שנעל זיך צוגעקלעפּט צו אים די געוווינהייטן פון די אָרטיקע „פּונדיקעס״. ער האָט געלערנט זייער אופן פון דענקען און אויפגעכאַפּט זייערע פירונגען, וואָס זענען אַנדערש געווען אין די פאַרשידנסטע פּראָווינצן. יאָרן זענען פאַרביי און אין זיין וואַלגערן זיך איבער די געגנטן האָט זיין קערפּער זיך צוגעוויינט צו די קעגנזעצלעכע קלימאַטישע באַדינגונגען און נאַטור־ענדערונגען. דערפאַר האָט ער כמעט ווי פאַרלאָרן יעדע ענלעכקייט צו אַ פעסט געבויטן יידישן יונג פון דער אַלטער היים...

דעמאָלט האָט ער דורך אַ צופאַל זיך אָנגעשטויסן צום ערשטן מאָל אין דער יידישער משפחה, וואָס האָט געוווינט אַליין אין פרעמדן פעלד. אין יענער צייט האָט ער געאַרבעט ביי דער דרעשמאַשין, וואָס איז געבראַכט געוואָרן אַהער צופעליק, ממש צוליבן קאַפּריז פון גוטמוטיקן איטאַליענישן אייגנטימער, וועמען עס איז געפעלן דער באַבערדלדיקער „רוסאָ״, מיט זיינע טרויעריקע אויגן. דערפאַר האָט ער, אָן שום פאַרדינסט־אויסרעכע־נונג, אַהערגעשלעפּט די מאַשין איבער וויסטע פעלדער, אין אַ געגנט וווּ מ׳קולטיווירט נאָך נישט בכלל קיין תבואה — בלויז צוליב ניאָמעס דריי נעבעכדיקע ערשטע סטויגן. ביינאַכט, נאָך דער פעטער וועטשערע אונטערן פרייען הימל, האָט זיך דעמאָלט זשאָמע אַריינגעשלייכט אין דער כאַטע זייערע און איבערראַשט די בני־בית מיט זיין זאַפטיקן אָדעסער יידיש און זיי פאַרווילט מיט זיינע ווערטלעך. דעמאָלט האָט ניאָמע אין אים דערזען די

געשטאַלט פון אַ צדיק, אַ למד־וואָווניק. ער האָט זיך פּאַר אים איינגע־שטעלט און געראַטעוועט אַ טייל פון די סטויגן, וואָס דער מאַשיניסט האָט געוואָלט פאַרברענען אויפצוהאַלטן אין גאַנג דעם קעסל פון לאָקאָמאָטיוו. זשאַמע האָט זיך איינגעשטעלט און געשריגן צום מאַשיניסט, אַז עס וועט ביינאַכט רעגענען און אַז עס איז אַ פאַרברעכן צו עפענען די פאַרוועס, און ער האָט נאָכגעגעבן.

אויף צו מאָרגנס איז ער אַוועק מיט דעם אָפּפאָרנדיקן קאַראַוואַן און ער האָט אָנגעדייט, אַז ער וועט זיך אַהער צוריקקערן. עס געפעלט אים זייער אָרט לעבן און ער וועט זיי אַרויסהעלפן איבערצוקומען די שווערע יאָרן. אָט וועט זיך די מלחמה ענדיקן און ס׳וועט גוט זיין.

*

אַ לענגערע צייט האָט זשאַמע אַליין נישט געקאָנט באַנעמען וואָס מיט אים געשעט. איצט איז אויף אים געקומען נאָך אַ קלאַפּ. אפשר דער ענד־גילטיקער אין זיין זוכן די פאַרלוירענע נאָענטע. ער האָט נאָכגעטראַכט: וואָס געשעט מיט מיר? אַנדערע וואָלטן אַריינגעפאַלן אין אַ מעלאַנכאָליע אָדער זיך געריסן די האָר פון קאָפּ. פאַרוואָס זשע וואַרפט ער מיט וויצן און ברומט אונטער די אַלטע אָדעסער לידלעך? בלויז די אויגן זענען אים טיפער איינגעזונקען און די שלייפן זענען אים באַשאָטן געוואָרן מיט אַ ווייסקייט.

אָבער ער פילט זיך דאָך ווי אַ מענטש, וואָס פון זיין האַרץ האָט אַ שווערער שטיין זיך אַראָפּגעקייקלט. ביי זיינע פערציק יאָר, אָן וואָרצלען אין וועלכן עס איז באָדן און אין וואָסער עס איז לאַנד, האָט ער זיך איצט געזען ווי פריי פון יעדן צובונד צו זיין פאַרגאַנגענהייט. יאָ, איצט איז ער פריי! טראַגיש פריי... דער קרבן איז געווען אַ פילפאַכיקער און מיט אים איז אויך אויסגערויכערט געוואָרן זיין בעסטע יוגנט. איצט איז ער פריי צו קוקן אויף זיך אַליין, נאָך דעם ווי די שפּורן נאָכן פאַרלאָרענעם זון האָבן אים געניזוקט און אויסגעטשוכעט. אַ שטיק לעבן האָט ער געזוכט דעם פאַרלאָרענעם זון און אין איין טאָג אים געפונען, און טאַקע באַלד, אפשר אויף אייביק פאַרלאָרן...

אָנגעשלאָגן האָט ער צו אַ קליינטשיק שטעטעלע אינעם טראָפּישן טייל

פון לאַנד. דאָרט האָט זיך געדאַרפט, לויט אַלע סימנים געפינען זיין שמואל. באַלד איז ער דערגאַנגען, אַז שמואל איז שוין מער נישט שמואל נאָר סאַנטיאַגאָ. ער האָט זיך פאַרבונדן מיט אַ קריסטלעך שפּאַניש מיידל, מאַריאַ לואיסאַ, און ער האַלט אַ קליינע „באַליטשע״ (שענק) ביים קרייצוועג. ער האָט זיך געלאָזט אַרונטערפירן אונטער די פליגל פון דער קאַטוילישער קירך, נאָך דעם ווי זיין דערציאונג האָט אים געבראַכט, אָן וואַקלענישן, צו אָט דעם שריט.

די באָבע זיינע, זינאַס מוטער, איז פאַר גרויס צרות יונג אַוועק פון דער וועלט און דער פאַרצווייפלטער אומבאַהאָלפענער זיידע האָט נישט געהאַט די מעגלעכקייט אים צו דערציען. האָט ער אים אַוועקגעגעבן אין בית־יתומים. דאָרט האָט ער דעם רעזשים נישט אויסגעהאַלטן און אַנט־לאָפן, זיך אויפגעהאַלטן צווישן שקצים און איז אַריין אין זייער חברותא. באַגעגנט זיך מיט דער שפּאַנישער מאַריאַ לואיסאַ — האָט ער נישט געזען קיין שטערונג צו הייראַטן מיט איר און באַקומען די ברכה פון דעם אָרטיקן גלח, אין וועמענס קלויסטער ער האָט סיי ווי באַזוכט מיט זיינע חברים.

געציילטע שעהן האָט זשאַמע פאַרבראַכט ביים זון אין שענק און שטייענדיק נעבן די סטויקע, צווישן אָנצאַפּן איין כוס וויין און צווייטן פאַר די דורכפאָרנדיקע געסט, האָבן זיי געפירט אַ שמועס, וואָס איז געווען נישט מער ווי אַ לייכטער אויספרעגן זיך און נישט ווי פון צוויי לייב־נאָענ־טע, וואָס האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט. דער זון איז געווען אַ שוואַרצ־האָריקער. זיינע העל־גרינע אויגן האָבן טראָציק און זיכער באַטראַכט די אַרומיקע וועלט. אויף דער מאָרדע איז קענטיק געווען דער פאַרהיילטער סימן פון אַ מעסער־שניט. ווען זשאַמע האָט געפּרוווט נעמען אַ וואָרעמערן טאָן, האָט סאַנטיאַגאָ נישט באַנומען און נישט פאַרשטאַנען דעם מיין. דער שפּאָטיש־גרינער גלאַנץ פון זיינע אויגן האָט עפּעס ווי פאַרראַטן אַ נקמה פאַר אַלטע חטאים. פרעמד איז אים געווען דער מאַן, וואָס האָט אים פאַרלאָזן אין יענע טעג, ווען ער, דער ערשטגעבוירענער, האָט געדאַרפט זיין וואַרעמקייט און שוץ.

אַפילו ווען זשאַמע האָט זיך געלאָזט דערקענען אין די אויגן פונעם זון, האָט יענער זיך געפילט ווי באַלעסטיקט. און כאָטש זשאַמע האָט גערעדט אַ קלאָרן און גוטן שפּאַניש, האָט דאָך סאַנטיאַגאָ געציטערט,

טאָמער וועט זיין פרוי זיך באַוויזן אָדער עמעצער פון די אַרומיקע וועט זיך אָנהייבן פונאַנדערלאָכן אין דער נישט־געוויינלעכער סיטואַציע.

דער וועג צוריק איז שוין געווען ווי פון אײנעם וואָס האָט איבערגע־לאָזן אַ שווערן יאָך הינטער זיך. ער האָט געאײלט צו זיין צווישן מענטשן, טרינקען מיט זיי „לחיים" און שפּרודלען מיט זיין אַמאָליקער וויציקייט. ער האָט טיילמאָל געטראַכט, אַז ער באַגייט זיך ווי אַ נישט נאָרמאַלער, אָבער ער איז דאָך געווען צופרידן, וואָס ער האָט זיך ענדלעך אַליין דערזען און געקאָנט טראַכטן וועגן זיינע נויטן און וועגן זיינע נאָענטע שריט. ער האָט זיך אָנגעהויבן קליידן אָנשטענדיק, ראַזירט זיך עטלעכע מאָל אין וואָך מיט אַ שטאָלענעם גאָלמעסער, וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט ביי אַן אַמבו־לאַנטישן סוחר און דערמאָנט זיך, אַז ער האָט אַמאָל צוגעזאָגט אַ יידישער משפחה אין אַן איינזאַם פעלד צוריקצוקומען און זיי העלפן זיך איינאָר־דענען.

*

דאָס ביסל איבערגעבליבענע וואַסער אינעם פאַרסאַזשעטן טשייניק האָט נאָך געזאָטן און מאָנאָטאָן אונטערגעזונגען. די לאָמפּ אויף דער וואַנט איז נישט אויסגעגאַנגען אין גאַנצן און דער קנויט האָט צייטנווייז אומגע־ריכט אַ קנאַל געטאָן מיט זיין צונגען־פלעמל. אינעם שוואַרצן דרויסן האָבן שוין די הענער אָנגעזאָגט אויף חצות. די פלאַש פונעם נעגעלעך־בראָנפן איז שוין געשטאַנען אויפן טיש אַ ליידיקע, און נעבן איר — די כוסות, אין וועלכע עס איז אָפּגעשטאַנען אַ געדיכטקייט אויפן דנאָ.

מיט זיינע מידע אויגן האָט זשאַמע איצט באַטראַכט די אַרומיקע און געזען ווי די שטימונג וואָס זיין דערציילן האָט אָנגעווייעט, לאָזט זיך ביס־לעכווייז אויס, ווי אַ וואָלקן, וואָס קאָן זיך נישט איינהאַלטן אויפן הימל אין אַ כמורנעם טאָג.

— און טראָץ דעם... טראָץ אַלעמען און אפשר אויף „קאַטאַרי", ווילט זיך ווייטער לעבן און אַפילו בויען אויף. צווישן איין צרה און דער צווייי־טער ווילט זיך אַפילו אַ זינג טאָן און אַפילו — פריילעכע ניגונים...

— צרות רבים זענען אַמאָל אַ האַלבע נחמה — האָט ניאָמע געזאָגט מיט אַ קרעכץ — אָבער דער געטראָפענער — ווי איז אים! וואָס פאַרא

נחמה קאָן מען געפינען ווען אַ משפחה הייבט זיך אָן פונאַנדערברעקלען? מיינע — אויף מיין שטייגער, אייערע — נו, זאָל מען נישט געפּרווּוט ווערן...
— ער איז אויפגעשטאַנען פון דער האַרטער באַנק — נו, נו קינדערלעך, די הענער זאָגן, אַז ס'איז שוין צייט צו שלאָפן. צי דער שלאָף וועט קומען — איז אַן אַנדער זאַך.

באַשקע האָט אויף שנעל אָפּגעראַמט פונעם טיש און זיך אַריינגערוקט אין דער זייטיקער ספּאַלניע צוצוגרייטן די געלעגערס.

ביים לייכטן הוידנדיקן פלעמל פון דער לאָמפּ זענען נאָך געבליבן זשאַמע און הערשל. הערשל האָט אַריינגעבליקט אינעם אָפענעם ביכל און צוגעפּויקט לייכט מיט די פינגער אויפן טיש. זשאַמע האָט געגלעט דאָס לענגלעכע העלדזל פונעם משקה־פלעשל און ווי אַן אויסגעטשוכעטער אין זיין יאוש האָט ער זיך אָנגעגאָסן נאָך אַ גלאָז טיי, איינגעפּרעסט צווישןביידע דלאָניעס דאָס הייסע גלאָז און אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער אין דער נאַכט אַריין.

צוועלפטער קאַפּיטל

דער גנאָד פון שוואַרצער ערד

דער זומער איז פאַרביי און די פעלדער האָבן אָנגעהויבן צו בייטן זייערע פאַרבן. קילע פּאַמפּאַ־ווינטן האָבן אָנגעוויעט אַ נאָגנדיקן אומעט און געשושקעט וועגן די נאָענטע קאַלטע טעג, וואָס וועלן זיך קאָרטשען אין דריבנער איינגעגעסענער נאַסקייט. דערווייל האָט מען זיך באַדאַרפט פעדערן און אויסנוצן די פייכטקייט, וואָס די פעלדער האָבן נאָך באַוויזן איינצוזאַפּן אין זיך פון די זומעררעגנס. די קאָלאָניסטן זענען אַרויס אין איבערגעקערט די ערד פון איר געלבגרויקייט, די פאַרב פון אָפּגעשניטענע שטרויפעלדער, אין אַ שוואַרץ פּוכיקן טעפּעך. נאָר די מאַיס־פעלדער זענען נאָך געשטאַנען אויסגעבליטע מיט זייער פּערלדיקן צוויט און געוואַרט אין ציטערניש אויף דער אָנרוקנדיקער עלטער. די בלעטער האָבן שוין איינגעטריקנט און גערוישט דורך טעג און נעכט. מען האָט געוואַרט אויפן ערשטן פראָסט, אַז די קאַטשענעס זאָלן נאָכגעבן און מיט לייכטקייט וועט מען קאָנען מיט דער איינגעפּראַוועטער נאָל אָפּרייסן זיי אָפּגעשיילטע און מיט לייכטקייט אַריינגליטשן אין דער טאָרבע, וואָס באָמבלט זיך צווישן די פיס.

איצט איז שוין פאַרביי דער האַרמידער פון תבואה־שניט. מ׳האָט שוין לאַנג פאַרגעסן די שניידמאַשין, וואָס האָט דורך איר עלעוואַטאָר אָנגעפּילט די זאַנגען אין די הויכע אָפּגעצאַמטע וועגענער, וואָס זענען געפירט פון פיר פערד געפּאָרן זייט ביי זייט מיט דער מאַשין. ס׳איז שוין לאַנג נאָכן דרעשן די תבואה־סטויגן. געציילטע טעג האָט דער קאַראַוואַן פון לאָקאָמאָטיוו מיט דער דרעשמאַשין געווײלט ביי יעדן קאָלאָניסט און דעמאָלט האָט עס געקאָכט ווי אַ קעסל. יעדער טאָג האָט איבערגעלאָזן גרויסע

קופעס שטרוי און פּאַלאָווע און דרייקאַנטיקע הויפנס פּולע זעק. שנעל האָט מען אָפּגעפירט די תבואה צו דער באַן־סטאַנציע. וועגענער געשפּאַנטע מיט פיר אָדער זעקס פערד האָבן געצויגן איבער די זאַמדיקע וועגן און זיך פּאַרמאָסטן מיט דער צייט: ס׳זאָל חס־וחלילה נישט אויספּאַלן קיין רעגן אין מיטן און די זעק זאָלן נישט פאַרנעצט און פאַרפוילט ווערן.

שניטצייט האָט עס געררודערט אויף די קאָלאָניסטישע פעלדער. די שטובן זענען פול געווען מיט פרעמדע פּאָנעס, רוסישע און דייטשע גויים, וואָס מ׳האָט אַראָפּגעבראַכט פונעם שטעטל. דאָרט האָבן זיי געדולדיק געוואַרט, אָנגעשפּאַרטע אין דער פּראָנט־וואַנט פון קאָאָפּעראַטיוו, אָדער דערווייל אַריינגעכאַפּט אַ כוסע אין דער גרויסער שענק פון חיים עליע דעם קאָלבאַסניק. זיי האָבן רואיק געוואַרט, די לוינאַרבעטער, און נישט נאָכגעגעבן אויף אַ האָר אויף די אָנגעבאָטענע פרייזן. זיי האָבן געוווסט, אַז זיי זענען נייטיק. אַהער זענען געקומען קאָלאָניסטן און „געטאַפּט אין וואָגן״: צי טויג ער זיך אויס צו דער אָדער יענער אַרבעט, צי קען ער פירן די מאַשין, צי קען ער „פאַרווירן״, צי איז ער אַ מומחה אויף איינ־טאָפּטשען די אָנלויפנדיקע זאַנגען אין וואָגן אַריין — און נאָך אַזעלכע פאַרזיכערונגען, וואָס זאָלן באַרעכטיקן די הויכע פרייזן אין די פּאָר חדשים פון שניטצייט.

ניאָמע איז אין אָט די חדשים געווען פאַרטאַראַראַמט, ווי יעדער אַנדערער קאָלאָניסט, ביז איבערן קאָפּ און דעמאָלט האָט ער פאַרגעסן אַלע זיינע צרות. עס איז כמעט נישט געווען קיין טאָג, אַז ער זאָל נישט דאַרפן איינשפּאַנען די שקאַפּע, די „ראָסיזשאַ״ מיטן ווייסן פלעק אויפן שטערן, און אַוועקטראָסקען אין שטעטל אַריין. צי איז דאָס געווען צוליב אַ פאַרגעסן פעקל ליידיקע זעק, וואָס זענען אויסגעטיילט געוואָרן דורך אַרקע דעם סוחר פּאָרויס, מיט אַן אָפּמאַך, אַז די תבואה זאָל אים אַריינגעפירט ווערן באַלד נאָכן דרעשן אויף שוין באַשטימטע פרייזן; צי איז דאָס געווען אַ זאַק „גאַלליעטן״, וואָס ער האָט נעכטן פאַרגעסן. דאָ האָט ער זיך דערמאָנט, אַז די צעבראָכענע „פּיעסע״ (חלק פון אַ מאַשין), וואָס דער שמיד האָט באַדאַרפט איינשווייסן, האָט ער איבערגעלאָזט אין הויף פונעם בעקער, ווו ער פלעגט פאַרפאָרן. אַ מאָל האָט ער געמוזט ספּעציעל אַריינ־פּאָרן אין שטעטל ווייל דער רויטער ביליקער וויין איז אויסגעגאַנגען און די פּאָנעס האָבן אַן דעם נישט געוואָלט רירן מיט אַ פינגער אפילו.

פלייש פלעגט ער איינהאַנדלען ביים קצב אויף עטלעכע טעג. צי איז דאָס געווען אַ שטיק רינדפלייש וואָס ער האָט קוים געקענט אָנלאָדן אויפן אַקסל, אָדער אַ זייטל קאַלבפלייש און עטלעכע רייפן האַרטן געפעפערטן ווורשט. אין פאַרגאַנגענעם יאָר איז דער קצב אַליין אַרומגעפאָרן מיט זיין הויכן וואָגן, אויסגעקלאַפּט פון אינעווייניק מיט דיקן בלעך און איבערגעדעקט מיט אַ קיילעכדיקן דאַך, און פאַרטיילט דאָס פלייש צווישן די קאָלאָניסטן. פלעגט דאָס פלייש קאַליע ווערן פון דער גרויסער היץ, עס איז אָנגעקומען עטוואָס גרינלעך און אַרויסגעגעבן פריקרע ריחות. האָט מען מוותר געווען אויף דער טרחה פונעם קצב און כמעט יעדן טאָג האָט מען געבראַכט דאָס פלייש אַליין אין שטוב אַרייך. אויף ביינאַכט האָט מען דאָס איבערגעבליבענע פלייש אין לייִדיקע עמערס אַראָפּגעלאָזן מיט שטריק אין ברונעם אַריין, כמעט ביזקל דעם וואַסער. דאָרט איז די פרישקייט פונעם פלייש אויפגעהאַלטן געוואָרן. דריי מאָל אין טאָג האָט באַשקע געקאָכט אָדער געבראָטן פלייש און ווורשט פאַר די אַרבעטער. די פעטקייט פון די מאַרכביינער אָדער די זאַפטיקייט פון דעם געבראָטנס האָט מען אָפּגעשווענקט מיטן רויטן ביליקן ווייַן וואָס מ׳פלעגט טרינקען גלייך פונעם לעדערנעם לאָגל אַרויס. דעם ווייַן פלעגט מען אַריינטריפן אין גאָרגל אַריין, האַלטנדיק דעם לאָגל ווייט איבערן קאָפּ און אַ דיניטשקער שטראָם האָט זיך געצויגן אָנמאַכנדיק אַ רעש. נישט איין מאָל פלעגן זיך די פּעאָנעס וועטן און אַריינציען אַ פולן לאָגל ווייַן, אָן אָפּצואָטעמען אַפילו.

אין פעלד איז מען אַרויס אין די גאָר פריִע מאָרגן־שעהן און שוין ווייט פאַרמיטאָג האָט מען זיך צוריקגעקערט אַהיים אויף אַ לאַנגן אָפּרו. דער אָפּרו איז נייטיק געווען נישט בלויז פאַרן מענטש, נאָר אויך פאַר די פערד, וואָס נישט אַלע האָט מען געקענט נאָכמיטאָג איבערבייטן, צוליב זייער איינגעאַרבעטקייט אין שפּאַן. פאַרן עסן האָט מען געזופּט די הייסע ביטערע מאַטע און געמיטלעך געשמועסט. נאָכן עסן האָט יעדער געזוכט אַ שאָטנדיק ווינקל און אויף עטלעכע שעה האָט מען געכאַפּט אַ געזונטן דאָרפישן דרימל.

אין ברען פון סעזאָן האָט ניאָמע אַראָפּגעבראַכט צוויי בלאָנדע גויים, הויכגעוואַקסענע, ווי ריזן ממש. איינער אַ טונקלאויגיקער, מיט שאַרפע קאַרבן אַרום מויל און שטערן און אַ באַרעדעוודיקער, און דער צווייטער,

אַ בלאָנדער, מיט גרויע וואַסערדיקע אויגן, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן און נאָר געשמייכלט. זיין שמייכל האָט אויסגעדריקט אַ מין באַ־האַלטענעם חוזק וואָס האָט אָנגעיאָגט אַן אימה אויף די אַרומיקע. פונעם ערשטן מאָמענט אָן האָט באַשקע געקוקט אויף די צוויי אַרבעטער מיט פּחד. ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז די אַרבעטער זענען אוקראַינער, ערשט אָנגעקומענע אימיגראַנטן, איז איר קאַלט געוואָרן אין די גלידער. זי האָט זיך אַזויפיל אָנגעהערט און אָנגעלייענט וועגן די שחיטות און פּאָגראָמען פון פּעטלורעס באַנדעס אין אוקראַינע, אַז קוקנדיק אויף דעם שווייגנדיקן און שמייכלענדיקן הויכן גוי, האָט זיך איר געדאַכט, אַז דאָס חוזקט ער פון זיינע קרבנות, וואָס ער האָט אַליין אפשר מיט די הענט אויפגעריסן זייערע בייכער. עס איז איר, באַשקען, נישט גוט געוואָרן און אַ חלשות איז איר באַפאַלן. זי האָט אָפּגערופן ניאָמען אין אַ זייט און אים אַריינגע־שושקעט:

— באַלד, ניאָמע, טאַקע באַלד זאָלסטו זיי אָפּפירן צוריק... זיי געפעלן מיר גאָרנישט...

— אָבער... ווי קאָן מען עס פּלוצעם אַרויסטרייבן מענטשן פון שטוב? וואָס האָבן זיי דיר געטאָן? — ניאָמע האָט געשטוינט.

— פאָלג מיך ניאָמע, פאַרליר נישט קיין צייט! עס קאָן זיך ענדיקן מיט אַ צרה...

צוריקגעפירט דעם זעלבן פאַרנאַכט האָט מען די גוים נישט, אָבער סיי הערשל און סיי זשאַמע קוריס האָבן דורך דער נאַכט זיך געביטן אויף זייערע פאַרשטעקטע וואַך־פּאָזיציעס. נאָך האַלבער נאַכט האָט הערשל אויסגעשאָסן דריי מאָל מיט דער ביקס אין דער לופט ווי צו וואָרענען, אַז מען איז וואַך. אויף צומאָרגנס האָט שוין זשאַמע אַליין זיי אָפּגעפירט צוריק, נאָך דעם ווי מ׳האָט זיי באַצאָלט פאַרן טאָג.

צוריקגעקומען איז זשאַמע פונעם שטעטל מיט צוויי יונגע מענטשן. מיט אַ טריאומף־זשעסט האָט ער צעשפּרייט די הענט ביים אַראָפּשטייגן און זיך אָפּגערופן צו די נייגעריקע בני־בית:

— נו, איצט האָב איך געמאַכט אַ פיינעם בייט. נאַשי־בראַטצי, ממש פון אנשי־שלומנו. דער מאַמעס מילך רינט זיי נאָך אויף די מאָרדיטשקעס, אָבער מיר וועלן זיי איינרייבן... נייע פייגל האָבן זיך באַוויזן אין שטעטל.

יידישע יונגעלייט פון שטאָט. „גרינע חיהלעך", וואָס ווילן אַ פּאָר ריינע פּעזעלעך פאַרדינען. פאַרוואָס נישט? ווער עס פאַרגינט זיי נישט, זאָל אַליין נישט האָבן... וואָס זיצט איר דאָרטן, גאָספּאַדאַ, און וואַרט אויף כבוד? אפשר אַ וואָיענעם מאַרש אייך אָפּשפּילן?

פאַר הערשלען איז דער אָנקום פון יידישע יונגעלייט אין דאָרף שוין נישט געווען קיין נייעס. מיט עטלעכע טעג צוריק, בעת ער האָט אָפּגע־שטאַט אַ באַזוך אין אָוונט ביי רבקהלען, האָט ער דאָרט שוין געטראָפן צוויי בחורימלעך פון דער גרויסער שטאָט.

אַהין, אין דער הויפּטשטאָט, זענען דערגאַנגען ידיעות, אַז אין די יידישע קאָלאָניעס קאָן מען דורכן סעזאָן פון דער קאָסטשע פאַרדינען אַ „גראָבס". דאָס זענען געווען יונגעלייט, וואָס האָבן זיך ביטער געראַנגלט צו פאַרדינען אַ שטיקל ברויט אין די חושכדיקע וואַרשטאַטן און פאַ־בריקלעך, אָדער אַזעלכע, וואָס זענען דורך טעג און נעכט אומגעקראָכן מיט אַ קויש גאַלאַנטעריע־סחורה אין די אָרעמע קוואַרטאַלן און פאַרקויפט זאָקן אָדער ציצענע קאָרטלעך אויף וועכנטלעכע ראַטעס. זייער טעגלעכער אויסקום איז געווען אויסגעציילט און מאָגער און פון די קליינע פאַר־דינסטן האָט מען נאָך געדאַרפט אָפּרייסן אַ גראָשן, זאַמלען אַ פּעזע צו אַ פּעזע און צושיקן אַ סומע אַהין, אין דער אַלטער היים, אָדער אָפּלייגן אונטערן מאַטראַץ, כדי ווען עס איז אַראָפּצוברענגען די יונגע פרוי וואָס מ'האָט דאָרט איבערגעלאָזן, צי גאָר „אויסצושרייבן" זיך די אויסגעבענקטע כלה, וואָס איז דאָ, פון דער ווייטנס, נאָך טייערער געוואָרן.

„קישקע־געלט" האָבן די אָפּשפּאָרער גערופן אָט די אָפּשפּאָרונגען. זיי האָבן זיך געוואַלגערט אויף בוידעם־שטיבלעך צו דריי אָדער פיר אין איין ענגן צימערל און אויפגעהאַלטן די נשמה מיט טרוקנס.

און אָט האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז אין די אויפגעקומענע יידישע קאָלאָניעס פעלן אויס אַרבעטסהענט אין שניטצייט. די מעגלעכקייט, אַז נאָך אַ פּאָר חדשים פון אַרבעט זאָל בלייבן אין טאַש אַ פּאָר הונדערט פּעזעס, האָט גערופן פון דער ווייטנס ווי אַ כישוף. די ערשטע האָבן זיך אַרויסגעלאָזן מיט אַ ביסל וואַקלענישן, צוליבן אָנזאָג וועגן דער שווערער אַרבעט וואָס דערוואַרט זיי, אָבער דער באַגער צו פאַרדינען אַ ריינעם טאַלער האָט גובר געווען יעדן פּחד און זיי האָבן זיך באַמיט ווי עס איז איינצופלעכטן זיך אין דער נישט גרינגער מערכה פון שניט־סעזאָן. דאָס

האָט געעפֿנט דעם וועג פֿאַר אַנדערע צענדליקער און זיי האָבן געוווּנען דעם צוטרוי פֿון די קאָלאָניסטן, וואָס האָבן אין אָנהייב זיך באַצויגן מיט צוריק־געהאַלטנקייט צו די „גרינע טשודאַקעס" מיט אויסגעבלייכטע געזיכטער. די קאָלאָניסטן האָבן גערן געהאַט צו פֿירן מיט זיי שמועסן וועגן דער ווייטער וועלט.

יענעם אָוונט איז הערשל אַריין צו רבקהלען אין שטוב ווי געוויינלעך איין מאָל אין וואָך, אויסער די פּרייטיקצונאַכטסן, ווען מ'פֿלעגט זיך צוזאַ־מענגעמען יעדעס מאָל אין אַן אַנדער הויז אויף צו פֿאַרברענגען אין לייענען, שפּילן אין פֿאַנטן און טאַנצן ביי גראַמאָפֿאָן־מוזיק.

דער טיש איז באַלויכטן געווען מיטן שטאַרקן ליכט פֿון אַ „פּעטראָ־מאַקס"־לאָמפּ, וואָס מ'האָט אָנגעהויבן צו באַנוצן אין די קאָלאָניסטישע הייזער. די משפּחה האָט נאָך געהאַלטן אין פֿאַרענדיקן די וועטשערע און דער ריח פֿון געבראָטן פֿלייש איז נאָך געשטאַנען אין דער לופֿט, כאָטש פֿונעם פֿלייש גופֿא איז שוין אין די טעלער קיין זכר נישט געווען. רבקהלע האָט דערלאַנגט שוואַרצע קאַווע געמישט מיט ציקאָריע און ווען זי האָט צוגעטראָגן דאָס גלאָז צו הערשלען האָט זי לייכט אים אַ טאָרע געטאָן בײם אָרעם:

— מיר האָבן דאָ געסט. אייגנטלעך, נישט קיין געסט, נאָר אַרבעטער. זיי זענען נעכטן אָראָפּגעקומען אין שטעטל פֿון בוענאָס־איירעס און דער טאַטע האָט זיי אַהערגעבראַכט. זע, דער וואָס זיצט נעבן טאַטן איז אַ פּאָליטורשטשיק, און דער וואָס נעבן אַבעלען איז אַן אַמבולאַנט־סוחר. זיי זענען געקומען צו אונדז אויף שניט־אַרבעט.

דאָס זענען געווען צוויי יונגעלייט וואָס די באָרד האָט קוים אָנגעהויבן צו שפּראָצן זיי אויף די בלייך־אָפּגעצויגענע באַקן. זייערע אויגן האָבן געפֿינקלט עטוואָס פֿאַרלוירן אין דער נייער סביבה ווי זיי וואָלטן קייך תּיקון נישט געפֿונען צווישן די פֿרעמדע מענטשן. די רואיקייט פֿון די פֿעלדער האָט זיך אויף זיי אַראָפּגעלאָזן אַזוי אומגעריכט נאָכן שטאָטישן האַרמידער. דער איבערגאַנג איז פֿאַר זיי געווען נישט לייכט און היינט איז געווען זייער ערשטער טאָג אַרבעט אין פֿעלד. די זון האָט שוין באַוויזן זיך אַ שפּיל צו טאָן מיט זייער דינער הויט און אַ לייכטן פֿאַרב געטאָן די שפּיצן נאָז און דעם שטערן.

ביסלעכווייז האָבן זיך זייערע צינגער אויפֿגעבונדן און זיי האָבן אָנ־

געהויבן פונאַנדערוויקלען פאַר די משפּחה־מיטגלידער די פאַרשידנסטע פּרשות פון זייער לעבן אין דער גרויסער שטאָט. זיי איז מער ניחא געווען ווען זיי האָבן געדאַרפט ענטפערן אויף געשטעלטע פראַגן.

— די שטאָט, די שטאָט! טויזנט חנען און מעגלעכקייטן זענען אין איר פאַרבאָרגן — האָט איינער פון זיי, חנא גרושקין, זיך אָנגערופן מיט אַ זיפץ. דאָס איז געווען אַ שוואַרצהאָריק בחורל מיט גרינלעכע אומרואיקע אויגן. ער האָט נאָך געהאַט אויף זיך, טראָץ דעם וואַרעמען שפּעטזומער־אָוונט, די טונקעלע וואָלענע רובאַשקע, פאַרקנעפּלט ביז צום האַלדז. אַזוי האָט ער אויסגעזען מיט די גוט־פאַרקעמטע גלאַטע האָר, ווי אַ גימנאַ־זיסט — עס איז נאָר אַ פראַגע פון פאַרדינען די עטלעכע פּעזעס, ווו זיי אויסצוגעבן איז גאָר קיין דאגה נישט...

— נו, מען דאַרף אויך וויסן ווי צו פאַרדינען — האָט דער צווייטער צוגעגעבן. ער איז געווען אַ דיקלעכער בחור. די שפּיצפינגער האָבן נאָך געהאַט די סימנים פון דער טרוקענער פאַליטור־פאַרב, וואָס איז איינ־געגעסן געווען אין דער הויט. עס איז שווער געווען צו דערגיין אויב ער רעדט ערנסט אָדער מיט איראָניע. די קילע אויגן האָבן געחוזקט מיט אַ גרינגשעצנדיקן שמייכל.

— פאַרדינען? ווער פאַרדינט עס דען נישט אויף אויסקומען אין דער גרויסער שטאָט? — דער ערשטער האָט מיט זעלבסטזיכערקייט כמעט ווי באַליידיקט זיך — איז נישט ביי אַרבעט — איז ביי מסחר; איז נישט ביי גרויסן מסחר — איז ביי קליינעם... וואָס מער זין אין דער משפּחה, אַלץ גרעסערע מעגלעכקייטן. נעמט, למשל, אַ קינד פון צוועלף יאָר; וואָס קאָן ער דען נישט אויפטאָן? אַפילו ווען ער לערנט אַ האַלבן טאָג, שיקט מען אים נאָך דעם פאַרדינען. די גאַס איז גרויס, די גאַס איז פריי. ביי וואָס? אַפילו ווען ער פאַרקויפט שיכבענדלעך קאָן ער אַרייַנ־ברענגען די פּאָר פּעזעס. און וואָס איז וועגן שיך פּוצן? ווייניקער אָנ־שטרענגיק ווי בוזשירן די קי און פערד אונטער דער ברענענדיקער זון? נישטאָ קיין מענטש, וואָס זאָל נישט אָפּשטעלן זיך אויפן ראָג פּוצן די שיך. שטעלט איר זיך פאַר וויפל צענער סענטן עס קאָנען אין אַ פאָר שעה זיך אַריינקייקלען אין טאַש?

— און אַזעלכע שיכפּוצער פעלן דען אויס? ווייניק אָרעמע קינדער זענען פאַראַן וואָס חלשן צו פאַרדינען אַ לייכטע פּעזע? — האָט הערשל

כמעט פֿאַרדראָסיק זיך אַריינגעמישט. עס האָט אים אויפגערעגט זייער פֿאַרריסן באַרימען זיך.

— זיכער פֿעלן נישט! אָבער די שטאָט איז אַ ים, אַלע פֿיש געפֿינען זייער אויסקומעניש.

— אָבער אין ים עסן די גרויסע פֿיש אויף די קליינע — האָט זישע אַקערמאַן זיך געשטעלט אויף הערשלס זייט. — איך האָב דעם איינדרוק, אַז ביי אייך איז נישט בעסער...

— נו, נו, אַזוי געפֿערלעך האַלט עס נישט, מ׳קאָן נאָך לעבן און לאָזן לעבן און אַפֿילו ברענגען אַ גרינגערן טאָלער, ווי ביים בראָטן זיך אויף דער זון און אויסקוקן אויף דעם חסד פֿונעם הימל. ווען מען גייט עס דאָרט אָן צי עס רעגנט אָדער נישט, און ווער לייגט עס אַכט אויפֿן ווינט אָדער אויפֿן האָגל?

— און זונטיק — דאָס איז דער טייערסטער טאָג. דעמאָלט זענען אַלע מענטשן גלייך. אַרבעטער און סוחרים פּוצן זיך אויס אין דעם בעסטן וואָס זיי פֿאַרמאָגן. און ווו צו פֿאַרברענגען דעם טאָג פֿעלט זיכער נישט. האָסטו אַן איבעריקן גראָשן, פֿאָרסטו אַרויס נאָכמיטאָג אין די גרויסע פּאַלערמאָ־וועלדער, שיפּסט זיך דאָרט אויף דער גרויסער אָזיערע; האָסטו אַן איבעריקע פּאָר שעה, גייסטו אַריין אין זאָאָלאָגישן גאָרטן. נישט קיין שלעכטער פֿאַרגעניגן איז צו זיצן סתם אין פּאַרק אָדער אין פּלאַסאַ־איטאַליאַ און קוקן ווי די שפּאַניאָלישע דינסטמיידלעך פֿלירטעווען מיט זייערע לאַנדסלייט, די פֿריקאַזשטשיקעס אָדער מילך־צופֿירער. נאָך דעם גייסטו אַריין אין אַ קאַפֿע־הויז, באַשטעלסט אַ שוואַרצע קאַווע מיט אַ קאַלט גלאָז וואַסער און זיצנדיק ביים פֿענצטער, קאָנסטו דאָרט פֿאַר־ברענגען אַ פּאָר שעה. און — עס זענען נאָך פֿאַראַן זאַכן! אָבער וועגן זיי טאָר מען נישט רעדן... — ער האָט זייטיק אָפּגעמאָסטן דעם קליינעם אַבעלע.

— און ווו איז דאָס יידישע טעאַטער? — האָט דער צווייטער געאײַלט זיך אונטערצוכאַפּן — סטאַרן קומען און סטאַרן גייען. מ׳שפּילט אָפּערעטעס מיט אַמעריקאַנער אַרטיסטן און ס׳איז גאָר פֿריילעך. איין צרה איז נאָר אין יידישן טעאַטער: מאַמעס ברענגען זייערע זויגקינדער, און אַקוראַט ווען ס׳איז פֿריילעך און לוסטיק, אָדער ווען מען איז אָנגעצויגן ווי אויף אַ סטרונע, צעוויינען זיך די קינדער. אויסער דעם, קאָנסטו זיך אַריינכאַפּן

אין אַ יידישן קולטור־צענטער אָדער אין אַן אַרבעטער־ביבליאָטעק, בייטן אַ ביכל, הערן אַ פֿאָרטראַג אָדער סתם זיך טרעפֿן מיט אַ חבר ביי אַ דאַמקע־שפּיל.

— אָט, אָט! דאָס הייסט אַ לעבן! וואָדען, ווי מיר ווערן אויסגעריסן און פֿאַרווילדעוועט? אַלץ פֿאַר זיי, די שטאָטישע — זישע אַקערמאַנס פּרוי האָט פֿאַר גרויס פֿאַרדראָס געצויגן מיט די פֿינגער איר דין־פֿאַר־שפּיצטע נאָז, וואָס האָט זיך געשיילט פֿון זון און ווינט.

— און וואָס איז מכוח די פּיקניקן וואָס די יידישע אַרבעטער־ביבליאָ־טעקן אָרגאַניזירן אין די זומערדיקע זונטיקן? דאָס איז דאָך ממש אַ תענוג וואָס איז שווער צו שילדערן! פֿון פֿרימאָרגן אָן פֿאָרט מען אַרויס מיט דער באַן אין די „קינטעס" (גערטנער)ביים טייך, מ׳בראָט די אַסאָדאָס אונטערן פֿרייען הימל, מ׳טרינקט קאַלטן ביר און מ׳באָדט זיך. דאָרט זיצט מען אונטער די גרויסע ווערבעביימער אָדער מען קלייבט זיך אויס אַ מיידל צו טאַנצן, ביז די זון פֿאַרגייט...

אַזוי האָבן זיי, די צוויי גרויסשטאָטישע יונגעלייט, געמאָלן פֿאַר די דאָרפֿסלייט דאָס צויבערבילד פֿון שטאָטישן גן־עדן. זישע אַקערמאַן, דער משכּיל און באַוווסטזיניקער ערדאַרבעטער, איז געזעסן ווי אויף שפּילקעס. געזען האָט ער ווי זיין פֿרוי איז געפֿאַנגען געוואָרן פֿון זייערע שילדערונגען און ער האָט גוט פֿאַרשטאַנען איר געמיטצושטאַנד. דערפֿאַר האָט ער נישט רעאַגירט אויפֿן ערשטן מאָמענט מיט דער גאַנצער שאַרפֿקייט וואָס האָט זיך אין אים אָנגעקליבן.

צענדליקער יאָרן, זינט זייער ערשטן באַזעצן זיך אין דער קאָלאָניע מאָנטיעל, מאַטערן זיי זיך אָן צו דערגרייכן אַ פֿעסטן אָנהאַלט אונטער די פֿיס. פֿריער איז עס געווען די זאַמדיקע ערד, וואָס האָט אויסגעצויגן דעם זאַפֿט פֿון די ביינער, און איצט, ווען זיי האָבן איבערגעוואַנדערט אויף מער פֿעטערן באָדן, איז שוין דער יוגנט־אימפּעט פֿאַרביי און דער ווילן פֿאַר נייע פּרוּוון איז אויסגעלאָשן געוואָרן. דערפֿאַר טאַקע האָט ער אויף די רייד וועגן גרינגן לעבן אין שטאָט נישט געהאַט קיין שטאַרקע קעגן־אַרגומענטן.

אָבער אים האָט פֿאַרדראָסן וואָס זיין פּופּצן־יעריקער אַבעלע איז אַרויס פֿון די כּלים, קוקנדיק ממש אין מויל אַריין פֿון די צוויי בחורים. ער איז געווען אַן אויפֿגעקלערט בחור׳ל און געשלונגען אָן אַ שיעור ביכער, וואָס

וועלוול דער רעשעטניק פלעגט ברענגען אויף באַרג אין קאָלאָניע. דאָס לייענען האָט אים דערנענטערט צו דער ווייטער און פרעמדער וועלט, וואָס ער האָט שטענדיק אַזוי געחלומט צו זען. ער איז געבוירן אין דער זאַמדיקער מאָנטיעל־קאָלאָניע און ביי זיינע פופצן יאָר האָט ער נאָך אַפילו נישט באַוויזן צו באַזוכן די גרעסערע קרייזשטאָט אין דער געגנט. דער־פאַר האָט דאָס האַרץ אים געפּלאַטערט הערנדיק וועגן די גוטע זאַכן און פאַרגעניגנס וואָס די שטאָטלייט פאַרגינען זיך, נישט איבערלאָזנדיק קיין ברעקל אַפילו פאַר די צוריקגעשטאַנענע און פאַרוואָגלטע דאָרפסמענטשן.

זישע אַקערמאַן האָט געפילט אַז דאָ קומט אין זיין אייגן הויז דער שטן מיט זיינע שטענדיקע פאַרפירערישע לאַקריץ־זיסע רייד. שווער איז בודק צו זיין פון דער ווייטנס, און נאָך מער אָפּצולייקענען, זייער אמתע וואָג און ווערט.

— אויף וויפל מיר איז באַקאַנט — האָט זישע איינגעהאַלטן געענט־פערט — סיי פון לייענען און סיי דורך די רייד פון באַגלויבטע לייט, איז אייער בליאַסקנדיקע שילדערונג אַ ביסל איבערגעטריבן. איך האָב געלייענט מער ווי איין דערציילונג פון יידישע שטאָטישע שרייבער, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט דער עלנטקייט פון די נייע יידישע אימיגראַנטן אין שטאָט. אַ גאַנצע ליטעראַטור איז שוין אָנגעשריבן געוואָרן וועגן די צרות פון די ניי־אָנגעקומענע און זייער נישט קאָנען צופּאַסן זיך צו די נייע באַדינגונגען.

אַ שטילקייט איז געוואָרן אין צימער. מ׳האָט געקאָנט הערן דאָס לייכטע צוקלאַפּן פונעם ברענענדיקן קנויט.

— און אויב דאָרט טאַקע איז ווי אין פסוק שטייט: מילך און האָניק רינט אין אַלע רינשטאָקן, און פאַרדינען פאַרדינט זיך לייכט, ווי אַרויס־צונעמען אַ האָר פון דער מילך אַרויס — איז וואָס האָט איר זיך מטריח געווען און זיך נעבעך אַראָפּגעלאָזן אין די חרובע „קורניקעס״ (הינער־שטאַלן) פון די פאַרגרעבטע פויערים? וואָס פאַר אַ טעם האָט עס, אַז אַזעלכע שטאָטישע אינטעליגענטן זאָלן שטיין אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט פון קאָאָפּעראַטיוו און וואַרטן, ווי יעדער איוואַן און סטעפּאַן, אַז אַ קאָלאָ־ניסט זאָל זיי אויפנעמען אויף אַרבעט? עפּעס קלעפּט זיך נישט...

זישעס תקיפדיקער טאָן האָט דערוועקט די קענטיקע צושטימונג ביי הערשלען און רבקהלען. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט מיט אַ שמייכל. הערשל

האָט מקנא געווען דעם למדנישן ייד, וואָס פאַרמאָגט אַזאַ איבערצייגנדיקע רעד־אייגנשאַפט און אַזאַ פעיקייט צו צעברעקלען יענעמס אַרגומענטן. הערשל האָט דאָך געטראַכט געגנוי ווי דער אַלטער קאַלאַניסט, אָבער ער האָט נישט געפונען די ריכטיקע ווערטער ווי אַזוי עס אַרויסצוברענגען.

די מוטער איז, זעט אויס, נישט געוואָרן באַאיינדרוקט פון איר מאַנס רייד. אויך אַבעלע האָט נאָך געשוועבט אין פרעמדע און כישופדיקע וועלטן.

דער ווערטער־געפעכט צווישן זישען און די צוויי יונגעלייט האָט זיך ווייטער געפירט אָן דער אַריינמישונג פון די שטובלייט. הערשל האָט אָבער דאָך געפילט, אַז דער ריכטיקער זין פון אָט דעם וויכוח ליגט אפשר דערוויטערט, ביי די פאַלדן פון דערווירקלעכקייט און מאָנט אַ קאַלטן און קלאָרן אַנאַליז. דווקא ער, הערשל, וואָס האָט שוין באַוויזן צו באַזוכן עטלעכע מאָל די שטאָט, האָט געקאָנט מיט מער קלאָרקייט זען די ריכטיקע באַדיי־טונג פון זייער שריט. זיכער זענען די רייד פון די באַרימערישע יונגעלייט איבערגעטריבן. דאָס איז דער שטייגער פון מענטשן, וואָס ווילן מאַכן אַן איינדרוק בעיקר ווען עס געפינען זיך דאָ יונגע מיידלעך... און דערצו מיידלעך, וואָס האָבן נאָך אין זייער לעבן נישט באַזוכט די גרויסשטאָט. פון דער אַנדערער זייט, קענענדיק די לאַגע אין קאָלאָניע, דעם קולטורעלן מצב און דעם עקאָנאָמישן פאַרנעם, איז שווער צו זאָגן מיטן פולן מויל, אַז דאָס אָרטיקע לעבן קאָן ביישטיין דעם גלאַנץ, אַפילו דעם פאַלשן שיין פון דער שטאָט. אויב עס וועט נישט געטאָן ווערן עפּעס אויף דעם געביט, און ווי אַמשנעלסטן, שטייט דאָ פאַר אַ גאַר שווערער קאַמף. דאָס דערשיינען פון די צוויי יונגעלייט איז אפשר אַ צופעליקער אַריינפאַר, אָבער מעגלעך, אַז דאָס איז ווי אַ פינגער, וואָס ווייזט אָן די אָנרוקנדיקע געפאַרן.

איצט, נאָך כמעט אַ צענדליק יאָר פון זיצן אויפן פלאַץ אָן וועלכער עס איז געזעלשאַפטלעכער אַקטיווקייט, האָט ער אָנגעהויבן נאָכצוטראַכטן וועגן חלק וואָס ער איז מסוגל בייצוטראָגן פאַרן קולטור־לעבן אין דער קאָלאָניע. ער האָט אַפילו זיך געוווּנדערט אויף זיך אַליין, וואָס אַלס אַן אַמאָליקער אַקטיווער רעוואָלוציאָנער, האָט ער געקאָנט במשך פון יאָרן זיצן אָן אויסגעלאָשענער און נישט אָנטיילנעמען אין עפּעס, וואָס זאָל אַקטיוויזירן די אָרטיקע יוגנט.

ווען דער וויכוח איז שוין געווען צו ענד און די יונגעלייט צוזאַמען מיט די בני־בית האָבן זיך געלאָזן אויף זייערע נאַכטלעגערס, האָבן זיי

ביידע, הערשל און רבקהלע זיך אַרויסגעשלייכט פון דער שוואַך־באַלויכ־טענער קיך און אַוועק אויף אַ שפּאַציר איבער דער סטעזשקע צום צענטראַלן וועג. אַ האַלבע לבנה מיט שאַרפע קילע שפּיצן האָט זיך באַוויזן פון הינטער אַן אָפּגעקראָכן בערגל און באַלויכטן דאָס ווייס־מילכיקע שטעגל צווישן די פריש־אויפגעאַקערטע פעלדער. דער גערוך פון דער לעצט געשניטענער אַלפאַלפאַ, דער פערטער שניט דורכן יאָר, און דער אָנגענעמער אַראָמאַט פון איבערגעפוילטן שטרוי, האָבן אָנגעיאָגט דעם אָטעם פון פולער פריי־קייט. רבקהלעס בלאָנדע צעפּ האָבן זיך געוויגט אין גאַנג און טיילמאָל אָנגערירט זיינע אַנטבלויזטע אַקסלען. יעדער אָנריר האָט אים אָנגערעגט מיט ציטער פון פאַרבאָרגענער הנאה. טראָץ דעם וואָס ער האָט געהאַלטן זיין האַנט אין איר אָרעם און געפילט די פולע וואַרעמקייט פון איר קערפּער, האָט אים מער פון אַלץ דורכגעציטערט יעדעס צופעליקע שמיצל פון אירע צעפּ־שפּיצן. זיי האָבן איבערגעגעבן אַזעלכעס, וואָס נישט דאָס מויל און נישט דער האַנט־דרוק זענען מסוגל עס צו טאָן.

אין די לעצטע חדשים, נאָך דעם איבעררייסן דראַסטיש די באַציאונגען מיט זיין ברודער שלום, איז צווישן מאירן און רבקהלען פאַרגעקומען אַ גאַר שנעלע דערנענטערונג. צוויי מאָל אין וואָך פלעגט ער פאַרברענגען אין איר שטוב ביז שפּעט אין אָוונט. אַ מאָל פלעגט ער קומען צו רייטן, אָבער אין די מערסטע אָוונטן האָט ער ליב געהאַט צו שפּאַנען צופוס איבער די פעלדער. צוריקוועגס, ווען די נאַכט האָט שוין אַלץ איינגעהילט אין טיפער רו, האָבן זיינע פיס זיך געגעצט אין פאַלנדיקן טוי. זיי פלעגן לייענען צוזאַמען, דיסקוטירן און אָפט אַרויסגיין אויף אַ לאַנגן שפּאַציר איבער די סטעזשקעס. די שטוביקע און אויך אַלע זייטיקע שכנים האָבן עס אָנגענומען ווי אַ נאַ־טירלעכע דערשיינונג. הערשל איז שוין נישט געווען פון די גאָר יונגיטשקע אין דער קאָלאָניע און אין זיין „אוכאַזשעווען" רבקהלען האָט מען געזען אַ גוטן סימן פאַר אַ נאָענטער שמחה. הערשל האָט געשמייכלט פון די אָפטע אָנצוהערענישן, אָבער ער האָט זיך פון דעם נישט אָפּגעטרייסלט. די פאַרבינדונגס־פעדים צווישן זיי האָבן זיך ענגער איינגעוועבט און רבקהלע האָט זיך אָנגעהויבן צו באַזעצן אין זיין טראַכטן און פילן. זי האָט נישט פאַרמאָגט קיין ספּעציפישן רייץ, אָבער אירע העלבלויע אויגן מיט זייער לאַכיקן בליאַסק, די בלאָנדע וויצן־האָר און איר צוגאַנג צו זאַכן, האָבן ביסלעכוויז איינגעקויפט זיין ליבע צו איר.

די שטילקייט פון דער טיפער נאַכט און דער איבערגעבליבענער רושם פונעם שאַרפן שמועס וואָס האָט זיך געפירט ביים טיש, האָבן אין הערשלען אויפגעוועקט אומרואיקע געפילן. איצט, ביי דער זייט פון דער קליינער רבקהלען, וואָס האָט אפשר מער פון יעדן אַנדערן געקאָנט באַנעמען זיין געמיטצושטאַנד, האָט ער געהאַט דעם באַגער זיך צו טיילן מיט איר וועגן אַלץ וואָס טאָטשעט אים:

— עס איז קלאָר, רבקהלע, אַז אינעם וויכוח איז דיין פאָטער גערעכט. אָבער איז דען געוונג צו זיין גערעכט אויף אַרויס דער זיגער? איך האָב אין אָט דער שעה אַ סך נאָכגעטראַכט וועגן אַלץ וואָס מ׳דאַרף טאָן, כדי אָפּצוהאַלטן דעם גאַנג פון דער יוגנט אין שטאָט אַריין.

— מאָדנע! אויך איך האָבן וועגן דעם געטראַכט — האָט זי צו אים זייטיק אַרויפגעקוקט.

— אַ סך, זייער אַ סך מוז געטאָן ווערן — האָט הערשל זיך צעוויגט אין זיינע רייד — פאַרן יונגן דור. די אַלטע האָבן דאָך זייערס אָפּגעצאָלט. זיי האָבן זייער לעבנס־שטייגער צעוואָלגערט און פאַרברענט אַלע בריקן הינטער זיך. אויב מיר מיינען, אַז דאָס איז דאָס ריכטיקע לעבן, דאַרפן מיר באַלד צוטרעטן צו דער אַרבעט.

— אָבער וועלכע אַרבעט?

— אָרגאַניזירן זיך, און אויף אַלע געביטן. פאַרשטאַרקן די קולטור־אַרבעט. שאַפן קרייזן וואָס זאָלן לערנען אין די אָוונטן, ביבליאָטעקן מיט אַ סך גוטע ביכער, אָרגאַניזירן ליטעראַרישע אָוונטן און אַראָפּברענגען לעקטאָרן פון שטאָט. מיר דאַרפן פאָדערן, אַז יעדער שרייבער, וואָס קומט אין לאַנד, זאָל אויך אַראָפּקומען אין די קאָלאָניעס, אַז יעדע טעאַטער־טרופּע זאָל אויך שפּילן פאַר אונדז. מיר דאַרפן אויך אויפשטעלן דראַמאַ־טישע קרייזן און אַפילו אויסרופן אַ קאָנקורס צווישן די דאָרפישע שרייבער, אַז זיי זאָלן שרייבן פּיעסן פאַר אָט די קרייזן.

— דאָס איז הערלעך! איך זע, אַז דער אַמאָליקער אָרגאַניזאַטאָר קריכט אַרויס צוריק פון דיר...

— אין יעדער קאָלאָניע דאַרף די יוגנט אויפשטעלן אַן אַגראַר־צענ־טער, וואָס זאָל דערציען די יוגנט אַלס אַקטיוויסטן פאַר דער קאָאָפּעראַטי־ווער פירונג. מען דאַרף אויפשטעלן אַ פּאָזיציע קעגן דער דעספּאָטישער פירונג פון דער „געזעלשאַפט“ און איר ווייזן אונדזער כוח.

— די רפואה דאַרף קומען שנעל. מיין נישט, אַז דאָס געפּערלעכסטע ליגט אין די באַרימערישע רייד פון אַזעלכע שטאָטישע יונגעלייט. שוין איצט האָבן זיך אַ סך פון אונדז אַרויסגעריסן פון דער ערדאַרבעט. אָט, חיים זעליקס, ער איז אַוועק אין דער קרייזשטאָט, געוואָרן אַ טעלעגראַפיסט אויף דער באַן־סטאַנציע, און ווער איז גלייך צו אים? נוסקע דאָברושין איז געפאָרן לערנען מעדיצין און ווען ער קומט אַהיים אויף וואַקאַציעס איז ער דער אָפּגאָט פון אַלע דאָיקע מיידלעך. אין קליינינקייט, אַ דאָקטער אין דער משפחה! אַפילו פּיניעלע לובליק, וואָס איז אין שטעטל געוואָרן אַ פּשוטער פּריקאַזטשיק, קוקט שוין אויך פון אויבן אַראָפּ אויף די פּויערים, וואָס קומען אַראָפּ אין שטעטל איינצוקויפן, און ביים איינפּאַקן די זאַכן חוזקט ער פון זיי.

— מיר דאַרפן, רבקהלע, צעברעכן דאָס „גרינע" שאָלעכץ, אין וועלכן מיר לעבן נאָך לויט די אַלטע קליינשטעטלדיקע באַגריפן. מיר הענגען ווי אַ זאַנג אויף אַ שוואַכער שטרוי. מיר זענען דאָך נישט קיין פּויערים־שיכט ווי ביי אַלע פעלקער. יעדער קלאַנג אָדער פאַלשער רוף פון דער שטאָט געפינט אין אונדז באַלד אַן עכאָ. מיר דאַרפן ווערן נאַטירלעכע, פּשוטע פּויערים. אין רוסלאַנד האָט זיך ביי די פּויערים אויסגעפורעמט אַ ספּעציעלער פאָלקלאָר מיט זייערע טענץ, זייערע חתונות און זייער אופן פון פירן אַ ליבע... דאָ איז, וואָס אַן אמת, קיין איינגעוואָרצלט פּויערטום נאָך נישט פאַראַן, אָבער דער אופן פון אויסזינגען די „פּאַזשאַדאָס", די פערד־געלויפן און אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו דער סביבה — אַלץ ווייזט אויף אייגנס, וואָס מען קאָן נישט אַזוי לייכט אָפּטרייסלען זיך פון דעם.

זיי זענען איצט געגאַנגען אויף דעם באַגראָזטן ברעג פון צענטראַלן וועג. אַנטקעגן זיי האָט זיך געהויבן אַ קיילעכיק בערגל, אָפּגעקראַכן פון יעדער פלאַנץ און באַגאָסן מיט מאַטן לבנה־שיין. די נאַכט האָט זיך אַ וויג געטאָן מיט אַ טיפן זיפץ, ווי זי וואָלט איינגענומען די ברייטע פעלדער אין אַ ליידנשאַפטלעכן צודריק. איר שטילקייט האָט דערמעגלעכט אויפצונעמען די פאַרשטיקטע קולות פון נאַכטיקע חיהלעך און רויבפייגל.

— הערשל, הערשל... — עס האָט זיך געדאַכט, אַז איר שוואַכע שטימע איז אַנגעטראָגן געוואָרן פון ערגעץ מיט דער לייכטקייט פון פליגל — איך מיין, אַז אויך מיר זענען נישט נאַטירלעך... איך און דו, מיר ביידע...

— פאַרוואָס?

— אָט, גיב נאָר אַ טראַכט: אין אַזאַ נאַכט, אַליין אויף איינזאַמע וועגן... צי וואָלטן שקצים און שיקסעס געגאַנגען אַליין נאָך האַלבער נאַכט און — געשמועסט וועגן וועלט־ענינים, וועגן ערד־אַרבעט און וועגן קאָאָ־פּעראַטיוויזם? — אין איר פאַרלוירנקייט האָט זי זיך לייכט צעלאַכט.

ער איז געבליבן האַסטיק שטיין און פונעם אָפּהאַלט האָט זי זיך אָנגעשלאָגן אין זיין קרעפטיקן און פולן גוף. זי האָט ממש דערפילט די אָנגעצויגענע ליניעס פון זיינע מוסקולן. זי האָט איצט שווייגנדיק, אין ציטערדיקער דערוואַרטונג, צו אים אַרויפגעקוקט און זיין בליק האָט פאַרנומען דעם פינקלדיקן בליאַסק פון אירע העלע אויגן. זיינע שטאַרקע הענט האָבן ווי געפּאַנצערטע רייפן איינגעצויגן איר דינעם קערפּער. ער האָט געפילט איר זוכנדיקן הייסן אָטעם.

דרייצנטער קאַפּיטל

אויף פרעמדע בריקן

דער צעשמאָלצענער אַספאַלט פון די ברוקירטע גאַסן האָט געאָטעמט מיט אַ פאַרשטיקטן גערוך. די שאַרפע נאָכמיטאָג־זון האָט צעגליט דעם בעטאָן און דורכגענומען מיט אַ פאַרחלשטער מידקייט די מענטשן, וואָס זענען געצווּונגען געווען אין אָט די שווערע שעהן זיך אויפצוהאַלטן אויף דער גאַס. די טראַמוויי־רעדער האָבן זיך מאָנאָטאָן געגליטשט איבער די איינגעריבענע בליאַסקנדיקע שינעס און ביי יעדן ראָג אויסגעקלונגען דעם געוויינלעכן איינשלעפערנדיקן סיגנאַל.

שלום איז געגאַנגען מיט אונטערגעהאַקטע טריט צו די גרויסשטאָטישע געסלעך און ער האָט געפילט, ווי ביסלעכוויז שטאַרבט אָפּ אין זיינע אויערן דער הו־האַ פון די רוישנדיקע גאַסן. בלויז ווי אַ ווייטער אָפּקלאַנג איז ער נאָך געהאַנגען אין דער הייסער לופט.

דאָ, אין די אָפּגעלייגטע געסלעך, וואָס זענען נאָך נישט אויסגעפלאַס־טערט און דער גרינלעך־מוטנער רינשטאָק לויפט ביי דער זייט פון די שיטערע נידעריקע הייזער, האָט שלום געוואָלט געפינען אַן אָנשפּאַר פאַר זיין צעוואַקלט געמיט. אמת, דער איבלדיקער גערוך פון דעם צעפּאַרעטן רינשטאָק האָט אים נישט אויפגעמונטערט, אָבער זיינע אויגן האָבן זיך געקוויקט מיט דער גרינקייט פון די פייגנביימער און קלעטער־פלאַנצן, וואָס זענען געוואַקסן אין די גרויסע הויפן. די הינער האָבן זיך געקאָר־טשעט אין די מיסטן און די איינצלנע קי און ציגן, צוגעבונדענע ביים ראַנד פון רינשטאָק, ווו עס זענען אויפגעגאַנגען הויכע גראָזן, האָבן אין אים דערוועקט זכרונות פון פעלד, פון וועלכן ער איז זינט אַ פּאָר יאָר אויס־געריסן געוואָרן און עס האָט אים פאַרטראָגן אַהער אין דער הויפּטשטאָט.

אויך די ווייטע צפון־געגנטן, ווו דער בליאַסק פון ווייסן גאָלד איז צעגאַנגען ווי שניי אונטער זון, האָבן אים אויסגעשפּיגן, ווי אַ סך אַנדערע יידישע יונגעליט.

די עקשנותדיקע גרופּע, וואָס האָט זיך לכתחילה אָרגאַניזירט ווי אַ קאָלעקטיוו, האָט די ערשטע יאָרן, טראָץ די שווערע באַדינגונגען פון קלימאַט און אַרבעט, דורכגעמאַכט איר פּייער־פּראָבע מיט ברען און מיטן באַוווסטזיין, אַז זי לייגט דורך אַ וועג פאַר אַ נייעם באַזעצונגס־געביט, נישט נאָר פאַר זיך אַליין און נישט נאָר פאַר יידן בלויז. אַרום זיי האָבן זיך געשפּרייט איבער הונדערטער קילאָמעטער די אוראַלטע וועלדער וואָס מ׳האָט געדאַרפט אויסקאָרטשעווען און יעדע אויסגעריסענע פאַרצעלע פונעם דזשונגל — פאַרזייען מיט מאַיס און וואַטע. דער קאָלעקטיוו האָט זיך געראַנגלט און נישט דערגרייכט די פאַרווירקלעכונג פון זיינע שטרע־בונגען, אָבער פון די ווייטסטע און פאַרוואָרפנסטע פונקטן האָבן זיך אַהער־געטראָגן יונגע פאַמיליעס, געטריבן פון די פאַנטאַזיע־בילדער וועגן דער עקזאָטישקייט פונעם צפון און זיינע פאַרבאַהאַלטענע צוזאָגנדיקע אוצרות. ביסלעכווייז האָבן זיך געשאַפן ווירטשאַפטן פון עטלעכע הויפּטגרופּעס און אַפילו פון איינצלנע יידישע פאַמיליעס. מען האָט דערווייל פאַרנומען שטיקער פונעם וואַלד און זיי באַאַרבעט. יידישע יונגעליט האָבן דרעסירט ווילדע פערד, וואָס זענען אין די הונדערטער אומגעלאָפן פריי אין דער געגנט. מ׳האָט געגראָבן ברונעמער און געחלומט וועגן אַן אינטענסיוו יידיש לעבן. דאָס קאָרטשעווען די אַלטע גרויסע ביימער איז געווען ווי אַ פאַרמעסט קעגן אַ ריזיקן פיינט פון דער קולטור, אָבער די זעלבע וואַלד־פלאָרע און פאַונע האָבן געגרופן צו זיך מיט זייער רייכקייט. הונדערטער טויזנטער העקטאַר זענען פריי געלעגן אַרום איינציקע געציילטע שטעט־לעך, ווי פאַרלאָרענע אינעם ים פון דער ווילדערניש.

דאָס ערשטע יאָר האָבן סיי די גערעטעניש און סיי די פּרייזן געמוטיקט. אָבער דער קלאַפּ האָט נישט פאַרזאַמט צו קומען. דער גרויזאַמער און אומ־באַקאַנטער וואַטע־וואָרעם האָט זיך דאָס אַנדערע יאָר פאַרקליבן אין די קנאָספּן און אויפגעפרעסן דעם זאַפט ביים אָנהייב בלי פון „ווייסן גאָלד״.

דעמאָלט האָט זיך שוין אָנגעהויבן צעבליען דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אין די צעוואָרפענע גרופּקעס. צוזאַמען מיט אַלע אַקטיווע יונגעליט האָט שלום זיך אַריינגעוואָרפן אין דער קולטור־אַרבעט צווישן די פאַרשי־

דענע שיכטן. מען האָט איינגעאָרדנט וועכנטלעכע ליטעראַרישע צוזאַ־מענקונפטן, קעסטל־אָוונטן, געשאַפן אַ יידישע ביבליאָטעק און אַ דראַמאַ־טישן קרייז. אין די שבתים האָבן יידן געדאַוונט אין קליינעם שילעכל, די קלאַנגען פון יידישע לידער און רעציטירטע פּאָעמעס האָבן זיך געטראָגן פון בלעכענעם באַראַק איבער די פעלדער און וועלדער פון טראָפּישן צפון. דאָס האָט געהויבן דעם מוט ביי די אַנטוישטע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן, אַחוץ דער אויפגעפרעסענער גערעטעניש, געדאַרפט איצט פירן אַ קאַמף מיט דער רעגירונג וועגן פרייז פאַרן באָדן. אין אָנהייב האָט מען צוגעזאָגט די קאָלאָניסטן, אַז פאַר אַ שיבוש וועלן זיי זיך איינשאַפן די וואַלד־שטחים צום אויסקאָרטשעווען, אָבער גאָר שנעל האָבן זיי זיך איבערצייגט, אַז די פרייזן זענען הויכע אין פאַרגלייך מיט דער אינוועסטירטער אַרבעט. דאָס האָט אויך אונטערגעאיילט דעם פּראָצעס פון צעפאַלונג. די ערשטע, וואָס האָבן געצויגן אין די שטעט און שטעטלעך, האָבן געעפנט דעם וועג פאַר אַ צוריקטריט.

צווישן די וואָס האָבן פאַרלאָזן איז אויך געווען שלום. אַ ריי אינער־לעכע אַנטוישונגען האָבן מיטגעווירקט, אַז ער זאָל באַשליסן וועגן פאַר־לאָזן דעם פּלאַץ. ער האָט עס געטאָן מיט אַ שווער האַרץ. שוין אין די ערשטע טעג האָט ער זיך געזען ווי איינער פון די, וואָס וועלן האָבן אַ וויכטיקע דעה אין דער פירונג פון דער קאָלאָניע. ער האָט געשריבן קאָרעספּאָנדענצן אין יידישע צייטונגען און זשורנאַלן און אונטערגעצייכנט זיין פולן נאָמען. זאָל מען וויסן ערגעץ ווו, דאָרט ווו מען האָט אים געלאָזט שטיין אַן אָפּגענאַרטן און צעוויטיקטן, אַז אויך ער איז פעיק זיך דורכצו־שלאָגן אַ וועג...

ער האָט אָבער מיט זיין שאַרף אויג פאָרגעזען, אַז דער חלום טראָגט זיך שנעל אָפּ מיטן הייסן צפון־ווינט. ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין פּערזענלעכע קאָנפליקטן, אומגעדולדיק געפּאָדערט שנעלע לייזונגען פון פּראָבלעמען און געזען, אַז די שפּיל איז פאַרלאָרן.

ער איז אַוועק אין דער הויפּטשטאָט. פאַר די עטלעכע צענדליק פּעזאָס, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך, האָט ער איינגעהאַנדלט אַ בילעט פון דריטן קלאַס און זיך געשלעפּט אַרום פערציק שעה מיט דער באַן. אַהין איז ער געפאָרן וואָכן לאַנג, ווי אַ שטאָלצער יידישער גאַוטש, וואָס זוכט פאַר זיך און זיינע חברים אַן אייגענע „פּאַמפּאַ". איצט, אַן אָפּגעשלאָגענער

און שווייגנדיקער, האָט ער זיך געשלעפּט איבער די פֿאַרשטויבטע פֿעל־דער, וואָס לויפֿן דורך, ווי זיך רייצנדיקע און אָפּלאַכנדיקע מיידן פֿאַר אַ דורכגעפּאַלענעם קאַוואַלער...

צוזאַמען מיט נאָך אַ בחור האָט ער געדונגען אַ קליין און טוכלע בוידעמצימערל ביי אַ יידישער משפּחה, ווו די גאַנצע דירה כמעט איז געווען באַזעצט פֿון געדונגענע שכנים און בלויז דער ערשטער זאַל און דער פּאַדערצימער האָט געהערט דעם באַלעבאָס. אויף צו דערשלאָגן זיך צום באָדצימער האָט מען געדאַרפֿט שטיין אין דער ריי. שאַרפֿע רינשטאָק־ריחות האָבן אָנגעשלאָגן אין זייער צימער.

ער געדענקט נאָך יענעם אומגליקלעך־קאָמישן טאָג פֿון זיין אָנקומען אין שטאָט אַריין.

מיטן פּעקל אויפֿן רוקן און אַ וואַליזקע אין דער האַנט האָט ער זיך פֿון דער באַן־סטאַנציע אַריינגעצויגן אין די פֿרימאָרגן־שעהן, אין הו־האַ־געַרויש פֿון די גרויסשטאָטישע גאַסן. געהאַט האָט ער פֿאַרצייכנט דעם אַדרעס פֿון אַ גאָר וויַיטן קרוב, וואָס האָט זיי אַ מאָל, ביי זייער אָנקומען אין אימי־גראַנטן־הויז, גענומען אויף אַ פּאָר טעג צו זיך. פֿאַרנאַכטצו איז ער געוווּיער געוואָרן, אַז דער אַדרעס איז שלעכט געשריבן און אַז אומזיסט האָט ער זיך געקייקלט פֿון איין געגנט אין דער צווייטער. קיינער האָט אים נישט געקאָנט אויף זיכער אָנווייזן די געזוכטע גאַס. שוין שפּעט אין אָוונט, אַ דערשעפּטער און הונגעריקער, האָט ער מוותר געווען אויפֿן קרוב און זיך דערשלאָגן צו אַ לאַנדסמאַן, אַ שכן פֿונעם שטעטל נאָך, וועמענס אַדרעס ער האָט גוט געדענקט — אין סאַמע האַרץ פֿון יידישן פֿערטל. דאָרט האָט ער זיך אויפֿגעהאַלטן אין ענגשאַפֿט ביז ער האָט זיך געדונגען דאָס בוידעמ־שטיבל. — — —

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַ הויכן ברייטפֿאַרצווייגטן בוים ביים פֿלוס פֿונעם רינשטאָק. דער בוים האָט אים דערמאָנט אין די רוישנדיקע טייכלעך פֿונעם טראָפּישן געביט, ווו ביי זייערע ברעגן טונקען זיך די נאָכהענגענדיקע צווייגן פֿון גרינע ווערבעס. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און מיט אומעטיקע אויגן באַטראַכט די גרינע פֿרישקייט. אַ לייכטע קילקייט האָט גערופֿן אונטער די ברייטע שאָטנס פֿונעם בוים. ער האָט זיך אַוועק־געזעצט און אָפּרוקנדיק דאָס פּעקל זאָקן און דעם קויש פֿון פֿאַנטאַזיע־גאַלאַנטעריע־סחורה, האָט ער באַטראַכט יעדן דורכגייער, ווי מורא האָבנ־

דיק, אַז מען זאָל אים שטערן אין זיין אָפּגעזונדערטקייט און אפשר פרעגן אַ פּרייז פון עפּעס אַ שמאַטע...

די סוחרים און די חברים פון גאַסן־מסחר האָבן אים געראָטן: „גייסטו אַרויס אויפן גאַס — לאָז זיך הערן! שריי און רוף אויס דיין סחורה. קלינג אָן אין די טירן און באַט אָן פּאַר זיל־הזול. דער נידעריקער פּרייז מוז וועקן די אויפמערקזאַמקייט און עס איז די אייגנשאַפט פון אַ פרוי צו בלייבן שטיין און נישטערן און טאַפּן".

אָבער זינט די צוויי וואָכן, ווי ער איז אַרויס מיטן פּעקל אין גאַס, האָט ער נאָך קיין מויל נישט געעפנט פאַרצולייגן די סחורה. ער גייט אַרום, ווי אַ נישט־דאָאיקער, און מעגלעך, אַז זיין פאַרלוירענער בליק רופט אַרויס אַ רחמנות און עמעצער קויפט עפּעס ביי אים. אפשר דערפאַר, ווייל ער רייסט נישט דעם האַלדז און איז נישט צודרינגלעך, רופט ער אַרויס מער צוטרוי. אויך אין קיין שום טיר האָט ער נישט אָנגעקלאַפּט. אין די אַריסטאָקראַטישע פּערטלען שטייען די דינסטמיידלעך מיט די אָנגעקראָ־כמאַליעטע שירצן און רופן אים צו, זוכן צו פאַרפירן אַ פלירט מיטן „רוסאָ אַמבולאַנטע". זיי וואַרפן איבער דעם קויש ביז צום דנאָ און קויפן עפּעס פאַרן חתן דעם שאָפער אָדער אָנגעשטעלטן...

ער האָט זיך נאָך ביז איצט נישט באַפרייט פון געפיל ווי ער זאָל האָבן מיט דעם פּעקל אויף זיך גענומען אַ בינטל שרצים, וואָס מאַכט אים מיאוס אין די אייגענע אויגן. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די זייטיקע געסלעך פון דער גרויסער שטאָט און עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז פון ערגעץ ווו וועט אַנטקעגן אים אַרויסשפּרינגען אַ באַקאַנטער בחור פון דער קאָלאָניע אָדער עס וועט זיך באַווייזן אַ יונג מיידל פונעם אַרבעטער־קלוב, ווו ער האָט שוין באַוויזן צו שליסן באַקאַנטשאַפטן, און אַלע וועלן טייטן אויף אים מיט די פינגער.

אין די קאַרגע צוויי יאָר וואָס ער דרייט זיך אַרום אין שטאָט האָט ער שוין אויסגעפּרוווט אַ סך פּרנסות און זיך צו גאַרנישט דערשלאָגן. ער האָט זיך געלערנט אַלס היטלמאַכער, און נאָך אַ פּאָר וואָכן, ביים באַקומען אַ נישטיקן לוין און אַן אוממענטשלעכע באַהאַנדלונג פונעם באַלעבאָס, זיך אָפּגעטראָגן. דערנאָך האָט ער עטלעכע חדשים געאַרבעט אַלס שוואַר־צער אַרבעטער אין אַ בעטן־פאַבריק, געריבן דעם זשאַווער פון די אייזנס פאַרן פאַרבן אָדער אָנגעצויגן די דראָטענע לאַסטיקעס. קיין לערנ־

פאַרשריט האָט ער נישט פאַרגעזען און ער האָט זיך אָנגעבאָטן אַלס אַרבעטער אין אַ מעבלפאַבריק. דאָס איז געווען אַ גרויסער פאַררויכערטער און שמוציקער „גאַלפּאָן". דער ריח פון פאַרפוילטן קליי, שווייס און פּאָלי־טורע האָט זיך איינגעביסן אין לייב און אַפילו די וועכנטלעכע שוויצבאָד האָט נישט באַוויזן אַרויסצושלאָגן פון אים דעם איבלדיקן ריח. די פאַבריק האָט ער פאַרלאָזן נאָך אַ לאַנג־פאַרצויגענעם שטרייק און נישט האָבנדיק קיין גרויסע האָפענונגען צו באַקומען אַ העכערונג, צוליב זיין נישט־פאַכמענישקייט, האָט ער, נאָך אַ פּאָר וואָכן פון שטיין אויף דער וואַך און פון געשלעגן מיט דער פּאָליציי און מיט די שטרייקברעכער, זיך דער־ווייטערט פון דער פאַבריק.

אויב פּראָפעסיאָנעל און מאַטעריעל האָט ער קיין פאָרשריט נישט געמאַכט אין דער גרויסער שטאָט, האָט ער אָבער באַוויזן צו שליסן באַקאַנטשאַפט מיט אַן אַ שיעור חברים, סיי מיט די, וואָס ער האָט געאַרבעט צוזאַמען, און סיי בעת זיינע באַזוכן אינעם לאָקאַל פונעם אַרבעטער־קלוב אין יידישן פערטל, אין אַ גרויסן הויף, וווּ ס'האָבן זיך קאָנצענטרירט אַ צענדליק אַנשטאַלטן, וואָס האָבן געהערט צו דער זעלבער ריכטונג. אָפיציעל האָט עס געהייסן פשוט: אַרבעטער־קלוב און יידישער קולטור־צענטער, אָבער ווען מ'האָט זיך פון דער נאָענט באַקענט מיט דעם אופן ווי עס ווערן געפירט די אַקטיוויטעטן, ווען מ'האָט זיך צוגעקוקט צו די בילדער אויף די ווענט און צו די צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס זענען אויסגעלייגט געווען אויף די טישן פון לייענזאַל, האָט מען געקאָנט קלאָר אַרויסדרינגען, אַז דער קלוב איז אַ פאַרשטעלטער צענטער פון קאָמוניסטישער טעטיקייט. די פאַרשידענע אַנשטאַלטן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, טראָץ דעם, וואָס זיי האָבן נישט אַרויסגעשריגן זייער אמתן תוכן, האָבן זיי אָבער געהאַט אַ נאָמען אין גאַס ווי פאַרשטעלטע נעצן פון דער „יידישער סעקציע".

אין מיטן פון די צוואַנציקער יאָרן האָט זיך צעפלאַקערט דער פיינלע־כער ברודער־קאַמף צווישן די פאַרשידענע סאָציאַליסטישע פאַרטייען פון רעכטער ביז עקסטרעם־לינקער אָריענטאַציע. דער גערANGל האָט זיך אויך אַריבערגעוואָרפן אויף דער יידישער גאַס און פאַרכאַפּט די יוגנט מיט די צוזאָגנדיקע צוקונפט־לידער און מיט דעם אָפקלאַנג פון איבערבוי אין ראַטן־פאַרבאַנד. די יידישע קאָלאָניזאַציע אין די פאַרשידנסטע ראַיאָנען,

דער יידישער קולטור־אויפבלי, מיט יידיש אַלס הויפטשפּראַך אין די שולן און גערעכטן, האָט דערוועקט אין די הערצער פון יידישע פאַלקסמאַסן אַ גרויסע סימפּאַטיע פאַרן דאָרטיקן פּרווו צו לייזן דאָס יידישע פּראָבלעם. די דאָזיקע סימפּאַטיע האָבן אויסגענוצט אויף אַ געלונגענעם אופן די איבערצייגטע און פירנדיקע קאָמוניסטישע טוער און זיי האָבן באַהערשט די איבערוועגנדיקע צאָל יידישע יוגנטלעכע און אַרבעטער.

שלום איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער שטאַרקער באַוועגונג און רוישיקער טעטיקייט אינעם אַרבעטער־צענטער. זיצונגען, רעפעראַטן, פאַר־זאַמלונגען, שול־ראַטן צייטונגען און בראָשורן, וואָס האָבן אויף זיך געטראָגן דעם צייכן פון רויטן שטערן ; פון די קעלערן אַרויס האָבן זיך געהערט די אויפמונטערנדיקע טענער פון איינאַיבנדיקן בלאָז־אָרקעסטער. שלום איז ביסלעכווייז אַריינגעצויגן געוואָרן אין אָט דער סביבה. נישט קענענדיק קיין אַנדערע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס, אָדער אַזעלכע זענען פאַרגעשטעלט געוואָרן פון זיינע חברים ווי „רעפאָרמיסטן” און פאַרפירער — האָט שלום געזען אין אָט דער דינאַ־מישער באַוועגונג די אידעאַלע ראַם פאַר פעלקער־פאַרברידערונג און פאַר שוץ פון די אַרבעטער־אינטערעסן. דער קאָמוניזם איז פאַר אים געווען ווי אַ ברייטער פלוס, וואָס ציט זיך פּאַראַלעל מיט אַנדערע, אין די פאַר־וואָרפנסטע וועלט־טיילן, און פאַראייניקט זיך מיטן גרויסן ים, ווו פעלקער און ראַסן גיסן זיך צונויף אין איין ברודערלעכער פאַרשמעלצונג.

יאָסל פּראַדקין, איינער פון די אַקטיוויסטן פון קלוב, האָט זיך דער־נעענטערט צו שלומען און האָט ליב געהאַט מיט אים צו דיסקוטירן איבער פּאָליטישע פּראָבלעמען. שלום, דער יונגער בחור, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין דאָרף און געהאַט אַ תמימותדיקע באַציאונג צו זאַכן און פּראָבלעמען, איז אים געפעלן געוואָרן און ער האָט אים מקרב געווען. פּראַדקין איז אויך געווען אַ שרייבער און זיינע קאָלעגן האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט דרך־ארץ.

— מיר דאַרפן קודם כל בייקומען אַ ריי שונאים, וואָס אייגנטלעך דאַרפן זיי זיין נאָענט צו אונדזער אידעאָלאָגיע, אָבער זיי באַשווערן דעם אומפאַרמיידלעכן גאַנג צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. איך מיין די פאַרשי־דענע סאָציאַליסטישע פראַקציעס, וואָס פאַרטונקלען די מוחות פון אַרבעטער. אָט די רעפאָרמיסטישע עלעמענטן רייסן אַרונטער די אַרבעטער־איינִיקייט

אונטער דער אָנפירונג פונעם קאָמינטערן. נעמט, למשל, די רייד פון גרי׳גאָרי זינאָוויעוו...

וועגן דער לאַגע פון די יידישע קאָלאָניעס האָט פּראַדקין גערעדט מיט איינגעהאַלטענעם צאָרן:

— אויב אַפילו דער באַראָן האָט געהאַט די ריינסטע כוונה צו טאָן נאָר צדקה, איז דאָס אַ ריין פילאַנטראָפּישע אונטערנעמונג, אָן וועלכן סאָציאַל־געזונטן יסוד. מילא, מיר זענען שוין מוחל די מעשים פונעם ווילטוער, וואָס האָט זיין אָנגערויבט פאַרמעגן געוואָלט אינוועסטירן אויף צו העלפן יידן זיך איבערשיכטן. אָבער וואָס האָט עס צו טאָן מיט דער גזלנישער אויפפירונג פון זיינע אָנגעשטעלטע, וואָס איזדיעקעווען זיך איבער די קאָלאָניסטן, ווי די פּריצים אין דער צייט פון „פּאַנשטשיזנע״? אָן אַ סאָלידער סאָציאַלע באַזע קאָן אַזאַ אונטערנעמונג נישט געראָטן. ווי קליינלעך־אָרעם זעט אויס אַזאַ באַזעצונגס־אַרבעט דאָ אין לאַנד אַנטקעגן דער קאָלאָ־סאַלער באַוועגונג אַריבערצופירן יידן אויף ערד אין ראַטן־פאַרבאַנד. גאַנצע ראַיאָנען ווערן איבערגעגעבן צו יידן, צו זייער זעלבסטפאַרוואַלטונג, און אויף דעם באָדן וואַקסט אויך אויס אַ וואָרצלדיקע יידישע קולטור. צי זעט איר דען נישט אַליין, וואָס פאַרא קאָלאָסאַלע ווירקונג דער „געזערד״ אין צפון־אַמעריקע און דער „פּראָקאָר״ אין אונדזערע לענדער איבט אויס אויף די יידישע מאַסן? מען זעט באַשיימפּערלעך, אַז מיר דאַרפן אַדאַפּטירן דעם ראַטנפאַרבאַנד ווי דאָס אמתע פאָטערלאַנד פון די יידישע מאַסן.

— און פּאַלעסטינע? — האָט זיך שלום דערמאָנט אין זיינע יוגנט־חלומות.

— דאָס געפּגרטע לאַנד? דאָס איז איינס פון אונדזערע גרעסטע שונאים, און דווקא קעגן די, וואָס באַטיטלען זיך דאָרט אַלס אַרבעטער, אַלס סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן־לייט, וועלן מיר קעמפן אַמשאַרפסטן. זיי זענען די, וואָס שלעפן אָפּ די גאולה מיטן פאַרפינצטערן די מוחות פון דער יוגנט דורך פוסטע חלומות. זיי ווילן איינשפּאַנען דעם יידישן אַרבעטער אינעם רייטוואָגן פונעם ענגלישן אימפּעריאַליזם. דער ציוניזם איז אַ באַוועגונג פון שנאָררערס, וואָס זאַמלען דורך פאַרשימלטע סענטימענטן פושקע־סענטן, דורך די סומעס, וואָס ווערן זיי געליפערט פון יידישע גבירים, ווערן די האָרעפּאַשנע אַראַבישע מאַסן אַראָפּגעטריבן פון זייער באָדן. די איצטיקע אַרבעטסלאָזיקייט דאָרט זאָגט עדות אויפן באַנקראָט פונעם

ציוניזם און דער עיקר פון די פועלי־ציון. נישט ווייניקע פון די אַקטיווע מיליטאַנטן דאָרט האָבן זיך שוין מיאש געווען און אָפּגעפּאָרן קיין ראַטן־פאַרבאַנד צו העלפן בויען דעם אמתן סאָציאַליזם.

מיט זיין ברודערלעכער פּאַראינטערעסירונג האָט יאָסל פּראַדקין געוווּנען שלומס צוטרוי און אין אַ מאָמענט פון באַגער צו אויסרעדן זיך האָט שלום פאַר אים געעפנט זיין האַרץ און אים דערציילט וועגן זיין פאַרגאַנגענהייט און די אינטימע איבערלעבונגען פון זיין לעבן.

— אייער ברודער איז, זייט מיר מוחל, אַ קלאַסישער אָפּאָרטוניסט. דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע קאָנטררעוואָלוציאָנערן, וואָס זענען אַליין דערצויגן געוואָרן אויפן שויס פון סאָציאַלע אידעען. ווען זיי טרייסלען זיך אָפּ פון זייער פאַרגאַנגענהייט זענען זיי נאָך געפערלעכער ווי די אמתע בורזשויען...

טראָץ דעם וואָס אין אָנהייב איז אים געווען דערווידער אַזאַ מין באַצייכענונג אויפן חשבון פון ברודער, וועמען ער האָט פאַרערט פאַר זיין שטענדיקער געזעצטקייט און פאַר זיין רומרייכן עבר, האָט ער ביסלעכווייז זיך כמעט איבערצייגט אין דער ריכטיקער אָפּשאַצונג פון אַגיטאַטאָר. יענעם אָוונט האָט פּראַדקין אים נישט אָפּגעלאָזן. ער האָט אים איינגעלאַדן אויף אַ גלאָז קאַפע און נאָך דעם — אויף אָוונטברויט ביי זיך אין הויז. ער האָט געוווינט אין אַ קליינעם פּאָדערזאַל און זיין גאַנצע אויסשטאַטונג, אָרעם אָבער ריין, צוזאַמען מיטן הויזגעזינד, אַ דיקלעכע סימפּאַטישע פרוי מיט דריי קליינע קינדער, האָבן ווי געפונען די ריכטיקע איינפּאַסונג אין דער ענגשאַפט.

יענעם אָוונט, ווען פון דער גאַס האָבן זיך געטראָגן די קולות פון זיך שפּילענדיקע קינדער און אינעם גרויסן הויף האָבן זיך געהערט די הויכע שמועסן פון די שכנים, האָט יאָסל פּראַדקין פונאַנדערגעוויקלט פאַר שלומען די נאָענטע פּלענער וואָס שייך דער פּאַרטיי־אַרבעט אין „הינטערלאַנד״, אין די יידישע קאָלאָניעס און אין די אַרומיקע פּראָווינץ־שטעטלעך. די פּראָגרעסיווע עלעמענטן קאָנען מער נישט בלייבן פּאַסיוו צו דיליידן אינעם יידישן דאָרף. עס מוזן אויפגעשטעלט ווערן קאַמפּס־קעמערלעך, אַפילו אונטער פאַרשטעלטע נעמען, אין אַלע קאָלאָניעס; מען דאַרף אָרגאַניזירן די מאַסן, דער עיקר די יוגנט, אין קאַמף פאַר די אייגענע אינטערעסן;

אַריינדרינגען אין די קאָאָפּעראַטיוון, צוקומען צו די שליסל־פּאָזיציעס פון די קולטור־צענטערן און ביבליאָטעקן. די ערשטע פּרוּוון זענען שוין געמאַכט געוואָרן אין אַ ריי קאָלאָניעס, און מיט דערפאָלג. מען דאַרף נאָר וויסן ווי אַזוי צו געווינען דעם צוטרוי פון די ערשטע, שפּעטער וועלן די מאַסן נאָכקומען. אַזאַ מין אַרויסלייגן די פּלענער און אַרויסווייזן צו אים צוטרוי, האָט שלומען געשמייכלט און פאַרגיטיקט. ער האָט געפילט, אַז דאָס איז נישט סתם עפּעס אַ פרייער שמועס, נאָר זיין ציל איז אויך אים אַריינצוציען אין דער מערכה ווי אַן אַקטיוון מיטאַרבעטער, און אפשר דווקא אין דער געגנט, פון וועלכער ער האָט זיך אָפּגעטראָגן ווי אַ באַזיגטער און אַ דורכגעפאַלענער. דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט פון אַזאַ מעגלעכקייט, אָבער ער האָט דעם געדאַנק פאַרשטעקט אין זיין טיפעניש. אַז ער זאָל איצט אַראָפּכאַפּן זיך אין דער קאָלאָניע פון „די זיבן פיילן" און אָרגאַניזירן דאָרט די יוגנט פּאָליטיש, האָט אים אויסגעזען ווייט און פרעמד. וועט מען פון אים, דעם שנעק, נישט חוזק מאַכן? — — —

אָבער ווער מאַכט פון אים חוזק איצט דורך דעם אויפגעפּראַלטן פּענצ־טערל אינעם אַנטקעגנדיקן הייזל? צוויי לאַכנדיקע פּנימער פון יונגע מיידלעך ווענדן זיך אין זיין ריכטונג. איין בחורטע מאַכט געהיימע צייכנס מיט די פינגער און די צווייטע שטעקט אים אַרויס די צונג. וואָס ווילן זיי פון אים? אין אָנהייב האָט ער אָפּגעווענדט זיין בליק ווי זיך אויסצומאַכן פון זייער לוסטיקן טשעפּען זיך. ער האָט פּשוט געוואָלט אויסמיידן, אַז עמעצער פון די ווינציקע דורכגייער זאָל אים חושד זיין אין פּראָוואָצירן פאַרדעכטיקטע טרעפעענישן. אָבער ווען ער האָט אָנגעהויבן צופּן די שפּיצן פון די וואָרבערצווייגן, ווי זיך אָפּצוטרייסלען פון דער שפּיל, האָט ער געהערט זייער צורופן: „העי, אַמבולאַנטע, בוען מאָסיטאָ! (גאַסן־סוחר, וווילער יונג) האָסטו עפּעס אַ שיינע האָר־שפּילקע?". זייער קול האָט געקלונגען פריש אין דער אָנגעהיצטער לופט פון געסל. כאָטש ער האָט היינט נאָך קיין פּדיון נישט געהאַט, האָט אים נישט געצויגן צו זיי די מעג־לעכקייט פון אַ פאַרדינסטל. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון פּלאַץ און אַוועק צום קליינעם גרינעם פּענצטערל כדי אָפּצוּווענדן זיין לאַנגווייליקייט. אין די לעצטע טעג האָט ער ערנסט געטראַכט וועגן ליקווידירן די נייע פּרנסה זיינע. די סוחרים, ביי וועלכע ער האָט איינגעהאַנדלט די עטלעכע טוץ זאָקן, האָבן אים, וואָס אַן אמת, געמוטיקט און אפילו געגעבן די סחורה אויף קרע־

דיט, אָבער ער האָט שוין אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז קיין סוחר אָדער אַ גאַסן־קלאַפּער וועט ער קיינמאָל נישט זיין...

ער האָט זיך ווויליונגעריש אַוועקגעשטעלט ביים ראַנד פון פענצטער און געשמייכלט גלייך אין פנים אַריין פון די צוויי אונטערגעוואַקסענע שיקסלעך. דאָס האָט זיי אין אָנהייב אַ ביסל צוריקגעהאַלטן און זיי האָבן אים פאַרזיכטיק באַטראַכט.

— האָסטו אַ שפּילקע מיט רויטע שטערנדלעך? ניין, אַזאַ בראָשעלע מיט גרינעם וואַסער־קאָליר? און זיידענע זאָקן מיט אַ ציענדיקן פייל האָסטו נישט? — זיי האָבן אים פאַרשאָטן מיט פראַגן און דערביי איבער־געוואָרפן דעם קויש. ביים אַרויסציען די פאַנטאַזיע־סחורה האָט ער אָנגע־כאַפּט אין קויש די דיקלעכע פינגערלעך פון איינער און האָסטיק אַ דריק געטאָן. זי האָט נאָכגיביק פאַרהאַלטן די פוכקע האַנט און די גרינע גרויסע אויגן האָבן געשמייכלט.

ער האָט באַשיינפּערלעך געזען, אַז נישט אויף צו קויפן האָבן זיי אים גערופן. די אָרעמקייט האָט אַראָפּגעשריגן פון אַלע ווינקעלעך אין הויף און פונעם צימער, וואָס ער האָט באַוויזן אָפּצומעסטן דורך אַ שפּאַ־רונע אינעם אָפענעם פענצטער.

ער האָט געזען ווי זיי שלינגען מיט די בליקן די ביליקע אָבער לאָקנדיקע פּאַטשערקעס און זיי וועלן צוליב דלות נישט קאָנען איינשאַפן זיך די געגאַרטע סחורה. זיין האַרץ האָט זיך עפּעס ווי איבערפולט מיט וואָרעמקייט. ער האָט אין איילעניש אויפגעזוכט די שפּילקעס, וואָס מיידלעך האָבן צו זיי מערסטנטייל געקלעפּט, און זיי דערלאַנגט. נאָך מער איילנדיק האָט ער צוזאַמענגענומען דאָס פּעקל און זיך אָפּגעטראָגן פון פענצטער. הינטער זיך האָט ער געהערט זייער נאָכשרייען: „העי, אַמבו־לאַנטע! מיר האָבן נישט מיט וואָס צו באַצאָלן! נעם עס צוריק! די מאַמע וועט שרייען"... און ווען ער האָט זיך אַפילו נישט אומגעדרייט, האָט ער דאָך געהערט די לעצטע רייד: „קום, שיינינקער, קומענדיקע וואָך, מיר וועלן באַצאָלן, טייערער"!...

ער האָט אָבער געוווּסט, אַז ער וועט קומענדיקע וואָך נישט צוריק־קערן זיך. אַפילו די גרויסע גרינע אויגן פון דער שענערער צווישן זיי וועלן נישט מסוגל זיין אים צו באַוועגן איינמאָנען דעם חוב. ער האָט דאָס געזען ווי אַ גוטן סימן אויף אָפּצוהאַקן מיט אַט דער פרנסה. די מעגלעכקייט

פאַר אַ לייכטן פלירט? אמת, נישט איינער פון זיינע חברים אַמבולאַנטן וואָלטן זיך פון אַזאַ געלעגנהייט נישט אָפּגעזאָגט. שלום אָבער האָט נישט געזוכט קיין לייכטע ליבעס אין דער גרויסער שטאָט.

ער האָט נישט אויסגעמיטן קיין באַצאָלטע פרויען־געזעלשאַפט. פאַר דעם האָבן געזאָרגט זיינע חברים נאָך פון דער פאַבריק, און שפּעטער — פונעם אַרבעטער־קלוב. אין די שפּעטע שעהן פון די שבת־צונאַכטסן, נאָך די קאָנפערענצן אָדער פייערונגען, ווען מ׳פלעגט גרופּעסווייז אָפּפירן מיטן טראַמוויי די חברטעס אַהיים, האָבן זיך די חברים איבערגעשושקעט און עס האָט לאַנג נישט גענומען און אַלע זענען שוין געזעסן אויף דער באַן, וואָס האָט געפירט צו דעם אָפּגעלייגטן שטעטל. נאָך דעם איז מען געגאַנגען איבער קרומע און נישט־באַלויכטענע געסלעך ביז מען איז אַריין אין אַ „פריילעך הויז״. דאָס ערשטע מאָל האָט אַזאַ באַזוך געמאַכט אויף אים אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק. הונדערטער מענער זענען געשטאַנען ביי די ווענט פון גרויסע זאַלן און האַלב־נאַקעטע פרויען האָבן זיך צו זיי געלאַשטשעט מיט אַלע איבלדיקע אָבער אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע מיטלען. האָט איינע באַזיגט איר פאַרטנער, וואָס האָט געמאַכט אַן אָנשטעל פון גלייכגילטיקייט, זענען זיי ביידע פאַרשוווּנדן הינטער אַ הילצערן ווענטל. אָבער אַמשטאַרקסטן האָט שלומען אויפגעטרייסלט, ווען ער האָט געהערט אויף אָט דעם ליבע־מאַרק דאָס יידישע לשון אין מויל פון די „מיידן״. טראָץ זיין פאַרווירונג האָט ער אַפילו באַנומען דעם אינהאַלט פון זייער שמועס. צווישן די פרעכע רייד האָבן אייניקע פרום געגלאָצט מיט די אויגן און דערציילט ווי זיי האָבן געפּראַוועט דעם לעצטן סדר אום פסח און וויפל צדקה עס איז זיי אויסגעקומען צו צאָלן...

די פסח־טעג.. ביים דערמאָנען זיך אינעם שיינעם יום־טוב, יאָגט אויף אים אָן אַ שווערע שטימונג. איצט, ביים אַרומקריכן מיטן פעקל אויפן אַקסל און קויש אין האַנט איבער דער אָרעמער פאַרלאָזטער געגנט, האָט ער צייט צו דערמאָנען זיך:

עס האָבן זיך אָנגערוקט די האַרבסט־טעג און מיט זיי האָט זיך דערנענטערט דער פסח. יענעם טאָג פון ערב יום־טוב האָט ער געענדיקט די אַרבעט אין דער מעבל־פאַבריק. דער באַלעבאָס האָט אָנגעזאָגט די אַרבעטער נישט צו פעלן צומאָרגנס ביים וואַרשטאַט. ער האָט אָנגענומען

אַ גרויסע אַרבעט און מ׳מוז זי אַרויסענדיקן. אַן אויסנאַם מאַכט ער נאָר פּאָר די צוויי באַבערדלטע סטאָליאַרעס. וואָס היטן אויך אָפּ שבת. שלום איז אַהיימגעגאַנגען צו פוס ווי צו וועלן אָפּציען דעם מאָמענט פון בלייבן אַליין אין דעם איינזאַמען צימער. אויפן וועג האָט ער אין אַ שויפענצטער פון אַ יידיש שפּייזקרעמל דערזען אויסגעלייגט פּעקלעך מצות. ער האָט איינגעקויפט אַ פּעקל און דאָס אויג האָט געגלעט די פלעשער פינקלדיקן ווייַן. אָבער ער איז בייגעקומען דעם חשק און זיך אָפּגעטראָגן אין גאַס אַריין.

שלום האָט יענעם אָוונט זיך גוט אויסגעבאָדן און אַרויפגעצויגן ריינע שבתדיקע קליידער. די אונטערוועש האָט ער אַליין געוואַשן און די העמדער מיט די פרייע האַרטע קראַגנס האָט ער געשיקט אין דער וועשעריי פונעם יאַפּאַנער אין ראָג גאַס. ער האָט געפּרוווט דורכוואַרפן אין גערדאַנק די באַקאַנטע משפּחות, ביי וועלכע ער האָט זיך געקאָנט איינלאַדן צום ערשטן סדר. אָפּעסן אַ יום־טובדיקע וועטשערע האָט ער אויך געקאָנט אין אַ רעסטאָראַן אין דער יידישער געגנט, אָבער דורך אַ מאָדנער טראַציקייט און זעלבסט־כעס האָט ער זיך אַליין צוגעקאָוועט צום קליינעם בוידעם־שטיבל. ער האָט זיך באַנוגנט מיט אַ הייסער מאַטע, צוגעביסן מיט טרו־קענער מצה.

ער האָט אַראָפּגעקוקט אין הויף אַריין און געזען ווי אין פּאָדערזאַל גרייט מען זיך ביים באַלעבאָס פון הויז אָפּריכטן דעם סדר. דער זאַל איז פאַרגאָסן מיט עלעקטריש ליכט, אַלע בני־בית זענען אויסגעפּוצט און דער שטרענגער באַלעבאָס מיט זיין קרומען און שאַרפן קוק זעט היינט אויס נאָכגיביקער. פאַרכאַפּנדיקע ריחות פון די פסחדיקע מאַכלים האָבן אים פאַרקלעמט דאָס האַרץ.

אַמשטאַרקסטן האָט אים פאַרדראָסן צו זען אַרומדרייען זיך צווישן די שטוביקע דעם הויכן דאַרן בחור, וואָס האָט זינט חדשים געקלעפּט צו דער מיטעלער טאָכטער פונעם באַלעבאָס. דאָרטאָ איז געווען די שענסטע צווישן זיינע מיידן און זי האָט פול געמאַכט דעם הויף מיט אירע פריילעכע לידער. שלום האָט שטענדיק, ביים אַראָפּשטייגן פון די אייזערנע געדרייטע טרעפּ, געזוכט איר בליק און איר געטאָקטן, עטוואָס פולן קערפּער. אָפּט האָט זי געשמייכלט צו אים, אָבער געהיט זיך אַריינצוגיין מיט אים אין אַ שמועס. אין די פאַרנאַכטן איז זי, ווי די אַנדערע שכנים פונעם הויף,

געשטאַנען ביים אָפענעם טויער פון הויז, באַטראַכט די באַוועגונג אויף דער גאַס און זיך איבערגעשמועסט מיט באַקאַנטע. שפּעטער־צו פלעגט קומען אַ יונגער בחור, מיט אַן אָפּגעצויגן בלאַס געזיכט, נעט געקליידט און מיט אַ ווייס־זיידן טיכעלע אין דער אויבערטאַש פון ראָק. פון אָט דעם טיכעלע האָט געשלאָגן אַ פּאַרפום־גערוך וואָס איז געבליבן אין חלל פון דורכגאַנג לאַנגע שעהן. געזאָגט האָט מען, אַז ער לערנט מעדיצין און העלפט זיין פאָטער איינמאָנען די חודשלעכע ראַטעס אין דער „קוענ־טעניק"־פּרנסה (סחורה אויף באָרג).

שלום האָט זיך געוואונדערט אויף די מאָדנע געוווינהייטן. אין דאָרף, אויב אַ בחור האָט געוואָרפן אַן אויג אויף אַ מיידל, האָט ער אָנגעהויבן באַזוכן דאָס הויז פון אירע עלטערן און מיט דער צייט איז געוואָרן אַ שידוך. דאָ איז די פּראָצעדור אַ לאַנגע און פאַרדרייטע. חדשים־לאַנג נאָך דעם ווי מען באַקענט זיך, שטייט מען אין די אָוונטן אין „סאַגואַן" (דורכגאַנג) פון הויז, אָדער ביים טויער, מען שושקעט זיך יעדן אָוונט שעהן, ביז מען הערט דאָס רופן פון דער מאַמעס קול. אין הויז ווערט דער בחור איינגעלאַדן נאָך אַזאַ לאַנגן „אויסשטיין" ביים טויער, ווען זיין אויסדויער ווערט אויסגעפּרוווט...

איצט זעט אים שלום צום ערשטן מאָל אין הויז. ער פּאַדיעט אַרום דאַריטאַן ווי ער זאָל שוין האָבן אַ חזקה אין הויז. באַלד האָט מען געהערט דאָס אויסזינגען די הגדה און אַלע שטוביקע האָבן מיט פריילעכע שטימעס אונטערגעהאַלטן. דער הויף איז פול געוואָרן מיט דער אַלטער געשיכטע פון יציאת־מצרים. איצט איז אַלץ פאַרשוווּנדן פון זיינע אויגן: דער גערויש פון דער ווייטער גאַס, דער ענגער הויף און דער באַלויכטענער זאַל, און נאָר דאָס געזאַנג האָט געגאָגט ביי דער נשמה. פאַר זיינע אויגן איז געשטאַנען דאָס בילד פון יענעם יאָר, דעם ערשטן סדר וואָס זיי האָבן געפּראַוועט אין דער איינגעגראָבענער כאַטע אין פעלד. דעמאָלט איז די משפּחה, אַ גאַנצע און אַן אויסדערוויילטע פונעם גורל, געזעסן ווי אַ שבט אין דער מדבר און געוואַרט אויף דער נאָענטער גאולה, וואָס האָט געשפּאַנט דורך די וויסטע און צוזאָגנדיקע פעלדער...

די אויגן זענען אים פול געוואָרן. ער האָט אָפּגעווענדט זיין בליק פון דער פריילעכער חברותא דאָרט אונטן און זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעטל. אַ לייכטער האַנט־באַריר האָט אים אויפגעטרייסלט. ווען ער האָט

זיך אומגעדרייט, האָט ער דערזען פאַר זיך אַ פרויען־געשטאַלט. דאָס איז געווען סאָניאַ. זי איז געווען דער הויז־באַלעבאָסטעס אַ שוועסטער. אַ „גרינע“, וואָס איז נישט לאַנג אָנגעקומען פון פוילן, אַ ברייט־צעוואַקסן עלטער מיידל מיט אַ שמייכלענדיק גוט געזיכט און מיט עטלעכע גאָלדענע ציין אין מויל, וואָס האָבן נאָך בליאַסקענדיקער געמאַכט איר ברייטן שמייכל. זי האָט געאַרבעט אין אַ „טאַזשער“ (וואַרשטאַטל) אַלס נייטערין און פאַרבראַכט די אָוונטן אין לייענען ידישע ראָמאַנען. אָפטמאָל, בעת ער האָט אַראָפּגענידערט די טרעפּ, פלעגט זי אין הויף פאַרפירן מיט אים אַ שמועס און אָפילו אַרויפטראָגן צו אים אין צימער אַ ביכל, פון וועלכן זי איז געווען באַגייסטערט. איין מאָל האָט זי אים אָפילו איינגעלאַדן אין קינאָ זען דאָס בילד „די שיפן־שלעפּער אויף דער וואָלגאַ“. צום שטומען בילד האָט מען הינטערן עקראַן איינגעשטעלט אַ כאָר, וואָס האָט געזונגען די זאַפטיקע רוסישע לידער צום באַגלייט פון די שיפן־שלעפּער. נאָך דער ערשטער עמאָציע האָט סאָניאַ, אַ מידע, איינגעדרימלט און אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל. פון איר מויל האָט זיך געשפּירט דער שאַרפער גערוך פון ציבעלעס און מאַרינירטן הערינג. דורך אַ פאַרזיכטיקן טאָרע האָט ער זי אויפגעוועקט און אין דער טונקלקייט פון זאַל האָט ער באַמערקט איר פאַרלעגענעם שמייכל...

איצט איז זי אומגעריכט געשטאַנען נעבן זיין געלעגער און געשמייכלט. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ בלאַנק־קראָכמאַליעטער בלוזע, וואָס האָט צוגעגעבן אַ מין יום־טובדיקע איידלקייט איר פּנים. פון לייכטער אויפרעגונג האָט איר הויכער בוזעם זיך געהוידעט און צו זיינע נאָזלעכער האָט זיך דערטראָגן אַ זיסלעך־שאַרפער ריח פון אָדעקאָלאָן וואָס האָט געוועלטיקט איבער די שאַרפע ריחות פון די יום־טובדיקע שפייזן, אויסגעלייגטע אויפן טעלער אין סאָניעס האַנט.

— איך האָב נישט געוווּסט, שלום, אַז איר זענט גאָר אין צימער. היינט, אין פּסחדיקן אָוונט, האָב איך געמיינט, זענט איר ביי פריינד. אַנטשולדיקט מיר. איך האָב געזען ליכט... וואָלט איך פריער געוווּסט... וואָלט מען אייך פאַרבעטן צו אונדזער טיש אַלס אורח...

ער האָט זיך אויפגעזעצט און מיט אויפגעריסענע אויגן באַטראַכט דעם טעלער וואָס זי האָט אַוועקגעשטעלט אויפן קליינעם טישל. אין זיין איבעררראַשונג האָט ער קוים באַנומען אירע רייד. נישט זיין געפיל

פון איינזאַמקייט אין אַן אָונט ווען משפּחה־פרייד שטראַלט אַרויס פון אַלע ווינקעלעך האָט אים איצט צענומען. די נאָגנדיקע וואַרעמקייט, וואָס האָט געבליט אויף סאָניעס ליפּן, האָבן זיין האַרץ געדריקט און אַ טרער האָט זיך אַראָפּגעקייקלט אויף זיין באַק. ער האָט געאיילט אָפּצווישן די קיצלדיקע פייכטקייט, אָבער איידער ער האָט באַוויזן אַרויסציען דאָס נאָזטיכל פון טאַש, האָט סאָניאַ, זיצנדיק נעבן אים אויפן בעטל, אָפּגעצויגן מיט איר קליין טיכעלע די טרער און אַ גלעט געטאָן זיין עטוואָס צעשוי־בערטע קוטשמע. אין זיין פאַרלעגנהייט האָט ער אָפּגערוקט דעם טעלער מאַכלים און אַ וואַרף געטאָן זיין קאָפּ אויף איר טיף־אָטעמדיקן בוזעם, ווי אַ קינד, וואָס מ'האָט ערגעץ באַליידיקט...

אויף מאָרגן האָט אים דערוואַרט אַ נייע איבעררעשונג. די פּאָסט האָט אים געבראַכט אַן איינלאַדונג, אונטערגעשריבן פון פּראַדקינען. מ'האָט אים געבעטן קומען און באַטייליקן זיך אין אַן אינטימער פייערונג: אַ „רויטער סדר" האָט דאָס געהייסן.

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ צוזאַמענקום פון שרייבער, אַרטיסטן און קולטור־טוער פון פאַרגעשריטענעם לאַגער, וואָס וועט צושטאַנדקומען אין הויז פון טעוויע באַס, רעדאַקטאָר פון אַ קעמפּערישן זשורנאַל און אַ געקרוינטער קולטור־טוער. דאָ האָט מען אויך געדאַרפט פייערן דעם געבורטסטאָג פון זיין פינף־יאָריקן זון.

שלום האָט זיך געפילט פאַרלאָרן צווישן אַזוי פיל פּאָליטישע און ליטעראַרישע ריזן. דאָ האָבן זיך פאַרזאַמלט אָנפירער פון שול־אָרגאַניזאַ־ציעס, סעקרעטאַרן פון רויטער הילף פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע, סינדי־קאַלע טוער, פּאָעטן און רעדאַקטאָרן פון פּאָליטישע צייטשריפטן. ער האָט דעם אָוונט געקלעפּט צו פּראַדקינען. יענער האָט אים יעדע ווײַלע אָנגעוויזן אויף מענער און פרויען און אויפגעקלערט זייער פּאָזיציע אין דער געזעל־שאַפט. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער דאָ געזען ווי יונגע פרויען פאַרציען ציגאַרעטן מיט דער זעלבער ליידנשאַפט ווי מענער.

דער „רויטער סדר" האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ שפע פון פרישע בולקעס, רויטן וויין, שמאַלץ־הערינג און רעדעס. אַ קודלאַטער שוואַרצ־האָריקער יונגערמאַן, וואָס האָט גערעדט מיט חסידישן ברען און געפּאָ־כעט מיט געשלאָסענע קולאַקעס, האָט אין זיין דערעפענונגס־וואָרט באַמיט

זיך צו דערווייזן, אַז דאָס אָפּריכטן דעם טראַדיציאָנעלן סדר גרענעצט זיך מיט ריטועלן פֿאַרברעכן. דערפֿאַר איז פֿאַרשטענדלעך פֿאַרוואָס אַרום דער מיסטעריע פֿון אַזאַ פּייערונג האָבן די קריסטן געשאַפֿן מאָרד־לעגענדעס. אַ צווייטער האָט צוגעגעבן, אַז לויט דער פּסיכאָלאָגיש־וויסנשאַפֿטלעכער פֿאַרשונג קאָן מען פֿאַרשטיין, אַז די אָפּגעשלאָסנקייט פֿון די רעליגיעזע יידישע פּייערונגען שאַפֿן די אייביקע מחיצה צווישן אונדז יידן און צווישן די פֿעלקער, אין וועלכע מיר לעבן. אַ יונגער אַרטיסט פֿון דער פּראָלעטאַרישער בינע האָט פֿאַרגעלייענט מאָוריסיאָ ליפּאָווינס אַ קורצע דערציילונג פֿונעם קאָלאָניסטישן לעבן, ווו עס דערציילט זיך ווי אַזוי אַ קאָלאָניסט ווערט נאָך צענדליקער יאָרן פֿון פּראָצע אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון פֿעלד צוליבן אָפּשלעפּן דאָס איינצאָלן די אַרענדע. אַנטקעגן דעם האָט ער באַלד פֿאַרגעלייענט אַ דערציילונג פֿון אַ סאָוויעטיש־יידישן שרייבער איבער דער שאַפֿונגס־פֿרייד פֿון די יידישע איבערוואַנדערער אין די קרימער קאָלאָניעס.

שפּעטער האָט מען געזונגען לידער און צוגעקלאַפּט ענטוזיאַסטיש מיט די הענט און פֿיס. לידער פֿון שטעטל, פֿון קאַמף, און אויסלאַנדישע, וואָס האָבן זיך באַצויגן צו חסידים און רביים, ציוניסטן און חלוצים. צום סוף האָבן עטלעכע יונגע אָנפֿאַנגער־פּאָעטן רעציטירט זייערע שאַפֿונגען אין צעשויבערטן, פּרייפּערזיקן סטיל, פֿון וועלכע עס האָט אַרויסגעדונערט דער עכאָ פֿון מאַרשירנדיקע מאַסן און דער געוויש פֿון פֿלאַטערנדיקע פֿענער. נאָכן טרינקען די כּוסות, און ווי אויף צו להכעיס דער הגדה — צוויי מאָל צו פֿיר כּוסות, האָט די פּייערלעכקייט זיך צעפּאַרעט איבערן זאַל און דאָס פּראָגראַם האָט זיך געצויגן פֿריי און אימפּראָוויזירט. צום סוף האָט מען זיך דערמאָנט, אַז דער קליינער פֿינף־יאָריקער כּוליאָ באַס האָט נאָך זיין וואָרט נישט געזאָגט אין טאָג פֿון זיין געבורטסטאָג. האָט מען אים אַרויפֿגעשטעלט אויפֿן טיש און אַרויסגערופֿן צו דעקלאַמירן די איינגעחזרטע לידער. דאָס קינד, אַ צוואַקסן בחורל מיט שוואַרצע לאָקן, איז, זעט אויס, געוווינט געווען צו זיין אין דער חברותא פֿון דערוואַקסענע. ער האָט זיך תּיכּף פֿון אָנהייב אָן נישט זשענירט און דעקלאַמירט ליד נאָך ליד, וואָס זענען באַגלייט געוואָרן פֿון הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן. דער דערפֿאָלג האָט אים אַריינגעפֿירט אין אַזאַ עקסטאַז, אַז ווען זיין רעפּערטואַר האָט זיך אויסגעלאָזן, האָט ער אויפֿגעפּראַלט די קנעפּלעך פֿון די הויזן און פֿונעם

טיש אַראָפּ אָנגעהויבן משתין זיין אויף אַלע אַרומיקע, וואָס האָבן, קאָטשענ־דיק זיך פּאַר געלעכטער פון אַזאַ איינפאַל, ווייטער אַפּלאָדירט...

שפּעטער, ווען שלום האָט פאַרלאָזן די שמחה צוזאַמען מיט פראַדקינען, האָט ער אים אָנגעוווּנקען וועגן דער אומקאָרעקטער אויפפירונג פונעם קינד. פראַדקין האָט זיך געוווּנדערט:

— וואָס איז? איך האַלט, אַז דאָס איז אַ ספּאָנטאַנער אויסדרוק קעגן דער אָנגענומענער בורזשואַזער מאָראַל... און פאַרוואָס זאָלן קינדער נישט טאָרן אַ הוליע טאָן, אַפילו עפּנטלעך?...

...שלום האָט נישט געפילט ווי ער האָט הינטער זיך געלאָזט די שטילע געגנט. דורכקרייצנדיק אַ קליינעם פּאַרק איז ער ווידער אַריינ־געפאַלן אין רויש פון אַ באַוועגלעכער גאַס. ער האָט זיך דערנענטערט צום ברעג פונעם שמאָלן טייך, ווו קליינע שלעפּשיפלעך, געלאָדן מיט פעל און וואָל, האָבן זיך לייכט באַוועגט איבערן מוטנעם וואַסער. די גאַס ביים טייכל איז פול געווען מיט קאַפעהייזער און קליינע רעסטאָראַנען, ווו מ'האָט געפּרעגלט פיש אין גרויסע קעסלען בוימל. די זיצנדיקע געסט ביי די קאַפע־טישלעך האָבן זיך פאַמיליאַר איבערגעשריגן מיט די דורכפאָרנדיקע שיפל־פאָרער און פאַרפולט די גאַס מיט היימישע קולות.

אַנטקעגן אַן איבערגעבויגן בריקל האָט שלום זיך אָפּגעשטעלט און באַטראַכט די דורכפאָרנדיקע שיפלעך. אַ טייל אַרבעטער האָבן צו אים געוווּנקען און אים פאַרגעלייגט די מאַטע פונעם שיפל אַראָפּ. שלום איז געוואָרן אויפגעלייגט פון זייער פריינדלעכן אַרויסרוף און האָט זיי צוגע־וואָרפן אַ פּאָר זיידענע זאָקן: „פּאַר דיין טשיניטאַ, אַמיגאָ!". איינער האָט אַ כאַפּ געטאָן די זאָקן און אַרויסציענדיק פון דער הויזן־קעשענע אַ זיל־בערנעם מעדאַל מיט אַ לאַנג קייטל האָט ער עס צוגעוואָרפן צום ברעג און געענטפערט מיט אַ הילכיקן לאַכן: „פּאַר דיין מזל, גרינגאָ, דאָס מזל וועט דיך שטענדיק באַגלייטן!". שלום האָט געדאַנקט מיט זיין האַנט־פאַכען צו דעם אָפּגייענדיקן שיפל און זיך געלאָזט גיין צום קליינעם קאַפעהויז ביים בריקל.

ביי אַן אָפּגעזונדערט טישל, כמעט אונטערן אָנהייב בריקל, האָט שלום באַמערקט זיצן צוויי יונגע מענטשן. איינער פון זיי האָט געצויגן זיין אויג סיי צוליב דעם, וואָס ער האָט אים אויסגעזען באַקאַנט, און סיי צוליב זיין

אוניפאָרם פון אַן אויסלענדישן מאַטראָס. אָבער נאָך מער האָט אים גע־וווּנדערט וואָס אויפן טישל, ביי דער זייט פונעם מאַטראָס, איז געלעגן אַ פיין צונויפגעלייגט פעקל פון קאָרטלעך סחורה פאַר אָנצוגן. שלום האָט זיך דערנענטערט צום טישל און אויפמערקזאַם באַטראַכט דעם מאָדנעם מאַטראָס.

יענער האָט אים אויך באַמערקט און אַ פּאַכע געבנדיק מיט דער האַנט אים צוגערופן ווי ער וואָלט אים דערוואַרט פון פריער:

— קום אַהער, שלום, וואָס שטייסטו פון דער ווייטנס ווי אַ גולם? קום שוין, נו.

— אַבעלע? דו? ווי קומסטו אַהער! און וואָס איז דאָס פאַראַ מאַס־קאַראַד?...

דאָס איז באמת געווען אַבעלע, דעם שכנס, זישע אַקערמאַנס, מעזיניק.

ער האָט מיט אַ גרויסמוטיקער מינע איינגעלאַדן שלומען זיך צוצוזעצן צום טישל און באַשטעלט קאַלטן ביר. שלום האָט געטרונקען מיט אַ לאַנגן צי. ער איז געווען דאָרשטיק און דער ווייסער שוים איז אים געבליבן אויף דער אייבערשטער ליפּ. ער האָט זייטיק באַטראַכט דאָס בחורל אין די מאַטראָסן־קליידער און נאָך דעם איבערגעפירט זיין בליק צום צווייטן בחור, וואָס האָט נאָכגעקוקט די באַוועגונג אויפן טייך און צוגעקלאַפּט מאַנאַטאַן מיט די שפּיצפינגער אויפן טיש, ווי די סצענע דאָ זאָל אים נישט אָנגיין.

— יאָ, דאָס איז מיינער אַ באַקאַנטער, אַנשעלע טשאַרני, אַ קאָלאָ־ניסטישער זון פון ענטרע־ריאָס. לויט מיין מיינונג איז ער אַ פאַרלוירענער דאָ אין שטאָט. אַפילו מיט אַ קוילן־וואַגאָן דאַרף מען אים אָפּשיקן צוריק. ער בענקט, ווי די שכינה נאָכן בית־המקדש... ס׳איז קיין וווּנדער נישט: אַ מענטש קומט אין דער גרויסער שטאָט אַריין און קלייבט זיך אויס אַזאַ שמאַטעדיקע פּראָפעסיע. געהערט אַמאָל אַזאַ פּרנסה? גייט אַרום איבער די קראָמען און קויפט איין ליידיקע זעק. מילא, וואָלט ער געהאַנדלט מיט פולע זעק: קוילן, זערנעס, צוקער. אָבער ליידיקע? דאָס מוז נמאס ווערן...

דער שכן זיינער ביים טיש האָט אַפילו נישט געפּרוּווט זיך ווערן אָדער רעאַגירן אויף אַבעלעס רייד. ער האָט נאָר געשמייכלט אין זיינע פאַרדרייטע געדיכטע וואָנצעס און זייטיק באַטראַכט שלומען ווי אָפּצו־

מעסטן אים צו וועלכן לאַגער ער געהערט... אַבעלע האָט גוטמוטיק אַ קלאַפּ געטאָן זיין באַקאַנטן איבער דער פּלייצע און זיך אָנגערופן:

— ס׳מאַכט נישט אויס! איך וועל דיך נישט לאָזן פאַלן, ברודער. נישט איבערלאָזן דיך אויף הפקר, אַז דו זאָלסט זיך צוריקקערן אַהיים, אין דאָרף אַריין, ווי אַ דערשלאָגענער און דורכגעפאַלענער. דו ביסט נאָך אַ גרינער דאָ, מען דאַרף דיך אויסרייבן. — און באַטראַכטנדיק אַ ווײַלע שלומען: — וואָס דו טוסט, שכן טייערער, זע איך דאָך אַליין. קיין גאָלד שאַרט מען אַוודאי נישט. ווי קומסטו בכלל אַראָפּ אין שטאָט אַריין? דו האָסט דאָך זיך אַמאָל פאַרמאָסטן צו שאַפן ערגעץ אַ קאָמונע? ס׳איז נישט געגאַנגען, ברודערל?

— אַבעלע, איך זע לויט דיינע רייד, אַז דו האָסט אָנגעכאַפּט גאָט פאַר דער באָרד. ווי פאָרט זיך דאָס ביי דיר — דאָס פּעקל שמאַטעס מיטן מונדיר פון אַן אויסלענדישן מאַטראָס? פאָרסט אויף שיפן אַרום, וואָס?

אַבעלע האָט געלאַכט, אויסגעליידיקט די פלאַש ביר ביזקל דנאָ און געענטפערט:

— שיפן? מיינע געשעפטן מאַך איך אויף טרוקן. אַ ייד גיט זיך אַן עצה אין פרעמדע מונדירן. איך מאַך אומקרייזן אין די פאָרט־גאַסן און אַ ביסעלע העט, העט, וויטער, אַבי צו קאָנען עמעצן „אָנפרייערן"... מיין ענגלישער מאַטראָסן־מונדיר דינט מיר פאַר אַ קמיע. איך בין דאָ אַן ענגלישער מאַרין, וואָס האַנדלט אויף „טריף" ענגלישע שטאָפן. ענגליש רעדן, זאָגסטו? מען דאַרף עס אויף אַכט און אכציק כפּרות. אַ פּסוקל פון „יקום פּורקן", אַ ווערטעלע פון „חד־גדיא", אָדער סתם אַ קללה אויף מאַמע־לשון באַווירצט מיט אַ רוסישן בייטעם... אַניט, איז די פינגער־שפּראַך אויך אַ מיטל. פאַרשטייט זיך, אַז עס איז דאָ אַ סכנה זיך אַמאָל אָנצוטרעפן פּנים אל פּנים מיט אַן אמתן ענגלענדער. נאָר ביז די צייט וועט קומען האָב איך זיי אַלעמען אין דר׳ערד, די „לאַכודרעס". אַבי די פאָר טאָלער זענען ביי מיר אין קעשענע...

שלום האָט זיך געפילט נישט באַקוועם פון אַבעלעס קללות און ניבול־פּה. פאַר אַזעלכן האָט ער אים נישט געקענט פון פריער. אין זיינע באַרי־מערישע רייד האָט ער זיך באַמיט אַריינצופלעכטן די חוזק־באַצייכענונגען: „פרייער", „יאָלדן", „לאַכודרע", „שמעגענעס". די עפּיטעטן האָט ער איבערגענומען, זעט אויס, פון דער סביבה, אין וועלכער די „קאַרטלעך"־

סוחרים האָבן זיך אויסגעלעבט. דאָס איז געווען אַ מין „צעך"־שפּראַך...

— און אַזוי גלאַטיק גליטשט זיך דיר אַריין דאָס געלט אין טאַש? מיין נישט, אַז איך בין דיך מקנא, אַבעלע, אָבער עס גלייבט זיך נישט, אַז דו האָסט געפונען אַ גאָלדגרוב.

— נו, נישט שטענדיק איז עס אַזוי לייכט געווען. איצט, ברוך השם, גייט עס נישט שלעכט. — אַבעלע האָט אַ וואָרף געטאָן אַ בליק צו זיין חבר. מיט זיינע לעבעדיקע אויגן האָט ער געוואָלט כאַפּן אַן הסכמה פון אים — איך בין צופעליק אַריינגעפאַלן, צוריק מיט אַ האַלב יאָר, אין דער חברותא פון די פּעקלטרעגער. ווען מ'האָט מיך אַראָפּגעפירט אין סחורה־מאַגאַזין, אין דער קעלער־שטוב אויף אַ זייטיקער גאַס פון יידישן פּערטל, איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן און איך האָב געזוכט אַ מיטל ווי אַזוי זיך אָפּצוטראָגן. עס איז אָבער געווען צו שפּעט און איך האָב שוין געמוזט מיט־מאַכן דאָס גאַנצע „פּראָגראַם".

די טיפן האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעק: אַ באַנדע פריילעכע חברה־לייט, זעט אויס אַלע פון איין שטעטל אַרום לאָמזשע, האָבן זיי גערעדט מיט דער ווייכער לאָמעד, מיט אַ לשון, וואָס נאָר האַלב פון דעם האָב איך פאַר־שטאַנען. באַלד האָבן זיי מיך גענומען „אויפן צימבל". פריער מיך אויס־געפרעגט וועגן דער משפחה, אויסגעבייטלט אַלע וויסטע חלומות אויף דער „געזעלשאַפט", זיך באַלעקט מיט אַ וויץ אויפן חשבון פון די שוועסטער מיינע, און מיט אַ מאָל, האָב איך זיך געזען פאַרוואָרפן מיט שטיקלעך סחורה. מען האָט געשליידערט פון אַלע ווינקלעך, די קאָרטלעך זענען געפלויגן איבער מיין קאָפּ און מ'האָט געכיכיקעט פאַר גרויס הנאה. דער באַלעבאָס פון מאַגאַזין איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און האָט זיך כלל נישט אַריינגעמישט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ מין פייערפּראָבע, וואָס איך דאַרף דורכמאַכן איידער מ'נעמט מיך אַריין אין „סינדיקאַט". אינסטינקטיוו און אויגנבליקלעך האָב איך באַגריפן, אַז איך מוז טאַקע אויפן אָרט רעאַגירן. איך בין אַ שפּרונג געטאָן פון מיין פּלאַץ, ווו איך בין געלעגן כמעט פאַרוואָרפן מיט סחורות, אַרויסגעריסן דעם הילצערנעם מעטער פון באַלעבאָס' האַנט און אָנגעהויבן האַקן איבער די קעפּ אויף רעכטס און אויף לינקס...

— און דאָס איז געווען באמת די ריכטיקע פייערפּראָבע? — האָט שלום געפרעגט.

— וואַרט! וואָס איז די איילעניש? מען האָט מיך, וואָס אַן אמת, באַלד אַנגענומען אין דער חברותא. כאָטש מען האָט מיך באַטיטלט מיט פּאַרשי־דענע צונעמען: „פּונדיק" (אַ רמז אויף מיין הי־געבוירנקייט) אָדער „מאַמע־ליגע" (אַן אָנדייטונג אויף מיין פּאַטערס אָפּשטאַמונג). דעם זעלבן טאָג האָט מען מיר געגעבן אַ פּעקל פון עטלעכע קאַרטלעך, נאָך איידער איך בין אַריינגעקראָכן אין ענגלישן מאַטראָסן־מונדיר, און געהייסן זיך אַרומ־דרייען אַ פּאָר שעה איבער דער פּאָרט־געגנט. נאָך אַ שעה צייט, האָט זיך באַוויזן אַ פרעמדער מאַן, נעט געקליידט און וויזנדיק מיר פונעם בוזעמ־טאַש ארויס אַ פּאָליציי־בלעכל, וואָס איך האָב אַפילו רעכט נישט איבער־געלייענט, האָט ער מיך געהייסן אים נאָכגיין. מיט אונטערגעהאַקטע קניען בין איך אים נאָכגעקראָכן. ער האָט פון מיין האַנט אַרויסגעצויגן דאָס פּעקל און געזאָגט, אַז ער גייט אַריין אין קאַפּעהויז טעלעפאָנירן אין דער פּאָליציי. איך האָב נישט געוווסט ווי צו האַנדלען און אַ צעמישטער געקוקט אויף די דורכגייער, ווי צו וועלן זוכן פון ערגעץ אַ הילף. דער „פּאָליציי־אַגענט" האָט זיך דורך אַ הינטערטיר אַרויסגעקריגן, און מער האָב איך אים נישט געזען — נישט אים און נישט דאָס פּעקל.

— אַ שווינדלער? — האָט שלום אים איבערגעפרעגט.

— עס הייבט זיך נישט אָן! דאָס איז נאָר געווען אַן אונטערגעשטעלטע זאַך. די חברה לצים האָבן עס אָפּגעשפּילט אַזאַ באַגעגעניש. דער זעלבער „פּאָליציי־אַגענט" האָט טעלעפאָנירט אין קעלער־מאַגאַזין און מודיע געווען אַז מ'איז מיך באַפאַלן און באַראַבעוועט די סחורה. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געיעג מיך אויסצוגעפינען און ווען איך האָב זיך מודה געווען אין מיין טפשות, האָט מען געמאַכט לייטיש געלעכטער פון מיר. אָבער נאָך אָט דער צווייטער פייערפּראָבע האָט מען מיך אַריינגענומען אין דער באַנדע. חרטה האָב איך נישט אויף דעם.

— חרטה איז נישט מעשה סוחר, און דו, אַבעלע, גרויסט זיך דאָך מיט דיינע סוחרישע אייגנשאַפטן — האָט זיך אַנשל טשאַרני אַריינגעמישט. דאָס איז געווען זיין ערשטער אַרויסרוף, פול מיט איראָניע און ביטערקייט — וואָס שייך מיר, מיין גוטער פריינד, האָב איך זיך שוין מיאש געווען פון מיינע זאַקענע געשעפטן. אַ קאַץ אין זאַק וועל איך זיכער נישט פאַר־קויפן. איך האָב באַשלאָסן אַ שפּיי צו טאָן אויף אַלע שטאָטישע גליקן. איך פאָר צוריק אין קאָלאָניע.

— צוריק אין קאָלאָניע? נאָך דעם, ווי דו האָסט מיר אַליין דערציילט וועגן דיינע ביטערע אַנטוישונגען אין דער „געזעלשאַפט", און נאָך מער אין דער יוגנט אין קאָלאָניע, וואָס זינקט אין געמויזעכץ און ווייסט נישט ווי צו האַלטן זיך אויף דער אויבערפלאַך... — אַבעלע האָט כמעט מיט פאַרדראָס זיך אַ בייזער געטאָן.

— ס'קאָן זיין, אַז איך האָב אַזוי גערעדט, אָבער דאָס מיינט נישט, אַז מ'מוז באַרעכטיקן דעם אָרט לעבן, וואָס מיר, די קאָלאָניסטישע זין, מאַכן מיט אין שטאָט. אפשר איז דאָס פאַסיק פאַר די גרינע, די ערשט אָנגעקו־מענע, וואָס האָבן נישט קיין ברירה און וואַרפן זיך פון פרנסה צו פרנסה. אָבער מיר, וואָס האָבן אַן אַנדערע לופט געאָטעמט, מיר מוזן זיך אַנטקעגנ־שטעלן אַזאַ מין לעבן. אַחוץ דעם, אויף דער געזעלשאַפט וואָס איך האָב דאָ באַגעגנט, מיט איר אָפּגעשלאָסנקייט, מיט איר פאַרשמייעטקייט זיך אַרויס־צואַרבעטן, מיט איר אָפענעם אָדער פאַרבאָרגענעם עגאָיזם — פאַרבייט איך נישט אונדזער נאַיווע יוגנט, אַפילו ווען זי איז פּראָווינציעל און צוריק־געשטאַנען. יאָ, איך האָב באַשלאָסן צו פּרווון מיין מזל נאָך אַ מאָל. איך האָב שוין אַפילו אָפּגעשטאַט אַ באַזוך אין דער דירעקציע פון דער „געזעל־שאַפט" און זיי פאַרגעלייגט אַ פּלאַן צו קאָלאָניזירן די זין, וואָס ווילן נישט אָדער קאָנען נישט בלייבן נעבן די עלטערן. לכתחלה האָבן זיי זיך באַצויגן צו מיינע רייד מיט אומצוטרוי. זיי געדענקען נאָך מיינע אַרויס־טריטן אויף די קאָנגרעסן פון די יידישע קאָאָפּעראַטיוון. דאָרט האָב איך געפייערט קעגן די פירערס פון דער „געזעלשאַפט" און קעגן די עלטערע קאָאָפּעראַטיווע טוער, וואָס זענען גרייט געווען איינצוגיין אויף פשרות. איר קענט דאָך מיין מיינונג, ניין? איך האָב געהאַלטן, אַז די קאָאָפּעראַ־טיווע באַוועגונג דאַרף דינען ווי אַ קאַמפּס־אָרגאַנע קעגן די שיקאַנעס פון די אַפּוטרופּסים פון באַראָנס פאַרמעגן. אַנדערע האָבן געמיינט, אַז נאָר קעגן די פּריוואַטע סוחרים איז געווענדט דער קאַמף אָדער אויף אָפּהיטן די פּרייזן פון דער פּראָדוקציע. ווער איז סוף־סוף גערעכט? דער קאַמף איז נאָך אין גאַנג, צוליב פּריוואַטע סיבות בין איך דערווייל אָפּגעטראָטן, אָט ווי עס האָט געטאָן דער שרייבער מאַוריסיאָ ליפּאָווין. זינט יאָרן טענהט ער, אַז זיין זיצן אין שטאָט, זיין לערנען און שרייבן, האָט פאַר אַ ציל אויסצוקעמפן די רעכטן פון די קאָלאָניסטן. אָבער צי קאָן מען דעם קאַמף פירן דווקא פון די רעדאַקציעס אָדער פון די קאָפּעהייזער? איך האָב עס

אים אַנגעדייט און ער האָט נישט אָפּגעלייקנט, אַז ער איז היינט צו טאָג זייער ווייט פון פּאַקטישן דאָרפס־לעבן.

— הייסט דאָס, אַז דו קערסט זיך אום צוריק, דו רופסט עס „אַהיים". איך רוף עס צוריק אין בית־עבדים. זאָל דיר גאָט העלפן, אָבער איך האַלט נישט פון אַזאַ שריט.

— דו ביסט, אַבעלע, צו שנעל פאַרכאַפּט געוואָרן פונעם אויסערלעכן גלאַנץ אין שטאָט.

— אויך איך בין אין אייער מיינונג, פריינד טשאַרני, דאָס לעבן דאָרט, אינעם דאָרף, האָט אונדז ביטער אָפּגענאַרט און אַרויסגעשטויסן, אָבער דאָס מיינט נישט, אַז מען דאַרף די הענט נאָכלאָזן. אויך איך האָב באַשלאָסן צו פּרוּוון נאָך אַ מאָל, טראָץ אַלע דורכפאַלן...

די ווערטער פונעם נייעם באַקאַנטן אַנשל טשאַרני האָבן איצט געגעבן דעם מוט אַרויסצוברענגען זיינע באַגערן, מיט וועלכע ער האָט זיך אַרומגעטראָגן זינט וואָכן. ער האָט ווידער אַנגעהויבן זען פאַר זיך דעם ברייטן רויטלעכן האָריזאָנט פון די פאַרנאַכטן, די וואָלקנס, וואָס יאָגן זיך פון דער פּאַמפּאַ־זייט, באַלאָדענע מיט שווערן שטויב. ער האָט ווידער אָנגעהויבן אָטעמען די קילע לופט פון די טיפע אויסגעשטערנטע נעכט און באַנעמען דאָס וואָיען פון די ווינטן אין די לאַנגע רעגנדיקע נעכט, ווען די רעגנטראָפּנס קייקלען זיך אויף די שויבן און יאָגן אַן אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט. און נאָך צו עפּעס האָט ער געבענקט: נאָך מיידלשע אויגן, נישט פאַרבלענדטע פון שטאָטישן לוקסוס און פאַלשן גלאַנץ. ווער איז זי און ווער וועט זי זיין? ער וועט שוין איינאָרדענען אַזוי, אַז נישט ווי אַ דערשלאָגענער וועט ער צוריקקומען אין דאָרף. ער וועט פאָרן ווי אַן אַרגאַניזאַטאָר און מיט אַ פּלאַן. און מען וועט אים העלפן.

— אַזוי? אויך דו, שלום? — אַבעלע, דער קליינגעוואַקסענער און רירעוודיקער, האָט באַטראַכט זיין אַמאָליקן שכן מיט אַ שפּיציקן שמייכל און דורך איין האַלב פאַרמאַכט אייגל געוואָלט אָנדייטן, אַז אים זענען נישט פרעמד שלומס פאַרגאַנגענע טעג.

— דו מיינסט טאַקע צוריקצופאָרן אין דער קאָלאָניע פון „די זיבן פיילן"?

— מעגלעך — האָט אים שלום קורץ געענטפערט.

— צי ווייסטו, שלום, אַז דיין שוועסטערל, מירעלע, איז אַוועק מיט...

— מיט אַ שייגעץ, ווילסטו זאָגן! נו איז וואָס איז דיין און מיין עסק?

אַ ביסל פאַרוווּנדערט פון שלומס אָפּשלאָג האָט ער דאָך פאַר־געזעצט:

— צי מיינסטו, אַז עס וועט דיך אין גאַנצן נישט אַרן, וואָס הערשל האָט חתונה געהאַט מיט מיין שוועסטער, מיט רבקהלען? מיין נישט, אַז איך דערמאָן עס, דיר וויי צו טאָן. פּשוט, איך וויל דיר פאַרמיידן אומזיסטע ליידן...

— זיי מיר נישט אַזוי געטריי, זאָרג פאַר דיינע אייגענע אינטערעסן — האָט שלום זיך אויף אים אָפּגעריסן און אָפּגערוקט דאָס אָנגעהויבענע גלאָז ביר. ער האָט אָבער באַלד צוריקבאַקומען זיין גלייכגעוויכט. נאָך אַלעמען איז אַבעלע אַנטקעגן אים אַ צוציק, און זיך אָנבייזערן אויף אים — איז נישט פאַר זיין כבוד וועגן.

די לופט אַרום האָט זיך אָנגעזאַפּט מיט די ריחות פון געפּרעגלטע פיש. די פייכטקייט האָט זיך אַ הייב געטאָן, ווי אַ לייכטער טומאַן, איבער דעם מוטנעם טייכל און אָנגעזאָגט אַ דושנעם אָוונט. שיפלעך האָבן זיך געשלעפּט איבערן וואַסער און נאָגנדיק געפּייפט ביים דערנענטערן זיך צום בריקל. אויפן פאָרענטש פון בריקל האָבן זיך פאַרזאַמלט די קינדער פון דער געגנט און אַראָפּגעשריגן צו די דורכפאָרנדיקע שיף־פּירער.

שלומען האָט עס אַ צי געטאָן פון אָרט. ער האָט דערפילט, אַז דאָ, ביים טישל, האָט זיך אַלץ אויסגעשעפּט, ווי דאָס ביר, ביזקל דנאָ. ער וועט זיך אויפהייבן פון זיין פּלאַץ, אַריבערגיין די געבויגענע בריק און פון דאָרט וועט ער מיטן טראַמוויי זיך דערשלאָגן צו זיין צימערל.

אויפן וועג איבערן בריקל האָט ער דערפילט די משא פונעם פּעקל, וואָס האָט אַראָפּגעצויגן מיט מער שווערקייט, ווי ווען עס איז פריער. ער האָט אַ רגע זיך אָפּגעשטעלט נעבן די קינדער און געוואָלט זיך באַטייליקן אין זייער פריילעכן אַראָפּשרייען צו די שיפער.

עמעצער האָט אים אָנגערירט ביים אַרבל. לויטן צי האָט ער געפילט, אַז דאָס איז נישט קיין פריינדלעכע אָנצוהערעניש. אַ טונקל־געקליידטער הער האָט אים ערנסט באַטראַכט און אַרויסציענדיק פון בוזעמטאַש אַ בלעכענעם קאַרנעט האָט ער שטיל אַ מורמל געטאָן:

— סעניאָר, ווייזט מיר אייער „סיסאַ“ (חודשלעכע דערלויבעניש צו האַנדלען) און דעם „פּאַטענט“ (יערלעכע דערלויבעניש)...

די אומגעריכטע ערשטע באַגעגעניש מיטן מוניציפּאַלן אינספּעקטאָר פּאַרן גאַסן־האַנדל האָט אים נישט איבערראַשט. זינט ער איז אַרויס אין גאַס מיטן „פּעקל" האָט ער נישט אַרויסגענומען קיין שום דערלויבעניש און עס אָפּגעלייגט פון טאָג צו טאָג.

איצט האָט ער באַטראַכט דעם פרעמדן מאַן ווי ער זאָל נישט האָבן פאַרשטאַנען זיין מיין. וואָס וועט דאָ געשען? דער פרעמדער האָט ווידער איבערגעחזרט זיין באַפעל, מיט מער צודרינגלעכקייט אין זיין פון ווין איבערגעבראָכענעם שטים.

שלום האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ: ער האָט נישט קיין שום פּאַפּיר. דער אַגענט האָט אַרויסגעצויגן אַ נאָטיץ־ביכל און אויף אַ בלאַק מיטן עמבלעם פון שטאָט־מאַגיסטראַט האָט ער עפּעס פאַרצייכנט. נאָך דעם האָט ער עס איבערגעגעבן שלומען און געזאָגט:

— די שטאָט איז פול מיט אויסלענדישע אַמבולאַנטן, וואָס באַשווינדלען די באַפעלקערונג און דערצו נאָך אָן צו באַצאָלן די שטייערן. איר זעט נישט אויס אַזעלכער, ווי די אַנדערע „רוסאָס"... נעמט צו די באַשטעטיקונג, אַז דאָס פּעקל איז אַריבער אין סקלאַד פונעם פּאָליציי־צירקל און מיט דעם קאָנט איר עס נאָכן פּראָצעס אָפּנעמען. קומט מיט מיר.

דער אַגענט איז געגאַנגען פאָרויס און שלום נאָך אים. די קינדער האָבן נייגעריק זיי נאָכגעקוקט און געפּרוווט זיי אַרומרינגלען, אָבער דער אַגענט האָט אויף זיי שטרענג אַ הוקע געטאָן און זיי זענען זיך צעלאָפן. אין גאַנג האָט שלום באַוויזן צו צעפּיצלען דאָס פּאַפּיר וואָס דער פּאָליציי־אינספּעק־טאָר האָט אים איבערגעגעבן און עס אַרונטערלאָזן איבערן מוטנעם וואַסער. דאָס פּעקל איז איצט געלעגן אין פרעמדע הענט, און ביים אָפּשטייגן פונעם בריקל האָט שלום אויף קלאָר געוווּסט, אַז ער וועט זיך אין פּאָליציי־סקלאַד נישט אומקערן מער. דאָס פּעקל וועט גיין אויף ליציטאַציע אָדער איינגעטיילט ווערן צווישן די באַאַמטע...

ער האָט דאָך, אין זיין גאַנצער צעמישטקייט, אַראָפּגעקוקט צום שטראָ־מיקן וואַסער: פון וועלכע ווייטקייטן האָט עס אַהערגעשטראָמט און וועלכע גרינע ברעגן האָט דאָס טייכל אויסגעגלעט, ביז עס האָט באַקומען אָט דעם מוטנעם, גרויסשטאָטישן קאָליר?

פערצנטער קאַפּיטל

די בלינדע וואַנט

די טרעפונג איז פאַרגעקומען אין צימערל פונעם יידישן לערער אין דער קאָלאָניע. דעמאָלט האָט שוין דער שפּאַנישער לערער און זיין משפחה געוווינט אין דער אויסגעבויטער שטוב נעבן דעם לערן־צימער, אָבער פאַרן יידישן לערער איז נאָך קיין וווינונג נישט געווען. אין די פרימאָרגן־שעהן האָט דער שפּאַנישער לערער פאַרנומען דעם שולע־זאַל און נאָכמי־טאָג האָט דער יידישער לערער געגעבן זיינע לעקציעס. אַרום דעם אויס־בויען אַ צוגאָב־דירה פאַרן יידישן לערער איז אויסגעבראָכן אַ קאָנפליקט צווישן די קאָלאָניסטן און דער „געזעלשאַפט". פון דער צענטראַל־דירעקציע האָט מען, אויפן סמך דערפון וואָס דער יידישער לערער איז געווען אַן אומפאַרהייראַטער, נישט באַשטעטיקט די הלוואה פאַרן בוי און אָנגעוויזן, אַז דערווייל קאָן ער זיך אָנדינגען אויף קעסט ביי אַ קאָלאָניסט. זיי האָבן נאָר צוגעגעבן, אַז זיי וועלן זיך נישט קעגנשטעלן אויב די קאָלאָניסטן וועלן אַליין אויסבויען די דירה.

דאָס וואָלט נישט געווען פון די גרויסע אויסגאַבן, אָבער האַיאָר איז געווען אַ טריקעניש און די תבואה איז נישט געראָטן. אַחוץ דעם האָט זיך באַוויזן אַ נייע פּלאָג: די פעלדער האָבן זיך אויסגעשאָטן און באַדעקט מיט אַ ווילדן שוואַרצן האָבער, וואָס האָט פון ערגעץ ווי אַ פּלאָג אָנגעטראָגן. געזאָגט האָט מען, אַז דאָס קומט פון פערד־ און קו־מיסט. אין פאַרגאַנגענעם יאָר האָבן כמעט אַלע קאָלאָניסטן אין דאָרף אויפגענומען אויף „פּאַסטאָרעאָ" (פּאַשע) קי און פערד, וואָס מ'האָט געבראַכט צו טרייבן פון ווייטע געגנטן וואָס זענען געטראָפן געוואָרן דורך אַ שווערער טריקעניש. אַנדערע האָבן עס פאַרבונדן מיט די שטאַרקע ווינטן, וואָס האָבן די שוואַרצע לייכטע

קערנער אַהערגעבלאָזן פון אַנדערע געגנטן. ווען די קאָלאָניסטן האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון וועגן דער גרויסער געפאַר וואָס דראָט זייערע פעלדער, האָבן זיי מיט די „קאָסאַרקעס" אָפּגעשניטן די פעלדער באַלד נאָכן אַרויס־זאַנגלען זיך. דאָס היי האָבן זיי טיילווייז פאַרקויפט און טיילווייז „פאַרווירט" (געסטויגט) פאַרן אייגענעם געברויך. סיי ווי איז דאָס יאָר געווען פאַרלוירן און די הויפּט־דאגה איז געווען, ווי צו קריגן עטלעכע זעקלעך מעל אויף צו פאַרזיכערן די משפּחה מיט ברויט דורכן יאָר. אין אַזאַ מצב האָט מען אוודאי נישט געטראַכט וועגן אויסגאַבן, וואָס האָבן איצט אויסגעזען לוקסוסדיקע און איבעריקע.

דעמאָלט איז די ישועה געקומען פון יאַנקל גאָלובטשיק. ער האָט פאַרגעלייגט דעם לערער דאָס קליינע שטיבעלע פון איין צימער, וואָס איז געשטאַנען פאַרלאָזן אין מיטן פעלד, פאַרגעלייגט אַפילו אָן אַן אָפּצאָל. יאַנקל איז געווען אַ מטופל מיט זיבן קליינע מיידלעך און נישט געהאַט ווער עס זאָל אים אַרויסהעלפן ביי דער אַרבעט אין פעלד. דערפאַר איז ער געצוווּנגען געווען אין די ערשטע יאָרן, אַרויפצוזעצן אַ פעאָן אויפן פעלד וואָס האָט געאַרבעט אויף פּראַצענטער. באַזעצט האָט ער אים ווייט פון זיין שטוב ווי אַ מיטל קעגן אַ „גוט־אויג" — ער זאָל נישט זיין צו נאָענט צו די אונטערוואַקסנדיקע רויטהאָריקע און געזונטע מיידן זיינע. שפּעטער האָט ער דעם גוי משלח געווען און די טעכטער האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבן אַרויסצוהעלפן אין פעלד.

לייט האָבן שמייכלענדיק אונטערגעוווּנקען, אַז יאַנקל גאָלובטשיק האָט אַ פאַרבאַהאַלטענעם מיין: אפשר וועט זיך איינגעבן, און דער לערער וועט זיך פאַראינטערעסירן מיט איינער פון די טעכטער. נישט אומזיסט האָט ער אַפילו פאָרגעלייגט, אַז ער זאָל עסן וועטשערע צוזאַמען מיט זיי. יאַנקל האָט אים אויך באַזאָרגט מיט אַ רויטלעך־ברוינעם פערד אויף וועלכן דער יידישער לערער איז געריטן אין שולע אַריין.

דער לערער, נחום זיגלער, איז וואָס אַן אמת, געווען אַ שיינער ברו־נעטער יונגערמאַן מיט גרויסע גרינלעכע אויגן און מיט אַ געקרויזטער קוטשמע האָר איבערן הויכן שטערן. ער איז באַשאָנקען געווען מיט אַ שיינער שטימע און די קאָלאָניע־מיידלעך האָבן געקלעפּט אַרום אים. מיט זיין וויסן איז ער געוואָרן, ווי די מערסטע לערער אין די יידישע קאָלאָניעס, דער צענטער ארום וועלכן עס האָבן זיך געדרייט די קולטור־אַרבעטן אין

דאָרף. קאָלאָניסטישע מאַמעס האָבן שטילערהייט געוואָרעמט אַ האָפענונג, אַז זיי זאָלן געבענטשט ווערן מיט אַזאַ גאָלדענעם איידעם, אַז ער זאָל וואַרפן אַן אויג אויפן טעכטערל...

עפּעס ווי אויף אַ נאַטירלעכן אופן האָט מען אָנגעהויבן אָפּהאַלטן זיצונגען און רעפּעטיציעס דווקא ביי אים אינעם חושכדיקן נישט געקאַלכטן צימער. דאָ האָט די קולטור־קאָמיסיע זיך פאַרזאַמלט אין די מיטוואָך־אָוונטן, כדי אָפּצוקלייבן דעם לייען־ און רעציטיר־מאַטעריאַל פאַרן שבת־נאָכמיטאָגדיקן ליטעראַרישן צוזאַמענקום.

ביים טריקען די הייסע מאַטע און ביים קנאַקן די סאָנעשניק־קערלעך פלעגט נחום זיגלער איינחזרן מיט דער יוגנט די נייע העברעישע לידער, וואָס ער האָט אַ מאָל געלערנט אין דער „תרבות״־גימנאַזיע אין וואָלין. אין די פרילינג־אָוונטן פלעגט די יוגנט־פרייד און דאָס געלעכטער אַרויס־שפּאַרן דורך דעם אָפענעם פענצטערל און זיך צעגיסן איבער די ברייטע אַרומיקע פעלדער, וווּ עס האָבן אָפּגעענטפערט די שרייענדיקע נאַכטפייגל און די וואָיענדיקע שאַקאַלן.

דעם היינטיקן אָוונט אָבער איז די טרעפונג געווען פון אַ גאָר באַזונדערן כאַראַקטער. אין דרייען זענען זיי געזעסן אינעם צימערל און די שיין פונעם זשומעדיקן פּעטראָמאַקס־לאָמפּ איז געפאַלן איבער די געזיכטער. אין אָנהייב האָט זיך דער שמועס געפירט רואיק, ווי דורך אַ שטילן קאָרידאָר צו אַ רוישנדיקן זאַל. אָבער ביסלעכווייז האָבן זיך די שטימען געהויבן און די טעמפּעראַטור אין דער דיסקוסיע איז געשטיגן. די פנימער זענען פאַרצויגן געווען מיט אַ כמורנער ערנסטקייט.

— דאָ קאָנען מיר נישט איינגיין אויף קיין שום פשרות — האָט דער לערער שאַרף געפּסקנט — מיר וועלן זיך נישט אונטערגעבן קיין שום דרוק, פון וועלכער זייט ער זאָל נישט קומען. אין אַלע קאָלאָניעס האָט זיך עס אַזוי געפירט ביז אַהער. דער מנהג איז מקדש געוואָרן דורך דער צייט און קיינער וועט אים נישט ברעכן.

— די צייט האָט אים מקדש געווען און די צייט וועט אים ברעכן — האָט די שוואַרץ־געקרויזטע מאַגיע זיך אַרויסגעשטעלט — מיר וועלן נישט דולדן קיין פאַרשימלטע געזעצן. מיר פאָדערן, ווי אַ טייל פון דער באַפעל־קערונג אין דער קאָלאָניע, אַ חלק אין אָט דער אונטערנעמונג.

הערשל איז געווען דער דריטער ביים טיש און האָט זיך אין אָנהייב,

ווי זיין געוווינהייט, נישט אַריינגעמישט אַקטיוו אין דער דיסקוסיע. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן איינגעפירטן מנהג אין דער קאָלאָניע צו באַאַר־בעטן אַ שטיקל באָדן פון עטלעכע העקטאַר, וואָס יעדעס יאָר האָט עמע־צער אַנדערש געשטעלט צו דיספּאָזיציע, אויף אַ קאָלעקטיוון אופן. די הכנסות זענען געגאַנגען פאַרן יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד. אין יאָרצייט־טאָג נאָך דאָקטאָר הערצל, פלעגט מען זיך פאַרזאַמלען ביים ברעג פון דער באַשטימטער נחלה. מען איז געקומען אויף רייטפערד און אויף סולקיס, מיט פענער און אין די יום־טובדיקע קליידער. די יונגע בחורים האָבן אַהערגעבראַכט די „פלוגעס" און זיימאַשינען געשפּאַנטע אין די בעסטע פערד, כדי אין געציילטע שעהן אַרויסצועוגדיקן די אַקער־ און זיי־צערע־מאָניע. דאָ האָט מען עפנטלעך ליציטירט די „וועלטאַס" (אומדריי מיטן פלוג) און יעדער האָט בייגעשטייערט פאַרן זכות צו מאַכן אַן אומקרייז מיט דער מאַשין. די קערנער האָט מען איינגעזאַמלט ביי די קאָלאָניסטן, און ווען עס איז געקומען די צייט צו שניידן, האָבן זיך געמאָלדן פרייוווי־ליקע איינצוזאַמלען די תבואה און אָפּפירן אומזיסט די זעק צו דער סטאַנ־ציע. די הכנסה פאַרן יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד איז תמיד געווען ריין פון זייטיקע הוצאות.

די פייערונג האָט מען אָנגעהויבן מיט לייענען אויסצוגן פון הערצלס „אַלטניילאַנד" און פאַרענדיקט מיט אַ פעטן אסאדא־בראָטן און מיט אַ פערד־געלויף.

דורך אָט די צערעמאָניעס אויף די פעלדער פון אַרגענטינע האָבן די יידישע קאָלאָניסטן געוואָלט באַקומען אַ צובונד, כאָטש אַ סימבאָלישן, צו די ערד־אַרבעטער פון די יידישע קאָלאָניעס אין פּאַלעסטינע. די געזאַמלטע באַשיידענע פעזעס האָבן געגעבן אַן אינהאַלט און אַן אויסדרוק פאַר זייער בענקעניש צו יענע ביבלישע געגנטן, וואָס ווערן איצט אויפגעריכט דורך יידישע הענט; זיי האָבן געוואָלט זיין שותפים צו דעם, כאָטש דורך די קאָלעקטיווע קאָסטעשעס, דורך דער בלוי־ווייסער פושקע אָדער דורך איינזאַמלען צווישן די קאָלאָניסטן עופות, וואָס זענען פאַר־קויפט געוואָרן אין שטעטל און דער באַטרעף איז אָפּגעשיקט געוואָרן צו דער צענטראַלע אין בוענאָס־איירעס. אפילו די, וואָס האָבן זיך געהאַלטן ווייט פון ציוניזם, האָבן אויך מיטגעמאַכט מיט דער זעלבער פיעטעט די צערעמאָניע פון געמיינזאַמען פאַראַקערן דעם באָדן, ווער צוליב אַ נישט

פאַרשטענדלעכן געפיל פון כלל־ישראלדיקייט, און ווער צוליב אַ פּאָזיטיוון צוגאַנג צו איבערשיכטונג פון יידן אויף ערד, ווו עס זאָל נישט זיין.

דערפאַר האָט זיך דערוועקט אין די הערצער פון די קאָלאָניסטן אַ ווידערשטאַנד־געפיל קעגן די וואָס האָבן אָנגעהויבן צו מאָנען אַן ענדערונג אין דער פירונג פון דעם קאָלעקטיוון פּאַרזיי. די נייע קרייזן אין קאָלאָניע, וואָס האָבן זיך גענומען אָרגאַניזירן אונטערן נאָמען פון „פּאַר־געשריטענע", האָבן אָנגעהויבן פאָדערן, פריער דורך אַ שטילן מורמלען און שפּעטער צודרינגלעך־עפנטלעך, אַז די הכנסה פון אָט דער געמיינ־זאַמער באַאַרבעטונג פונעם באָדן דאַרף גיין נישט נאָר פאַר די „פּאַלעס־טינע־לייט", נאָר גלייך אויף גלייך אויך פאַר די איבערוואַנדערער אויף ערד אין ראַטן־פאַרבאַנד. זיי האָבן געטענהט אַז דאָס איבערגעבן דאָס געלט נאָר איין צד דריקט נישט אויס דעם פאַרלאַנג פון אַלע מיטגלידער אין דער קאָלאָניע און אַז סיי ווי ווערט דאָס געלט פאַרטאַכליעוועט נאָך איידער עס קומט אָן אין „געפגרטן לאַנד", ווי זיי האָבן באַצייכנט ארץ־ישראל.

אָבער צו אַזאַ משונהדיקע אַרגומענטאַציע האָבן אפילו נישט געקאָנט איינשטימען די סימפּאַטיזירער פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין קרים און אין אוקראַינע. זיי האָבן געהאַלטן, אַז גרויסע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע שפּענדן מיליאָנען דאָלאַרן פאַר אָט דעם צוועק און מען קאָן נישט מקריב זיין דעם ספּעציפישן כאַראַקטער פון די נאַציאָנאַל־פאָנד־קאַסעטשעס צוליב בלינדער גלייכקייט. די ציוניסטישע יוגנטלעכע האָבן געטענהט, אַז זיי קאָנען נישט ברעכן קיין איינגעפירטן מנהג אָן צו באַראַטן זיך אויף אַ לאַנד־צוזאַמענקום. אויסער דעם האָבן אַ סך געפילט, אַז מיטן צובינדן זייטיקע פאַקטאָרן צו אָט דער אונטערנעמונג וועט די כ׳ תמוז־טראַדיציע אָנווערן איר שיינקייט און פאַרנעם.

און וואָס מער די גרופּע פון די „פּאָרגעשריטענע" האָט זיך פאַרמאָסטן צו צעברעקלען דעם נאַציאָנאַלן אינהאַלט פונעם יום־טוב, אַלץ מער איז געשטיגן דער ווידערשטאַנד ביי די נאַציאָנאַלע טוער. סיי ווי האָבן די לינקע אַרויסגעוויזן זייער טענדענץ איינצונעמען מיט שטורעם דאָס געזעל־שאַפטלעכע לעבן. דאָס איז געווען דער בולטער אָפּקלאַנג פונעם קאַמף, וואָס האָט זיך געפירט דאָרט ווייט אין קעסל פון דער הויפּטשטאָט. אויך דאָרט האָבן די ווייניקע ציוניסטישע גרופּן, צעוואָרפענע אין די שטאָט־

פערטלען, געפּירט דעם געראַנגל קעגן דעם שטייגנדיקן איינפלוס פון די סימפּאַטיזירער מיטן ראַטן־פאַרבאַנד. דער קאַמף האָט אָנגעהויבן צו ווערן פאַרביסן און גרויזאַם.

— אויף אונדז ליגט דער חוב צו פאַרהיטן פון אַ שפּאַלטונג אין דער קאָלאָניע — האָט הערשל זיך אַריינגעמישט נאָך אַ לענגערן שווייגן — מיר האָבן מיט אַזוי פיל מי אויפגעבויט דאָס קולטור־לעבן אין דאָרף און נאָר די אייניקייט וועט פאַרמיידן דעם חורבן פון אונדזער ישוב.

הערשל איז דאָ געווען דער דריטער צד אינעם קאָנפליקט. אַלס סעקרעטאַר פונעם קולטור־צענטער און פון דער נאָר וואָס אויסגעבויטער ביבליאָטעק, האָט ער נישט געקאָנט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז אַן אָפענע שפּאַלטונג זאָל צעשטערן דאָס נאָרמאַלע לעבן אין דער קאָלאָניע. אים האָט מען באַטראַכט ווי אַן אומפּאַרטייישן צווישן די קעגנערישע צדדים. דערפאַר איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס דעלעגאַט צו די צוזאַמענפאָרן פון די יידישע אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוון. אויך דאָרט האָט ער דערפילט די שווערע אַטמאָספער פון שפּאַלטונגען, וואָס רוקט זיך אָן אויף דעם געזעל־שאַפטלעכן לעבן פון די יידישע ערד־אַרבעטער.

— מיר וועלן נישט איינשטימען צו רעזיגנירן צוליבן אָפּהיטן די רעפאָרמיסטישע ליניע וואָס דו פאַרטיידיקסט, הערשל! — מאַניע האָט די ווערטער אַ וואָרף געטאָן מיט בייזקייט אין הערשלס זייט.

— גלייכער איז, אַז איר זאָלט דערשטיקן אייער חוצפּה, איידער אונדזער גאַנץ לעבן זאָל דערשטיקט ווערן דורך אייך — האָט ער אויפ־געהויבן דאָס קול, נישט ווי זיין שטייגער.

נאָך זיין דערווייטערן זיך פון מאַניען און נאָך זיין חתונה מיט רבקהלען, האָט זיין אַמאָליקע סימפּאַטיע זיך פאַרנומען צו ברענען זיינע טריט און אָנטרעטן אים אויף די הינעראויגן. מיט דער צייט איז זי געוואָרן די פּאַקטישע טאָן־געבערין צווישן די „פאַרגעשריטענע" און מ'האָט זי גערופן אין דער קאָלאָניע „די רויטע רביצין". שפּעטער האָט זי חתונה געהאַט מיט אַ שטילן בחור, וואָס האָט געאַרבעט ביי זיי אַלס פּעאָן, און זייער שטוב איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קלוב פון אירע סימפּאַטיזירער, וואָס האָבן זיך געמערט פון טאָג צו טאָג. אויף איר נאָמען זענען אָנגעקומען צייטונגען און בראָשורן מיט אַ קאָמוניסטישער טענדענץ און ביי איר טיש האָט מען

אָנגעצייכנט פּלענער פאַר דער אידעישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיקייט.

בעת די באַגעגענישן אין איר הויז האָט מען אויסגעאַרבעט די ליסטעס פון ביכער פון סאָוויעטישע שרייבער אָדער פּראָגרעסיווע שרייבער פון אַנדערע לענדער, וואָס מ׳האָט געדאַרפט איינשאַפן אין דער אָרטיקער ביבליאָטעק. דאָ האָט מען אָנגעצייכנט די פאַרלעזונגען פון לידער און דער־ציילונגען וואָס מ׳האָט געדאַרפט איינפלעכטן אין די שבת־נאָכמיטאָגדיקע ליטעראַרישע צוזאַמענקונפטן און אַזוי אַרום אָנטאָפּן דעם דופק ביי וועלכער משפחה מ׳קאָן אַריינדרינגען מיט אידעישער פּראָפּאַגאַנדע.

די קריגערייען האָבן זיך אויסגעשפּרייט. משפחות האָבן זיך געשפּאָלטן אויף צווייערליי לאַגערן. אין שול ביים „אויסנעמען" האָבן די עלטערע יידן דיסקוטירט אויף די הויכע טענער און מיט יוגנטלעכער היציקייט וועגן די זעלבע פּראָבלעמען, וואָס די יונגע וואַרפן דורך צווישן זיך, און אויך דאָ האָבן זיך אויסגעטיילט צוויי קעמפנדיקע לאַגערן.

אין אָנהייב, ווען הערשל איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פון דער ביבליאָטעק, האָט ער נאָך געגאַסן פונעם צוטרוי פון ביידע לאַגערן. מען פלעגט קומען צו אים זיך אויסטענהן, פאַרלייגן פּלענער און ער פלעגט אויסהערן מיט זיין געוויינלעכער געלאַסנקייט און געזוכט דעם גאָלדענעם מיטן צווישן די קריגערישע כוחות כדי אויסצומיידן צווישן זיי אָפענע סקאַנדאַלן.

באַלד ווי שלום איז צוריקגעקומען אין דער קאָלאָניע, האָט ער געקלעפּט צו מאַניעס הויז און אירע סימפּאַטיזירער. מאַניע האָט אין דעם געזען אַ פּערזענלעכן טריומף און נקמה אין הערשלען פאַר זיינע אַלטע חטאים קעגן איר. דאָס האָט איר געמוטיקט צו וואַרפן זיך מיט מער אימפּעט אין קאַמף קעגן נאַציאָנאַלן קרייז. איר פאַרביסנקייט איז טאַקע געקומען צום אויסדרוק ביים צוזאַמענטרעף אין שטיבל פונעם לערער.

— אייגנטלעך האָב איך מיט אייך ביידן נישט וואָס צו שמועסן — האָט זי אין אַ מאָמענט פון אויפגערעגטקייט זיך אַ וואָרף געטאָן — איר, נחום, זענט דאָך דאָ אַ פרעמדער, אַ זייטיקער, און אַלס לערער דאַרפט איר זיין נייטראַל. היינט זענט איר דאָ און מאָרגן קאָנט איר גיין. וואָס פאַראַ רעכט האָט איר צו זאָגן דעות און צו שטעלן זיך אויף איין צד? און דיר, הערשל, ווי קאָנען מיר גלויבן אין דיין אויסגעהאַלטנקייט? נעכטן ביסטו

געווען אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער און היינט ביסטו אַ רעפאָרמיסט. דו וואַרפסט זיך אין אַלע זייטן. ביסט אָן פאַרב און אָן אַ רוקנביין. צי איז דאָס אַ ריכטיקע פאָרשטייערשאַפט פון אַ היינטיקן יידישן דאָרף? זיכער נישט!

מיט אָט די רייד האָט זי געצילט איינוואַלגערן זייער געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע און באַזונדערס — צו טרעפן הערשלען ביז אין דער זיבעטער ריפּ אַריין.

נחום זיגלער האָט אָבער רואיק געשמייכלט. הערשל האָט, נאָך אַ לענגערן אָפּמעסטן איר רויט געזיכט, צוגעגעבן:

— בעסער צו פאַרמאָגן אַן אייגענע רעפאָרמיסטישע וועלט־אָנשויאונג איידער צו באַקומען אינסטרוקציעס פון מאָסקווע ווי אַזוי צו ניסן און ווי אַזוי הוסטן. פאַרוואָס האָט נחום זיגלער נישט קיין רעכט זיך אַריינצומישן, אַלס דאָיקער דערציִער, אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, און אייער הייליקער פּאַטערל סטאַלין פון קרעמל, האָט יאָ רעכט, און דערצו נאָך מיט דער ברכה פון אַזעלכע קולטור־קעמפּער ווי איר? אויב עס האַנדלט זיך וועגן מיסיאָנער־ישער אַרבעט, זענען אַלע גייסטלעכע כשר, נישט אַזוי?

איר קלייך נעזל איז געוואָרן אָנגעבלאָזן־בלוילעך פון כעס. זי האָט ווידער געזוכט שטאַרקע ווערטער, וואָס זאָלן אים טרעפן אין זיינע טיפעניש.

— דיין אייגענער ברודער, דער, וואָס האָט אַמאָל געחלומט וועגן לאַנד פון די אבות, אויך ער האָט זיך שוין אויסגעטשוכעט. פונעם רעכטן שקר איז ער אַריבער צום לינקן אמת. אָט וועט עס לאַנג נישט נעמען און איר וועט בלייבן אויפן יאַריד אַ פּאָר אָפּגענאַרטע בטלנים. ווער וועט זיך אויף אייך אומקוקן?...

די פּייערונג ביים פאַראַקערן דעם קאָלעקטיוון באָדן איז ווי עס איז פאַרביי. די לופט איז געווען, טראָץ דעם קילן יוני־טאָג, ווי אָנגעפּראָפּט מיט שוועבל. צו דער פּייערונג זענען אויך געקומען די קעגנער, וואָס האָבן ביים פּלויט, אָפּגערוקט אין אַ זייט, זיך צוגעקוקט שטילערהייט ווי מען מאַכט די רונד־אומקרייזן מיט די פּלוגעס און זיימאַשינען באַפּוצטע מיט קליינע בלוי־ווייסע פענדלעך. ערשט נאָכן אָפּזינגען די התקוה, האָבן זיי אויפגעהויבן זייערע קולות, איינגעלאָדן די באַטייליקטע אויף אַ פּראָטעסט־אַקט און געזונגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל", באַגלייט מיטן גערויש פון

אַ גראַמאָפאָן־טרובע. די געמיטער האָבן זיך צעהיצט און נאָר אַ דאַנק די אָנשטרענגונגען פון די אָרגאַניזירער איז פאַרמיטן געוואָרן אַ געשלעג.

אין די ווייטערדיקע טעג האָבן זיך די באַציאונגען נאָך מער פאַרשאַרפט. אין שטעטל האָבן זיך צעטיילט און געשפּאָלטן די קולטור־כוחות. מען האָט אויסגענוצט משפּחה־פאַרבינדונגען אויף צו פאַרטיפן דעם ריס צווישן דער יוגנט, וואָס איז בלינד געגאַנגען אין קאַמף.

זינט הערשל איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פונעם צענטער האָט ער זיך באַמיט אויפצובויען אַ ספּעציעלן צימער נעבן דער שיל־געביידע פאַר דער אָרטיקער ביבליאָטעק.

יאָרן לאַנג האָט מען זיך ביז דעמאָלט באַנוצט מיט די ביכער וואָס וועלוול דער רעשעטניק פלעגט אַראָפּברענגען אין דער קאָלאָניע אויף באַרג. דאָס איז געווען אַ רירעווודיק יידל מיט אַ לאַנגער צעפּלאָשעטער באָרד, וואָס האָט מיט אַ באַזונדערער איבערגעגעבנקייט אויסגעפילט צוויי אויפגאַבעס אין דער קאָלאָניע — אין די זומער־חדשים פלעגט ער אָנלאָדן אויפן וועגעלע די שיטערע און געדיכטע זיפּן מיט די גרויסע אייזערנע שטאַנגען און פאַרנדיק פון שטוב צו שטוב זיי אויפשטעלן אין הויף, איינבינדן די שטאַנגען מיט שטריק און מיט געניטע באַוועגונגען זיפּן די תבואה. ער פלעגט אַזוי קונציק דרייען די רעשעטע, אַז די פּאַלאָווע און שטרוי פלעגט זיך קאָנצענטרירן אין אַ ווינקל פון דער זיפּ. מיט אַ לייכטן צי פון דער דלאָניע פלעגט ער אָפּשאַרן דעם שמוץ אין אַ זייט און די ריינע קערנער אָפּשיטן אויף דער אָנגעהויפטער קופּע תבואה. מיט זיין אַראָפּ־יאָווען זיך אין דער קאָלאָניע האָט אויך וועלוול געבראַכט מיט זיך אַ באַנייטן רעפּערטואַר פון וויצן און גלייכווערטלעך, און ווען ער פלעגט איבערכאַפּן די מאָס און צופיל באַפּעפערן אַ וויץ, האָט מען אים אויך מוחל געווען. טייל מאָל פלעגט ער נאָר אונטערקרעכצן ביים דערמאָנען זיינע אונטערגעוואַקסענע פאַרזעסענע מיידן, וואָס קאָנען זיך נישט צוקלויבן זייערע באַשערטע. זיי זיצן — פלעגט ער זאָגן — ווי פאַרכישופטע פּרינצעסינס און וואַרטן אויף אַ מלך, וואָס וועט קומען פון ווייטע מקומות. זיי האָבן געשמט פאַר אויפגעקלערטע רוסישע „באַרישניעס", אָבער די בחורים האָבן נישט געקלעפּט צו זיי.

דורך די אַנדערע מאָנאַטן פון יאָר, ווען די רעשעטעס האָבן גערוט, פלעגט וועלוול אַראָפּקומען איין מאָל אין וואָך מיט זיין וועגעלע און אין

די דיקע קאָסטנס האָט ער אָנגעלאָדן יידישע ביכער צום בייטן. שמרס ראָמאַנען, דינעזאָנס האַרצנאָגנדיקע נאָוועלן, ספּעקטאָרס און פּרצס דערציילונגען און שלום־עליכמס הומאָרעסקעס זענען צעכאַפּט געוואָרן פון אונטער די הענט. זיין דערשיינען אין קאָלאָניע האָט אַריינגעבראַכט אַ יום־טוב־שטימונג און אַ פאַרויסזאָגן צו פאַרטיפן זיך אין די אָוונטן אין די געלבלעכע בלעטער פון די אָפּגענוצטע ביכער. מיט זשעדנע אויגן און ציטערדיקע פינגער פלעגט מען איבערוואַרפן דעם קולטור־באַגאַזש און איינזאַפּן דעם ריח פון די אַלטע בלעטער אין צעראַטע־נעם איינבאַנד.

שפּעטער, אַז מען האָט אויפגעשטעלט די ביבליאָטעק אין שטעטל, האָט וועלוולס שטערן זיך אויסגעלאָשן. אויך די נייע שניידמאַשינען, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט די תבואה ריינער, און די גרויסע זיפּ־מאַשינען ביי דער באַן־סטאַנציע, האָבן אים אַרויסגעשלאָגן פון דער צווייטער פּרנסה, געבליבן זענען נאָר די גוטע זכרונות און די טרעפלעכע גלייכווערטלעך.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז די ביבליאָטעק אויפגעשטעלט געוואָרן אין דער קאָלאָניע. דאָס איז געשען נאָך אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג פונעם אָרטיקן דראַמאַטישן קרייז. מען האָט דעמאָלט צונויפגעשלאָגן אַ זאַל אויף דערוויל, מיט בלעכן און זעק. די בינע איז באַשטאַנען פון עטלעכע צונויפ־גערוקטע וועגענער. נאָך דער פאָרשטעלונג האָט מען געטאַנצט און רעמאַ־טירט די עופות, וואָס מ׳האָט צונויפגענומען אַלס ביישטייערונג פון די קאָלאָניסטן. אויך די שטעטלדיקע געסט האָבן געשפּענדעט מיט דער ברייטער האַנט און דער אָוונט האָט געלאָזן אַ „גראָבס" אויף איינצושאַפן די בוי־מאַטעריאַלן און די ערשטע צענדליקער ביכער.

פּריוויליק האָבן די קאָלאָניע־בחורים זיך געמאָלדן און געהאָלפן בויען דעם ביבליאָטעק־צימער. מ׳האָט געקנאָטן ליים און געגאָסן אין פאָרמען דאָס „לאַמפּאַטש". זשאַמע קוריס איז געשטאַנען אויף די רושטאָוואַניעס מיט דער קעלניע אין האַנט און דערביי געשאָטן מיט זיינע ווערטלעך.

ווען מ׳האָט אַריינגעשטעלט דעם ערשטן שראַנק געקויפטע און געשאָנקענע ביכער, איז מען אויף אַ ספּאָנטאַנעם אופן זיך צוזאַמענגעקומען פון אַלע עקן דאָרף באַטייליקן זיך אין דער אַלגעמיינער פרייד. אויפן ברייטן פּלאַץ נעבן דער שיל האָט מען געמאַכט אַ לחיים אויף היימישן בראָנפן מיט האָניק־לעקעך און געווונטשן זיך, אַז פונעם צימערל אַרויס

זאָל אַ וואָרצלדיקע יידישע קולטור אַרויסשפּראָצן און אַז אַלט און יונג זאָלן מאריך זיין ביי דער סאָכע...

איצט זענען די שאַפעס פול מיט יידישע ביכער. אין די מיטוואָך־אָוונטן קומט מען בייטן און אָפּגעבן די אויסגעלייענטע ביכער. דעמאָלט טומלט עס אין הויף. דער געדויש פון רייטפערד און איינגעשפּאַנטע סולקיס טראָגט זיך איבער די איינגעפאָרענע זאַמדיקע וועגן.

הערשל פילט אַז אַ גרויסע סכנה שוועבט איבער דער גאַנצקייט פון דער ביבליאָטעק, און דאָס מוז מען פאַרמיידן. אָבער צו דעם דאַרף מען אַליין שטיין ווי אַ דעמבענער בוים מיט די וואָרצלען טיף אין באָדן. צי איז ער אַזעלכער?

נאָך זיין חתונה מיט רבקהלען האָט ער לאַנג זיך געשלאָגן מיט דער דעה ווי אַזוי איינצואָרדענען זייער לעבן. ער איז נישט באַגייסטערט געווען פונעם געדאַנק צו וווינען מיט די עלטערן צוזאַמען. ער האָט געוווּסט, אַז פריער אָדער שפּעטער ענדערן זיך צום ערגערן די באַציאונגען ווען עס קומט אַריין אַ שנור אין שטוב. אָבער אינעם געגעבענעם מאָמענט האָט מען אַפילו נישט געקענט אַרויפברענגען דעם געדאַנק פון דערווייטערן זיך פון הויז. צופיל ווייטיק און אַנטוישונגען האָבן זיך איינגעזאַפּט אין די ווענט פון זייער ערשטער שטוב אין דער קאָלאָניע, אַז ער זאָל נאָך צוּוואָרפן זיין חלק. מאַירס חתונה מיט דער שטומער רייזל און די שטומע קינדער זיינע, שלומס דערווייטערן זיך פון שטוב, און דווקא צוליב אים, מירעלעס אַנטלויפן מיטן „פונדיק" — צי מוז ער דווקא איצט ברענגען נאָך צער? אַ בליק נאָר אויף די עלטערן — און די הענט פאַלן אַראָפּ, און דער ווילן צו זוכן אַ וועג ערגעץ אויף דאָס ניי ווערט אָפּגעטעמפּט.

די מאַמע איז נישט מער ווי אַ גייענדיקער שאָטן. איר אויסגעדאַרטער גוף איז איצט איינגעשוווּמען אין די נאָכגעלאָזענע קליידער. עס איז שווער אַריינצוקוקן אָן האַרץ־קלעמעניש אין אירע שטענדיק פאַרטרערטע אויגן, וואָס מאָנען אָן ענטפער אויף אַ לאַנג פאַרגליווערטער שאלה.

אויפן טאַטנס פּנים האָבן זיך איינגעאַקערט די בולטע סימנים וואָס זיינע איבערלעבונגען האָבן איבערגעלאָזט, די באַקן זענען איינגעפאַלן, דאָס גרויע בערדל, וואָס איז איצט ענלעך געווען צו אַ צעפּאַליעט בערשטל, האָט זיך ווי צוזאַמענגעגאָסן מיט דער ווייסקייט פון די שלייפן און די אַראָפּ־געהאָנגענע דיקע ברעמען. די אויגן, וואָס האָבן תמיד פאַרגעזאָגט זייער

אַרויסרופֿערישע גרייטקייט, האָבן אָנגעוואָרן דעם גלאַנץ און זיך פֿאַררוקט טיפֿער אין די אויגנלעכער. ניאָמע האָט נאָך אָנגעהאַלטן זיין ריטעם ביי דער אַרבעט. אָבער הערשל האָט באַשיינפּערלעך געפֿילט, אַז דאָס איז אַ פֿאַרמעסט מיט דער עלטער, וואָס האָט אין די לעצטע יאָרן געלאָזט פֿילן די גרויזאַמקייט פֿון איר אָנקום.

אין דער קאָלאָניע האָט מען, פּונקט ווי אין אַנדערע געגנטן ווו די פֿעלדער האָבן געהערט צו דער „געזעלשאַפֿט״, געפֿירט אַ פּערמאַנענטן קאַמף פֿאַרן רעכט צו באַזעצן די פֿאַרהייראַטע קינדער אין די גרענעצן פֿון דער קאָלאָניע. אַ טייל פֿון די פֿרייע רעזערוו־לענדערייען, וואָס האָבן געהערט צו דער „געזעלשאַפֿט״, איז פֿאַרדונגען געוואָרן צו נישט־יידן און די זין האָט מען פֿאַרגעלייגט צו באַזעצן אין אַנדערע געביטן — ווייטע און אָפּגעלייגטע פֿון די עלטערן הונדערטער קילאָמעטער. נישט ווייניק זין און טעכטער האָבן פֿאַרלאָזן די קאָלאָניע צוליבן פֿעלן פֿון באָדן, און אַוועק אין די שטעט. פֿון צייט צו צייט האָט מען דאָס פּראָבלעם געלופֿטערט ביי די צוזאַמענקונפֿטן פֿון די אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוון. עס האָבן זיך אַפֿילו געשאַפֿן גרופּעס פֿון יונגע קאָלאָניסטישע משפּחות, וואָס זענען גרייט געווען צו פֿאַרמירן נייע באַזעצונגס־קאָלאָניעס. אָבער די פֿאַרהאַנדלונגען האָבן זיך געצויגן יאָרן.

האָט הערשל אויסגעבויט נישט ווייט פֿון טאַטנס הויז, אַ טריט נאָר פֿון יענעם ווינקל ווו עס איז אַמאָל געשטאַנען זייער ערשטע כאַטע ביים אָנקומען אַהער, אַ צוגאָב־שטיבל פֿון צוויי קליינע צימערלעך, און כאָטש אַלץ האָט זיך אין דער ווירטשאַפֿט געפֿירט בשותּפֿות, האָט ער דאָך פֿון ערשטן טאָג אָן איינגעפֿירט אַ זעלבשטענדיקן סדר אין זיין ווינקל. רבקהלע האָט אַליין געקאָכט און געפֿירט די שטוב. אין איר פֿרייער צייט האָט זי געהאָלפֿן באַשקען אין די אַרבעטן וואָס זי האָט שוין נישט באַוויזן צו טאָן. סיי ווי איז געלעגן אויף דער שטוב אַ מין דורכזיכטיקער טרויער, ווי די פֿאַרלאָזנקייט פֿון אַ טויבנשלאַק, פֿון וועלכן די יונגע טייבעלעך האָבן אָפּגעצויגן ביים באַקומען אונטערגעוואָקסענע פֿליגל.

אין אַ פֿרימאָרגן, ווען הערשל האָט איינגעשפּאַנט די סולקי צו פֿאָרן אין שטעטל אַריין, איז אָנגעלאָפֿן אַ רייטער. פֿון אים האָט זיך אַראָפּ־געשליידערט אַ יונגער פּופּצן־יאַריקער בחור און מיט באַנומענע קולות אים פֿאַרלאָפֿן דעם וועג:

— קומט הערשל! קומט שנעלער, די „לינקע״ האָבן געלייגט זייערס אַ גרויסן שלאָס אויף דער טיר פון דער ביבליאָטעק! דער לערער האָט מיך אַהערגעשיקט...

הערשלען האָט געווונדערט אַזאַ מאָדנער אָנזאָג. ערשט נעכטן האָט ער נאָך געפירט אַ געמיטלעכן שמועס מיט איינעם פון קעגנערישן צד און עס האָט אויסגעזען, אַז מ׳וועט דאָך געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך. דער שמועס האָט זיך געפירט וועגן איינשאַפן אַ צאָל נייע ביכער פאַר דער ביבליאָטעק. יענער האָט אים צוגעשטעלט אַ ליסטע פון ביכער, וואָס לויט זייער פאָדערונג האָט מען געדאַרפט איינשליסן אינעם קויף. מען האָט זיך געדונגען און געווערטלט, אָבער די געמיטער זענען געווען רואיקע ווי געוויינלעך.

איז דאָס געווען אַ פּשוטער מאַנעווער? אַנדערש איז שווער צו פאַר־שטיין די זאַך.

סיי ווי, הערשל איז שוין אין שטעטל נישט געפאָרן. ער האָט געווענדט די סולקי צום צענטער פון דער קאָלאָניע און געבעטן טיף אין האַרצן, אַז די זאַך זאָל זיך אויסלאָזן נאָר ווי אַן אויסגעטראַכטע בהלה. אָבער אויף דער העלגרינער טיר פון ביבליאָטעק־שטיבל זענען אויף אַן אמת געהאָנגען צוויי שלעסער; איבערן קליינעם פּשוטן שלעסל פון נישט געפאַרבטן שטאָל, האָט זיך צעלייגט אַ ריזן־שלאָס וואָס זיין שוואַרץ־פרישע פאַרב האָט נאָך געשלאָגן אין די נאָזלעכער. אויפן שלאָס איז געווען אָנגעקלעפּט אַ צעטל:

אַכטונג! ביז אַ נייער מעלדונג איז פאַרבאָטן אַראָפּצונעמען דעם שלאָס! ווער עס וועט דאָס טאָן וועט ברענגען אַ צרה אויף אַלעמענס קאָפּ! אונטער דעם איז געווען אַ פרישער שטעמפּל מיט רויטן טינט: „קולטור־צענטער שלום־עליכם״.

אין קאָלאָניע איז שנעל זיך פונאַנדערגעאָנגען די נייעס וועגן ארויפ־געלייגטן שלאָס. די נישט קאָמוניסטישע עלעמענטן האָבן זיך פאַרזאַמלט בכדי אָנצונעמען אַ שטעלונג.

— דאָס אַרויפלייגן דעם שלאָס אויף אונדזער אַלעמענס באַליבטער ביבליאָטעק איז ממש געגליכן צום אַרויפלייגן אַ שלאָס אויפן מויל! — האָט דער לערער געטענהט.

— מיר וועלן נישט דולדן די מעשים פון דער יעווסעקציע! דאָ איז נאָך

נישט מינסק און נישט כאַרקאָוו. מיר ווען זיך נישט אונטערוואַרפֿן דעם „סאָוונאַרקאָם" און נישט דעם קאָמינטערן! — האָט ווער אַרויסגעוויזן זיין בקיאות אין דער סאָוויעטישער טערמינאָלאָגיע.

— די צרה איז נאָר וואָס די יונגע היצקעפּ גייען זיי בלינד נאָך — האָט אַ צווייטער געשאָקלט מיטן קאָפּ — ביי דער „רביצין" האָט מען איינגעאָרדנט דעם רויטן גענעראַל־שטאַב ווי אַן אמתע קאַזאַרמע...

— אָן שום טענות: אויפֿברעכן דעם שלאָס!

— זיי וויזן אונדזער שטאַרקע האַנט!

אָבער צום אויפֿברעכן דעם שלאָס איז עס נאָך נישט דערגאַנגען. דעם זעלבן אָוונט, אַן אויסגעשטערנטן און ליכטיקן פֿון מיטן חודש, איז די קאָלאָניע געוואָרן אויפֿגעטרייסלט פֿון אַ מאָדנעם גערודער. מעגלעך, אַז די געמיטלעכקייט, אין וועלכער די דאָרפֿסלייט זענען איינגעטאָן אין יענעם אָנהייב זומער אָוונט נאָך דער וועטשערע,ביים לייענען די צייטונגען אָדער מעשה־ביכלעך, וואָס איז אַזוי פּלוצעם צעפּיצלט געוואָרן — האָט נאָך מער געווירקט אויף די נערוון פֿון די קאָלאָניסטן.

קולות האָבן זיך אָנגעטראָגן מיט אַ מאָל פֿון עטלעכע באַזונדערע ווינק־לען פֿון דער ווייטצעשפּרייטער קאָלאָניע. די קולות האָבן זיך דערהערט דאָ נאָענט און שאַרף, און באַלד ווי אָפּגעטראָגן זיך ווייטער מיטן ווינט. דאָס האָט זיך כסדר איבערגעחזרט אויף דעם זעלבן אופֿן און מיט די זעלבע איינגעשטודירטע רייד:

— אין נאָמען פֿון אונדזער ניי־געגרינדעטן קולטור־צענטער „שלום־עליכם", וואָס גרופּירט אַרום זיך די יונגע אַוואַנגאַרד־כוחות פֿון דער קאָלאָניע, דערקלערן מיר פֿייערלעך: ביז צו די נאָענטסטע פֿאַרהאַנדלונגען איז פֿאַרבאָטן צו לייגן אַ האַנט אויף אונדזער שלאָס פֿון דער ביבליאָטעק. מיר חזרן איבער: אין נאָמען...

די שרייענדיקע מעלדונגען זענען פֿאַרשטאַרקט געוואָרן דורכן וויב־רירנדיקן דונערן פֿון גראַמאָפֿאָן־טרובעס, וואָס האָבן מיט זייער הודזשען געשפּאָלטן די שלווה פֿון געמיטלעכן אָוונט. עס האָט זיך געפֿילט, אַז עס רוקט זיך אָן אַ מלחמה אין דער קאָלאָניע, און ווער ווייסט וועלכע קרבנות זי וועט פֿאָדערן...

אויף מאָרגן אין דער פֿרי זענען די איינוווינער פֿון דער קאָלאָניע „די זיבן פֿיילן" באַשאָנקען געוואָרן מיט אַ נייער בשורה: מען האָט דורך דער

נאַכט אַרויפגעלייגט אַ דריטן שלאָס אויף דער טיר פון דער ביבליאָטעק, אויף די זעלבע האַקנס ווו די אַנדערע צוויי שלעסער זענען געהאָנגען. און נאָך אַ צעטל האָט מען געפונען: מיטן שטעמפּל פון די „פּועלי־ציון״. ביז איצט איז אָט די גרופּע נישט געווען אַקטיוו און נאָר צייטנווייז ביי אַ פייערונג געוויזן לעבנס־סמנים. אָבער די קריגס־אַטמאָספער האָט אויך זייערע פּאָר אַקטיוויסטן אַרויסגעצויגן פון גלייכגעוויכט און שטילשווייגן...

דעם אָוונט איז ביי הערשלס טיש, ווי אין יעדן הויז, געגאַנגען דער הויפּט־שמועס אַרום דער מאָדנער קאָמישער „שלאָס־פּאָליטיק״.

— דו געדענקסט, רבקהלע — האָט הערשל זיך אָנגערופן — יענעם אָוונט, ווען מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזן אויף אַ שפּאַציר נאָכן וויכוח צווישן דיין טאַטן און די שטאָטישע בחורימלעך...

זי איז רויט געוואָרן ביז איבער די אויערן. יענער אָוונט איז פּאַר איר געווען הערשלס פולע אַנטפּלעקונג. דעמאָלט האָט ער מיט זיין דורכגע־טראַכטן אופן גערעדט וועגן פּאַרזעצן צו קעמפן פּאַר אַ קולטורעלן דער־הייבן זיך פונעם יידישן פויער. דעמאָלט האָט דאָס בלייכע ליכט פון דער האַלבער לבנה קוים געקאָנט פונאַנדערטיילן זייערע צונויפגעפלאָכטענע סילועטן אויפן שפּאַציר. צי קאָן מען עס פּאַרגעסן?...

— דעמאָלט? וואָס האָבן מיר דעמאָלט, הערשל? — זי האָט זיך געשטאַרקט אַרויסצושיילן פון איר פּאַרלעגנהייט.

— ווי עס ווייזט אויס, האָבן מיר זיך דעמאָלט טועה געווען, רבקהלע, מיר זענען נאָך נישט דערגאַנגען צו דער מדרגה פון געווייגלעכע פויערים. פון פּשוטע יידישע פויערים, אָן דעם קנייטש פון וועלטשמערץ. איך האָב דעם איינדרוק, אַז אונדזערביידנס אָנשטרענגונג איז ווי אַ מין זייען אויפן ווינט...

פון צווייטן צימערל, אָן אָפּגעטיילטס מיט אַ דינעם פּאַרהאַנג, האָט אַ זויגקינד אָנגעהויבן צו וויינען. רבקהלע איז נישט באַלד אַוועק נאָכן פּישטשען פון אויפגעוואַכטן קינד. זי איז צוגעגאַנגען צו הערשלען און לייכט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין אַקסל. נאָך דעם האָט זי זיך אָנגעלענט אין זיין פּלייצע, אָנגעבויגן דעם קאָפּ אַזוי, אַז איר בלאָנדער צאָפּ איז אים אַריבערגעפּאַלן איבער זיין געזיכט:

— אפשר האָבן מיר דעמאָלט, הערשעלע, אַ טעות געהאַט. אָבער ווי מיינסטו? נאָר אויף אַ האַלב האָבן מיר נישט צוגעטראָפן... נישט אַזוי?...

פון אירע בלאָנדע האָר האָט געשלאָגן דער ריח פון האַלב אויסגעווע־פטן פאַרפום און פון דעם פודער, וואָס ער פילט שטענדיק פונעם קישן. ער האָט לאַנגזאַם אַריינגעצויגן דעם שפּיץ פון אירע האָר צווישן זיינע ציינער און געפּאַכערט מיטן צאָפּ ווי מיט אַ וויגנדיקער שטריק:

— די אַנדערע העלפט איז געווען אַ בלינדער גאַנג, און אַזוי ווי ליבע איז בלינד, קאָנען מיר נישט דערזען די גריבער אויף אונדזער וועג — האָט ער געלאַכט און נאָך מער געצויגן איר ביים צאָפּ.

— ער דאָרט איז נישט מסכים מיט דיר — האָט זי אָנגעוויזן אויפן צימער ווו דאָס קינד האָט געוווינט — ער וויל נישט זיין קיין פרוכט פון טעותים...

זי האָט אים אַ לייכטן פּאַטש געטאָן איבער דער נישט ראַזירטער באַק און זיך געלאָזט צום וויינענדיקן קינד.

פופצנטער קאַפּיטל

דורך דעם אָפענעם פענצטער...

ווי אויף צו רייצן זיך מיט ניאָמעס שוער־אַנגעלאָדן געמיט האָט זיך דווקא דער שבת געשטעלט מיט זיין גאַנצער פּראַכט פון אָנהייב פרילינג. ער איז געשטאַנען ביים אָפענעם פענצטער פון קאַלאָניע־שילכל און ווען די מערסטע מתפללים האָבן ביים „אַרויסנעמען" זיך פאַררוקט אין די ווינקלען אָדער אַרויסשפּאַצירט אין דרויסן, געווען פאַרטאָן אין שמועסן וועגן די אייגענע דאָרפישע דאגות און וועגן דער פּאָליטיק פון דער גרויסער וועלט, האָט נאָך ניאָמע נישט געקאָנט זיך באַפרייען פון דער שטימונג, וואָס האָט דורך די ניגונים פון בעל־תפילה גענאָגט זיין פאַרבענקטע נשמה. ער האָט נאָך געהאַלטן דעם קאָפּ צוגעדעקט מיטן טלית, ווי צו ווערן זיך קעגן דער שיחת־חולין פון די אַרומיקע. און אפשר גאָר כדי נישט אויפצודעקן פאַר אַנדערע דאָס פאַרזאָרגטע און פאַרשאָטנטע געזיכט.

דורכן פענצטער האָט ער צייטנווייז געקאָנט באַטראַכטן די ערשט־אויפגעגאַנגענע פעלדער מיט די פאַרשידענע סאָרטן גרינקייטן, וואָס האָבן דערקוויקט דאָס אויג מיט זייער פרישקייט. דער אויסגעוואַשענער דורכזיכטיקער הימל האָט זיך אַ נייג געטאָן צו די בלווילעכע בערגלעך וואָס זענען אויך ווי געוועזן ווייט פון דער ערדישערווירקלעכקייט. עפּעס האָט אים איצט געצויגן צו די קיילעכדיקע בערגלעך, ווי ער זאָל זיי האָבן גראָד ערשט דערזען מיט זייער גאַנצער שיינקייט. ער האָט זיך דערמאָנט אין ווייטע פאַרגאַנגענע טעג, ווען אָט די בערגלעך זענען געשטאַנען פאַר אים ווי אַן אָפּשליסנדיקע קייט פון דער אַרומיקער וועלט, ווי אַ פעסטונג אין אַ ברייטן סטעפּ. פוןביידע זייטן האָבן זיך געמיניעט די גרויסע אַלעען פון עקאַליפּטוס־ביימער אין דער איינציקער „עסטאַנסיע" פון

דער געגנט. דער דורכגאַנג איז געווען ווי באַקראַנצט מיט אַ מין ראַזן פּאַרנאַכט־קאָליר, וואָס אַלע פאַנטאַסטישע פאַרשטעלונגען צייכענען אָן אין האָריזאָנט.

דאָס איז געווען דעמאָלט, ביי זיין ערשטן אַרויפגיין אין דער געגנט. איצט איז דער פּייזאַזש אַן אַנדערער, מער אויפמונטערנדיק. אָבער אין יענעם מצב איז נאָך זיין האַרץ געווען פול מיט האָפענונגען אויף דער צוקונפט און זיין גרייטקייט פאַר אַלע שווערע נסיונות איז אפשר געווען שטאַרקער פון זיינע פיזישע מעגלעכקייטן. מער ווי איין פייערפראָבע איז ער אַדורך, און דאָך איז ער איצט אָפּגעבריט געוואָרן ביז אין זיינע טיפענישן. פאַר זיינע אויגן שפּרייט זיך אויס אַ דאָרף מיט צענדליקער יידישע משפחות, אַרום דעם שטעטל זענען אויפגעקומען נאָך צענדליקער גרופּעס ערדאַרבעטער. דאָך, פערזענלעך האָט ער זיך געזען אויסגע־שפּילט, ווי צו זיין אַ קרבן, אַ באַשטימטער פונעם גורל, פאַר אַ פּרייז וואָס ער קאָן נאָך נישט אָפּשאַצן זיין לוינבאַרקייט.

אויב אָט דער קרבן, זיין פערזענלעכער, איז אויפן מזבח פון יידישן דאָרף און פאַר זיין גאַנצקייט געבראַכט געוואָרן, ווייזט די איצטיקע יוירונג און צעמישונג, אַז דאָס איז געווען אומזיסט. ווי שרעקלעך, אָבער אומזיסט...

עמעצער האָט אים לייכט אָנגעררט מיט די שפּיצפינגער. ער איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון זיין פאַרקלערטקייט און באַטראַכט די הויכע דינע פיגור פון ר׳ וועלוולען, וואָס אַלע האָבן אים, צו זיין גרויסן פאַר־געניגן, גערופן „וואָלאָדיע ניקאָלאַיעוויטש״ — אַ ווונק אויף זיין אָפּשטאַ־מען פון די געכאַפּטע ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטן. פון טיף רוסלאַנד האָט אים זיין פאָטער, דער אויסגעדינטער פאָניע־סאָלדאַט, אַריבערגעפירט אינעם תחום־המושב און זיי האָבן זיך באַזעצט אין די יעקאַטערינאָסלאַווער יידישע קאָלאָניעס. ער איז געווען הויך געבויט, אַ גיבור מיט אַן אייזערנעם כוח. די גויים פלעגן ציטערן פאַר זיין הוק און ליב געהאַט צו פאַרמעסטן זיך מיט אים ביים טרינקען זעקס־און־ניינציקער. דאָ, אין דער קאָלאָניע, פלעגט ער נישט פעלן אויף קיין שמחה און געוווסט גענוי דעם טאָג פון יעדנס יאָרצייט.

— צי ווונדערט אייך נישט, ר׳ ניאָמע — האָט ער מיט זיין האַרטן „ריש״ אינעם רוסיש־קאַצאַפּישן אַקצענט אַ רייב געטאָן — זעט נאָר,

אַ האַלבער קהל איז היינט געקומען. קיין רעגן און קיין בלאָטע. וואָס האָבן זיי מורא, די פּאַדליעצעס? אָבער איך האָב זיי טיף אין דער אַדמה, וועט מער זיין אַ כוסע צום קידוש, נישט אַזוי?

ניאָמע האָט איצט באמת זיך געוווּנדערט אויף אָט דער מאָדנער דערשיינונג. כמעט אַ גאַנצער מנין פון די קאַלאַניע־באַלעבאַטים האָט געפעלט. ער האָט זיך ווידער אַ מאָל אויסגעדרייט צום אָפענעם פענצטער. איצט איז זיין בליק געפאַלן אויף אַן איינזאַמען ברייט־צעצווייגטן בוים, וואָס איז געשטאַנען פאַר די בלווילעכע קיילעכיקע בערגלעך. עס האָט אים אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן. דאָס איז דאָך דער גרויסער בוים, וואָס זיין שאָטן דעקט צו דאָן כואַן קאַסטראָס ראַנטשאָ. די זעלבע כאַטע, אַן איינגעבויגענע און איינגעגראָבענע אין דער ערד, ווי מיט פופצן יאָר צוריק. פון דאָרט איז דער שטן געקומען און אַרויסגעריסן פון זיין האַרץ אַ וואָרעמען בלוט־רינענדיקן טייל. ווער איז שולדיק אין דעם?

פאַר ניאָמען איז דאָס פעלן פון אַ צאָל מתפללים ערשט איצט געוועזן אויפפאַלנדיק, אָבער די מערסטע דאַוונערס האָבן שוין ביי אָנהייב שחרית דאָס באַמערקט און געשושקעט זיך וועגן דעם פון אויער צו אויער. דער פאַקט וואָס די פעלנדיקע מתפללים האָבן געהערט צו די „פאַרגעַ־שריטענע" משפחות, האָט אַרויפגעבראַכט דעם פאַרדאַכט, אַז דאָ איז עפּעס געשען פון יענע זאַכן, וואָס האָבן טראַץ זייער ווילדקייט אין דער סביבה באַקומען געשטאַלטן פון בלוט און פלייש...

די זאַך איז נאָך מער קלאָר געוואָרן ווען מ'איז צוגעטרעטן לייענען. ביים פונאַנדערשאַרן דעם פרוכת פון אָרון־קודש האָט מען זיך געכאַפּט, אַז די ספר־תורה איז, רחמנא־ליצלן, פאַרשוווּנדן. אַ ציטערניש האָט אַרומגע־נומען די פאָר צענדליק דאַוונער.

— איצט איז מיר קלאָר פאַרוואָס ביי יוקלען דעם קרומען האָט מען אויסגעוויסט אַ פאַרלעגן צימערל. דאָס האָט מען זיך געגרייט איינצושטעלן אַ נייעם מנין!

— נאָר אַ נייעם מנין זאָגסטו? דאָס איז דאָך אַ חילול השם! שפּאַלטן די ידישע מחנה! — האָט זיך אַ ידל מיט אַ פאַרריסן נעזל געקאָכט.

— אַ „רויטער מנין" האָט זיך זיי פאַרגלוסט!

— אפשר וועלן זיי ביי דער זייט פון דער ספר־תורה צושטעלן אויך לענינס און סטאַלינס בילדער?

— אַז מ׳זאָגט בלינדע לעמער — גלייב! דאָס גאַנצע ייִדישקייט איז מען גרייט אומצובערענגען אויף אַ ווונק פון „דאָרט״!

דער צאָרן און די חרפּה האָט געברענט אין אַלעמענס הערצער. וואָס טוט מען פאָרט? אַ טייל זענען גרייט געווען צו לאָזן זיך אויף כּוח אַרויס־צורייסן די „ריינקייט״ פון די „טריפהנע״ העגט אַרויס. מען האָט זיי אָבער איינגעהאַלטן נישט צו ברענגען צו געשלעגן און לייטיש געלעכטער.

מאָדנע האָט זיך ניאָמע געפילט צווישן די אויפגערייצטע געמיטער. ער האָט זיך צוגעהערט צו דער גרויל־געשיכטע, און אַליין — זיך געפונען ווייט פון דאַנען, ווי ער וואָלט נישט באַנומען דאָס געשעענע אַרום אים. פון דרויסן ווינקען די רואיקע פעלדער מיט זייער צוזאָגנדיקן אָנוווקס. צי וועלן זיי כאָטש נישט אַנטוישן? די נישט־געפאַרבטע ראָם פונעם פענצטער, וואָס איז געווען אויפגעפּראַלט, האָט אין זיינע אויגן איצט אויסגעזען ווי אַ צע־שפּאַרטער גרויסער טויער, דורך וועלכן עס וועלן זיך דורכרייסן די לעבע־דיקסטע גרינע פאַרבן פון די פעלדער. פאַסנווייז וועלן זיי דורכפליסן ווי אָפּגעזונדערטע שטחים פון יעדן שכן, און אין שפּיץ פון אַלע קאָלירן וועט אַדורכגיין יענער ערשטער גרינער פּאַס, וואָס איז אויפגעגאַנגען אויף זיין לאַנקע צוריק מיט פופצן יאָר, ווען אַלץ אַרום האָט זיך נאָך געטונקען אין דער גרויקייט פון די ווילדע פּאַשעפּעלדער. מאַכט אַ וואָרע! ר׳ ניאָמעס ערשטער ווייצן־פּאַס דערנענטערט זיך!

יעמוד! ווי קאָן מען עס דערשלאָגן זיך צום טיש, וווּ מען קייקלט די תורה־פּאַרמעט? אָבער וואָרט, די תורה איז דאָך אַרויסגעגנבעט געוואָרן!..

ער האָט געפילט אַ שוואַכקייט אין אַלע גלידער און אַ מין ברוך פון די קניען, ווי זיי וואָלטן נאָכגעגעבן. דער ריח פון פאַרשוויצטע טליתים, אויסגעברענטע חלב־ליכט און אַלטע שמות־טוכלעקייט האָט נישט אויס־געוועפּט פונעם שטראָם פרישקייט דורך דעם אָפענעם פענצטער. ער האָט אָפּגעווישט מיטן ברעג טלית דעם אַרויסגעשפּראָצטן שוויס אויפן שטערן און מיט אַ קרעכץ זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער הילצערנער באַנק. מען איז אָנגעלאָפן פון אַלע ווינקעלעך און אים איינגעריבן מיטן בראָנפן וואָס איז געווען באַשטימט אויף נאָכן דאַווענען.

— די זיקנה איז אויף אים אַרויפגעשפּרונגען — האָט ווער געזאָגט נאָך דעם ווי מ׳האָט ניאָמען אַרויסגעפירט אויף דער פרייער לופט.

— כ׳האָב מורא, אַז נישט נאָר די עלטער, דאָס איז אַ פּריצייטיקע שוואַכקייט — האָט אַ צווייטער צוגעגעבן.

— נישט קיין ווונדער — נישט פון צופיל נחת און פאַרגעניגן...

אויף צו מאָרגנס האָט מען דערציילט און איבערדערציילט אין קאַלאַ־ניע און אין דער אַרומיקער געגנט אַזאַ מאָדנע געשיכטע:

נאָך דעם ווי מ׳האָט די ספר תורה אַרויסגעשלעפּט פון אָרון־קודש, האָבן אַ פּאָר צעהיצטע חברה פון צד שכנגד זיך אַריינגעשלייכט אין יוקל דעם שניידערס ניי־אויסגעקאַלכטן שייער, וואָס איז ביז איצט געשטאַנען ליידיק, אין דער פינצטערניש אַרויסגעצויגן די „ריינקייט״ און ערגעץ פאַרשטעקט ביי אַ קאָלאָניסט אין הויז. די לינקע האָבן אויף אַזאַ אַרויסרוף נישט געקאָנט שווייגן און באַשלאָסן אַריינצומישן די פּאָליציי כדי אָנצו־לערנען די ציוניסטן פאַר זייער העזה. צו דער פּאָליציי־קאָמיסאַריע אין שטעטל האָבן זיי זיך נישט געווענדט צוליב פריערדיקע חשבונות און פאַרפּלאָגונגען. אין אַ וויַיטן עק, נאָענט צו אַ באַן־סטאַנציע, איז געלעגן אַ צווייט שטעטל און די פּאָליציי־מאַכט איז דאָרט באַשטאַנען פון איין פּאָלי־ציאַנט, וואָס האָט אַמטירט אַלס „קאַבאָ״ („קאָרפּאָראַל״). צו אָט דעם טונקל־הויטיקן פאַרשטייער פון די זיכערקייט־קרעפטן האָבן זיך די באַליידיקטע און פאַרביטערטע „פאַרגעשריטענע״ געווענדט מיט זייער אָנקלאַגע.

— סעניאָר פּאָליסיאַ, מיר ברענגען אייך אַ שווערע אָנקלאַגע — האָבן זיי זיך פאַרגעשטעלט.

— נישט סתם פּאָליסיאַ, נאָר קאַבאָ פּרימערא — האָט ער זיי פאַרריכט און געבעטן זיצן — לאָמיר הערן.

— סעניאָר קאַבאָ! מען האָט ביי אונדז פון איינעם פון די הייזער אַרויסגעגנבעט אַ „טאָראַ״. דאָס איז געשען די נאַכט.

— האַ, דאָס איז אַן ערנסטער ענין! ווי אַלט איז ער געווען דער „טאָראַ״?

די פּאָר יונגע חברה האָבן זיך איבערגעקוקט. זיי האָבן פאַרשטאַנען אַז זיי האָבן אַריינגעפירט דעם גוישן פּאָליציי־מאַן אין אַ טעות. „טאָראַ״ איז דאָך אויף שפּאַניש אַ ביק.

— סעניאָר קאַבאָ, נישט פון קיין קאָראַל האָט מען אים אַרויסגע־

גנבעט, נאָר פון אַזאַ מין קליינער שאַפּע. — דער בחור איז צעמישט געוואָרן און אָנגעהויבן ווייזן מיט די הענט די גרייס פון דער שאַנק.

דער גוי האָט ברייט צעעפנט די אויגן: „אַ „טאָראַ" האָט מען אַרויס־געגנבעט פון אַ שאַפּע? ווי אַזוי איז ער אַהין אַריין?"

— דאָס איז אַ „טאָראַ" (תורה) מיט קליינע פיסעלעך — האָט אַ צווייטער באַמערקט, אויך אַ ביסל צעמישט.

— הו־האַ! אַ ראַסאָווער טאָראַ איז דאָס געווען — האָט דער פּאָליציי־מאַן אַ לעק געטאָן דעם שפּיץ פונעם בליישטיפט און מעשה אינטעליגענט אָנגעהויבן ריסעווען אויף אַ גרויסן פּאַפּיר־בויגן.

— נישט דאָס, סעניאָר פּאָל... סעניאָר קאָבאַ! דער טאָראַ איז נישט ד'אָס וואָס איר מיינט, נאָר דאָס וואָס מיר מיינען. דאָס איז אַ מין הייליק בוך, וואָס מען לייענט אין דעם אין די געבעטהייזער...

— פוי זאָלט איר ווערן! וואָס פּאַרדרייט איר מיר אַ קאָפּ? אַ בוך מיט קליינע פיר פיסעלעך? וואָס דערציילט איר מיר לעגענדעס? אפשר וועט איר מיר נאָך זאָגן, אַז איר האָט געזען ווי שדים האָבן אויפן דאַך געטאַנצט? אַפּועראַ! (אַרויס) אַ חוצפּה פון רוסאָס צו פּאַרדרייען דער מאַכט דעם קאָפּ! אַפּועראַ!!!

די חברה האָבן זיך פּאַרשעמט אָפּגעטראָגן פון קאָמיסאַריע־שטיבל און צווישן זיך געשוווירן נישט צו דערציילן קיינעם קיין וואָרט וועגן זייער נישט געלונגענער אונטערנעמונג. אָבער דער פּאָליציי־מאַן איז געוואָרן אינטריגירט פון זייער דערציילן און האָט רייטנדיק זיך אַראָפּגעלאָזן אין דער קאָלאָניע, כדי אויסצופּאָרשן די זאַך. דעמאָלט איז די נייעס אָנגעלאָפן ווי אַ גאַלאָפּירנדיקער ווינט און די קאָלאָניע איז געגאַנגען אַ לאַנגע צייט אויף רעדלעך...

זעכצנטער קאַפּיטל

צווישן צוויי וועלטן

„די געשיכטע פון יידישן ישוב אין דרומדיקן טייל פון דער נייער וועלט האָט זיך נישט אָנגעהויבן מיט דער אימיגראַציע פון די לעצטע צענדליקער יאָרן. די סינאַגאָגעס, וואָס זענען נאָך שטיין געבליבן אין אַ ריי פאַר־וואָרפענע ענגלישע קאָלאָניעס אין צפון פון בראַזיל און אין בראַזיל גופא, אין די אָפּגעשטאַנענסטע ווינקעלעך פון מעקסיקע; די דאָקומענטן, וואָס געפינען זיך אין אונדזער באַזיץ, באַווייזן מיט דער גאַנצער קלאָרקייט, אַז דער יידישער ישוב אין די „שפּאַנישע אינדיעס" ציילט שוין עטלעכע הונ־דערט יאָר. צי זענען דאָס געווען ישובים פון באַהאַלטענע מאַראַנען, אָדער צייטנווייז פון אָפענע יידן, אָבער דער ניי־אַנטדעקטער קאָנטינענט איז פּאַק־טיש באַזעצט און אַנטוויקלט געוואָרן דורך פאַרפאָלגטע אָדער באַהאַלטענע יידן, וואָס האָבן געזוכט אַ מקלט. געווען אַפילו אַזעלכע היסטאָריקער און פאָרשער, וואָס האָבן באַצייכנט ווי „דאָס יידישע לאַנד" די אַנטדעקטע אַמעריקע", און אויב דאָס איז טיילווייז אמת געווען לגבי אַנדערע טיילן, קאָן מען מיט דער פולער זיכערקייט עס זאָגן בנוגע בראַזיל"...

וואָלטער ברוק איז געזעסן נעבן גרויסן דעמבענעם שרייבטיש, וואָס איז פאַרלייגט געווען מיט אָן אַ שיעור ביכער און בראָשורן. די דלאָניע אָנגעשפּאַרט אונטער דער באַוואַקסענער גאָמבע, האָט זיך זיין שטערן געררונצלט אין טיפע קנייטשן. טיילמאָל האָט ער פאַררוקט די ברילן איבערן הויכן שטערן מיט די טיפע ווינקלען און ווידער זיי אָנגעזאָטלט אויף דער לענגלעכער נאָז. מיט איין האַנט האָט ער געקרייזלט די שפּיצן פון דער גרויגעוואָרענער באָרד און מיט דער צווייטער האָט ער געהאַלטן די פען, וואָס ער האָט אָפּט געטונקט אינעם בייכיקן טינטער. די פּויזעס ביים

פעדער־קריצן אויפן פּאַפּיר זענען געווען צו לאַנגע און דער טינט האָט זיך אויסגעטריקנט איידער ער האָט נאָך צוגעלייגט די פּען צום פּאַפּיר. זיין דמיון איז געווען ווייט, ווייט פון דאַנען, פון דער אָפּגעשלאָסענער וועלט ביים שרייבטיש.

זינט יאָרן האָט ער געפילט אַ טיפן באַגער אַרויסצוברענגען אין אַ גרעסערער אַרבעט זיינע אָנגעזאַמלטע ידיעות וועגן דער געשיכטע פון יידישן ישוב אין דער נייער וועלט זינט דער אַנטדעקונג. נישט איין מאָל האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו זיין שרייבטיש, זיך אָפּגעזונדערט אויף אַ פּאָר טעג פון אַלץ און פון אַלעמען און געפּרוווט אַריינברענגען אַ טאָלק אינעם באַרג אָנגעזאַמלטע מאַטעריאַלן און אין דעםווירוואַר פון זיין מוח, וואָס האָט אַ צייט נישט געקאָנט זיך אָפּגעבן מיט וואָכעדיקע זאַכן. אָבער איצט זיצט ער ביים טיש, ער פאַרמאַכט און עפנט דאָס פענצטער, ווי צו זוכן דערמונטערונג דאָ, אין זיין אָפּגעשלאָסענער וועלט. ער האָט געשריבן, געמעקט און די אַרבעט האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. עס האָט אים עפּעס געפעלט אַ פאָדעם, וואָס באַהעפט צוזאַמען די פראַגמענטן, אַרויסגע־ריסענע פון די געשיכטע־אַנאַלן.

כדי צו זיין פריי פאַר אָט דער שרייבערישער אַרבעט, האָט ער אַפילו, קעגן זיין געוווינהייט, געדונגען אויף אַ פּאָר טעג אַ פּעאָן, וואָס זאָל אַרויס־ענדיקן פאַראַקערן די לעצטע העקטאַר פונעם ווינטער־פאַרזיי. אָבער אָט די אויסגעלייזטקייט פון דער אַרומיקער וועלט האָט נישט צו פיל געהאָלפן דעם פאָרשריט פון זיין אַרבעט. זי איז געשטאַנען ווי אַן איינגעזונקענע סולקי מיט די רעדער אין בלאָטע און זיך נישט גערירט פון אָרט.

ווען ער האָט פאַרלאָזן זיין אַדמיניסטראַציע־שטעלע ביי דער „געזעל־שאַפט" און זיך באַזעצט אויפן באָדן אַלס קאָלאָניסט מיט אַלע פויערים גלייך, האָט ער געמיינט, אַז ער וועט דערגרייכן יענע גייסטיקע רואיקייט, וואָס וועט אים דערמעגלעכן צו נעמען אָפּטער די פּען אין האַנט. ער האָט זיך איינגעשאַפט אַ גאַנצן אוצר ביכער און דאָקומענטן וועגן יידישן לעבן אין דער נייער וועלט און פון זיי האָט ער זיך באַמיט, ווי אַ געניטער גאָלד־קענער, אַרויסצוזיפּן די אמתע קערנער און שאַפן זיך אַ קלאָר בילד וועגן יענער פאַרנעפּלטער עפּאָכע, ווען די שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע מאַראַנען האָבן געשפּאַרט אין די אַמעריקעס צו זוכן שוצווינקלען.

נישט גאָר פּשוט איז צוגעגאַנגען זיין אַמטירן אַלס פּאַרוואַלטער אין דער נייער קאָלאָניע. ער איז געווען ווי דאָס אַנגעגליטע איזן צווישן האַמער און קאָוואַדלע: צווישן די קאָלאָניסטן וואָס האָבן אויסגענוצט זיין מעסיקן צוגאַנג צו זייערע פּראָבלעמען און צווישן דער דירעקציע פון דער „געזעלשאַפט״ מיט איר אויסגעטראָטענעם וועג, פון וועלכן זי האָט נישט געוואָלט אָפּווייכן.

די קאָלאָניסטן, און דער עיקר די, וואָס האָבן שוין זינט יאָרצענדליקער געוווינט אין דער פריערדיקער זאַמדיקער מאָנטיעל, האָבן אַרויסגעקוקט מיט אומגעדולד אין די אויגן ענדלעך אַרויסצוקריגן די „פּראָמעסאַ דע ווענטאַ״ (פּאַרקויף־צוזאָג) און אַזוי אַרום וואָס שנעלער אַרויסמאַכן זיך פון דער אַפּוטרופּסות פון דער „געזעלשאַפט״, פּילן זיך ווי באַלעבאַטים איבער זייער נחלה. די נייגונג פון דער דירעקציע איז געווען וואָס מער אָפּצוציען און נישט געבן דעם קאָלאָניסט די מעגלעכקייט עס צו דערגרייכן. דערווייל האָבן זיך אָנגערוקט שווערע יאָרן פון טריקעניש, די פּלאָג פון שוואַרצן האָבער־אויסשיט איבער די פעלדער — און דער פּראָצעס פון איינצאָלן די יערלעכע קוואָטעס איז איבערגעריסן געוואָרן. פּאַרקערט: די „געזעלשאַפט״ האָט גאַראַנטירט פאַר די הלוואות, וואָס די קאָלאָניסטן האָבן באַקומען פון די בענק אין די שוואַרצע יאָרן, און דאָס האָט זיי נאָך מער געבונדן צוליב די פּראָצענטער פון די אָפּגעשלעפּטע חובות. דאָס, און די חובות צו די פּריוואַטע סוחרים, וואָס האָבן בכיוון געגעבן פרייע קרעדיטן דעם קאָלאָניסט אין די שלעכטע יאָרן און אַזוי אַרום צוגעבונדן דעם קאָלאָניסט אויף יאָרן — נאָך איידער די פעלדער זענען פאַרזייט געוואָרן, איז שוין די תבואה געווען ביי זיי פאַרמשכנט — האָבן דערווייטערט יעדע מעגלעכקייט פאַרן באַקומען אַ קויפשיין.

וואָס אַן אמת האָט וואַלטער ברוק זיך נישט באַגייסטערט מיט זייער איילנדיקן דרוק אַרויסצוקריגן די אייגנטום־סערטיפיקאַטן. ער האָט אין דער געגאַרטער זעלבשטענדיקייט פון די קאָלאָניסטן פאַרגעפילט די סכנה פאַר זייער עקזיסטענץ אַלס ערד־אַרבעטער. אַ פּאָר פאַלן אין די אַלטע קאָלאָניעס האָבן באַשטעטיקט זיינע פאַרדאַכטן. נאָך דעם ווי די קינדער זענען אַוועק אין שטאָט — ווער צו לערנען, ווער אויף אַרבעט אָדער האַנדל — האָבן די אַלטע לייט, נאָך דעם ווי דער אייגנטום־שיין איז געלעגן אין שופלאָד, נישט געצעגערט צו פאַרקויפן דעם באָדן, און נישט

שטענדיק האָט מען אָפּגעהיט דעם פּרינציפּ איבערצוגעבן אים נאָר צו יידן. דורך אָט די איינצלנע פאַלן זענען אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ סך קאָלאָניעס דייטשע און אוקראַינישע גויים און זיי האָבן אָנגעזאָגט די ערשטע סימנים פון דער צעפאַלונג פון יידישן דאָרפס־לעבן.

שאַרפע דיסקוסיעס זענען צווישן אים און די קאָלאָניסטן אויסגעבראָכן ווען זיי פלעגן אים קומען באַזוכן אין דער שטעטלדיקער ביורא. דאָ האָבן זיי זיך געפילט פריי און אָן צערעמאָניעס האָבן זיי זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן — שוין נישט ווי אין יענע צייטן ווען זיי פלעגן שעהן־לאַנג וואַרטן אין פּאָדערזאַל פון דער אַדמיניסטראַציע.

ביי זיין אַמטירן אין דער קאָלאָניע האָט וואַלטער ברוק איינגעפירט אַ מער ליבעראַלן רעזשים, די קאָלאָניסטן האָבן זיך געהאַלטן פריי אין זיין אָנוועזנהייט. די קאָלאָניסטן האָבן אָבער אויסגעטייטשט אָט די פריינד־לעכע אַטמאָספער, ווי אַ סימן, אַז מ׳קאָן דורך דעם דערגרייכן די געגאַרטע קויפשיינען און נישט גענומען אין באַטראַכט, אַז דער שליסל צו אָט דער לייזונג ליגט ערגעץ ווייט, ווייט. צו זיין גרויסן פאַרדרוס האָט ער געזען, ווי איניקע קאָלאָניסטן האָבן אפילו אַרויסגעקריגן הלוואות פון די בענק, כדי צו דערגרייכן דעם קויפשיין, און נאָך דעם זיך געזען געצוווּנגען צו פאַרמשכנען די פעלדער צו די זעלבע בענק...

ער האָט געזען אַ ברכה אין דער אייגענער אָרגאַניזירונג פונעם דאָרף; אין קאָאָפּעראַטיוו האָט ער געזען אַ מיטל פאַר זעלבסטווירדע און עקאָנאָ־מישן פאַרשריט. דער קאָאָפּעראַטיוו דאַרף באַפרייען דעם פויער פונעם קאָשמאַר צו זיין שטענדיק אָפּהענגיק פון די פּריוואַטע קרעדיטן. די קאָלאָניסטן דאַרפן אויך דורכן קאָאָפּעראַטיוו געפינען אַ וועג, ווי אַזוי צו פאַרקויפן זייער תבואה אָן שפּעקולאַנטישע פאַרמיטלער און אויך שאַפן פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון פאַר מילך־אויסאַרבעטונגען.

אָבער די קאָלאָניסטן האָבן געהאַט אַן אַנדערע מיינונג וועגן די צילן פון קאָאָפּעראַטיוו. זיי האָבן אין אים געזען אַ מין געווער זיך אָפּצורעכענען מיט דער פאַרהאַסטער „געזעלשאַפט". דעם קאַמף קעגן איר האָבן זיי געזען ווי די גרונט־אויפגאַבע פון דער אָרגאַניזירטער קאָלאָניע. דערפאַר האָבן זיינע איינגעהאַלטענע מיינונגען אַרויסגערופן אומצוטרוי און מ׳האָט אין אים דאָך געזען דעם פאָרשטייער פון אַ פרעמדער אַסימילירנדיקער קער־פּערשאַפט.

„דער איינפלוס פון דער קאַרבאַכאַלן־משפחה אין מעקסיקע, ווו זיי האָבן קולטיווירט דאָס לאַנד און אַנטוויקלט די אַגריקולטור איז געווען אומ־געהויער. נאָך דעם ווי דער עיקר טייל פון בראַזיל איז איינגענומען געוואָרן דורכן פּאָרטוגאַלער מאַראַן פּעדראָ אַלוואַרעז קאַבראַל. אַ צווייטער מאַראַן מיטן נאָמען פערנאַנדאָ דע נאַראַניאָ האָט געוואָלט פאַרזיכערן „די נייע לוזיטאַניאַ", ווי מ׳האָט גערופן דעמאָלט די בראַזיליאַנער טעריטאָריע, פאַר דער פּאָרטוגעזישער קרוין, זי זאָל נישט אַריינפאַלן צו די שפּאַניער — און ער האָט געבעטן אַ קאָנצעסיע אויף צען יאָר צו באַזעצן דאָס לאַנד „לויט זיין איינזען"... פון די זעקס שיפן, וואָס זענען געקומען קיין בראַזיל, זענען כמעט אַלע געווען איבערפולט מיט אנוסים. אַ סך טויזנטער זענען געקו־מען שפּעטער, אין זעכצנטן יאָרהונדערט. זיי האָבן איינגעפירט די קולטורן פון צוקעררערן, מאַני, טאַבאַק און ביינוול".

„אין אַ סך פון די פּאַרוואָרפענע דערפער, ווו די מאַראַנען זענען געזעסן אַלס פּלאַנטאַטאָרס, קאָן מען נאָך ביז היינט צו טאָג געפינען אַלטע הייזער, אויף וועלכע עס איז אויסגעקריצט אַ מגן־דוד. דאָס זענען געווען די געבעט־הייזער פון די אנוסים, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט ביי אַגריקולטור אין בראַזיל"...

דאָ האָט ער ראַפּטעם זיך אָפּגעשטעלט און אָוועקגעלייגט די פּען. ער האָט געפילט אַ לייכטן ציטער איבערן לייב, ווי איינער וואָס ווערט געכאַפּט ביי אַ נישט אָנשטענדיקער מעשה. ער האָט מיט די שפּיץ פינגער אַ פּאָר מאָל דורכגעקעמט די גרוי געוואָרענע לאַנגע האָר, וואָס זענען אים אַראָפּ־געפאַלן איבער די אויערן, און דורכגעווישט מיטן נאָזטיכל די דיקע ברילן. דערביי איז ער אויפגעשטאַנען און ארויסגעקוקט דורכן פענצטער. דער העלער טאָג האָט געצויגן און גערופן. ער האָט געעפנט די טיר צום הויף, אַדורך פאַרביי די איינצלנע פּרוכטביימער ביים דראָטענעם צוים און זיך צוגעזעצט אויף דער הילצערנער באַנק, געמאַכט פון קליינע דרענגלעך. מיט פאַרזשמורעטע אויגן האָט ער באַטראַכט די זיך אויסשפּרייטנדיקע ווייט־קייטן.

נאָך איידער ער האָט פאַרלאָזן זיין אַדמיניסטראַציע־אַמט האָט ער איינגעלאַדן אַ פּאָר פון די אויפגעקלערטע קאָלאָניע־יונגעלייט אויף א גלעזל

טיי און ער האָט דעמאָלט אַרויסגעבראַכט פאַר זיי אַ נייעם נאָך נישט געהערטן אַרגומענט:

— צי ווייסט איר, מיינע יונגע פריינד, ווי אַזוי צו פאַרריכטן דעם איינגעוואָלגערטן וועג צווישן אייך און דער דירעקציע פון דער „געזעל־שאַפט"? איין און איינציק מיטל איז פאַראַן.

— מיר גלייבן נישט אין דער מעגלעכקייט פון אַ פולער צוזאַמענ־אַרבעט צווישן אונדז און זיי — האָט הערשל בכיוון פאַרשפּיצט די לאַגע.

— איך וועל דאָ נישט אַרויסברענגען קיין אָריגינעלן איינפאַל, אָבער איך בין זיכער אַז דאָס איז דער וועג: פון צווישן אייך אַליין, פון צווישן דער יוגנט, דאַרף צוגעגרייט ווערן אַ שטאַב פון באַאַמטע, פון אייך אַליין דאַרף אַרויסקומען דער אַדמיניסטראַטאָר, און די „געזעלשאַפט" וועט מוזן קומען צו דער איבערצייגונג, אַז דורך דעם וועלן געשאַפן ווערן געזונטע קעגנזייטיקע באַציאונגען. דאָס איז נישט מיינער אַן איינפאַל, דאָס איז געווען דער חלום פונעם באַראָן, וועגן דעם האָט ער אָפט גערעדט און געשריבן.

„דער באַראָן"! איצט האָט די נאָבעלע געשטאַלט פונעם באַראָן געשוועבט מיט אַזאַ אַסטראָנאָמישער ווייטקייט פון זיין פאַרשוועכט ווערק. ווער וואָגט דאָס היינט צו פאַרבינדן אין איין אָטעם דעם חלום פונעם נדבן מיט דער טרוקענער אכזריותדיקער אַדמיניסטראַציע פון זיין אונטערנעמונג?

— וואָס האָדעוועט מען אונדז ווידער מיט די חלומות פונעם באַראָן — האָט ווער צווישן די געסט זיך אָנגערופן — אַלע גוטע און פיינע חלומות און אַלע גוטע כוונות זענען אָפּגעשטאָרבן צוזאמען מיטן באַראָן. נישטאָ מער קיין האָפענונג!

— איר זאָגט, סעניאָר ברוק, אַז נאָר פון אונדז וועלן אַרויסוואַקסן די אמתע אַדמיניסטראַטאָרן, ווי דער באַראָן האָט געטרוימט זיי צו זען. אָבער איך בין זיכער, אַז נאָך דעם ווי איינער פון אונדז וועט זיך אויס־לערנען די מלאכה פון „פירן" די ענינים פון דער „געזעלשאַפט", וועט ער ביסלעכווייז ווערן אויס „אונדזעריקער". ווען מען גייט אַריבער די צווייטע זייט פון דער באַריקאַדע ווערט מען האַרטהאַרציקער נאָך פון די אמתע קעגנער...

— ווער דאַרף בכלל דעם אַזוי געגאַרטן שלום? שלום און ווידער שלום, און דערווייל ווערן אונדזערע קאָלאָניעס אויסגעליידיקט. דער ריכטיקער

שלום וועט קומען נאָך דעם ווי מען וועט פון אונדז אַש און פּאַרעך מאַכן. דאַן וועט זיך אויסשפּרייטן דער ריכטיקער שלום, דער שלום פונעם בית־הקברות. דעמאָלט וועט מען אונדז לויבן און רעדן וועגן אונדז מיט בענקשאַפט, ווי נאָך יעדן טויטן...

איצט, ביים אַרויפברענגען אויפן פּאַפּיר די געשיכטע פון לאַנג פּאַר־געסענע יידישע ישובים אויפן קאָנטינענט, ביים דערמאָנען זיך אין דעם פראַגמענט וואָס האָט דערציילט וועגן פאַרלאָזענע הייזער, אויף וועלכע עס איז אויסגעקריצט דער מגן־דוד ווי אַ צייכן פון עקשנותדיקן יידישן לעבן — האָט ער זיך דערמאָנט די רייד פונעם יונגנמאַן פון וועלכע עס האָט געווייעט אַ בית־הקברות־ווינטל. די דאָזיקע אַסאָציאַציע האָט אים קיין מנוחה נישט געגעבן און אים פאַרפאָלגט אפילו דאָ, אויף דער פרייער לופט אונטער די אויסגעוואַקסענע פלוימענביימער. די פעיקייט אַרויס־צוברענגען און צוזאַמענקניפּן שטיקער געשיכטע, אַז ס׳זאָל זיך באַקומען אַ פול בילד, האָט זיך מיט אַ מאָל פון אים אָפּגעטאָן. אַ שטילער טרויער האָט אים געגנאָגט, ווי ער זאָל שוין שטיין פאַרן טויער פון אַ צעוואָלגערטן אַלטן בית־עולם. אַזאַ שטימונג איז אויף אים אָנגעפאַלן צוריק מיט אַ יאָר ווען ער האָט באַזוכט, צוזאַמען מיט אַן אויסלענדישן שרייבער, דעם „גוטן־אָרט״ פון איינעם פון די עלטסטע יידישע קאָלאָניעס. די שול איז געווען איינגעוואָלגערט און אָפן צו די ווינטצוגן, די מערסטע הייזער — איינ־געפאַלענע, אָן סימנים פון לעבן, און נאָר אויפן הייליקן אָרט זענען אַ טייל מצבות געשטאַנען מיט די פולע אותיות און דערמאָנט די אַמאָליקע בויער און קעמפער. אָבער די פאַרוואַקסענע סטעזשקעס און טיילווייז־איינגע־פאַלענע מצבות, האָבן דעמאָלט דערוועקט אין האַרצן פון די באַזוכער אַזאַ פיינלעכע אויפרודערונג סיי קעגן די צעשטערונגס־כוחות, וואָס די צייט אליין רופט אַרויס און סיי קעגן דער מענטשלעכער גלייכגילטיקייט, וואָס שאַנעוועט נישט די ווערטן פון דער געשיכטע און אירע גבורים. דאָס איז געווען אַ מין ציטער פאַר דער פאַרגעסנקייט פונעם נעכטן.

דער שרייבער־גאַסט איז דעמאָלט געווען אויפגערודערט ביז די טיפענישן פון זיין איידעלער נשמה. ער איז געווען אַן עלעגאַנטער מאַן, טיפע גוטע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט פון זיין קליין דאַר געזיכט און אַ ווייסע לייבן־טשופרינע האָט באַקראַנצט דעם אָפענעם שטערן. ער איז

שוין דעמאָלט געווען באַקאַנט אַלס יידישער דראַמאַטורג און וועלט־רייזנ־דער און דאָס פּראָבלעם פון די יידישע קאָלאָניעס האָט אים שטענדיק אינטערעסירט און באַזאָרגט.

בעת אַ פריערדיקן באַזוך פונעם שרייבער איז אויסגעבראָכן אַ סקאַנ־דאַל, אין וועלכן עס איז אויך געווען זיין, וואָלטער ברוקס, האַנט. ער האָט דעמאָלט, נאָך זייענדיק אַדמיניסטראַטאָר, פאַראָרדנט, אַז אין דער קאָלאָניע זאָלן ביי די זייטן פון די הויפּטוועגן געפלאַנצט ווערן אַלעען פון עוקאַליפּ־טוס־ביימער. ער האָט עס פאָרגעבראַכט פאַר די קאָלאָניסטן ווי אַ באַפעל פון דער רעגירונג צו פאַרשענערן די לאַנדשאַפטן און אין דער זעלבער צייט געבן שאָטן און אויסטריקענען די קאַלוזשעס אויף די וועגן.

אַ גרויסער אַרגענטינער שטאַטסמאַן, ניקאַסיאָ אָראַניאָ, האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט: „עס איז נישטאָ קיין ריכטיקע ציוויליזאַציע אָן דעם שאָטן פון ביימער וואָס זענען געפלאַנצט פון מענטשלעכע הענט" — אָט דעם אַרגומענט האָט וואָלטער ברוק באַנוצט כדי אויסצואיבן זיין איינפלוס אויף די קאָלאָניסטן.

אין דער קאָלאָניע האָט מען אָבער געזען אָט דעם באַפעל ווי אַ גזירה רעה און אַלץ געטאָן אָפּצושרייען אָדער אָפּצוציען די דורכפירונג. ערשטנס, האָבן זיי דאָס געזען ווי אַ פּשוטן צוואַנגס־באַפעל, וואָס וועט קאָסטן מי און צייט. צווייטנס, האָט אַזאַ געפלאַנצטע אַלעע געפאָדערט פון זיי זיך אָפּצוהאַלטן אַרויסצופירן די קי אויף פאַשע ביי די וועגן במשך פון עטלעכע יאָר ביז די ביימער וועלן גרויס ווערן און דער יצר פון אויסנוצן די הויכע גראָזן אין פּריליגנצייט ביי די וועגן איז געווען צו גרויס, אַז מ'זאָל אים קאָנעןביישטיין. דערפאַר האָבן זיי זיך געראַנגלט מיטן פאַרוואַלטער און געפּרוווט אָפּשלעפּן דאָס פלאַנצן די ביימער.

עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. וואָלטער ברוק האָט געדונגען גויים און ביי די לאַנגע וועגן האָבן זיך געוויגט די אומזיכערע, פרישע צווייג־לעך.

אינעם וויכוח צווישן דעם פאַרוואַלטער און די קאָלאָניסטן האָט זיך דעמאָלט אויך אַריינגעמישט דער שרייבער. מיט זיין קלוגן שמייכל אויף די דינע ליפּן האָט ער זיך באַמיט זיי איבערצייגן אין דער נוצלעכקייט פון אַזעלכע אונטערנעמונגען, וואָס זייער וויכטיקייט זעט מען ערשט מיט יאָרן שפּעטער. געמט צום ביישפּיל דעם בלוטיקן קאַמף פון די רוסישע

מוזשיקעס, וואָס האָבן מיט הונדערטער יאָרן צוריק נישט געוואָלט פלאַנצן קיין קאַרטאָפל: „דעם טייוולס אייער" — האָבן זיי מיט פּחד באַצייכנט די קאַרטאָפל און בלוט האָט זיך געגאָסן אין די דערפער. און ווער פרעגט היינט אָפּ די וויכטיקייט פון אַזאַ ערשטקלאַסיקן פּראָדוקט, ווי עס איז די בולבע?

אינעם פּאָרטראַג איבער זיינע רייזעס דורך ווייטע לענדער האָט ער זיך אויך אַראָפּגעלאָזן צו די נאָענטע פּראָבלעמען וואָס ער האָט באַנומען ווי אַ גאַסט אויף אַ וויַל. „אין מיינע באַזוכן איבערע צעשפּרייטע ווייטע קאָלאָניעס האָב איך זיך מיט גענוג ביטערקייט אָנגעזאַפּט, און נישט דווקא צוליב דער ענגהאַרציקער באַציאונג פון דער „מומען" צו די פּויערים. עס האָט געשטאָכן אין די אויגן און געקלעמט דאָס האַרץ צו זען ווי קאָלאָניסטן זענען אָפּגעזעסן אויפן פעלד צענדליקער יאָרן און נישט באַצירט דאָס הויז מיט קיין בוים און בלום. די ווענט — אָפּגעקראָכענע און נישט געקאַלכטע. ווי קאָן מען הנאה האָבן פון לעבן אָן דער פרישקייט פון שאָטן-ביימער און קאָלירן פון שמעקנדיקע בלומען"?

נאָך דעם האָט ער אויסגעדריקט זיין פאַרדרוס פאַרוואָס די יידישע קאָלאָניסטן האָבן פון דעם תבואה-קולטיוו געמאַכט אַ מין ידישן מסחר. „איך האָב נישט געדאַרפט צופיל זיך נאָכפרעגן ווער עס זיצט דאָ און דאָרט אויפן באָדן — האָט דער שרייבער מיט אַ קלאָרער דיקציע און אַ ליטווישן אַקצענט געצויגן זיין רעדע — אויב עס האָט זיך געשפּרייט אַ גרויס גערשטנפעלד אָדער לייך-פאַרזיי, איז ביי מיר נישט קיין ספק געווען, אַז דאָ זיצט אַ יידישער קאָלאָניסט; אָבער ווען פאַר מיר האָט זיך געשפּרייט אַ פעלד מיט גלייכע בייטן ציבעלעס און די גאַנצע משפחה איז אָנגעבויגן ביי יעטען — איז מיר קלאָר געווען, אַז דאָ וווינט אַן איטאַל-יענישער פּויער".

מען קאָן נישט זאָגן, אַז די גוט-געצילטע רייד פונעם באַרימטן שרייבער האָבן געהאַט אַ דעצידירנדיקע ווירקונג אויפן גאַנג פון דער קאָלאָניזירונג. דאָ און דאָרט האָבן געציילטע יידישע דאָרפסמיידלעך, אָנגערעגטע פון דעם שרייבערס שילדערונג, איינגעאָרדנט אַ קליין גרינס-גערטנדל און עס באַוואָסערס מיט עמערס אַרויסגעצויגענע פונעם נאָענטן ברונעם. דאָס אויג האָט געצויגן צו די אויפגעשפּראָצטע זאַפטיקע קאָלירן פון חודש-רעטעכלעך, סאַלאַט-בלעטער און בוריקעס. די ריכטיקע הנאה איז אָבער

געקומען ווען מ׳האָט געקאָנט אַרויסגיין און מיט די אייגענע הענט אַרויס־ציען פון דער פּוכיקער ערד די גרינסן און זיי דערלאַנגען גלייך צום טיש. די קאָלאָניסטן האָבן מערסטייל איינגעהאַנדלט די גרינסן ביי די איטאַל־יענישע „קינטעראָס״ (גערטנער) וואָס ביי דער קרייזשטאָט אָדער מען פלעגט עס איינקויפן אינעם גרינס־געשעפט אין שטעטל. די גרינסן זענען געווען איינגעדאַרטע און פאַרוויאַנעטע. די טיפּע הנאה פון אַן אייגענעם גרינס־גאָרטן איז אָבער נישט געוואָרן אין קאָלאָניע קיין אָנגענומענע זאַך. דער קולטיוו איז געווען צעשפּרייט, גרויסצוגיק און אויסגעשטעלט אויף פאַרדינען אָדער אויף דורכפאַל...

וואַלטער ברוק איז געזעסן אויף דער האַרטער באַנק אין גאָרטן. די שאַרפע לופט האָט אים איינגעוויגט אין אַ לייכטן דרימל. אַ קאַליידאָסקאָפּ פון בילדער, קאָלירן און טיפן האָבן אַדורכגעצויגן אין די געציילטע מינוטן פון צומאַכן די אויגנלעפּלעך. דער קורץ געכאַפּטער דרעמל איז פאַר אים געווען ווי דער סוף פון אַ שווערן דורכגאַנג. ער האָט זיך ווידער אַ מאָל צוגעכאַפּט צו דער פען און אָנגעהויבן פאַרצייכענען: „אין די האָלענדישע קאָלאָניעס האָבן די אַמאָליקע מאַראַנען אין זעכצנטן יאָרהונדערט זיך באַ־שעפטיקט מיט אַגריקולטור און פּלאַנטאַציעס. אין פאַרוואָרפענע געגנטן טרעפן מיר נאָך ביז היינט פאַרלאָזענע שילן און אַזעלכע וואָס ווערן נאָך איצט באַנוצט״.

„ביים טייך סורינאַם האָבן שפּאַנישע יידן אויסגעבויט אַ דאָרף אונטערן שיין־קלינגענדיקן נאָמען „טאָראַריקאַ״ (די שיינע תורה) און דאָרט האָט זיך אַנטוויקלט אַן אינטענסיווער רעליגיעזער צענטער פון די מאַראַנען. אין אַנדערע געגנטן האָט זיך געפירט, אַז די מולאַטן, די אָפּשטאַמיקע פון די שקלאַפן, וואָס האָבן געאַרבעט אין די געביטן פון די מאַראַנען און זיך טיילווייז אויסגעמישט, האָבן געדאַוונט אין באַזונדערע פאַר זיי באַשטימטע שילן״.

ער האָט אָפּגעשטעלט זיין שרייבן און באַטראַכט די שורות אויפן פּאַפּיר. ער איז נישט געווען צופרידן פון די ביז אַהער פאַרצייכנטע זאַכן, וואָס האָבן אויסגעזען צופיל צעוואָרפענע, אָן אַ ריכטיקן, פליסיקן צוזאַ־מענבונד.

לייט זאָגן אויף אים, אַז ער איז לעצטנס געוואָרן היפּש צעטראָגן און היט נישט אָפּ די פּינקטלעכקייט ווי עס איז אייגן פאַר אַ מאַן וואָס האָט

איינגעזאַפּט די דייטשע קולטור. ער פֿאַרגעסט אַפּט די איינגעקויפּטע זאַכן אין שטעטל, רעדט זיך אָפּ מיט מענטשן און פֿאַרגעסט באַלד זיין צוזאָג. אָפּט דאַרף ער מאַכן אַ מין אַנאַליז פֿון אָפּגעטוענע זאַכן דורכן טאָג כדי צו דערגיין אויב ער האָטווירקלעך געגעסן מיטאָג. אין איינעם אַ טאָג איז ער אַרומגעגאַנגען אין מיטן שטעטל, פֿאַרטראָגן אין ווייטע נישט דאַיקע געדאַנקען, און דערביי געפֿרעגט די דורכגייער:

— זאָגן זיי מיר, ליבע לייט, האָבן זיי נישט מיין פֿערד און וועגעלע באַגעגנט? איך זוכע זיי שוין פֿילע צייט...

די מענטשן אויף דער גאַס און ביי די קראָמען האָבן האַרציק געלאַכט. עס איז באמת געווען פֿון וואָס צו לאַכן; ער האָט דאָך דעמאָלט אַליין געפֿירט דאָס פֿערד אין וועגעלע ביים צוים און פֿון פֿאַרטראָגנקייט נישט געוווּסט וואָס ער טוט. דאָס איז אָבער גענוג געווען צו פֿאַטענטירן אים אינעם שטעטל אַלס „צעטראָגענער מיניסטער".

אָבער די צעטראָגנקייט איז אים געקומען נישט מיט איין מאָל. ער האָט עס צוגעשריבן דעם אַרט פֿאַמיליע־לעבן, וואָס איז נישט געווען לויט זיין געשמאַק. דערפֿאַר איז אויך, אָסקאַר, דער אונטערגעוואַקסענער זון, אַראָפּ פֿון גלייכן וועג, צעבאַלעוועט געוואָרן און שפּעטער זיך געחברט מיט פֿאַרדעכטיקטע פֿאַרשוינען. געווען אַפּילו פֿאַרמישט אין אַ פּאָר פֿערד־גנבות און געזעסן עטלעכע טעג אין דער קרייז־קאָמיסאַריע. לעצטנס איז אָסקאַר נאָך מער צערייצט געוואָרן צוליב אַ נישט קעגנזייטיקער ליבע. ער האָט געוואָרפֿן אַן אויג אויף ניאָמעס מעזינקעלע און געפּרוווט געווינען איר האַרץ. ער איז באַגייסטערט געוואָרן פֿון אירע בראַנדז־קאָלירטע האָר און פֿון איר געלונגען שפּילן טעאַטער אין דער קאָלאָניע. זי האָט זיך אָבער פֿון אים קאַלט אָפּגעטרייסלט.

דער זון איז געווען אַ געטרייער צוזאַמענמיש פֿון די עלטערנס אייגנ־שאַפֿטן. טונקל־הויטיק, מיט שוואַרץ־הייסע אויגן פֿונעם פֿאָטער, און אַראָ־גאַנט, אין זיך איינגעליבט ווי די מוטער; פֿאַרעקשנט אין זיינע באַשלוסן און אימפּולסיוו אין זיינע פּירונגען. דורכגעפֿאַלן אין זיין פּרווו צו געווינען רוזשקעלעס האַרץ, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף נישט גלייכע וועגן און זיך פֿאַרפּלאָנטערט אין דער חברותא פֿון פֿאַרדעכטיקטע פֿאַרשוינען. ווען דער הויפּט פֿון דער באַנדע גנבים, וואָס האָט געבושעוועט אין דער געגנט איז געכאַפּט געוואָרן אין אַ ווייט פֿאַרלעגן הייזקעלע, און ווען

מ׳האָט אים אָפּגעשיקט אין קייטן צו דער דיסטריקט־קאָמיסאַריע, האָט זיך אָסקאַר פאַרנומען צו געווינען דאָס האַרץ פון זיין בלאָנד ווייבל, וואָס איז דערווייל געבליבן אַליין מיטן פּיצל קינד אין דער ראַנטשאָ, אין עק פון דער קאָלאָניע.

האָט זיך אָבער געמאַכט, און דער באַנדיט, וואָס איז געפירט געוואָרן אונטער אַ וואַך אין באַן־וואַגאָן, האָט אויפן וועג אַ שטויס געטאָן דעם פּאָליציאַנט, אים אַריינגעשליידערט אינעם אָפּטרעט און אַליין אַראָפּגעשפּרונגען פון דער גייענדיקער באַן. אין אַ פינצטערער נאַכט, שוין אַ באַפרייטער פון די קייטן, האָט פּאַוולאָוו זיך דערשלאָגן צו דער ראַנטשאָ און ער איז איבערראַשט געוואָרן צו זען, ווי דער יונגער אָסקאַר דראַפּעט זיך אין דער טיר און מיט אַ רחמנות־געבעט וויל ער זיך אַריינקריגן אין דער ראַנטשאָ. דער קרעפּטיקער באַנדיט איז אים באַפאַלן הינטערווײַלעכץ, געבונדן מיט שטריק און איינגעטיילט אים מכות־רצח. אַ לאַנגע צייט האָט ער זיך נישט געוויזן צווישן מענטשן פאַר חרפּה צו ווייזן די אונטערגעהאַקטע אויגן. צי איז ער דערוויטערט געוואָרן פון דער שלעכטער קאָמפּאַניע? אויף דעם האָט וואַלטער ברוק קיין פולן ענטפער נישט באַקומען. יעדנפאַלס האָט ער זיך אַליין נישט געקאָנט אַרויסנעמען פון דער שולד, וואָס דער זון איז אַוועק אויף קרומע וועגן. צו פיל האָט מען פאַרנאַכלעסיקט זיין דערציאונג: די מוטער — דורך איר פאַרטאָן זיין אין דער געזעלשאַפט פון דער שטעטלדיקער אינטעליגענץ, און ער — מיטן אָפּגעבן זיך מיט די פּראָבלעמען פון דער קאָלאָניע און איצט דורכן איינזינקען אין באַרג שמות פון היסטאָרישע געשעענישן. און ווער ווייסט צי עס איז נאָך פאַראַן אַ וועג צוריקצוקערן אים צו אַ נאָרמאַל לעבן.

פאַר אים איז קלאָר געווען, אַז דאָ מוז מען האַנדלען מיט אַ ווייכער און צוטרוילעכער האַנט, ווייל די האַרטע רוט האָט אים, דעם זון, שוין נישט איין מאָל געשלאָגן און דאָס האָט נישט געהאָלפן. אָבער ווי מאַכט מען דאָס? וואָלט דעם זון צוגעשפּילט דאָס מזל און ער וואָלט אין זיין וועג געטראָפן אַ פרוי מיט כאַראַקטער, אַזעלכע וואָלט זיכער אים געקענט באַווירקן און פאַרקירעווען אויפן דרך־הישר. ער האָט זיך דערמאָנט אין ניאָמעס יונגע טעכטערל, דאָס בלאָנדע מיידל פונעם פּיאָנער אין דער קאָלאָניע. זי האָט אָפּגעשטויסן זיין זונס האַנט און דערוויטערט זיין האַרץ וואָס האָט געקאָנט געניגט זיין צו בעסערע מעשים. אָבער פאַרפאַלן!

דערמאָנט זיך אין ניאָמע ליפּמאַן — און זיין געשטאַלט האָט זיך שוין פון אים נישט אָפּגעטאָן. פּונקט ווי מיט יאָרן צוריק איז ער אין זיינע אויגן געווען דער סימבאָל פון עקשנות און איבערגעגעבנקייט, אַזוי האָט ער אין אים איצט געזען די סימנים פון אַן איינגעפאַלענער וועלט, וואָס ער האָט אַליין געבויט. עס איז שווער געווען שלום צו מאַכן מיטן געדאַנק, אַז דווקא אָט דער דורכגעברענטער מענטש, דער גרונטלייגער פון דער קאָלאָניע, זאָל זיין דער ערשטער צוזאַמענצוברעכן אונטער דער לאַסט פון פּערזענלעכע צרות און פון די ערשטע זאַווערוכעס איבערן יידישן דאָרף.

איצט זענען זיי, די היסטאָרישע פּאַרגלייכן, געלעגן ווי אויף דער האַנט. פון איין זייט האָט צו אים אַרויסגעוווּנקען פון די הויפּנס דאָקו־מענטן דער חורבן פון קהילות און צענטערן פון יידישע ערד־אַרבעטער, און דאָ שטייט ער אויפן שוועל פון אַ נייער ירידה פון אַ גרויסער געשיכטע־מאַכנדיקער אונטערנעמונג.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון פּלאַץ און אָנגעהויבן שפּאַנען פון וואַנט צו וואַנט. אַן אומגעדולדיקייט, וואָס קומט פון אינערלעכער ליידיקייט, האָט אים אַרומגעכאַפּט. פון דרויסן האָט זיך אַהערגעטראָגן דער שוואַכער אָפּקלאַנג פון די שטוב־חיות און עופות, וואָס האָבן אין די פאַרמיטאָג־שעהן געזוכט פרישע שאָטן־ווינקעלעך אונטער די פּרוכטביימער און די פוילקייט האָט פאַרמינערט זייערע קולות.

„וואָלט זי איצט געווען אין שטוב — האָט ער געטראַכט און אַריבער אין קיך זיך צוגרייטן אַ גלאָז קאַווע — אפשר וואָלט איצט געווען די ריכטיקע צייט פאַר אַן ערנסטן שמועס. נאָך נישט שפּעט דערצו. ווען עס איז וועט עס אויסברעכן"...

נישט שפּעט. עפּעס האָט זיך אַ ריר געטאָן אין זיין טיפענייש. צי וועט ער נאָך באַוויזן צו ברענגען אין אָרדענונג זיינע אַזויפיל אָנגעהויבענע אַרבעטן?

דער קליינער שפּיגל אויף דער וואַנט אין קיך האָט אַ וויסן בליאַסק געטאָן און ווי דורך אַ דערמאָנונג אים אָנגעזאָגט, אַז עס איז שוין פיל שפּעטער ווי ער מיינט... דאָס האָט אים נאָך מער אומרואיק געמאַכט.

זיבעצנטער קאַפּיטל

אין אַלטע קליידער

רוזשקעלע האָט זאָרגפעליק אויפגעהויבן די דעק פונעם קופערט און דער אָטעם איז איר פאַרשלאָגן געוואָרן פון פאַרדעמפטע נאַפטאַלין־ריחות. עפעס ווי אַן אַלט פאַרהוילן רעטעניש וואָלט דאָ געדאַרפט באַשיידט ווערן. עס האָט איר נאָר געוווּנדערט, וואָס ביז איצט איז זי געווען אַזוי גלייכ־גילטיק צו אָט דעם ברייטן און בייכיקן קופערט, וועלכער האָט מיטגעמאַכט זייער לאַנגער רייזע איבער ימים און זיך דורכגעוואַלגערט דורך יאָרן אין אַ ווינקל פון דער איינגעגנורעטער כאַטע. איצט איז ער, ווי אַלע אַנדערע, געקומען צו מנוחה און נחלה און ער פאַרנעמט אַ בכבודיק אָרט אין די עלטערנס „ספּאַלניע" פונקט אַנטקעגן דער גרויסער דריי־טיילי קער שאַפע מיט די אַלטע שפּיגלען אין די טירן און מיט די הויכע קאַרניזן ביז צו דער סטעליע.

היינט האָט עס איר געטריבן צו גריבלען זיך אינעם קופערט נישט בלויז צוליב נייגעריקייט וועגן. זי האָט געזוכט צווישן די אַלטע צונויפ־געלייגטע קליידער עפּעס וואָס זאָל איר צו נוץ קומען פאַר דער נאָענטער פאָרשטעלונג פונעם דראַמאַטישן קרייז.

איצט איז געווען אַ גוטע געלעגנהייט: אין שטוב איז קיינער נישט געווען; די עלטערן זענען אָפּגעפאָרן אויף אַ פּאָר טעג אין דער קאָלאָניע פון די „ליטוואַקעס", וווּ מאירן איז געבוירן געוואָרן דאָס דריטע קינד, זשאַמע קוריס איז אַרויס אַקערן אין פעלד און הערשלס שטוב איז גע־שטאַנען אַ פּאָר הונדערט מעטער פון דאַנען. שלום איז בכלל, נאָך זיין צוריקקומען פון שטאָט, נישט געווען אין דער היים. ער האָט זיך פאַרדונגען אויף אַרבעט ביי אַ קאָלאָניסט און אין זיין פרייער צייט זיך אָפּגעגעבן

מיט לייענען „שווערע״ ביכער און מיט דיסקוסיעס ביי דער „רויטער רביצין״ אין הויז.

רוזשקעלע האָט אָנגעשפּאַרט די דעק פונעם קופערט מיט אַ שטעקן און מיט אָפּגעהיטע באַוועגונגען לאַנגזאַם איבערגעוואָרפן די קליידער און איינגעלייגטע זאַכן. דאָ זענען געווען שווערע און לאַנגע קליידער מיט דינע טאַליעס און פאַרשנורעוועטע קראַגנס ביז צו דער גאָמבע, קראָכ־מאַליעטע ברוסט־צודעקער פאַר האַרטע העמדער, לאַנגע וואָלענע גע־קעסטלטע פאַטשיילעס, אַטלאַסענע קאָפּאָטעס, וואָס האָבן זיך געגליטשט אונטער די הענט. פרויען־היט און האַנטאַאַשן, געפּלאָכטענע מיט קריש־טאָלענע פּאַטשערקעס און קערלעך פון דיניעס. אַ גאַנצע גאַרדעראָבע אָפּגעהיט נאָך פון דער באָבע מיכלעס צייטן, ווי אַן אַלטער משפּחה־אוצר.

זי האָט זיך צונויפגעשטעלט אַ גאַנצן גאַנג פון דער גאַרדעראָבע, וואָס זאָל פּאַסיק זיין פאַר איר נאָענטן אויפטריט אין גאָרדינס „מירעלע אפרת״. זי האָט צוגעקייטלט די טיר, פאַרצויגן די פאָרהאַנגען און זיך אויסגעטאָן, בכדי אויסצופּרוּוון צי די קליידער פּאַסן איר צום גוף און ווי זיי קליידן איר בכלל.

אויסגעטאָן און אָנגעטאָן — און דערוויל האָט זי געפונען אַ געלעגנ־הייט צו באַטראַכטן איר קערפּער אַנטקעגן די גרויסע עטוואָס אָפּגעשיילטע שפּיגלען, און ווי יעדעס מיידל אין איר עלטער האָט זי אויסגעפונען זאַכן, וואָס האָבן איר באַפרידיקט און אַזעלכע, וואָס האָבן ביי איר אַרויס־גערופן אַ קרומע מינע. זי האָט לאַנג געמאָסטן די קאָנטורן פון איר קערפּער, די אויסגעשטעלטע ברוסט, אויסגעגלעטן די היפטן, וואָס זענען אַרויסגעוואַקסן פון דער עטוואָס פולער טאַליע, און געפּרוּווט איינציען די לענדן דורך אַ טיפן אָטעמען. צום סוף האָט זי געלאַכט, געסטראַשעט טעאַטראַליש מיטן ווייזפינגער צו זיך אַליין אין שפּיגל און אַריבער איינ־צוחזרן איר ראָל אין דער פּיעסע.

דער טאָג פון דער פאָרשטעלונג דערנענטערט זיך און עפּעס קריכט איר נישט אין קאָפּ און זי באַנעמט נישט גענוג די גרויסקייט פון איר ראָל. געוויס האָט זי געהאַט די פולסטע אַנונג פאַרוואָס דאָס איז אַזוי. די שולד טראָגט אויף זיך נחום זיגלער, דער לערער און דער רעזשיסער. צוליב די פונאַנדערגעפלאַקערטע קריגערייען צווישן לינקס און רעכטס, האָט ער אָנגעהויבן פילן זיך ווי אַ נישט נאַטירלעכער טייל פון דער

באַפעלקערונג. נישט ווייניק האָבן אים באַשולדיקט אין אַריינמישן זיך אין ענינים, צו וועלכע ער דאַרף זיין אַ זייטיקער צושויער. דאָס האָט אים געקרענקט, און אפשר מער פון אַלץ האָט אים אָפּגעשטויסן די שטעלונג פון נישט ווייניקע מאַמעס, וואָס האָבן געהעצט קעגן אים צוליב זיין קילער באַציאונג צו זייערע טעכטער...

דאָס האָט זיך אָפּגערופן אויף זיין גרויזלשאַפטלעכער און קולטור־אַרבעט, צו וועלכער ער האָט פאַרלוירן דעם ברען. די איצטיקע רעפּער־טואַציעס ציען זיך שוין לאַנג און ער וועט זיי זיכער נישט איבעררייסן. אָבער מען זעט קלאָר, אַז ער האָט דעם אַמאָליקן אייפער אָנגעווירן. אין זיינע ווענדונגען צו די שפּילער איז ער בייסיק און ער גיט אָנצו־הערעניש, אַז די קאָלאָניע איז נישט ווערט זיין מי. ער איז אויך נערוועז ביי די צוזאַמענקונפטן און עס דאַכט זיך איר, רוזשקעלען, אַז דווקא צו איר איז ער באַזונדערס שטרענג.

און זי — וואָלט ער געוווּסט ווי טיף זי פילט זיך געטראָפן פון יעדער באַמערקונג אויף איר חשבון! דווקא ווען ער צעבייזערט זיך און גיט זיך אַליין נישט אָפּ קיין רעכענונג ווו זיינע רייד האָבן אָנגעשלאָגן, שטייט זי אין מיטן איר ראָל, אַ פאַרקלעמטע ווי אַ יונג מיידעלע, אויף וועלכע מ׳שרייט אָן אין דער אָנוועזנהייט פון דערוואַקסענע. אירע אויגן דרינגען דורך דעם מאַטן גלאַנץ פון זיין געזיכט און זוכן זיינע גרינלעך־בלויע אויגן ווי צו וועלן אויסשיילן דעם סוד, וואָס זי וויל שוין לאַנג וויסן: צי איז ער באמת גלייכגילטיק צו איר און צי האָט ער דעם מינדסטן געפיל, אַז איר האַרץ לעכצט נאָך אים, ווען אַפילו זי באַמיט זיך עס נישט אַרויסצווייזן, אַפילו נישט מיט קיין וואָרט און ווונק? זי האָט זיך געשפּילט מיט איר אייגן ליבע־געפיל צו נחום זיגלער און דאָך פאַר דעם אויך מורא געהאַט. זי האָט זיך געזען אַרויפּקוקן צו אַזאַ מין העכערער געשטאַלט, וואָס קאָן איר קיין מאָל נישט געהערן, און נאָר אין אירע חלומות און אין דער אייגענער אָפּגעשלאָסנקייט איז איר דערלויבט צו טראַכטן וועגן דעם.

זי האָט זיך גערעכנט פאַר די בעסטע שפּילערין פונעם „ליוביטעלעס״ (ליבהאָבער)־קרייז. זי האָט געשפּילט אין די פּיעסן פון גאָלדפאַדן, פּינסקי און אין פּרץ הירשביינס „גרינע פעלדער״. נישט איינער פון די שפּילער האָט אַפילו אָנגעהויבן צו זען אינעם טעאַטער זיין צוקונפטיקע קאַריערע

אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב. צו אַט די חלומות האָט נחום זיגלער זיך באַצויגן מיט גרינגשאַצונג ווי פון אַ באַזאַכטן שטאָט-מענטש צו פּראָווינציאַליסטן.

די רעפּעטיציעס זענען געפאַלן שווער אויף די באַטייליקטע. אַ פּאָר מאָל אין וואָך פלעגט מען זיך צוזאַמענקומען אַ מאָל ביי איינעם, אַ מאָל ביי אַ צווייטן, און ביים טרינקען די מאַטע האָט מען איינגעחזרט די ראָלן. אין אָנהייב איז דער רעזשיסער און גרימירער געווען דער פּאַרוואַלטער פון שטעטלדיקן קאָאָפּעראַטיוו און מ׳פלעגט אים אָראָפּברענגען אין קאָ־לאָניע צו לערנען דיקציע, האַרמאָניע און אַנדערע כּללים פון טעאַטער־שפּיל.

ער איז געווען אַ לעבנסלוסטיקער יונגערמאַן מיט פינטלענדיקע אויגן, אויסגעווייקט אין יידישער ליטעראַטור ווי אַ פרומער ייד אין אשרי. ער האָט די נישט לייכטע אַרבעט פון רעזשיסירן געטאָן מיט דער איבער־געגעבנקייט פון אַ כּוהן, וואָס ווייסט די ווירקונג פון טעאַטער אויף דעם עולם. שפּעטער האָט ער פאַרלאָזן זיין אַמט און זיך אויפגעשטעלט אַן אייגענע קראָם, ווי אַ קאָנקורענץ צו דער קהלשער אונטערנעמונג, און געזוכט אַריבערצוציען די קאָלאָניסטן אויף זיין זייט. אויף צו פאַרן אין דער קאָלאָניע אין די אָוונטן האָט ער זיך שוין נישט געקאָנט באַפרייען. ער האָט זיך באַנוגנט מיטן דראַמאַטישן קרייז פונעם שטעטל, וואָס איז, לויט זיין מיינונג, געווען אָרעמער אין טאַלאַנטן.

זיין פלאַץ האָט פאַרנומען דער לערער נחום זיגלער. ער האָט שוין באַוויזן איינצוזאַפּן עטוואָס פון די מאָדערנע יידישע טעאַטערס אין פּוילן און ער האָט אַריינגעבראַכט אַ נייעם אָטעם אין דעם קרייז.

קיין זאַל פאַר די אויפטריטן איז אין דער קאָלאָניע נישט געווען. דער קרייז האָט אויך באַדאַרפט זאָרגן פאַר אַט דער זייט פון דער אונטער־נעמונג. מען האָט צונויפגעפירט דרענגלעך און באַלקנס, ברעזענטן און רעדנעס און צונויפגעקלאַפּט אַ „סאַלאָן“. די בינע האָט מען געמאַכט פון עטלעכע צונויפגעפירטע וועגענער. אין פראָנט פון די וועגענער האָט מען צונויפגעקלאַפּט אַזאַ קליינע קיילעכדיקע בודקע, ווו עס איז געזעסן דער סופליאָר, וואָס אָן אים האָט מען זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן...

האָט זיך אין די מערסטע פאַלן געמאַכט, אַז אין מיטן שפּלן האָבן זיך די הימלען געשפּאָלטן, בליצן און דונערן האָבן פאַרטויבט די רעפּליקעס

פֿון די שפּילערס און אַ גאַס רעגן האָט זיך אַראָפּגעלאָזן איבער דעם פֿאַרזאַמלטן עולם. דורך אַלע שפּאַלטן פֿונעם „סאַלאָן" האָט דער ווינט און רעגן זיך געריסן, אָבער דאָס שפּילן איז נישט איבערגעריסן געוואָרן ביזן סוף.

רוזשקעלע געדענקט אַזאַ פֿאַל פֿון צוריק מיט צוויי יאָר. דעמאָלט איז אַראָפּגעקומען אין דער קאָלאָניע אַ קליינע טרופּע שפּילער פֿון דער הויפּט־שטאָט. זיי האָבן פֿאַרגעשטעלט אַ ריי רעוויו־נומערן, און כדי אַריינצופֿירן אַ נאָענטע פֿאַרבינדונגס־נאָטע צווישן שפּילער און צושויער, האָבן די געסט געבעטן, אַז די אַרטיקע ליבהאָבער זאָלן פֿאַר זיי פֿאַרשטעלן פֿראַג־מענטן פֿון זייערע אויפֿטריטן. ביים סוף פֿונעם אָוונט האָט זיך אַראָפּ־געלאָזן אַ שלאַקסרעגן באַגלייט פֿון אַ וואָיענדיקן ווינט. ס'איז געווען אין אָנהייב ווינטער און די קעלט האָט זיך איינגעגעסן אין די לייבער. ווען דער שטורעם האָט זיך עטוואָס איינגעשטילט איז דער עולם זיך פֿאַנאַנדער־געפֿאָרן איבער די גליטשיקע וועגן. אַ קליינע גרופּע פֿון די אָרטיקע שפּילער און קולטור־טוער האָבן, צוזאַמען מיט די גאַסטראָליר־געסט, זיך פֿאַרקליבן אין לאָקאַל פֿון דער שולע און ביז עס האָט אָנגעהויבן צו שאַריען אויף טאָג האָט מען פֿאַרבראַכט ביי טיי און קיכלעך. די אַרטיסטן האָבן אויף אַ פֿרייען און היימישן שטייגער פֿאַרגעשטעלט טיילן פֿון זייער רעפּערטואַר און געגעבן אויפֿקלערונגען וועגן די טיפֿן און סוזשעטן.

דעמאָלט איז דער שמועס אַוועק וועגן די ענינים פֿון יידישן טעאַטער־לעבן אין שטאָט. עטלעכע פֿון די קאָלאָניסטישע אַמאַטאָרן האָבן פֿאַר־זיכטיק אָנגעדייט וועגן דער מעגלעכקייט אַריינצוגיין אין אַ פּראָפֿעסיאָנעלן טעאַטער אין שטאָט.

די געסט — זיי האָבן געהערט צו אַן אינטימער דראַמאַטישער סטודיע, און ווי עס זעט אויס, איז דאָס געווען זייער ערשטער אַרויספֿאָר איבער די יידישע ישובֿים פֿון דער פּראָווינץ — האָבן געהאַט אַ רעזער־ווירטע מיינונג וועגן דעם ניוואָ פֿונעם יידישן טעאַטער אין שטאָט. צום ערשטן מאָל האָט זיך פֿאַר די דאָרפֿסלייט אויפֿגעדעקט די טרויעריקע פּרשה פֿון די „טמאים" (פּרויען־הענדלער) און זייער ווירקונג אויפֿן יידישן טעאַטער. דורך לאַנגע יאָרן זענען זיי געווען די פּאַקטישע שאַלטערס און וואַלטערס איבער דער יידישער בינע. די אַרטיסטן האָבן געמוזט נאָכקומען זייער דרוק און שפּילן וואָס זיי, די טמאים, האָבן געפֿאָדערט. די אַקטיאָרן

זענען געווען אנמעכטיק זיך אַנטקעגנצושטעלן די פּאַדערונגען פון די פאַר־דעכטיקטע עלעמענטן, וואָס האָבן אָבער געשטיצט דאָס טעאַטער מיט דער פולער האַנט.

די רייכערע אַסימילירטע יידן זענען נישט געגאַנגען אין יידישן טעאַטער ; די יידישע אַרבעטער, ווייניקע אין צאָל און אָרעמע לויט זייער שטאַנד, האָבן נישט געקאָנט זיך פאַרגינען אָפּצורייסן אַ פּרייע פּעזע און אָפּט באַזוכן די יידישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען. האָבן טאַקע די „חברה־לייט״ געלייגט זייער שטעמפּל אויפן כאַראַקטער פונעם רעפּערטואַר. געלט האָבן זיי געהאַט לרוב און אין זייער האַרץ האָט שטענדיק געטליעט דער פאַרלאַנג זיך אויסצולעבן צווישן יידן און אויף יידיש. דאָס יידישע טעאַטער איז געוואָרן דער טרעפפּונקט פאַר די דאָזיקע לייט. זיי זענען געקומען אויסגעפּוצטע אין עסיק און אין האָניק, באַהאַנגענע מיט צירונג און הנאה געהאַט פונעם טעאַטער־שפּיל לויט זייער געשמאַק.

דער פּאַקטישער באַשטימער פונעם „שטיק״, וואָס מ׳האָט אַרויפגע־בראַכט אויף דער בינע, איז געווען דער בילעטן־פאַרקויפער. ער איז ארומ־געגאַנגען אין גאַס אָפּצושטעקן די בילעטן און ער האָט געוווּסט וועלכע פּיעסע עס וועט אויסנעמען ביי זיינע קליענטן. אונטערן דרוק פון די „טמאים״ האָט ער געשטעלט די פּיעסע וואָס זיי האָבן באַגערט און די טרופּע האָט געמוזט נאָכגעבן. לאַנגע יאָרן האָבן די יידישע קולטור־מענטשן געפירט אַ פאַרביטערטן קאַמף אַרויסצוטרייבן די פאַרדעכטיקטע עלעמענטן פון טעאַטער־זאַל, ווו זיי פלעגן פאַרנעמען די בעסטע לאָזשעס. מיטן אָנקומען פון נייע שטראָמען יידישע אימיגראַנטן פון פּוילן, ליטע און בעסאַראַביע איז דער קאַמף געקרוינט געוואָרן מיט הצלחה און דעם יידישן טעאַטער איז צוריקגעקערט געוואָרן זיין אָנזען.

דאָס איז געווען אַן אָוונט פון קעגנזייטיקער דערקענונג. די געסט האָבן דערמוטיקט דער אָרטיקער שפּילער־גרופּע נישט צו פאַרלאָזן די „ברעטלעך״. דאָס ברענגט אַריין פרייד אין די הערצער פון די קאָלאָניסטן און פלאַנצט אין זיי איין די ליבע צו יידישע דראַמאַטורגן. אויך דאָס יידישע לשון קומט אויף אַ שיינעם אופן צום אויסדרוק.

אין דער נייער פּיעסע האָט רוזשקעלע געדאַרפט שפּילן די הויפּטראָל. דערפאַר האָט זי זיך געגריבלט אין די אַלטע טוכלע בגדים, אפשר וועט

זי געפֿינען אַ פּאַסיקן קאָסטיום פֿאַר איר ראָל. זי האָט דורכגעוואָרפֿן דעם קאַסטן ביזן דנאָ און כסדר געביטן די קליידער.

כאָטש זי איז געווײַנלעך אַרויסגעטראָטן מיט אַן אינערלעכער זעלבסט־זיכערקייט און אירע לידער אויף דער בינע האָבן אַרויסגערופֿן אַלעמענס אָנערקענונג, האָט זי דאָס מאָל זיך געקווענקלט און זי איז אומזיכער געווען, צי זי וועט אין דער ראָל זיך אײַנלעבן ביז צו פֿולער אידענטיפֿיקאַציע. בעת די רעפּעטיציעס פֿלעגט זי מיט אײַפֿערדיקע אויגן זיך צוקוקן ווי אַזוי נחום זיגלער גייט אום אַרום אַנדערע מיידלעך פֿון קרייז. נישט אָן גרונט האָט זיך איר געדאַכט, אַז די מערסטע מיידלעך פֿון דער קאָלאָניע גאַרן צו פֿאַרוואָרפֿן זייערע נעצן אויפֿן סימפּאַטישן לערער מיט די בלוי־גרינלעכע אויגן, וואָס די לעפּלעך פֿאַלן אַזוי קינדעריש אַראָפּ איבער זײַ בעת זײַן שמייכלען און דאָס גיט אים צו אַ באַזונדערן חן.

זי האָט געהערט, אַז כּדי אויפֿצוּוועקן די ליבע ביי אַ מאַן, טוט מען אָפֿט מעשׂים, וואָס רופֿן אַרויס אײַפֿערזוכט. די אײַפֿערזוכט איז אַ וועג, אַ קורצער שפּרונג, צו געווינען די ליבע. אַזוי האָט זי אין ביכער געלייענט און אָפֿט האָבן אויך די חברטעס דאָס באַשטעטיקט. צי וואָלט זי נישט געדאַרפֿט, אויף אַ קורצער ווײַלע אַפֿילו, נאָכגעבן דער צודרינגלעכקייט פֿון אָסקאַר ברוק, דעם צעבאַלעוועטן זונדל פֿון געוועזענעם פֿאַרוואַלטער, כּדי אויפֿצובלאָזן אַ שטיקל קנאה־געפֿיל אין האַרץ פֿונעם לערער? צי וועט עס אָבער העלפֿן? אויסער דעם איז אין אַזאַ פֿאַל פֿאַראַן די געפֿאַר פֿון צו פֿיל אַ שפּיל טאָן אויף די נערוון פֿונעם „דריטן“ צד...

אין אַ ווינקעלע פֿון איר נשמה האָט רוזשקעלע אויסגעוואָרעמט אַ שטילן באַגער, וואָס זי האָט אַפֿילו ברייטער נישט אַרויסגעבראַכט פֿאַר דער מחשבה. זי האָט גוט געוווּסט, אַז אין מאָמענט ווען נחום זיגלער וועט זיך אַ נייג טאָן צו איר, וועט זי אַוועקגעשטעלט ווערן אין זייער אַ דעליקאַטער סיטואַציע; זיגלער איז דאָך דאָ נישט מער ווי אַ לערער, און אַ יידישער לערער אין די קאָלאָניעס איז ווי אַ ציגיינער אָן אַ פֿאָטערלאַנד. נאָך עטלעכע יאָר לערנען מוז ער ווידער נעמען דעם וואַנדערשטעקן. דער געדאַנק פֿון אַ מעגלעכן דערפֿאָלג צו געווינען זײַן האַרץ האָט אויף איר אָנגעיאָגט געמישטע געפֿילן פֿון פּחד און האָפֿענונג. איר פּחד איז געווען פֿאַר אַ צוגאָב־אויפֿטרייסלונג אין דער משפּחה, וואָס נישט ווייניק אברים זענען פֿון איר אָפּגעריסן געוואָרן מיט געוואַלד אין די לעצטע יאָרן. אָבער צו

דער זעלבער צייט האָט אויפֿגעטליעט אין איר די האָפֿענונג אַרויסצו־שפּאַנען ווען עס איז צו דער ברייטער וועלט. זי האָט אָבער אויך נישט געקענט פֿאַרויסזען אין וועלכער זייט עס וועט אַריבערציען די וואָגשאָל.

נאָך אַלעמען איז עס נאָר אַ באַגער אָן דעם באַלעבאָס. איר איז דאָך נישט באַקאַנט, ווי אַזוי נחום זיגלער באַציט זיך צו אָט די חלומות אירע. דערווייל איז עס פֿאַר איר אַ פֿאַרשלאָסענע וועלט.

צוגעפּאַסט די פֿאַרשידנסטע קליידער אויף זיך, האָט זי נאָך דעם זאָרגפֿעליק פֿאַרצויגן אירע לאַנגע האָר הינטערווײַלעכץ און צונויפֿגעדרייט אַ קובליק. איצט איז איר אויף אַן אמת געפֿעלן איר פֿול אויפֿגעדעקט און פֿריש געזיכט, וואָס איז באַשאָטן געווען ווו נישט ווו מיט קליינע חן־פֿינטעלעך. אַן אונטערגעוואָקסענע דאַמיטשקע האָט דורך דעם אָפּגעשיילטן שפּיגל אַריבערגעקוקט צו איר און געגרעדט צו איר האָרץ. זי איז אויף שנעל אַריין אין קיך, אַרויסגעצויגן פֿון אַ פּושקע אַ פֿאַרוויקלט פּעקל, אָפּגעשיילט דאָס רויטע פּאַפּיר פֿון דער ציקאָריע און אַ לעק טוענדיק מיט דער צונג דאָס נאָסע פּאַפּיר האָט זי עס אַריבערגעפֿירט איבער אירע באַקן און ליפּן. זי האָט נאָך דעם טיף אָפּגעאָטעמט, ווי זי זאָל שטיין פֿאַר אַ שווערן נסיון, און אָפּגעטראָטן עטוואָס הינטערווײַלעכץ צו באַטראַכטן זיך פֿון אַ נייטיקער דיסטאַנץ. נאָך דעם ווי זי האָט אָנגעזאָטלט אויפֿן נאָז דער מאַמעס אַן אַלטע פּאָר ברילן און אַ שטרויענעם זומערהוט האָט קיינער נישט געקאָנט פֿאַרלייקענען, אַז מ׳האָט דאָ צו טאָן מיט אַ רײַפֿער שטאָטישער דאַמע פֿון אַלטן שניט.

דאָס שטאַרקע בילן פֿון די הינט האָט איר אַרויסגעריסן פֿונעם קאָקעטירן פֿאַר זיך אַליין. זי האָט אַ ווײַלע געצעגערט צי זאָל זי אויף שנעל אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך די אויסשטאַטונג און אַרויפֿציען אויף זיך דאָס ציצענע געבלימטע קליידל. דערווייל האָט זיך דאָס בילן פֿון די הינט געשטאַרקט און דורכן אָפּגעשאַרטן פֿאַרהאַנג האָט זי דערזען אַ רייטער זיך דערנענטערן. אַ לייכטער ציטער האָט דורכגעריזלט איר לײַב. דאָס איז געווען נחום זיגלער, וואָס האָט אַרײַנגעגאַלאָפּירט אין הויף. אַראָפּשפּרינ־גענדיק פֿון פֿערד האָט ער פֿונאַנדערגעטריבן די צערייצטע הינט.

אויסצוטאָן און איבערצובייטן איר גאַרדעראָבע האָט שוין רוזשקעלע נישט באַוויזן, און אַזוי, מיט איר גאַנצער טעאַטראַלישער אויסשטאַטונג, איז זי מיט נישט זיכערע טריט אַרויס מקבל פּנים זײַן דעם אָנקומענדיקן

לערער. דווקא אין אַזאַ קאַלירפולער קליידונג האָט זי געקאָנט מיט מער העזה און ווייניקער פאַרשעמטקייט אים באַגעגענען.

נחום האָט פון דער ווייטנס אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן און זיך עטוואָס צוריקגעצויגן ווי איינער וואָס געפינט זיך אין אַ פאַרלעגנהייט אין אַנבליק פון אַ טעותדיקן גאַנג. ער האָט זי אָבער באַלד דערקענט, אַ צי געטאָן זיך פאָרויס און מיט אַ פריידיק געלעכטער איר דערלאַנגט די האַנט. זי האָט אָבער באַוויזן צו באַמערקן, טראָץ דעם וויכן שמייכל פון די גרינלעך־בלויע אויגן, אַז אַ שטילער טרויער וועלטיקט איבער דער געמאַכטער פריילעכקייט.

— גלייך אויף דער בינע צו שיקן דיך, רוזשקעלע, אַ פּאַרטיקע סאַראַ בערנאַר! — זיגלער האָט געהאַלטן איר פּוכקע האַנט צווישן זיינע לאַנגע פינגער, וואָס האָבן איצט אַרויסגעגעבן אַ לייכטן ריח פון דעם חלב־שמירעכץ אויף די לייצעס.

— לאַכט נישט, זיגלער! איך האָב די גאַנצע אַלטע גאַרדעראָבע פון דער מאַמען איבערגעוואָרפן כדי צו געפינען אַן אויסשטאַטונג פאַר אונדזער נאָענטער פאַרשטעלונג.

זי האָט אויפגעכאַפּט דעם לייכטן ציטער וואָס איז דורך זיין האַנט. דאָס האָט איר געגעבן מער מוט צו שטיין קעגן אים.

— אונדזער פאַרשטעלונג — האָט ער געשטאַמלט און געהאַלטן איר האַנט, ווי אַן אָנשפּאַר — איך ווייס באמת נישט, צי מעג איך פאַרצייכענען עס ווי מיין פאַרשטעלונג... צוליב דעם בין איך אַהערגעקומען...

זי האָט געפילט אַ צוזאַמענפאַל פון אַלע חלומות. די האַנט אירע איז ראַפּטעם אַרויסגעפאַלן פון צווישן זיינע פינגער.

— וואָס שטייען מיר אַזוי אין מיטן הויף? — האָט זי זיך ווידער געפונען — קומט זיגלער, קומט אַריין אין שטוב — און האָט אומזיכער, מיט אַ טרוקענער קעל צוגעגעבן — איך בין אַליין... די שטוביקע זענען זיך צעפאָרן.

זי איז געגאַנגען פאָרויס און ער נאָך איר. אין דער ברייטער קיך האָט אַ פּייערל געברענט אין דער פּליטקע און דער טשייניק האָט היימיש געזאָטן. זי האָט צוגעגרייט טיי.

— יאָ, איז ווי איך האָב פריער געזאָגט — האָט ער באַנייט זיינע רייד — איך מיין, אַז שוין אָן מיר וועט איר דורכפירן די טעאַטער־פאַר־

שטעלונג. איך האָב באַשלאָסן פון דעם גאַנצן עסק זיך צוריקצוציען. פאַר מיין און אייער אַלעמענס טובה...

— זיך צוריקציען? — האָט זי אים איבערגעפרעגט — ווער טרייבט, איך, זיגלער, פון דאַנען?

אַ ווײַלע האָט ער געשוויגן. נאָך דעם האָט ער צוזאַמענגעפלאָכטן די פינגער אַרום דעם הייסן גלאָז טיי און מיטן איינגעגראָבענעם בליק אין דער אויפגעגאַנגענער פאַרע, גערעדט ווי דורך אַ וואָלקן:

— איך וועל דיר זאָגן דעם ריכטיקן אמת, רוזשקעלע, איך האָב שוין נישט מער קיין קוראַזש צו שטיין קעגן דעם דרוק פון די צוויי באַזונדערע ריכטונגען... איך בין ווי אַ פאַרפאָלגטער...

— פון וועמען? — זי האָט זיך אויף אַן אמת נישט אָנגעשטויסן.

— עס זענען דאָ נישט ווייניק מענטשן, וואָס טענהן, אַז אַ יידישער לערער איז נישט מער ווי אַ פונקציאָנאַר. ער דאַרף דורכפירן אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צום שול־פּראָגראַם און נישט מער. געווען זענען אַזעלכע, וואָס האָבן מיך דווקא געשטופּט און גערופן צו קהלישער אַרבעט. אין אָנהייב האָט מען צו פיל געפאָדערט: גיב אָוונט־לעקציעס, גיב קולטור, שפּיל טעאַטער — אַלץ! אָבער צום סוף האָט מען פון מיר צוגענומען די מעג־לעכקייט אַרויסצוברענגען מיינע געדאַנקען. קיין אויטאָמאַט וועל איך דאָ נישט זיין.

— און פון וועלכער זייט קומט דער צווייטער דרוק?

— דאָס איז נאָך ערגער! די יידישע מאַמעס דאָ מיינען, אַז איך, דווקא איך, בין דער באַשערטער פאַר זייערע קראַסאַוויצעס... צי קאָן איך און צי מוז איך מיטמאַכן אָט די נאַרישע שפּיל? עס איז דערגאַנגען אויף אַזוי ווייט אַז מ'האָט מיך אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן ווען איך האָב אַרויס־געוויזן אַ קאַלטע באַציאונג צו דעם אָדער יענעם מיידל. רכילות איז געגאַנגען ווי אַ געשמירטער וואָגן און גאַנצע משפּחות האָבן זיך אַ קער געטאָן אויף „לינקס" צוליב אָט דער אַנטוישונג — און ווייל איך שטיי אויף דער זייט פון די ציוניסטן...

זי איז געבליבן זיצן אַ פאַרקלערטע און געפילט אַ קלעמעניש אונטערן האַרצן. זיינע רייד האָבן איר ווי געטאָן. צי מיינט ער אויך זי? אויך איר האָט דאָך געצויגן צו אים און זי האָט געוואָגט צו פאַרבינדן אים מיט אירע חלומות. זי האָט געפילט ווי דאָס בלוט אונטער די געפאַרבטע באַקן לויפט

אַפּ און פלוצעם האָבן גרויסע טרערן אָנגעהויבן זיך קייקלען איבער איר פּנים.

ער איז שנעל אויפגעשטאַנען פון זיין פּלאַץ און זיך צו איר דער־נענטערט. ווי נישט איבערראַשט פון איר אויסברוך, האָט ער אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר הויך־פאַרקעמטער פריזור און געפירט די פינגער צווישן די אָפּגעצויגענע האָר. זי האָט איר געזיכט איינגעגראָבן אין די דלאָניעס און די אַקסלען האָבן איר געצוקט.

— איך האָב געוווּסט, רוזשקעלע, אַז אַזוי וועסטו אויפנעמען מיין באַשלוס. אפילו ווען דו האָסט מיר קיין מאָל קיין וואָרט נישט געזאָגט. אַ לערער און אַ רעזשיסער דערצו מוז האָבן אַ שאַרף אויג... הייב אויף דיין פּנים, רוזשקעלע: דו מיינסט, אַז אומזיסט בין איך געקומען אַהער? יאָ, געזעגענען זיך, אָבער נישט אויף שטענדיק.

זי איז רויט געוואָרן און דער בליק האָט פאַרלאָרן געזוכט אַן אויס־גאַנג, כאָטש ער האָט מיט זיינע פינגער געהאַלטן איר גאָמבעלע און זיינע העלע אויגן האָבן געבויערט אין דער טיפעניש פון אירע שוואַרצאַפּלען. ווען זי האָט נאָך דעם צוגעלייגט איר קאָפּ צו זיין ברייטער ברוסט, האָט זי שוין מער נישט געהעשעט, אָבער איר פּנים האָט זי דאָך נישט אויפגע־הויבן. זי האָט געוואָלט אַרויסרייסן פון אָט דער געשאַפענער לאַגע יעדן שמץ פון געמאַכטער טעאַטראַלישקייט.

ווען זי האָט זיך לאַנגזאַם אַרויסגעמאַכט פון זיינע הענט האָט זי ווידער נישט געוווּסט ווי אָנצוקניפּן דעם שמועס. איצט איז יאָ נייטיק געווען אַן אויסרעדן זיך — ער פאָרט דאָך אַפּ פון דאַנען. ווען? זי וועט נישט פרעגן...

— וועט איר... וועסטו דאָרט... אויך זיין אַ לערער? — האָט זי סתם אַזוי דערמאָנט זיך, אַז ער קערט זיך אום צו דער גרויסער וועלט. איצט האָט זי זיך כמעט געפילט ווי אַ חלק פון איר.

ער האָט נישט געוווּסט גענוי זיינע פּלענער אויף מאָרגן. דאָס לערער־פאַך איז זייער געפאַלן און ווערט כלל נישט אָפּגעשאַצט, אין שטאָט ווינצי־קער נאָך ווי אין דאָרף, און די געהאַלטן זענען נאָר אויסצוהאַלטן די נשמה. די אומאָרדענונג אין די קלאַסן איז אומדערטרעגלעך. די יידישע קינדער אין די שטעט זענען אין דער יידישער שולע, וואָס איז צוריקגעשטאַנען אין פאַרגלייך מיט דער שפּאַנישער, אַ מין אַפּקומעניש; די עלטערן שיקן זיי

אַהין, אַז זיי זאָלן נישט אויסוואַקסן קיין גאַנצע גוים אָדער נישט אַרומלויפן מיט שקצים אויף דער גאַס...

— און איך, איך וואָלט דאָך געוואָלט אין דער שטאַט שפּילן טעאַ־טער — האָט זי כמעט ווי אין אַ חלום אַרויסגערעדט — שפּילן טעאַטער אין גרויסע זאַלן, מיט טויזנטער צושויער, דאָס דאַרף זיין גראַנדיעז...

— וואַרט נאָר צו, מיין טייערע, מיר האַלטן נאָך נישט דערביי! טעאַטער אויף דער בינע ברענגט באַפרידיקונג דעם שפּילער, אָבער נישט תּמיד דער פרוי אָדער דעם מאַן... עס טרעפט, אַז דאָרט ווו עס הייבט זיך אָן די קאָמעדיע אויף דער בינע, הייבט זיך אויך אָן די דראַמע הינטער די קוליסן, די דראַמע אין שטוב... ווער דאַרף עס האָבן?

איר איז געפעלן זיין צוריקגעהאַלטענע מיינונג וועגן אירע טעאַטער־פּלענער. דאָס איז אַ גוטער באַוויז פונעם אָרט וואָס זי פאַרנעמט אין זיין נשמה. זי האָט אַראָפּגענומען די ליידיקע גלעזער פון טיש. אין דעם מאָמענט האָבן די הינט זיך ווידער אַ ריס געטאָן און רוזשקעלע איז צוגעפאַלן צום פענצטער, ווו דאָס בילן פון די הינט האָט זיך געשטאַרקט. זי האָט דערזען ווי די הינט יאָגן זיך נאָך אַ יונגנמאַן וואָס איז פאַרשוווּנדן, אַן איינגע־בויגענער אין נאָענטן מאַיס־פעלד. זי האָט דערקענט אינעם אַנטלויפנדיקן דעם זון פון געוועזענעם אַדמיניסטראַטאָר, אָסקאַר ברוק, וואָס האָט זיך אַרומגעשלייכט אַרום שטוב.

אַכצנטער קאַפּיטל

דער שפּעטער קרבן

זשאַמע קוריס האָט זיך אַרויסגעלאָזן איבער די שיטער אַרומגעצוימטע וועגן פון דער קאָלאָניע, רייטנדיק אויף אַן ענג געזאָטלט ברוינעם פערד. שוין אַ פּאָר טעג ווי דער גרויסער אַנהערנערדיקער „טאָראָ" איז נעלם געוואָרן פון ניאָמעס פּי־טשערעדע אינעם פּאַשעפעלד. מען איז געוווינט געווען צו דעם, אַז אָקסן זאָלן פאַרקריכן איבער די צוימען, זיך אויסמישן מיט פרעמדע קי און אַריינכאַפּן אַ זייטיקע „ליבע", אָדער זיך פאַרמעסטן דאָרט מיט די אַנדערע זכרים. איצט אָבער זענען פאַרביי אַ פּאָר טעג און דער „ראָמאַנטישער" „טאָראָ" האָט זיך נישט צוריקגעקערט. ביי די נאָענטסטע שכנים האָט מען זיין הייזעריקלעך מרוקען נישט געהערט. איז געפאַלן אַ פאַרדאַכט, טאָמער האָט אים עמעצער פאַרשלעפּט אין אַן עסטאַנסיאַ, אָדער סתם געשאָכטן אויף פליישׁ און פעל. נישט ווייניק אַזעלכע פאַלן האָבן געטראָפן אין דער געגנט. דער עיקר איז מען אויסן געווען די פעל. האָט זיך זשאַמע קוריס אָנגעבאָטן צו מאַכן אַ רונד־רייזע איבער דער געגנט כדי צו דערגיין וואָס מיטן „בחור" איז געשען.

און געטאָן האָט ער עס אפשר אויך אָפּצוטרייסלען זיך פון דעם דריקנדיקן טרויער־נעפּל, וואָס האָט זיך לעצטנס געלייגט אויף ניאָמעס הויז. אין אָט דער אַטמאָספער האָט זשאַמע אַליין אָנגעהויבן צו דערפילן אויף זיך די קריכנדיקע עלטער, וואָס ער האָט געסטאַרעט פון זיך אָפּצו־טרייבן מיט זיין איינגעבוירענער פריילעכקייט. אָבער ווי עס זעט אויס האָט ער זיך געלאָזט אַריינציען אינעם ירידה־גאַנג פון דער גאַנצער סביבה אין דער קאָלאָניע.

די דאָזיקע שטילקייט אין שטוב, ווי נאָך אַ פונאַנדערפאָרן זיך פון ליבע

געסט, איז גראַד געקומען נאָך עטלעכע מאָנאַטן פון אויפרודערונג און לעבנסלוסטיקייט. אין וועלכע די שטוב איז געווען פאַרטאָן און עס האָט אויסגעזען, ווי עס וואָלטן זיך באַנייט די אַמאָליקע גליקלעכע טעג, ווען טראָץ דעם עלנט און פאַרלאָזנקייט האָט דאָך אַ גרויסע האָפענונג געטליעט אין אַלעמענס הערצער.

אַ נייער שטראָם אימיגראַנטן האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין די סוף־צוואַנציקער יאָרן. יידישע משפּחות מיט דערוואַקסענע קינדער זענען אַראָפּגעקומען אין לאַנד און הונדערטער פון זיי האָט די „גרויסעשאַפט" געפּרוווט ווענדן צו די קאָלאָניעס, טיילווייז אָנצופילן די פאַרלאָזענע „טשאַק־רעס" (פאַרמס) און טיילווייז אויפצושטעלן נייע גרופּקעס אויף די נאָך פרייע רעזערוו־באָדנס. אין אָנהייב האָט מען מחוץ דעם שטעטל אויסגעבויט אַ שורה קליינע איינצימערדיקע הייזלעך, ווו די גרויסע משפּחות האָבן געדאַרפט וווינען אין דער איבערגאַנגס־צייט ביז זייער ענדגילטיקער באַזעצונג. זיי האָבן טיילווייז געאַרבעט ביי בוי־אונטערנעמונגען אין שטעטל, געלערנט די פעלד־תורה ביי קאָלאָניסטן און פאַרדינט אַ פּאָר פּעזעס ביים אויסבויען זייער אייגענע וווינונג. ווי אַן אויסגעשטעלטער שפּיציקער קלין איז די שורה געשטאַנען אויסערן שטעטל ביים וועג, וואָס פירט צו די ציגעלניעס. די שטאָטישע לייט האָבן עס גערופן די „אימיגראַנטן־שטיבלעך" און דער נאָמען איז פאַרבליבן לאַנג נאָך דעם ווי די ניי אָנגעקומענע האָבן שוין די קעסטל־הייזלעך פאַרלאָזט. די הייזלעך האָבן געמאַכט אַ שווערן איינדרוק צוליב די גרויסע דערנער וואָס זענען געוואַקסן אַרום זיי און די אָפּגעקראַכענע הויפן, אָן אַ בוים און אָן אַ גאָרטן.

איינמאָל האָט זשאַמע באַזוכט אָט די געגנט כדי צו באַקענען זיך פון דער נאָענט מיט די אימיגראַנטן. די אָרעמקייט האָט אַרויסגעשריגן פון אַלע ווינקעלעך, די ריחות פון שוויס און געקעכץ האָבן זיך איינגעגעסן אין דער לופט. די געדריקטע שטימונג און פאַרדרוס קעגן אַלץ וואָס עס האָט זיי באַגעגנט אינעם נייעם לאַנד, איז געקומען צום אויסדרוק אין יעדן וואָרט און בליק.

דאָרט זענען געווען מערסטנטייל משפּחות מיט דערוואַקסענע קינדער. אַ טייל פון זיי האָבן אין פּוילן געלערנט אין די בונדישע אָדער „תרבות"־שולעס. געווען אַזעלכע וואָס האָבן שוין באַוויזן צו געהערן צום „החלוץ", וואָס איז דעמאָלט געווען אין זיין שטייגנדיקן באַרג־אַרויף און זיי האָבן

דורכגעמאַכט הכשרה אין די שטיין־האַקערייען און טאַרטאַקן. זיי האָבן געוואַרט יאָרן אויף אַ סערטיפיקאַט, וואָס האָט פאַרשפּעטיקט צו ברענגען זיי די גאולה. די לאַגע אין פּוילן איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שווערער און די יידישע נויט האָט געשפּאַרט און געזוכט אויסגאַנגס־וועגן. האָבן זיך טויזנטער יידישע משפחות געלאָזן צום ווייטן זיד־טייל פון דער נייער וועלט, און פון זיי האָבן הונדערטער איינגעשטימט צו באַזעצן זיך אויף באָדן אין די יידישע קאָלאָניעס. דאָס איז געווען אַ גאַנץ אינטעליגענטער עלעמענט און נישט ווייניק האָפענונג האָט די „געזעלשאַפט" געלייגט אויסצופילן מיט זיי די בלויזן, וואָס די פאַרלאָזענע קאָלאָניסטן האָבן געמאַכט אין די קאָלאָניעס.

איינע אַזאַ משפחה האָט זיך שוין געגרייט אַרויפצוגיין אויפן באָדן און דערוויל האָט זי געמאַכט אַ קורצע סטאַנציע ביי ניאָמען אין שטוב. אַלע אין הויז זענען צופרידן געווען פון אַזאַ פּלוצעמדיקער אויפלעבונג. די פריינדלעכע אויפנאַמע האָט געעפנט הערצער און מיילער און די „גרינע" האָבן דערציילט אי וועגן דער שווערער מאַטעריעלער לאַגע אין פּוילן, אי וועגן דעם אויפשטייג פון דער גייסטיקער קולטור. אין דער משפחה זענען געווען דערוואַקסענע בחורים און מיידלעך און אין די אָוונטן פלעגן נאָך אַריינקומען אַ פּאָר „גרינע", וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן ביי שכנים. אַזוי אַרום איז די שטוב פול געוואָרן און מ'האָט פאַרבראַכט ביז די שפּעטע נאַכט־שעהן. מען פלעגט זינגען די נייע חלוצישע לידער, וואָס זענען דורכ־געדרונגען געווען מיט הומאָר און סאַטירע אויפן חשבון פון דיליידן פון די חלוצים, פון זייער הונגערן אויף די הכשרה־פּונקטן און זייער צוזאַמענשטויס מיט דער שווערער ווירקלעכקייט ביים אָפּשטייגן אויף די ברעגן פון הייליקן לאַנד. עס זענען געווען פּאַראָדיעס אויפן חשבון פון די ענגלישע פאַלשע צוזאָגן, לידער וועגן די יידישע קולאַקעס, וואָס האָבן נישט באַנוצט קיין יידישע אַרבעטער און געלאָזט די אָנגעקומענע חלוצים אין הונגער און אין מאַלאַריע.

צווישן די „גרינע" זענען געווען אויך גימנאַזיסטקעס, וואָס פלעגן דאָ אַרויסווייזן זייער בקיאות אין דער רוסישער און פּוילישער פּאָעזיע. כמעט אין איין אָטעם פלעגן זיי אויסדעקלאַמירן די „סטיכי" און „ווירשע" (לידער) פון פּושקינען, לערמאַנטאָוון און מיצקעוויטשן. ביי הייסע גלעזער טיי און היימישע קיכעלעך, וואָס באַשקע האָט מיט דער פולער האַנט

צוגעטראָגן, האָט זיך געשאַפן אַ שטימונג פון יוגנטלעכער אויפלעבונג. מ׳האָט דערציילט עפּיזאָדן, געשפּילט אין פאַנטן און אויסגעהערט די גראַמאָפאָן־פּלאַטן פון מאַלי פּיקאָן און פסחקע בורשטיין.

אַזוי איז אויף אַ צייט אָפּגענומען געוואָרן דער טרויער פון ניאַמעס הויז. זשאַמע קוריס האָט זיך אויך באַטייליקט אין די אָוונטן מיט זיינע גלייכווערטלעך און יידישע אָדעסער לידלעך. אַלע האָבן האַרציק געלאַכט, אָבער זייער ווינציקע האָבן געקענט אויפנעמען דעם טרויער וואָס האָט זיך אַריינגעזאַפּט אין די קנייטשן פון זיין ברוין און אָפּגעסמאַליעטן געזיכט. דאָ, אינעם לעבעדיקן פרייד־שטראָם, האָט ער דערפילט די לאַסט פון זיין עלנט לעבן. ער האָט אָפּט געשלונגען מיט זיינע העל ברוינע אויגן די פרישקייט פון די מיידלשע פּנימער און זייערע לייכטע באַוועגונגען האָבן רגעסווייז געמאַכט אויפציטערן זיין נשמה. ער האָט אָבער אונטערדריקט די עמאָציע כדי אויסצומיידן איבעריקע פּיינען. ער האָט געפילט, אַז די אָנרוקנדיקע עלטער ברענגט אים אַריין אין שווערע אינערלעכע צוזאַמענשטויסן.

ער האָט זיך קיינמאָל נישט געפילט ווי אַ פרעמדער אין אָט דער קאָלאָניע־סביבה. סיי די באַציאונגען פון די קאָלאָניסטן צו אים, ווי זיין איינלעבן זיך מיט זיי, האָבן געשאַפן פאַר אים אַן אָנשפּאַר, ווי באַשטימט פון דער השגחה. זיין ברויט האָט ער פאַרדינט מיט כבוד און יעדער באַזוך, וואָס ער האָט אָפּגעשטאַט ביי אַ שכן אין אַן אָוונט אָדער אין אַ שבת האָט אַריינגעבראַכט אַהין אַ האָפערדיק־מונטערע שטימונג. מ׳האָט אים גערן געזען און געשעצט און טיף באַדויערט זיין אַלייניקן אַרומדרייען זיך אויף גאָטס וועלט.

בשעת קולטור־אונטערנעמונגען און טעאַטער־פאָרשטעלונגען איז ער געווען דער שוואַרצער אויספירער פון אַלע שווערע אַרבעטן. ער האָט געקלאַפּט טשוועקעס, אויפגעשטעלט די בלעכענע ווענט און געהאָלפן צו־זאַמענקלאַפּן די בינע. דערפאַר האָט מען אים באַצייכנט מיטן טיטל „קולטור־טרעגער" וואָס ער האָט גוטמוטיק אָנגענומען.

זשאַמע קוריס האָט זיך אויך פונאַנדערגעקליבן אין דער חכמה פון באַנוצן גראָזן און קרייטעכצער אויף צו היילן קראַנקייטן און וווּנדן. אַ ביסל איז דאָס געווען פאַרבונדן מיט באַבסקע רפואות, וואָס די אַלטע ווייבער און גויים אין די דערפער פלעגן באַנוצן. אָבער דער גלויבן אין זיין

קענטעניש, ווי פון אַ מאַן, וואָס האָט דורכגערייזט אַ וועלט, און דאָס זיין אָפּגעריסן פון אַ דאָקטער אויף ווייטע קילאָמעטערס, האָבן אים ביסלעכ־ווייז פאַרוואַנדלט אין אַ מין פאַרשטייער פון „דער גיכער הילף" ביים לינדערן ווייטיקן.

האָט עמעצער געליטן פון אַ הוסט, האָט ער געראָטן צו פאַרפאַרען טיי פון אויסגעטריקנטן היי, פון גרינע האָבערזאַנגען. טאָמער האָט ווער אין די הייסע זומער־מאָנאַטן געליטן פון אויסגעפּאַרעטקייט צווישן די פיס, וואָס האָט אוממעגלעך געמאַכט דעם גאַנג, האָט זשאַמע זיך אַרויסגעלאָזט איבער די וועגן און אויפגעזוכט אַ מין דרייקאַנטיקן גראָז, וואָס האָט געהאַט אַ ביטערן טעם, אָבער נאָך דעם ווי מ'האָט עס פאַרפאַרעט און געטרונקען, איז די אָפּגעבריטקייט פאַרשוווּנדן ווי מיט דער האַנט. צו שטאַרקן קאָפּ־ווייטיק מיט היץ האָט ער געראָטן אויסצושניידן דינע רעפּטלעך קאַרטאָפל אויף אַ טיכל און איינבינדן עס פעסט צום שטערן. עס האָט געשלאָגן אַ פּאַרע פון די רעפּטלעך, אָבער אַ פאַרלייכטערונג איז דאָך געקומען. אויף אויפצורייסן אַ געשוויר איז ביי אים געווען אַ סעריע מיטלען, אָבער די אָנגענומענע זענען געווען: אַ טייגל איינגעקנאָטן מיט אַן איי־ווייסל אָדער מיט פרישן קו־קיזיק. אויף צו פאַרלייכטערן דאָס בייסן פון ווינטערביילן אויף די הענט און פיס האָט ער פאַרגעלייגט הייסע פרישע השתנה. צו פאַרלייכטערן דעם ציין־ווייטיק האָט ער געראָטן איינ־צורייבן מיט אַ קנאָבל.

און דאָך, ביי זיין גאַנצער פּאָפּולערקייט אין דער קאָלאָניע, האָט ער די לעצטע צייט זיך אָנגעהויבן צו שפּירן עלנט און פאַרלאָזן. זיכער איז דאָס געווען אַ לאָגישער רעזולטאַט פון די טראַגישע אומוואַנדלונגען אין ניאָמעס הויז, פון וועלכע ער אַליין האָט זיך נישט געקאַנט אויסטיילן. נאָך דעם האַרמידער פון די „גרינע", איז ווידער אַ מאָל אויף דער שטוב אָנגעפאַלן אַן אומעט. דערצו נאָך איז באַשקעס געזונט־צושטאַנד איינגע־בראָכן געוואָרן. זי איז אָפּט איינגעפאַלן און געלעגן צו בעט. די ציינער אין מויל זענען איר אָפּגעשוואַכט געוואָרן און זיי האָבן זיך צעברעקלט. איר גאַנצער אויסזען האָט דערמאָנט אין אַ חורבה. אויב ניאָמע האָט זיך נאָך געראַנגלט מיט די צרות, וואָס האָבן זיך אויף אים אויסגעגאָסן און ער האָט אַרויסגעקריגן זיך פון די עלטער־לאַפּעס דורך שטענדיקער אָנ־שטרענגונג און פיזישער אַרבעט, האָט ער, זשאַמע, קלאָר געזען, אַז דאָס איז

נישט מער, ווי אַ פֿאַרצווייפֿלט איבערקליגן, וואָס וועט סוף כּל סוף ברענ־גען צו אַ צוזאַמענברוך. און פֿאַר אַזאַ מעגלעכקייט האָט זשאַמע קוריס ממש געציטערט.

דער טאָג האָט זיך געשטעלט אַן אָנהייב־האַרבסטיקער. צייטנווייז איז אַ וואָלקן, ווי אַ מגושמדיקע אָנפֿאַרמיקע שיף, זיך צעשווומען איבערן קלאָרן הימל און אַראָפּגעוואָרפֿן שטיקער שאָטנס איבער די קליינע צעשפּרייטע בערגלעך. אַ קיל ווינטל האָט געבלאָזן פֿון דרום־זייט און אַריינגעשושקעט אין די געלבלעך געוואָרענע מאַיס־פֿעלדער שטילע סודות, וואָס זענען דאָרט צעכאַפּט געוואָרן צווישן פֿלאַנץ און פֿלאַנץ. די ערד איז געווען באַדעקט מיט אַרויסגעשפּראָצטע אויסגעשאָטענע קערנער פֿון לעצטן שניט און געגעבן, נאָך אַ לענגערער טריקעניש, פֿאַשע צו דער זעט די קי און פֿערד.

ווי געצויגן פֿון אינערלעכער זיכערקייט האָט זשאַמע קוריס פֿאַר־קירעוועט אין דער ריכטונג ווו עס איז געשטאַנען די ראַנטשאָ פֿון דאָן כּואַן קאַסטראָ. דער אינסטינקט האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז דאָרט, אין דער אָפּגעלייגטער געגנט, ווו נאָר די גוייִשע סטאַדעס זענען אַרומגע־קראָכן אויף די נישט צעאַקערטע ערדן און געקוויקט זיך מיט די שפּיגל־וואַסערן פֿון דער איינציק לאַגונאַ אין דער געגנט — אַז דאָרט איז דער אָקס פֿאַרקראָכן און ווייס נישט דעם וועג צוריק.

דער אַלטער דאָן כּואַן קאַסטראָ איז שוין זינט אַ פּאָר יאָר אַוועק אויפֿן עולם האמת. זיין אייביקע רו האָט ער געפֿונען אויפֿן קליינעם בערגל נעבן אַ נידעריקן שטעכיקן בוים, ווו אויך זיין יונג פֿאַרשטאָרבענע פֿרוי איז געלעגן. די לעצטע יאָרן האָט ער אָנגעהויבן איינצודאַרן ווי פֿון עפּעס אַן אויסנאָגנדיקער אַנעמיע. ער האָט צו זיך קיין דאָקטער און קיין רעצעפּט נישט צוגעלאָזן.

נאָך מירעלעס אָפּטראָגן זיך פֿון דער היים און איר אַוועקגיין מיט טיטאָן, דעם יינגסטן זון פֿון דאָן כּואַן, האָט זי זיך מיט איר געליבטן אָפּגעטראָגן פֿון דער געגנט. זיי האָבן זיך באַזעצט אין די ווייטע דרום־געגנטן, ווו טיטאָ האָט באַקומען אַרבעט אין אַ גרויסן פֿאַרט אַלס טרעגער.

די טשערעדע און דאָס ביסל פֿאַרמעגן זענען פֿאַרבליבן אין קאַרמענס, דער עלטערער טאָכטערס באַזיץ. זי האָט זיך געזען אומפֿעיק צו פֿאַר־

וואַלטן אַליין און בלייבן אויסגעשטעלט צו לויערנדיקע סכנות פון דורכ־גייער אין פעלד. האָט זי געשיקט מעלדן מיראַן, איר טאָכטער און איר מאַן, דעם אַמאַליקן מיטגליד פון אַ רויבער־באַנדע, און זיי האָבן זיך דאָ באַזעצט. זינט דעמאָלט האָבן זיך אָנגעהויבן די שאַרפסטע קריגערייען און נקמה־אַקטן באַגלייט מיט מעסער־דראָונגען קעגן די נאָענטע יידישע שכנים. ער פלעגט אַריינטרייבן די סטאַדעס אין די תבואה־פעלדער און אָנמאַכן שאָדן. די אָנקלאַגעס האָבן צו קיין ענדערונג נישט געבראַכט.

איצט האָט זשאַמע קוריס פּאַרגעפּילט, אַז מיט זיין אַריינרייטן אין תחום פון דעם באַנדיטס פּאַשעפעלדער, שטעלט ער זיך אַליין אויס אויף אַ סכנה. אָבער דווקא אָט דאָס געפיל האָט אים געשטויסן צו שפּאַנען ווייטער און פּרוּוון זיין מזל. אין דער צייט וואָס דער אַלטער דאָן קאַסטראָ איז דאָ געזעסן און ווי אַ נאָבעלער איינגעבירגערטער גאַוטש געוווּסט אָפּצוהיטן זיין און יענעמס כבוד, האָט מען פריי און זיכער געקאָנט איבערקרייצן די ווילדע „פּונאַ"־קוסטעס (אַזאַ מין געוויקס), אומקרייזן די לאַגונאַ און אַפילו אָפּשטייגן ביי דער ראַנטשאָ, ווו דער אַלטער פלעגט פריינדלעך אויפנעמען מיט אַ הייסער און ביטערער מאַטע אונטער דעם ברייט צעצווייגטן אַמבו־בוים. דאָן כואַן האָט געשעצט די יידישע שכנים, זיי האָבן אים געלאָזט אומגעשטערט פּאַשען זיינע סטאַדעס פּי און שאָף אויף די פרייע כמעט אומטויגבאַרע לאַנקעס ביי דער אַזיערע, וואָס האָבן געהערט צו דער „געזעלשאַפט". באַזונדערס האָט ער געשעצט ניאָמען און זיין משפחה און נישט איין מאָל זיך באַרימט, אַז ער איז געוועזן דער ערשטער אים מקבל פּנים צו זיין אין דער געגנט:

— סי סעניאָר, עסטאָ עראַ, סי, עספּערע און מאָמענטאָ, סעניאָר מיאָ! — און ער האָט געקנייטשט דעם שטערן צו דערמאָנען זיך דעם טאָג ווען ער איז דערשינען פון יענער זייט בערגל און צוזאַמען מיט טיטאָן זיין זון, געקומען באַגריסן די נייע „פּאַראַסטעראָס".

זשאַמע האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט און אָפּגעמאָסטן מיט זיין בליק דעם אַרום, וואָס האָט זיך געצויגן שטרעקעסווייז פון דער ראַנטשאָ אין אַלע ריכטונגען. די סטאַדע איז אין זיין אויג־אַרומנעם נישט געווען. איצט דאַרף די פּי זיכער נאָך אַרומקריכן ביי דער לאַגונאַ. אַהין האָט ער האַסטיק געטריבן דאָס פערד און ווי צוריקבאַקומען דורך אָט דעם רייטן אין מיטן ווילדן סטעפּ יענעם יוגנט־קוראַזש, וואָס די יאָרן האָבן ביי

אים לאַנגזאַם אויסגעצאַפּט. אין יענע אַמאָליקע צייטן האָט ער דורכ־געמאַכט די שווערסטע מאַרשרוטן איבער דער לענג און ברייט פון דער רעפּובליק ביים זוכן די שפּורן פון זיין פאַרלוירענעם זון, וואָס ער האָט אַליין איבערגעלאָזן אין די וויקעלעך און אַזוי אַרום אָפּגעשלאָסן זיין וועג צו אים אויף שטענדיק. ער האָט זיך אַ ביסל פאַרשעמט פאַר דעם מאָדנעם פאַרגליייך, וואָס איז אים אַדורכגעשווומען אין קאָפּ. איז דאָס איצטיקע אַרויסרייטן צו זוכן אַ פאַרלוירענעם אָקס גליייך צו יענעם אַרומ־בלאָנקען און נישטערן דעם זונס שפּורן? אָבער דאָס האָט דאָך נישט פאַרמינערט זיין אינערלעכע זיכערקייט. מיט פאַרקלעמטע שטאָרן האָט ער געשטורקעט צווישן די ריפּן פונם פערד, וואָס איז אַוועק אין גאַלאָפּ צווישן די שמאָלע סטעזשקעס ביז צו די אַראָפּגענג פון דער לאַגונאַ.

די סטאַדעס קי און שאָף זענען געווען צעוואָרפן איבער די משופּע־דיקע און באַוואַקסענע אָפּנידערונגען. דאָ און דאָרט האָבן איינצלנע פערד זיך צעשפּרייט איבער דער לאָנקע און געהירזשעט מיט פריילעכע אויפ־געהויבענע קעפּ. פון ערגעץ האָט זיך געהערט דאָס פאַרשטיקטע בילן פון איינגעצוימטע הינט. דער עכאָ, וואָס האָט זיך אָהערגעטראָגן, האָט נישט דערמעגלעכט אויסצוטיילן די ריכטונג פון וואַנען דאָס בילן קומט.

מיט אַ מאָל האָט זיך דאָס פערד האַסטיק אָפּגעשטעלט און שנאָרכנ־דיק פאַרלייגט די אויערן אויף אונטן. דאָס איז אַ מין אַליאַרם־אָנזאָג, וואָס קומט פון אַ זייער פאַרשאַרפטן חוש אויפצוכאַפּן נישט געוויינלעכע באַוועגונגען. אונטער אַ גרופּקע צוזאַמענגעלייגטע קוסטעס, געוואַקסענע ווי אַ נאַטירלעכע סוכה, האָט אַ בליאַסק געטאָן דער רויטער אָפּגעשונ־דענער גוף פון אַ גרויסער חיה. דאָס פלייש איז נאָך געווען פריש־בלוטנ־דיק און ביי דער זייט האָט זיך געוואַלגערט דער אָפּגעהאַקטער קאָפּ מיט די אָפּן־אויסגעשטאַרצטע אויגן, וואָס האָבן געקוקט יעדער איינער אין אַ באַזונדערער ריכטונג, ווי געשלאָגן פון טויט־איבערראַשונג.

די הינטערשטע פּולקעס פונעם אָקס זענען שוין געווען אָפּגעהאַקט מיט דער געניטקייט פון אַ קצב אָדער טראָפּעראָ (פּי־טרייבער), וואָס איז געווינט צורעכט צו מאַכן אַ בהמה אויפן וועג...

דער ריח פון פרישן וואַרעמען פלייש און דער געשטאַנק פון אויפ־געריסענעם ריזיקן מאָגן פונעם אָקס האָבן אָנגעיאָגט אויף זשאַמען אַ שווערן איבל, פון וועלכן ער האָט געוואָלט אַנטלויפן. ער האָט אָבער

נישט געקאָנט אין דעם מאָמענט באַשליסן וווהין צו ווענדן זיך און וואָס צו טאָן.

וואָס ער האָט אַליין נישט באַוויזן צו אַנטשיידן האָט אים געהאָלפן טאָן די כאַפּטע הינט, וואָס האָט אָנגעיאָגט פון דער אַנדער זייט לאַגונאַ. עס האָט זיך געדוכט, אַז זיי ווערן געטריבן פון אַ נישט געוויינלעכן ווילדן אימפּעט נאָך דעם ווי עמעצער האָט זיי געהאַלטן אין צוים אָדער געבונדענע. אָנגעלאָפענע פון אַלע פיר זייטן, האָבן זיי אין אָנהייב אַפילו נישט אַרויסגעלאָזט קיין געברום פון די אָפענע פּיסקעס. דאָס האָט זשאַמען געוווּנדערט און פאַרדעכטיקט. אָבער ווי נאָר זיי האָבן זיך דערנענטערט אַ שפּאַן פונעם אומרואיק טופּנדיקן פערד, האָבן זיי ווידער אָנגעהויבן אַ געביל און שפּעטער געוואָלד געשריגן, נישט ווייניקער ווי ווען זיי וואָלטן נישט געקאָנט זיך אויסהאַלטן פון אַ ווילדן צאָרן מיט וועלכן זיי האָבן זיך געוואָרפן אויף די פיס פונעם פערד, וואָס האָט אין גרויסער איבעראַשונג זיך צעיאָגט איבער די משופּעדיקע זייטן פון די בערגלעך.

זשאַמע קוריס האָט נישט איין מאָל אָנטיילגענומען אין פּאַרמעסטונגען פון פערד־געיעגן און געוווּסט ווי איינצוהאַלטן דעם צוים פון אַ צעיאָגטן פערד, נישט איין מאָל האָט ער די אונטערגעוואָקסענע לאָשיקעס און „פּאַטראַנקעס" (יונגע קליאַטשעס) דרעסירט און ער איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן פון זייערס אַ גלאַנציקן רוקן. אָבער איצט, ווי אַליין געשלאָגן פון אַ שווערן פּאַרגעפּיל, און אַרומגערינגלט מיט די הינט, וואָס האָבן געשטשירעט די ציין, געשפּרונגען פאָרויס און געביסן די הינטערשטע ליטקעס פונעם פערד, האָט ער פאַרלוירן די שליטה איבער די לייצעס. זיי זענען אַראָפּגעפאַלן און פאַרפּלאָנטערט די פיס פונעם פערד, וואָס האָט מיט די לעצטע אָנשטרענגונגען געבריקעט און געוואָרפן מיטן קאָפּ אין אַלע זייטן. אין אַ מאָמענט פון גרויסער אָנשטרענגונג האָט, זעט אויס, געפּלאַצט דער פּאַס פונעם זאָטל, וואָס האָט אַרומגעגאַרטלט דעם פערדס בויך און זשאַמע האָט זיך דערפילט ווי אין אַ שוועבן איבער דעם רוים אָן אַן אָנהאַלט אונטער זיך. דאָס פערד איז געטראָגן געוואָרן אין זיין משוגענעם גאַלאָפּ. זשאַמע קוריס איז געבליבן אויסגעצויגן אויפן באַגראָזטן באָדן און געפילט אַ שאַרפן ווייטיק אין זיין נאַקן. עטלעכע הינט האָבן זיך ווי פאַרווונדערט אָפּגעשטעלט, אַרומגערינגלט דעם געפאַלענעם מענטש און אין אָנהייב נישט געוואַגט צו דערנענטערן זיך. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט מיט אַרויסגעהאָנגענע פאַרסלינעטע רויטע צינגער,

ווי אָנצופרעגן וועָר וועט זיין דער ערשטער אַ שפרונג צו טאָן אויף דעם ליגנדיקן באַשעפעניש. אָבער די צוריקגעקערטע הינט, וואָס האָבן זיך מייאש געווען פונעם אַנטלאָפענעם פערד, האָבן, ווי פאַרשעמטע פון זייער דורכפאַל, זיך אַ וואָרף געטאָן אויף זשאַמען קוריסן און געריסן שטיקער פון זיינע בגדים און לייב. ער האָט זיך געווערט מיט אויסגעשטאַרצטע אויגן און פאַרקלעמטע ציין, ער האָט געפרוווט אויפשטיין, אָבער נישט געקאָנט, האָט ער, דראַפּנדיק זיך אויף אַלע פיר, באַהאַלטן דאָס פּנים אין איינעם פון די הינטישע בייכער און בלינד געקלאַפּט מיט די קולאַ־קעס אין אַלע זייטן. ער האָט אַפילו טייל מאָל געפילט ווי אונטער זיינע פינגער ברעכן זיך איין די דינע ביינער פון הינטישע פיס און ער האָט געהערט אַ געיאָמער פון די געטראָפענע. דאָס האָט אים צוגעגעבן מוט און ער האָט מיט מער אימפעט געפּאָכעט מיט די קולאָקעס. ער האָט אַליין געהאַווקעט מיט אַ רויען און שרעקלעכן געבייזער כדי אָפּצושרעקן די אָנפאַלנדיקע כאַפּטע. ער האָט געווינט און געלאָכט און געשריגן מיט באַנומענע קולות. איין זאַך האָט ער נאָר געגאַרט: נישט צעריסן ווערן פון די שאַרפע הינטישע ציין.

און ווען עס האָט זיך אים שוין אויסגעוויזן, אַז די הינט האָבן עטוואָס נאָכגעלאָזן און זייער דרוק איז שוואַכער געוואָרן, האָט אויף אים אָנגעיאָגט עפּעס אַ שווערע כמאַרע. עס איז אים פּלוצעם פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן און אַן אומגעהויער געוויכט האָט געדריקט זיין צעשלאָגענע פּלייצע. ווי צעווייטיקט און צעמישט ער איז נישט געווען, האָט ער דערפילט, אַז דאָס איז אַ מענטשלעכער פּוס. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו צאַפּלען און ראַנגלען מיט דער שווערער מאַסע, וואָס האָט זיך איצט איבערגעבויגן אין גאַנצן אויף אים. „מאַמינקע, מאַמושקאַ" האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן פון האַלדז. עס האָט זיך אים נאָך אויסגעדוכט, אַז הונדערטער כלבים שלעפּן אים מיט אויסגעשטשירעטע ציין...

*

ווען מ'האָט זיך צוריקגעקערט פון בית־הקברות ווו מען האָט באַ־האַלטן די צעקאַלעטשעטע און צעשטאָכענע רעשטן פון זשאַמע קוריס, האָט ניאָמע זיך אַ רגע אָפּגעשטעלט ביים קליינעם טויערל, אַ לעצטן בליק

געטאָן צום פרישן קבר און זיך אָנגערופן צו די וואָס זענען געשטאַנען נעבן אים:

— אַ פאַרשפּעטיקטער קרבן איז געבראַכט געוואָרן אויף דער דאָזי־קער ערד. אָבער פאַרוואָס דווקא האָט ער עס געמוזט זיין? אויך אָן דער מיתה־משונה וואָלט ער קיין חיבוט־הקבר נישט געהאַט... הלוואַי, און דאָס זאָל זיין דער לעצטער פון די קרבנות...

נײַנצנטער קאַפּיטל

מיטן פּנים צום וואָקזאַל

ניאָמע האָט אָנגעטריבן דאָס פערד, געשפּאַנט אין דער שוין אַ ביסל צעפּאָרענער סולקי, און באַמיט זיך אָנצויאָגן די אַנדערע וועגעלעך, וואָס אײַלן פאַר אים פאָרויס. ער האָט געלאָזט פרײַ אַ מין געלויף פון די אָנגעזאַמלטע געדאַנקען צוזאַמען מיטן געדריי פון די הויכע רעדער, אין וועלכע ער האָט צײַטנווײַז אײַנגעגראָבן זײַן בליק. „מען באַדאַרף שוין בײַטן די הילצערנע שפּיצן" — האָט ער צו זיך אַליין אַ מורמל געטאָן און געפילט, אַז נאָר ער אַליין האָט פאַרנומען זײַנע רייד. ווען שלום האָט געוואָלט אים אויסבײַטן און נעמען די לײַצעס אין דער האַנט, האָט ער מיט אײַפער און אַפילו מיט אַ געבײַזער זיך אָפּגעזאָגט:

— איך, איך פיר דיר איצט אָפּ אויפן וואָקזאַל, שלום! איצט אין די לעצטע שעהן פון דײַן זײַן דאָ, אונדזער... מײַן גאַסט ביסטו. און צי דען גיט מען אַ גאַסט אַזאַ טרחה? איך פיר דיך אָפּ, מײַן זון, אַהין, פון וואַנען דו ביסט געקומען. אפשר האָב איך באמת דיך אַהערגעבראַכט קעגן דײַן ווילן?...

די פעדער־וועגעלעך און סולקיס האָבן זיך אין אַ לאַנגן קאַראַוואַן געצויגן אויפן שטויביקן וועג. דאָס באַגלײַט אַ גרויסער טייל פון דער קאָלאָניע אַ צענדליק זין און טעכטער צו זייער אָפּרײַזע פון לאַנד. זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ גרופּע צו באַזעצן זיך אין דער נאָרוואָס דעקלאַ־רירטער אויטאָנאָמער יידישער געגנט פון בירא־בידזשאַן. דער ענטוזיאַזם פאַר דער דעקלאַראַציע פון קאַלינינען האָט איבערגעגאָסן די הערצער פון די, וואָס האָבן געזען אין דעם איבערוואַנדערונגס־פּראָצעס פון יידן אויף ערד אין ראַטן־פאַרבאַנד אַ רינג אין דער גאָלדענער קייט פון

יידישן אויפשוואונג אויף דער סאָוויעטישער ערד. „קאָלאָניעס האָבן מיר שוין אין אוקראַינע און אין קרים. יידישע געריכטן זענען דאָ אין די קאָמפּאַקטע יידישע געגנטן, שולן, פאַרלאַגן, צייטונגען און אַלץ וואָס דערוועקט אונדזער יידישן שטאָלץ, איצט האָבן מיר שוין אויך אַן אויטאָנאָמע יידישע געגנט אויף די ברעגן פון טייך אַמור" — דער פּלאַקאַט און אויפרוף איז צעטיילט געוואָרן אין די פאַרוואָרפנסטע געגנטן ווו נאָר אַ יידישער ישוב איז געשטאַנען.

אַ געדיכטער וואָלקן־שטויב האָט זיך געהויבן אין דער לופט און לאַנג געשטאַנען ביים וועג, ווי ער וואָלט וועלן דערגיין דעם סוד פון דעם אויפגעאַנגענעם געזאַנג, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די פורלעך. דאָס געזאַנג האָט זיך געקאָלערט זיכער און מעכטיק און טייל מאָל אָנגעיאָגט ביי די באַגלייטער אַ בענקעניש צום מאַרשרוט, וואָס די אָפּפאָרנדיקע האָבן אויסגעקליבן: וואָכן לאַנג איבער פאַרטן, רוסישע סטעפּעס, סיבירישע טייגעס — און ביי דער ווייטער מזרח־גרענעץ מיט יאַפּאַן וועט אויפגעשטעלט ווערן די נייע אויטאָנאָמע יידישע געגנט. ווער קאָן עס קאָנקורירן מיט דער גרויסער אויפגאַבע, וואָס די חברה האָבן אויף זיך גענומען?

ניאָמע האָט זיך שוין אויפגעהערט צו פּייניקן צוליב די גורל־קלעפּ, וואָס האָבן זיך דורך די יאָרן אַראָפּגעלאָזט אויף זיין קאָפּ. ער האָט אַפילו נישט געוואָלט מאַכן דעם ענדגילטיקן סך־הכל פון זיינע קרוב צוואַנציק יאָר זיצן אויפן באָדן פון די „זיבן פיילן", טראַץ דעם, וואָס אַלץ איז געלעגן אָנזעעוודיק קלאָר, ווי אויף דער גלאַטער האַנט. אָבער אַרויפציען די ביטערע קרעלן און זיך צירן פאַר זיך און פאַר לייט מיט דער קייט פון גורל־יאָך — דאָס וועט ער קיין מאָל נישט טאָן. נאָך מער, אויב ער וואָלט פון דאָס ניי געדאַרפט אויסקלייבן זיין וועג אין לעבן, וואָלט ער נישט געצעגערט צו פאַרנעמען זיך אויף אָט דעם זעלבן, ווייל נאָך היינט צו טאָג איז ער איבערצייגט, אַז דאָס איז דער ריכטיקער וועג, אויף וועלכן די יידישע אימיגראַנטן דאַרפן און מוזן גיין אינעם נייעם לאַנד, וואָס האָט זיי געגעבן די גוטע ערד און די פרייע מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זיי.

און דאָך — פאַרוואָס איז דער שטערן פונעם באַראָנס אונטערנעמונג פאַרטונקלט געוואָרן נאָך איידער ער האָט אַרויסגעגעבן זיין פולן גלאַנץ?

צי זענען מיר ווייניקער פעיק ווי אַנדערע פעלקער? די דערגרייכונגען פון יידישן דאָרף און דער דורכגעמאַכטער וועג האָבן געוויזן נישט ווייניק דערהויבענע מאָמענטן און אַפילו נייע פאָרמען פון אָרגאַניזאַציע, וואָס אויך די גויים האָבן אַדאָפּטירט. טאָ ווו זשע שטעקט די סיבה פונעם דורכפאַל? ער האָט אַליין, אויף זיין אייגענער הויט דורכגעמאַכט די פאַרשידנסטע עטאַפּן פון וועלכע מ׳קען אַזוי פיל לערנען — צי קאָן ער רעזומירן אָט די דערפאַרונג פון יאָרן? עס האָט זיך אים געדוכט, אַז ער איז נאָך נישט דער לעצטער, וואָס דאַרף דעם סך־הכל מאַכן, טראָץ דעם, וואָס ער, און הונדערטער ווי ער, שטייען אויפן שיידוועג.

אויף דער באַן־סטאַנציע און אַרום איר איז די באַוועגונג געווען אַ גרעסערע, ווי אין אַ געוויינלעכן טאָג. געקומען זענען קרובים, אָנהענגער פון דער באַוועגונג און אַפילו קעגנער. ווען די וועגענער און סולקיס זענען אָנגעקומען אויפןברייטן פּלאַץ פאַר דער סטאַנציע, האָבן הונדערטער מיילער געעפנט מיט אַ מעכטיקן געזאַנג און אויפגענומען מיט וויוואַט־אויסרופן די אָנקומענדיקע גרופּע באַלאָדענע מיט טשעמאָדאַנעס און פעקלעך. די לופט איז פול געווען מיט געפילדער און די נישט יידישע אָנגעשטעלטע און טרעגער האָבן זיך געוווּנדערט אויף אַזאַ מאָדנעם צוזאַמענגעדרענג. ווען מען האָט זיי געפּרוווט אויפצוקלערן, האָבן זיי געהויבן די אַקסלען און נישט באַנומען דעם זין פון דעם געשעעניש.

— „דריי פאַרשידענע ריכטונגען האָבן זיך געשאַפן מיטן צוועק צו באַזעצן יידן אויף ערד: די „געזעלשאַפט״ צו קאָלאָניזירן יידן אין אַרגענטינע. דאָס איז אַ ריין פילאַנטראָפּישע אונטערנעמונג און איר גורל איז אויסגעשטעלט אויפן חסד פון מאַגנאַטן און ביוראָ־לייט. די רעזולטאַטן זעען מיר שוין מיט דער גאַנצער גרויזאַמקייט. די צווייטע ריכטונג איז כלומרשט געבויט אויף דעם ווילן און סענטימענט פון די ברייטע יידישע מאַסן, אָבער דער ציוניזם איז נישט מער ווי אַן אויסדרוק פון צעשפּילטע פוסטע חלומות, וועלכע די אייגענע און פרעמדע פּאָליטיקער ווייסן ווי אויסצונוצן. מען רייצט די אַראַבער קעגן די יידן און די יידישע רעאַקציאָנערן טרייבן אַראָפּ דעם אַראַבישן פּויער פון זיין באָדן. וועמען דינט די דאָזיקע פּאָליטיק אויב נישט דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם? און איצט, ליבע חברים, ווייסט איר שוין אַליין, וועלכע עס איז דריטע ריכטונג און וואָסערע אירע פאָרמעסטן און דערגרייכונגען זענען פון מלוכהשן און

אינטערנאַציאָנאַלן פּאַרנעם. די גיגאַנטישע אָנשטרענגונג פונעם ראַטן־פאַרבאַנד צו קאָלאָניזירן יידן אין אוקראינע, קרים און איצט דאָס שאַפן די אויטאָנאָמע יידישע געגנט, באַווייזן אונדז, אַז נאָר אונטער אַזאַ רעזשים קען געלייזט ווערן די יידנפראַגע אין איר גאַנצן פאַרנעם. אַהין ציען איצט אונדזערע טייערע יונגעלייט פון אַלע עקן וועלט און זיי וועלן האָבן די זכיה צו באַטייליקן זיך אין די בראשית־טריט פון אמתער...

אויף אַן איבערגעקערט האַנטוועגעלע איז סיאָמקע שולקין געשטאַנען און פאָכענדיק מיט די הענט געפּייערט די אויפגעפלאַמטע אימפּראָוויזאַציע. ער איז געווען דער דאָקטער פונעם שטעטל און דער געקרוינטער פירער פון די „פאָרגעשריטענע" אין דער גאַנצער געגנט. דאָס איז געווען אַ בלייכער יונגערמאַן מיט טונקל אָפּגעצויגענע האָר און ברענענדיקע אויגן ווי ביי אַ נזיר. בעת זיין רעדן האָבן די טיפע קנייטשן ביים מויל זיך ווי אויפגעפּעפּנט מיט שטויגענדיקער שאַרפקייט, אַז דאָס מויל האָט אויסגעזען אומגעהויער גרויס און איינגעשניטן ביז צו דער מאָרדע. ער איז געווען אַ טאַלאַנטירטער רעדנער און אָפט געהאַלטן פאָרטראַגן אין שטעטל און אין די קאָלאָניעס וועגן די קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור. דערביי האָט ער צוגעפּאַסט דעם אינהאַלט פון זייערע ווערק צו די סאָציאַלע מאָטיוון פאַר וועלכע ער האָט געקעמפט.

איצט, ביים געזעגענען זיך מיט דער גרופּע יונגעלייט, וואָס איז געפאָרן צום וויטן ביראָבידזשאַן, האָט ער נישט געקאָנט פאַרביילאָזן די געלעגנהייט און נישט דערמאָנען מיט זיין שאַרפן וואָרט די באַדייטונג פון אַזאַ פייערלעכן מאָמענט. די פּאַראַלעלן און די באַווייזן וועגן דעם דורכפאַל פון אַנדערע פּרוון, האָבן געדאַרפט איצט דינען ווי אַ וועגווייזער פאַר יענע, וואָס וועלן נאָכקומען.

געקומען זענען אָבער אַהער אויך אַזעלכע, וואָס האָבן פּאָליטיש נישט איינגעשטימט מיט די אָפּפאָרנדיקע און מיטן דאָקטער. געווען זענען אויך קרובים און שכנים, נייגעריקע און אַפילו קעגנער, וואָס האָבן נישט מסכים געווען מיט אָט דער דעמאָנסטראַציע.

— מיר זענען געקומען זיך געזעגענען מיט חברים און נישט אויף אַן ערשטן מאַי־מיטינג — האָט עמעצער אויפן קול אַריינגעוואָרפן.

— איר זענט נישט, הער דאָקטאָר, קיין קאַזיאָנער ראַבין, וואָס מ'האָט געדונגען צו זאָגן קדיש נאָך דער היגער קאָלאָניזאַציע און נאָכן ציוניזם...

— שטיל זאָל זיין, פאַרקויפטע קנעכט! — האָט ווער פונעם לינקן לאַגער אַריבערגעשריגן צו די פּאָר געוואַגטע אַרויסטרעטער.

— פּראָוואָקאַטאָרן! די שמחה ווילט איר אונדז פאַרשטערן! צוליב שנאה זענט איר אַהערגעקומען און אויך צו רייצן זיך!

— און בענטשן די אַראַבישע פּאָגראָמשטשיקעס איז גלייכער? יידיש בלוט רינט פון אייער אידעאָלאָגיע, פּחדנים אַזעלכע! — האָט מען צוריק־געוואָרפן פון צווייטן צד.

— שטיל זאָל זיין! צי דען ווילט איר, אַז די פּאָליציי זאָל זיך אַריינמישן? חרפּות ווילט איר אויף אונדזערע קעפּ ברענגען? שטיל זאָל זיין!...

דערווייל האָט רעד רעדנער פאַרגעזעצט און זיך באַמיט איבערצושרייען דאָס טומלדיקע הודזשען פון דער מאַסע. טראָץ זיין קלאָרער און שאַרפער שטימע און די אויסגעצײלטע ווערטער, וועלכע ער האָט באַטאָנט ביים איבערחזרן די פראַזעס, האָט ער נישט באַוויזן צו ענדיקן. ער איז אַראָפּ פון דער אימפּראָוויזירטער בינע. גרופּקעס האָבן זיך געשאַפן און דיסקוטירט מיט ברען און אייפער. מען האָט געביילט פויסטן און דער שוים האָט געשפּריצט פון צאָרנדיקע ליפּן אַראָפּ. עס האָט אויסגעזען ווי דורך די געמיטער וואָלט אַדורכגעשטראָמט דער גאַנצער אָנגעזאַמלטער האַס און פאַרדרוס, וואָס האָט געשפּאָלטן די קאָלאָניעס אויף צוויי פונאַנדער־געטיילטע לאַגערן. איצט ביים אָפּפאָרן פון דער גרופּע יונגעלייט קיין ראַטן־פאַרבאַנד, אין דער צעהיצטער אַטמאָספער, איז געקומען דער אויסברוך פון האַס און פון אידעאישן אַנטאַגאַניזם.

געראַטעוועט די לאַגע האָט די אָנגעקומענע באַן. מיט אַ גרילצענדיקן פייפן און סאָפּען האָט זי זיך אַריינגעשלענגלט און אַ סוף געמאַכט צו דעם ברודער־קאַמף. די געשרייען האָבן זיך איצט געווענדט אין אַן אַנדער ריכטונג, אַלע זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פון רייזע־פיבער. מען האָט אָנגעהויבן אַריינשטייגן און וואַרפן די טשעמאָדאַנעס און פּעקלעך דורך די אַריינגאַנג־טירלעך און אָפענע פענצטער. די געציילטע פרעמדע פּאַסאַזשירן, וואָס זענען אָנגעקומען פון וויטן דרום, האָבן אַרויסגעבויגן די קעפּ דורך די פענצטער און מיט פאַרוואונדערטע אויגן באַטראַכט די אומגעוויינלעכע מאַסע. די וואַגאָנעס זענען אָנגעפּראָפּט געוואָרן מיט די אָפּפאָרנדיקע און זייערע באַגלייטער.

די באַן האָט זיך פאַרהאַלטן מער ווי אַ האַלבע שעה און אַלע זענען

איינגענומען געוואָרן דורך דער געזעגענונגס־שטימונג, וואָס האָט זיך איצט געשטאַרקט איבער די דיסקוסיעס. משפחה־לייט האָבן מיט טרויעריקע פאַרטרערטע אויגן איינגעזאַפּט אין זיך די פּנימער פון די אָפּרייזנדיקע. ווער ווייסט ווען מען וועט זיך אַ מאָל ווידער זען! מאַמעס האָבן געוויינט אויפן קול און געשנייצט די נעזער אין די נאַסע טיכלעך אַריין און טאַטעס האָבן געהאַלטן די אויסגעאַרבעטע הענט פון די קינדער און אין שטיל־שווייגן זיי איבערגעגאָסן די ברכה פאַר אַ גליקלעכן איינלעבן זיך אין דער ווייטער אַמוריקע געגנט. דער גלאָקן־קלונג אויפן וואָקזאַל האָט זיך אַריינגעריסן ווי אַן אַלאַרמירנדיקע בשורה. דאָס געוויין האָט זיך געשטאַרקט און די לופט אין די וואַגאָנעס איז הייס געוואָרן פון סאָפּענדיקע און פאַרשוויצטע קערפּערס. מען איז געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ און איינגעקנעט די איינגעדריקטע קערפּערס אין דער בשותפותדיקער געזעגענונג.

דער דריטער קלונג. נאָך אַ האַנט־דרוק און נאָך אַ פאַלן אויף האַלדז. דאָס כליפּען איז איצט פאַרטרונקען געוואָרן אינעם געדראַנג פון צוריק־קערנדיקע באַגלייטער, וואָס האָבן געזוכט אין איילעניש דעם אַרויסגאַנג. אויפן פּעראָן האָבן זיי זיך אויסגעשטעלט ביי די פענצטערלעך כדי צו כאַפּן אַ לעצטן קוק אויף די אָפּפאָרנדיקע נאָענטע. די באַן האָט גערירט. מאַסן הענט האָבן געפאָכעט אין דער לופט און טיכלעך האָבן זיך געהוידעט איבער די קעפּ. פון די וואַגאָן־עפענונגען האָבן די אָפּפאָרנדיקע געקוקט פאַרווירטע און פאַרלוירענע באַוועגט די הענט צו דער מאַסע, וואָס איז אַ שטיק וועג נאָכגעגאַנגען דער באַן, איידער זי האָט זיך צעוויגט און אַריין אין לויפנדיקן שווונג.

ניאָמע איז נישט נאָכגעגאַנגען דער באַן. ער איז געבליבן שטיין אויף זיין אָרט, ווו דורכן פענצטער האָט ער געקאָנט באַטראַכטן דאָס נאָך יינגליש אויסזעענדיק פּנים פון שלומען. „ער טראַכט אפשר וועגן דער קראַנקער מאַמען" — איז ניאָמעס האַרץ אָנגעפּילט געוואָרן מיט רחמנות. ניאָמע איז געווען דער איינציקער פון דער משפחה, וואָס האָט שלומען באַגלייט צו דער סטאַנציע. די מאַמע ליגט קראַנק צו בעט. די טעכטער... איינע איז אויסגעמעקט פון זיין געדעכעניש און די צווייטע איז נאָך איר חתונה מיטן לערער אַוועק אין אַ גרעסערער צפון־שטאָט. פון מאירן איז אויך קיין איבעריק נחת נישטאָ; מען האָט ביי אים אַנטדעקט די ערשטע באַצילן פון טשאַכאָטקע און ער איז אָפּגעשיקט געוואָרן אויף קוראַציע

אין די בערג פון קאַרדאַבאַ; און הערשל — מיט אים האָט זיך שלום נישט געוואָלט זען פאַרן אָפּפאָרן, אַלטע חשבונות...

— זיי געזונט, טאַטע, זיי געזונט — האָט שלום אַרויסגעצויגן די קאַלטע פינגער און נאָך אַ מאָל געדריקט דעם טאַטנס אַדערדיקע זיך טרייסלענדיקע האַנט. ווען די רעדער האָבן אַ ריר געטאָן האָט ניאָמען זיך אויסגעוויזן ווי ער זאָל זיך געפינען אויף אַ שיף. דער קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט — „גיב איבער אַ גרוס דער מאַמען, זאָל זי זיך אָפּהיטן... אַלעמען לאָז גריסן... דו הערסט טאַטע? אַלעמען! איך וועל שרייבן”...

די באַן איז שוין ווייט אָפּגעפאָרן און נאָר אַ געדיכטער רויך פונעם קוימען האָט צוריקגעיאָגט דעם שאַרפן ריח פון איבערגעברענטע שטיינ־קוילן. ניאָמע איז געשטאַנען אויפן וואָקזאַל און אים האָט זיך געדוכט, אַז ער איז ווידער אַליין אויף דער איינזאַמער סטאַנציע, ווי צוריק מיט זעכצן יאָר, ווען ער האָט אָפּגעוואָרט דאָס אָנקומען פון דער משפחה. דעמאָלט האָט ער געאײַלט אָפּצוטראָגן זיך פון וואָקזאַל, כדי נישט צו באַגעגענען דאָס שמאַלציקע פּרצוף פונעם אוקראַינער שענקער. ער האָט דעמאָלט געאײַלט אָנצוקומען נאָך פאַר נאַכט צו דער איינזאַמער כאַטע אין פעלד. ווי עס זעט אויס, זענען די וואָקזאַלן די אַריינגענג און די אַרויסגענג פונעם מענטשן, וואָס האָט געפונען אָדער פאַרלוירן דעם וועג צו זיך אַליין...

ער האָט זיך ביסלעכווייז אויסגעטשוכעט פון זיין פאַרגליווערטקייט. די ליידיקייט פונעם פעראָן האָט אים געטריבן פון דאַנען ווי דער ווינט טרייבט דעם הונגעריקן הונט אין אַ קעלט. ער איז געגאַנגען צום אַרויס־גאַנג, אָבער נישט געאײַלט זיך. צו וואָס? סיי ווי האָט ער באַוויזן שוין צו זען דאָס פונאַנדערפליען זיך פון די קינדער, ווי פייגל, ווען עס וואַקסן זיי אונטער די פליגל. וועט הערשל, דער וואָס האָט אין אָנהייב מער פון אַלעמען געצעגערט און געוואַקלט זיך, בלייבן דער איינציקער, וואָס האָט געשלאָגן וואָרצלען אין אָט דער ערד?

דאָס גערויש פון די אָפּפאָרנדיקע וועגעלעך און דאָס הירזשען פון זיין שקאָפּע האָבן אים אַרויסגעשלאָגן פון זיין פאַרגעסענעם גיין איבער דעם ברייטן פלאַץ ביים וואָקזאַל. ער האָט מיט מער אימפּעט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער סולקי. נישט נאָכן כוח פון זיינע קרוב צו זיבעציק יאָר,

האָט ער זיך אַרויפגעכאַפּט מיט יינגלשער פלינקייט אויפן וועגעלע און געטריבן דאָס פערד צום הויפטגעסל אין שטעטל.

ער האָט גוט געדענקט, וואָס עס בלייבט אים נאָך צו טאָן פאַרן צוריקקערן זיך אַהיים. אין אַפּטייק האָט ער געדאַרפט, קודם כל, איינשאַפן אַ רפואה פאַר באַשקעס בראָנכיט, און רבקהלע, די בלאָנדע שנור, האָט אַ ביסל פאַרשעמט אים געבעטן איינצוקויפן פאַר דודלען, איר זונעלע, אַ קאָלירטע פילקע צו שפּילן זיך, אַזאַ פילקע, וואָס איז היינט שטאַרק אין דער מאָדע: די קאָלירטע פאַסן שניידן זיך אַריין ווי רעגנבויגן־פאַרבן אין דער האַרטער גומי.

אינהאַלט

	זייט
הקדמה פון יעקב צור	7
ערשטער קאַפּיטל: אויפן שוועל	13
צווייטער קאַפּיטל: מיט אַלע מענטשן גלייך	28
דריטער קאַפּיטל: וואַלטער ברוק און זיין נייער פּרוּוו	37
פערטער קאַפּיטל: אַרום נאַקעטע ווענט	58
פינפטער קאַפּיטל: מיט וואַקלדיקע טריט	74
זעקסטער קאַפּיטל: צווישן פליכט און דעם נעכטן	101
זיבעטער קאַפּיטל: וואָרצלען זוכן באָדן	128
אַכטער קאַפּיטל: דאָרט ווו די צעדער	143
ניינטער קאַפּיטל: אויפן וועג צום ווייסן גאָלד	162
צענטער קאַפּיטל: קראַצנדיק די ווונדן	183
עלפטער קאַפּיטל: שליאַכן אונטער גאָטס הימל	196
צוועלפטער קאַפּיטל: דער גנאָד פון שוואַרצער ערד	213
דרייצנטער קאַפּיטל: אויף פרעמדע בריקן	228
פערצנטער קאַפּיטל: די בלינדע וואַנט	254
פופצנטער קאַפּיטל: דורך דעם אָפענעם פענצטער	270
זעכצנטער קאַפּיטל צווישן צוויי וועלטן	276
זיבעצנטער קאַפּיטל: אין אַלטע קליידער	289
אַכצנטער קאַפּיטל: דער שפּעטער קרבן	301
ניינצנטער קאַפּיטל: מיטן פּנים צום וואָקזאַל	312

אין פאַרלאַג י. ל. פּרץ זענען ביז הײַנט דערשינען פאָלגנדיקע ביכער:

אין יידיש

י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (2 בענד)
מענדל מאַן	נאַכט איבער גלושינאַ
אברהם סוצקעווער	אין מדבר סיני
ישראל טאַבאַקמאַן	מײַנע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי	בילדער און דערציילונגען
י. פּאַפּיערניקאָוו	היימישע און נאָענטע
מענדל מאַן	בײַ דער ווײַסל
ק. צעטניק	דאָס הויז פון די ליאַלקעס
יוסף בירשטיין	אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קבוץ־לעבן)
מלך נוי (ניישטאַדט)	דאָס ערשטע און דאָס צענטע יאָר מדינת ישראל
מאַטעס דייטש	צום נאָענטסטן שטערן — יידיש
יצחק לעוו	אין געראַנגל — געקליבענע שריפטן
מרדכי יפה	צען ישראל־דיכטער
יצחק פאַנער	שלום אַש אין זיין לעצטער היים
פּרץ גראַנאַטשטיין	מענטשן פון נעכטן
יחיאל האָפער	אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (2 בענד)
ה. לייוויק	אויף צאַרישער קאַטאָרגע
נחמן דראָזדאָוו	אחד העם
עזרא קאָרמאַן	צייכנס און צירופים
רבקה באַסמאַן	טויבן ביים ברונעם
י. צ. שאַרגעל	פון וויי און גלויבן
ד. זאַקאַליק	געראַנגל
א. קאַרפּינאָוויטש	דער וועג קיין סדום
א. ריוועס	מיט דער שיף „טשיטשערין"
יוסף כרמל	אַ רייזע צו פאַרשטויסענע ברידער
מרדכי אורן	דער פּראַגער אַרעסטאַנט דערציילט (2 בענד)
א. שטיינבאַרג	משלים
יחיאל האָפער	ר' זלמן
הערש מענדל	זכרונות פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער

נ. דרוזדוב	די יידן אין איטאַליע
ספר זרבבל	צו זיין 75־סטן געבוירנטאָג
ק. צעטניק	דער זייגער וואָס איבערן קאָפּ
דבורה דיין	אין גליק און אין טרויער
ד״ר מ. דוואָרזשעצקי	אייראָפּע אָן קינדער
מלכה לי	אין ליכט פון דורות (לידער)
מ. יפה	ארץ־ישראל אין דער יידישער ליטעראַטור
י. פּאַפּיערניקאָוו	די זון הינטער מיר
ד״ר צבי כהן	די העלדן אין דער וועלט־געשיכטע (2 בענד)
י. גאַר	ווידערקלאַנגען
ב. עפּשטיין	זאַנגען אויפן ווינט
ש. פּאָלאַקעוויטש	אין אַ פרעמדער הויט
יעקב כהן	אונטער סאָוועטישע הימלען
יוסף ראַטנבערג	(צו זיין ערשטער יאָרצייט)
ד״ר חיים שאָשקעס	פון מאָסקווע ביז עבר־הירדן
יחיאל האָפּער	אַ הויף אויף מוראַנאָוו (באַנד 1)
נ. ניר־ראַפּאַלקעס	ערשטע יאָרן
י. זינגער	דראַמאַטישע שריפטן
דוד פלאַקסער	אידעישע שלימותן און האַלבע אמתן
ש. וואַרזאַגער	ברויט (ראָמאַן)
ב. ווייַנשטיין	אין דוד המלכס גיטער (פּאָעמע)
לוי פּאַפּיערניקאָוו	אין דער נייער היים
אברהם ליס	היים און דויער
ד״ר חיים שאָשקעס	מיט יידן צווישן אינדיאַנער, נעגער און אַראַבער
מ. ווייסמאַן	אַ האַלבער יאָרהונדערט אין אַמעריקע
פ. גאַרעליק	פון די מלינער וועלטן
י. בראָנשטיין	אינאייינעם און באַזונדער
פּ. בערמאַן	אָפענע פענצטער
א. וואָלף יאַסני	די געשיכטע פון יידן אין לאָדזש אין די יאָרן פון דער דייטשער יידן־אויסראָטונג
א. שמרי	די פונקען פון תיקון
א. סוצקעווער	אָאַזיס
אירגון יוצאי באָרשטשיוו	ספר באָרשטשיוו
א. מנור	40 יאָר הסתדרות
א. לעוו	ביימער אין ווינט
יעקב כהן	דער גורל פונעם ייד
ל. אַליצקי	מיין האַרץ־רייזע

יחיאל האָפער	אַ הויף אויף מוראַנאָוו (באַנד 2)
ע. פערשלייסער	געקליבענע דערציילונגען
ה. אַקערמאַן	כ'בין קיינמאָל נישט אַוועק פון דער היים
י. שטיינבערג	אַפאָריזמען און גלייכווערטער
אירגון נכי המלחמה בנאצים	אַנטקעגן דעם נאַצישן שונא
אירגון יוצאי סטרי	ספר סטרי (יידיש, העברעיש, ענגליש)
אסתר לוריא	פרויען אין קנעכטשאַפט (אַלבאָם)
ב. שלעווין	חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן
איציק מאַנגער	ליד, באַלאַדע, דערציילונג (יידיש־העברעיש)
רחל קאָרן	פון יענער זייט ליד
רחל פישמאַן	זון איבער אַלץ
מ. ז. טקאַטש	מיין האָב און גאָב (לידער)
ש. זאַראָמב	אויסדערוויילטע שריפטן
נוסיאַ־איניאַ שיפמאַן	„דאָס לעבן נאָך פאַר מיר"...
מ. י. שעלובסקי	אין יאָרן אַרום
ל. חיין־שמעוני	גאַנג
ק. מאָלאָדאָווסקי	לידער פון חורבן — ת"ש־תש"ה, אַנטאָלאָגיע
ל. פאַפיערניקאָוו	די משפחה יעלניק
י. שטיינבערג	חכמה פון יידישן קוואַל
יהושע אַלקאַן	דראַמאַטישע ווערק
ל. קוסמאַן	דער לאָמפּ ברענט (לידער)
ה. יונג	העכער די וואָלקנס
ב. מייזיל	צווי יקבליקן און פערספעקטיוון
ק. שבתאי	ווי שאָף צו דער שחיטה?
ל. כאַנוקאָוו	קריזיס (ראָמאַן)
נחמן ראַפּפּ	אַ קרוג מיט וויין (לידער)
ג. דראָזדאָוו	אחד העם (ענגליש)
יעקב גלאַטשטיין	מיט מיינע פאַרטאָגביכער
ישעיהו שפיגל	די בריק (נאָוועלן)
מאַני לייב	לידער און באַלאַדן (יידיש־העברעיש)
אפרים אויערבאַך	וואַך איז דער סטעפּ (לידער)
ישעיה זאַנדבערג	דער שונא צווישן מויערן

בעברית

יוסף ראָזען	כתבים נבחרים
אפרים שרייער	אמנות ותיאטרון
י. לעשצינסקי	הדמות הלאומית של יהדות הגולה
יעקב פאַט	שיחות עם סופרים יהודיים
מ. בערלאַנד	300 שעות בגיטו הדועך
יהושע גלבוע	על חרבות התרבות היהודית בברית המועצות
י. זרבבל	עלי חיים
נ. חנין	ברלה
א. אלמי	בין סיני לאולימפוס
אפרים אויערבאַך	קריה לבנה — ווייסע שטאָט (עברית־יידיש)
מ. בורשטין	פת ומלח
ר. קוויאַטקאָווסקי־פנחסיק	נשים מאחורי הגדר
נחמיה לוינסקי	בצל הגועים
ד. פלקסר	האידיאה והאמת
מול האויב הנאצי	זכרונות ועדויות (יידיש־עברית)
פ. בילצקי	השיר והמשורר (א. סוצקבר)
איציק מנגר	שיר, בדה, סיפור
א. ירושלמי	מיערות הצפון עד חורשות הכרמל
דב סדן	אבני מפתן
י. פריילין	מצדה ורומי
י. שטינברג	ממעין החכמה של עם ישראל
א. מנור	פרופ' אריה טרטקובר